STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05625

PIONERISHE GESHTALTN

Shemuel Aizenshtadt

Permanent preservation of this book was made possible by Marion Blumenthal

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָפ. שמואל אייזנשטאַדט

„פּיאָנערישע געשטאַלטן"

פּראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט

פּיאָנערישע געשטאַלטן

פאַרלאַג „אויפקום״
תל־אביב תש״ל — 1970

Prof. Samuel Eisenstadt

"Pioneer Personalities"

Tel Aviv, 2 Melchett str.

פראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט

„פיאָנערישע געשטאַלטן״

תל־אביב, 2 רחוב מלצ׳ט

דער שער־בלאַט: **שמעון דרורי**

©
אַלע רעכט דעם מחבר

געדרוקט אין ישראל

Printed in Israel

1970 — תש״ל

דרוק „אורלי״, תל־אביב, רח׳ יסוד המעלה 27. טל. 32062

געווידמעט מיין פרוי פ ר י ד אַ.
מיט איר הילף בין איך זוכה
געווען אַרויסצוגעבן דאָס בוך

אינהאַלט

אַריינפירוואָרט	10—9
חיים יוסף דוד אזולאי	14—11
רבי נחמן פון בראַסלאָוו	20—15
דאָנאַ גראַציאַ מענדעס און יוסף נשיא	26—21
קאַמעניוס	32—27
אַלעקסאַנדער ראַדישטשעוו	38—33
משה (מאָריץ) העס	54—39
יצחק בער לעווינזאָן	60—55
אליעזר צבי הכהן צווייפל	68—61
בערטאָלד אַוערבאַך	74—69
איוואַן קרילאָוו	78—75
אהרון שמואל ליבערמאַן	86—79
אליעזר צוקערמאַן	92—87
העריעט ביטשער סטאָו	96—93
בערטאַ פאָן זוטנער	100—97
אַלעקסאַנדער פושקין	108—101
מענדעלע מוכר ספרים	114—109
ולאַדימיר לענין	122—115
שלום עליכם	142—123
יצחק לייבוש פרץ	156—143
אליעזר בן־יהודה	160—157
חיים נחמן ביאַליק	184—161
מאַקסים גאָרקי	188—185
ד״ר טעאָדאָר הערצל	194—189
שאול רפאל לאנדאַו	200—195
יעקב בן ישעיהו מזאה	208—201
הרב אברהם יצחק הכהן קוק	214—209
לודוויג זאַמענהאָף	218—215
שמעון דובנאָוו	228—219
יוסף קלויזנער	232—229

פעטער (פסח) מאַרעק	238—233
בער באָראָכאָוו	246—239
נחמן סירקין	252—247
אהרון דוד גאָרדאָן	256—253
חיים זשיטלאָווסקי	262—257
ש. אַנסקי	270—263
מאַרטין בובער	276—271
האַוולעט דזשאָנסאָן	280—277
ראובן ברייניג	286—281
בערל מאַרק	292—287
שלמה שילער	304—293
עיזשעני קאָטאָן	308—305
יהודה לייב מאַגנעס	312—309
ר׳ בנימין (יהושע ראַדלער פעלדמאַן)	318—313
שמואל יבנאלי	324—319
מתתיהו מיזעס	328—325
שמעון פרוג	336—329
שאול טשערניכאָווסקי	340—337
שלום אַש	346—341
מאָריס ראָזענפעלד	352—347
אברהם רייזין	360—353
זלמן שניאור	366—361
שלמה מיכאָעלס	372—367
רחל	380—373
לייוויק האַלפערין	384—381
פרץ מאַרקיש	390—385
משה עובד	396—391
זוכצעטל	407—397

אַריינפירוואָרט

די נייצייטיקע געשיכטע פון אונדזער פאָלק, ווי די געשיכטע פון אַנדערע קולטור־פעלקער, צייכנט זיך אויס מיט איר געזעלשאַפטלעכער אקטיוויקייט און מיט איר גייסטיקער פיאָנערישקייט. לאַנגזאַם און דויערהאַפטיק האָבן זיך די פעלקער פון אייראָפּע און פון גאָר דער וועלט אַרויסגעהויבן און דערוועקט פון מיטלאַלטערלעכער פאַרגליווערטקייט און לאַנגזאַמקייט, איבערווונדן כלערליי שטערונגען אויף זייער וועג און געעפנט ברייטע האָריזאָנטן צום לעבן, דענקען און שאַפן.

יעדעס פאָלק האָט געצייטיקט זיינע קלאָרזעער, וועלכע האָבן מיט זייער שפּירזאַמקייט תופס געווען פריער פון די אַנדערע די באַדערפענישן פון דער צייט און האָבן זיך געמיט, יעדער אין זיין מאָס, אויף זיין אָפּשניט פון דעם געזעל־שאַפטלעכן פראָגנס, אויסצוטרעטן וועגן פאַר זייער פאָלק, פאַר זיין פרוכטבאַרן ביישטייער צום גליק און פאָרשריט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אין דעם פרט איז טייער, איז געשעצט און געאַכפּערט יעדער ביישטייער, ווי עס הייסט אין אונדזער פאַרצייטיקער פאָלקס־ליטעראַטור: „ווער עס גיט מער און ווער עס גיט ווייניקער, ער זאָל נאָר געבן פון האַרצן".

אומבאַגרענעצט איז דער פאַרנעם פון דער פיאָנערישער געשטאַלטן־וועלט. יעדער איינער פון זיי איז אַ זייל אין דעם ריזיקן בנין פון דער מענטשלעכער קולטור.

מיט פיל שעפערישע מענטשן האָב איך מיך פערזענלעך באַגעגנט און מיטגע־אַרבעט במשך די 65 יאָר פון מיין וויסנשאַפטלעכער און קולטור־געזעלשאַפטלע־כער טעטיקייט. מיט נאָך אַ גרעסערער צאָל האָב איך מיך באַקענט גייסטיק, שטודירנדיק זייערע שאַפונגען. איך וואָלט געקענט אָנפילן גאַנצע בענד דערציילנ־דיק וועגן זיי. דאָס וואָלט געוויס געווען ניצלעך, ווייל יעדער מענטש, בפרט דער שעפערישער מענטש, איז אַ גאַנצע וועלט פון יצירה. דאָס וואָלט אָבער געווען ניט פאַר מיינע כוחות.

האָב איך דעריבער פון דער זאַמלונג פון כאַראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַ־צונגען, וואָס איך האָב געשריבן אין העברעאיש און יידיש אין משך פון פיל יאָרן אויסגעווײלט פאַרן איצטיקן באַנד נאָר אַ טייל פיאָנערישע געשטאַלטן פון מיין דור, מיט וועלכע איך האָב געהאַט פערזענלעכע קאָנטאַקטן, ווי אויך אַ טייל געשטאַלטן פון די פריערדיקע דורות, וועלכע האָבן מיך באַזונדער פאַר־אינטערעסירט.

די גאַלעריע פון די געשטאַלטן איז אויפגעפאַסט ברייטהאַרציק: יידיש־

פּאַטריאָטיש און גלייכצייטיק אויך אינטערנאַציאָנאַל. צו זיי אַלע בין איך צוגעגאַנגען מיט אַ כבוד־געפיל פאַר יעדן זייער אויפשטראַל פון חלוציזם און פּראָגרעס. איך האָב דערביי ניט געהאַט קיין כוונה אָנצופירן ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע איינצלהייטן וועגן די געשילדערטע פּערזענלעכקייטן און דערמיט שווער מאַכן דאָס בוך. וועגן יעדן האָב איך געשריבן לענגער אָדער קירצער, ווי עס האָט מיר אין דעם באַשטימטן מאָמענט דיקטירט מיין האַרץ און אינטעלעקט. ערטערווייז האָב איך מיך אָפּגעשטעלט נאָר אויף איינצלנע עפּיזאָדן אין לעבן פון אַ פּערזענלעכקייט.

פאַר יעדער געשטאַלט איז געווידמעט אַ גאַנץ זעלבשטענדיק קאַפּיטל. דורך די אַלע קאַפּיטלעך ציט זיך אָבער אַ רויטער פאָדים פון אָפּשיי, דרך־ארץ, ליבע, געטרייקייט, איבערפּאַרטייאישקייט און אַ גוטער ווונטש אָפּצומערקן דאָס מאָראַליש־דערציערישע און כאַראַקטעריסטישע פון יעדער געשילדערטער פּערזענלעכקייט און אָנווייזן איר אָנגעהעריקייט צום פאָלק, צו דער מענטשהייט, איר ביישטייער לטובת דעם סאָציאַלן פּראָגרעס.

דאָס דערשיינען פונעם בוך איז אַ רעזולטאַט פון דויערנדיקער אַרבעט דערהויפּט אין משך פון די לעצטע צען יאָר, וואָס איך באַוויז איצט אויסצופירן אַ דאַנק דעם ביישטייער מצד מיין געטרייען און בכבודיקן פריינד אונדזער מדינה־פּרעזידענט זלמן שז״ר, מצד מיין נייעם פריינד יוסף בן מנחם דוד הלוי מזרחי אין לאנעסוויל (אַמעריקע) און אחרון אחרון חביב — מצד מיין ברודערלעך און חבריש געטרייען פריינד יוסף גליקסמאַן אין רמת־גן, וועלכער האָט דורך זיין ליבלעכן ביישטייער צום בוך געשטעלט אַ פאַרדינסטפולע גייסטיקע מצבה זיין אומפאַרגעסלעכער פאַרשטאָרבענער פרוי פּאָליע (פּעסיע) גליקסמאַן.

זיי אַלעמען דריק איך אויס מיין האַרציקן דאַנק און מיין געפיל פון אָנערקענונג.

עס קומט אויך דער בעסטער יישר־כוח מיינע לאַנגיאָריקע חברים און פריינד אברהם אהרוני און משה חיים מאָרגנשטערן פאַר זייער שטענדיק ניצלעכער ביבליאָגראַפישער אינפאָרמאַציע, ווי אויך דעם דירעקטאָר פון שרייבער־אַרכיוו „גנזים“ פריינד דוב בן־יעקב, דעם דירעקטאָר פון „בית־ביאַליק“ פריינד מ. אונגערפעלד און דעם ביבליאָטעקאַר פריינד לביא פון דער צענטראַלער שטאָט־ביבליאָטעק „שער ציון“ אין תל־אביב פאַר די אויסגעבאָרגטע בילדער.

פּראָפ. שמואל אייזנשטאַדט

כסלו תש״ל — דעצעמבער 1969.



חיים יוסף דוד אזולאי

מיט כבוד און רעספעקט איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ירושלים אויף דעם רו־באַרג, וואָס אין מערב פון שטאָט, דער אָרון פון אַ מאַן, וועלכער איז געשטאָרבן מיט 153 יאָר צוריק אין ליוואָרנאָ, איטאַליע. דאָס איז דער אָרון פון חיים יוסף דוד אזולאי, וואָס איז באַקאַנט אין די געלערנטע קרייזן מיטן אָפּגעקירצטן נאָמען חיד״א. ער איז געבראַכט געוואָרן אין זיין ירושלים, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1724, ווו ער האָט זיך פאַרטיפט אין משך פון יאָרן אין פילזייטיקן לערנען און שטודירן און פון וואַנען ער איז מיט אַ פלאַמיק האַרץ און אַ ניט־געבראָכענעם מוט געגאַנגען וואַנדערן איבער דער ווייטער פרעמדער וועלט, טראָגנדיק מיט

פאַרשטאַנד, שטאָלץ און ליבע די פאָן פון דעמאָלטיקן מאַטעריעל־אָרעמען און גייסטיק־דערהויבענעם ירושלים.

ווי ביי אַ ספרדישן למדן, האָט זיך ביי אים דערהאַלטן די פרישקייט, ברייטהאַרציקייט און וועלטלעכקייט פון זיין וויטן שפּאַנישן אָפּשטאַם. זי האָט זיך ביי אים אָבער אויף אַ וווּנדערלעכן אופן פאַרבונדן מיט אַ טיפער, פלייסיקער און רעאַליסטישער געלערנטקייט. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז געווען אַ תלמיד פונעם גרויסן מיסטיקער און בעל־קבלה רבי חיים בן עטר, האָט ער זיך דווקא אָפּגעגעבן מיט געשיכטע און קוועלן־פאָרשונג, האָט רעווידירט אַלטע האַנטשריפטן, פאַררי̈כט פאַרגרייזטע טעקסטן, פאַ־נאַנדערגעקליבן זיך היסטאָריש אין דער תלמודישער און נאָכתלמודישער ליטעראַטור, שטודירט גרינטלעך די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור, פאַרפאַסט זיין ענציקלאָפּעדיש ווערק „שם הגדולים״ און אַנדערע ווערק, וועמעס צאָל —עס איז דערגאַנגען ביז 50.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען נאָר איין זייט פון זיין פילזייטיקן און פלייסיקן לעבן און שאַפן.

ער האָט ניט געקענט אַריינקוועטשן זיך אין די ענגע ווענט פון זיין דירה אין דער ירושלימער אַלטשטאָט.עלנט און אָרעם איז געווען דאָס לעבן אין די שמאָלע געסלעך, ווו אין טונקעלע קעמערלעך, אין שטויב און שמאָטעס האָט זיך מיט אַ געהייליקטער באַשיידנקייט צוגעטוליעט די ירושלימער אָרעמקייט — אַרבעטלאָזע בעלי־מלאכות, קליינע קרעמערלעך אָן פרנסה, יונגע, בלייכע לערנער אָן ליכט און אָן חיונה, ביטערע אַלמנות און יתומים. דאָס איז געווען אַ שטיל־ליידנדיקע, פון גאָט און מענטשן פאַר־לאָזענע „מלוכה פון ליידן און נויט״.

און די נויט האָט געצייטיקט און באַפליגלט דעם באַגאַבטן ברייט־האַרציקן און שטאָלצן אוראייניקל פון שפּאַנישע יידן, פון די קלאַסישע געלערנטע: חיים יוסף דוד אזולאי. דער לערנער, דער פאָרשער, דער רעאַליסטישער ליטעראַטור־היסטאָריקער, האָט זיך אַרויסגעריסן פון די ענגע ווענט פון דער ירושלימער אַלטשטאָט, ניט אָפּגעשטעלט אָבער מיט איר זיין האַרציקן אויפבונד, ניט פאַרראָטן איר געהייליקטע אָרעמקייט,

נאָר געגומען אויף זיך די גרויסע און שווערע שליחות פון אַ פאָלקס־רעפּרעזענטאַנט, פון אַ ניט־געקרוינטן אַמבאַסאַדאָר פון דער „מלוכה פון נויט".

אַ גייסטיק שווער־באַלאָדענער איז ער אַוועק אין דער ווייטער, פרעמ־דער וועלט, אָפּגעבנדיק זיך מיט וועלטלעכן פאַרשטאַנד און מיט מענטש־לעכער ערע צו דער אויפגאַבע, וועלכע איז אויף אים אַרויפגעלייגט גע־וואָרן דורך די וואָרטזאָגער פון ירושלים.

ער האָט באַזוכט איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און האָלאַנד, האָט זיך אומעטום באַקענט מיט דער פירערשאַפט פון די דאָרטיקע יידן, האָט געוווּנען זייער צוטרוי און אָפּשאַצונג דורך זיין נאָבעלער פּערזענלעכקייט און דורך דער געוויסנהאַפטיקייט פון זיין אויפגאַבע; ער האָט געבויט די ערשטע בריקן צווישן מזרחדיקע און מערבדיקע יידן.

די טעג האָט ער פאַרבראַכט אין באַזוכן רבנים און געזעלשאַפטלעכע טוער, האָט אויך פלייסיק געאַרבעט איבער אַלטע העברעאישע מאַנו־סקריפּטן, וועלכע ער האָט אויסגעפונען, און אין די נעכט האָט ער אומדער־מידלעך געשריבן זיינע וואָגיקע ספרים.

ער איז צוויי מאָל געקומען צוריק אין לאַנד; אַ לאַנגע צייט געלעבט אין חברון, דער געוועזענער היים פון זיין געלערנטן זיידן אברהם אזולאי, און איז ווידער אַוועק אין דער וועלט מיט זיין בכבודיקער שליחות. ער האָט באַזוכט טערקיי, עגיפּטן, טוניס, גריכנלאַנד, און פון דאָרטן איז ער ווידער אַוועק קיין איטאַליע, פראַנקרייך, האָלאַנד און ענגלאַנד. אומעטום געפאָרשט, שטודירט מאַנוסקריפּטן און געזאָרגט פאַר די אינטערעסן פון זיינע ירוש־לימער און חברונער ברידער.

אויך ווען ער האָט זיך דערנאָך, נאָך יאָרן פון וואַנדערונגען, באַזעצט אויפן רעשט פון זיין לעבן אין ליוואָרנאָ (איטאַליע), האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט זיין אַרבעט פאַר זיינע ליידנדיקע פאָלקס־ברידער אין ירושלים. טאָג־איין טאָג־אויס ביזן טיפן עלטער, האָט ער געזאָרגט פאַר זייערע מאַטעריעלע באַדערפענישן און געשעפּט מוט און קראַפט אין די פאָרשונגען פון יידישער געשיכטע, קולטור און אמונה, וואָס האָבן אים געהאַט פאַרבונדן מיט טיפע גייסטיקע בענדער מיט זיין געבוירן־שטאָט ירושלים.

עס זיינען אַריבער 153 יאָר נאָך זיין טויט, ביז עס איז געבראַכט געוואָרן זיין געביין קיין ירושלים, זיין היים און מעטראָפּאָליע, — און אויפן רו־באַרג אין מערב פון ברייט־אויסגעבויטן ירושלים, צווישן די קברים פון געפאַלענע העלדן און פרייהייט־קעמפער, פאַרנעמט זיין פאַר־דינטן אָרט דער געלערנטער און „אַמבאַסאַדאָר" פון אַמאָליקן, אָרעמען און נויטבאַדערפטיקן ירושלים — חיים יוסף דוד אזולאי.

רבי נחמן פון בראַסלאַוו

רבי נחמן פון בראַסלאַוו, דאָס אייניקל און דער גייסטיקער יורש פון זיין גרויסן זיידן רבי ישראל בעל שם טוב, דעם גרונטלייגער פון דער חסידישער באַוועגונג, איז געווען אַ מענטש פון גרויסער פאָלקסטימלעכ־קייט און פון אַ טיפן מאָראַלישן, דעמאָקראַטישן גייסט. ווי זיין זיידע אַזוי האָט אויך ער דערהויבן, אויפגעמונטערט און דערצויגן צום געזעלשאַפט־לעכן לעבן די אָרעמע פאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען דורות־לאַנג געשטאַנען הכנעהדיק פאַר דער רבנישער לומדות און גבירישער תקיפות.

פאַרשידענע היסטאָריקער און זשורנאַליסטן האָבן געפּרוּווט אָפּשטעלן זיך אויף די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם דאָזיקן גרויסן פאָלקס־לערער, אָבער כמעט קיינער פון זיי האָט ניט געשענקט די נייטיקע אויפ־מערקזאַמקייט דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, וואָס עס טראָגט רבי נחמנס פאַרטיפטער מאָראַלישער צוגאַנג צו די אַלטע געזעצן, וואָס זיינען אין משך פון דורות, אין זייער פאַרגליווערטער געשטאַלט, געטראָגן געוואָרן דורך דער האַרבער רבנישער טראַדיציע. רבי נחמן האָט געזוכט אַראָפּצוּוואַרפן די האַרטע שאַלעכץ פון געזעץ, די לומדישע גריבלעריי, און אויפדעקן פאַרן פאָלק די פאַרבאַהאַלטענע מאָראַלישע ווערטן. ער האָט ניט געהאַט די כוונה אָפּצושאַפן קיין דינים, רעפאָרמירן זיי. ער האָט אָבער זיך שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט זייער שאַבלאָנישן אינהאַלט, ער האָט זיי באַ־לעבט, באַשטראַלט און דערוואַרעמט דורך זיין גליענדיקן גייסט און האָט זיך אומענדלעך געמיט אָנשטאָט דעם טרוקענעם דין אויסבויען זיין וועלט־השקפה אויפן יסוד פון מאָראַלישע, הומאַניסטישע ווערטן.

זיין ספר „ליקוטי הלכות" האָט ער געשריבן אויפן רבנישן שטיי־

גער, כלומרשט ווי אַ פּירוש אויפֿן „שולחן ערוך‟, דער באַקאַנטער זאַמלונג און קאָדיפֿיקאַציע פֿון די טראַדיציאָנעלע געזעצן פֿון באַרימטן רבי יוסף קאַרו, און גראַד אויף דעם טייל, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט ציוויל־רעכטלעכע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. אָבער דאָ איז ער שאַרף אָפּגעטראָטן פֿון די דורות־לאַנגע טראַדיציעס. ער פֿאַרנעמט זיך דורכויס ניט מיט אויפֿקלערן די פּרטים פֿון דעם אָדער יענעם איינצלנעם דין. ער פֿאַרנעמט זיך גאָר מיט עפּעס אַנדערש — מיטן פֿאַרטיפֿן און דערקלערן די עצם פֿילאָזאָפֿישע און מאָראַלישע פּרינציפּן פֿון מענטשלעכע רעכט, פֿון יעדער רעכטלעכער אינסטיטוציע. ער באַנוצט דעם גליענדיקן פֿייער פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט און דעמאָקראַטיע, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פֿון זיין גרויסן זיידן, כדי דורכצושטראַלן מיט אים די טרוקענע פּאַראַגראַפֿן פֿון רבי יוסף קאַרו׳ס „שולחן ערוך‟. אָפֿט אָפּילו מאַכט ער דעם איינדרוק, אַז דאָס אַנשפּאַרן זיך, דאָס שטיצן זיך אויף אַ באַשטימטן פּאַראַגראַף איז ביי אים נאָר אַן אויסרייד, אַ פּאַקטיש מיטל צו באַלייכטן מיטן ליכט פֿון אַ מאָראַלישער אידייע די וועלט פֿון אייזערנע דינים און פֿאַרחתמעטע ספֿרים, צו געבן אַנשטאָט דעם דין, זיין נשמה, זיין אייביק לעבעדיקן דערהויבענעם גרונט־געדאַנק.

אין דעם עצם־אויפֿקום פֿון אַ רעכטלעכן קאָנפֿליקט צווישן מענטש און מענטש זעט רבי נחמן איין אַ שווערע פֿאַרלעצונג פֿון דער גערעכטיקייט און פֿון אמת. מענטשן באַדאַרפֿן זיך פֿרידלעך אויסגלייכן, פֿאַרשטיין איינע די אַנדערע, אויסמיידן סכסוכים. צווישן דעם, וועלכער קלאָגט אָן דעם צווייטן אין געריכט און דעם אָנגעקלאָגטן, קוקט שוין פֿון פֿאַראויס ערגיץ אַרויס דער שקר. וואָרים ווען איין צד וועט אַפֿילו אַרויס אַ גערעכטער אין משפּט, האָט ער דאָך שוין געהאַט געזינדיקט דערמיט, וואָס ער האָט ניט געוואָלט לכתחילה זיינע באַציאונגען צו זיין מיטמענטש אויף דעם יסוד פֿון פֿאַרשטענדעניש און מאָראַלישע געבאָטן.

און דאָ קומט רבי נחמן צו באַהאַנדלען די חשובֿע פֿונקציע פֿון דעם ריכטער. ווען עס איז שוין פֿאַר אים געבראַכט געוואָרן אַ סכסוך צווישן מענטש און מענטש, וואַקסט אויס פֿאַר אים אַ גרויסע און מאָראַליש פֿאַרטיפֿטע פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבע. דער ריכטער איז דער ניט־געקרוינ־

טער, פון דער העכסטער מענטשלעכער עטיק געזאָלבטער הערשער איבער מענטשלעכע ליידנשאַפטן. ער איז באַרופן אויפצושטעלן מיט אַ פעסטער האַנט די פאַרשוועכטע הערשאַפט פון אמת און גערעכטיקייט, צו לאָזן אַרויסשטראַלן דאָס אינעווייניקסטע גייסטיקע ליכט, וואָס איז דער גרונט־קוואַל פון רעכט.

דער העכסטער אידעאַל, וואָס שטייט פאַרן ריכטער, איז אַרויסצו־ברענגען דעם אמת, צו לאָזן אים טריאומפירן. אָבער דער שורש פון אמת איז ניט אין אַלע פאַלן דער גלייכער. ביי איינעם איז ער געגליכן צו אַ פענצטער, דורכן וועלכן עס שיינט אַריין ליכט פון דרויסן, כל זמן דאָרטן איז ליכטיק. ביי דעם אַנדערן אָבער איז דער אמת אַ ברילִיאַנט, וואָס שטראַלט און לייכט מיט זיין אייגענעם, אינעווייניקסטן ליכט.

אויב אָבער דער אמת איז געגליכן צו אַ ליכט, איז דער ליגן און די אַפּלייקענונג געגליכטן צו אַ טיפן אָפּגרונט פון פינצטערניש, וואָס עפנט זיך פאַרן ריכטער, ווי עס וואָלט זיך געעפנט פאַר אים דער גיהנום אַליין. און דער ריכטער איז באַרופן צו פאַרטרייבן די פינצטערניש און אַרויסצוברענגען דאָס ליכט פון אמת.

דער אמת וואַרצלט ניט נאָר אין גרויסע זאַכן. ער לאָזט זיך אַרויס־שטראַלן פון די קלענסטע גראָשנדיקע קאָנפליקטן.

ניט שטענדיק לאָזט זיך דער אמת לייכט אַרויסגעפינען. ניט שטענדיק אַנטפּלעקט ער זיך אין שטילע פּאָטערלעכע ווענדונגען פון דעם ריכטער. אָפטמאָל מוז מען דעם אמת לאָזן אויסברענען, אויפפלאַקערן פון דער טי־פעניש, אָנצינדן אים ווי אַ פלאַם, וואָס לייטערט און רייניקט. אָפט איז דער ריכטער באַרופן דעם אמת אויסצוקעמפן. און דאָס איז זיין הייליקע פליכט, וואָרים דאָרטן ווו דער אמת פאַרשווינדט דאָרטן קומט אָן דער חורבן, דער אונטערגאַנג, די עלנט. דעריבער הייסט דאָס אויך אין אונדזערע גע־זעצן, אַז דער ריכטער וואָס לאָזט זיך באַשטעכן ווערט בלינד, דען ער הערט אויף אונטערצושיידן צווישן אמת און שקר אין די מענטשלעכע באַציאונגען.

דאָס רעכט און די גערעכטיקייט פאָדערן פון דעם מענטש ער זאָל טאָן גוטס דעם צווייטן, ער זאָל אים שטיצן ווען ער נייטיקט זיך, וואָרים די נויט קומט פון דער אומגערעכטער אומגלייכקייט פון מענטשן.

רבי נחמן האַלט, אַז איינע פון די גרעסטע עוולות אויף דער וועלט איז די אומגלייכע פאַרטיילונג פון די מאַטעריעלע גיטער. עס איז אומגערעכט, זאָגט ער, וואָס „אַ מענטש, וואָס אַרבעט אַ שווערע אַרבעט פאַרן אַנדערן און ברענגט אים אַריין גרויסע פאַרדינסטן, קריגט נאָר אַ קליינעם וועכנט־לעכן געהאַלט, וואָס קלעקט אים קוים אויפן לעבן".

אומזיניק, דערקלערט רבי נחמן ווייטער, איז דאָס זאַמלען רייכקייט בכלל. די רייכקייט פאַרשאַפט ניט דעם מענטש קיין גליק. „דער העכסט רייכער מענטש — דערקלערט ער — איז שטענדיק פול מיט זאָרג און צער, ליידן און שרעק. אַלע זיינע טעג זיינען פול מיט כעס און שמערץ. ער ווייס ניט פון קיין געמיטלעכקייט און שמחה. ער לעבט אַ לעבן פון ליידן מער פון אַלע אָרעמעלייט אין דער וועלט... ער רוט ניט ניט בייטאָג און ניט ביי נאַכט, ווייל יעדן טאָג קומען ביי אים אויף נייע זאָרגן און שרעק פאַר די האַרן און פירשטן, פאַר גנבים און רויבער, פאַר שריפות און היזקות און פאַר כלערליי געוויינלעכע און אויסערגעוויינלעכע פאַרלוסטן. ער פלאָגט זיך אויך פאַר די אויסגאַבן, וואָס מערן זיך אין זיין שטוב".

„מיר זעען דאָס באַשיימפּערלעך — זאָגט רבי נחמן ווייטער — ביי דעם רוב מענטשן. איינער וואָס האָט געהאַט נעכטן הונדערט רענדלעך און וואָס עס איז אים כלל ניט איינגעפאַלן צו קויפן זיין ווייב פּערל אָדער זילבערנע לייכטער און וואָס האָט נאָר געטראַכט וועגן אַ שיינעם בגד אויף שבת, וואָס עס איז אויך געווען גענוג שווער צו גרייכן פון זיין געלט, — דער איינער האָט אים גאָט דערנאָך צוגעשיקט און ער האָט פּלוצלונג פאַרדינט דריי און פיר הונדערט רענדלעך, דאַן קומען ביי אים באַלד אויף אין שטוב דאגות און קריגערייען, וואָרים זיין ווייב געלוסט זיך שוין ער זאָל איר קויפן פּערל און דאָס גלייכן נייטיקע זאַכן, וואָס זיינען איר איצט אויפ־געקומען".

„און ווען דער מענטש איז שוין געוואָרן אַ שטאַרקער בעל פּרנסה, דאַרף ער — ווי עס לערנט אים רבי נחמן — פאַרטיילן זיינע גרויסע רווחים אויף צדקה, אויף הילף פאַר די נויטבאַדערפטיקע. און דער צדקה־געבער דאַרף דערביי געדענקען, אַז ניט זיינס גיט ער. ער גיט נאָר אָפּ דעם כלל צוריק, וואָס ער האָט פון אים באַקומען".

און בשעת דעם געבן צדקה איז אָבער אויך וויכטיק — דערקלערט ווייטער רבי נחמן — ניט נאָר וואָס עס ווערט געגעבן, נאָר ניט ווייניקער ווי עס ווערט געגעבן. „עס זיינען דאָ מענטשן — דערקלערט ער — וואָס גיבן צדקה, אָבער זיי האָבן דערביי כלל ניט קיין גוטע כוונה. זיי טוען דאָס צוליב כבוד, און נאָר דאַרטן גיבן זיי, וועגן מען דערהייבט פאַר זייער געבן זייער כבוד. דורך אַזאַ געבן שטאַרקן זיי זיך און באַוועלטיקן נאָך מערער דאָס אָרעמע פאָלק, די כשרע אמתע מענטשן... דורך אַזאַ פאַרמעגן און רייכקייט פאַרשטאַרקן זיי נאָר די שנאה און די קאָנפליקטן”.

און אומקערנדיק זיך צו דער אויפגאַבע פון געריכט און ריכטער, זאָגט רבי נחמן אַרויס דעם עטישן געדאַנק, אַז „וויכטיקער פון דעם לאָזן זיך ריכטן דורך דעם ריכטער איז דער משפט, וועלכן דער מענטש מאַכט איבער זיך אַליין, ווען ער פאַראייינזאַמט זיך און נעמט זיך באַטראַכטן זיינע וועגן און קאָנטראָלירן זיינע טואונגען און משפט זיך אַליין פאַר יעדער זאַך וואָס ער טוט”.

*

און ניט נאָר סתם, ביי אַ וועלכער ניט איז באַזונדער געלעגנהייט. „דער מענטש — זאָגט רבי נחמן — דאַרף זיך שטענדיק משפטן, ווי ער זאָל האַנדלען פון טאָג אויף טאָג, און בפרט ווען ער ווערט אַוועקגעשטעלט פאַר אַ פרווו און ער דאַרף דעצידירן וואָס צו טאָן, ווען עס דערוועקט זיך ביי אים די ליידנשאַפט אָדער אַ וועלכע ניט איז שלעכטע נייגונג. גאַנץ באַזונדער דאַרף ער דעמאָלט משפטן, ווי ער האָט צו האַנדלען”.

„און ווען דער מענטש האָט שוין ערנסט באַטראַכט זיין לעבנס־וועג און דעצידירט צו טאָן גוטס און צו דערווייטערן זיך פון שלעכטס, זאָל ער קיינמאָל ניט טראַכטן, אַז ער דאַרף באַלוינט ווערן פאַר זיינע גוטע מעשים. דער וואָס שטרעבט צו קריגן לוין פאַר זיין בראַוער און ערלעכער אויפ־פירונג, וועט קיינמאָל ניט געפינען קיין גייסטיקע באַפרידיקונג. ער וועט בלייבן שטענדיק פאַראומערט און ניט וויסן פון קיין אמתער פרייד. דער אמת בראַווער און גערעכטער מענטש טוט דאָס גוטע, די מצווה, מיט

אַזאַ גרויסער פרייד און התלהבות, אַז די עצם טואונג פֿאַרשאַפֿט אים צו־פֿרידנקייט און ער וואַרט כּלל ניט אויף קיין לוין. ער וויל מער קיין זאַך ניט באַקומען".

דאָס זיינען קורצע גרונט־שטריכן פֿון רבי נחמנס אויסבליק אויף מענטש און געזעלשאַפֿט, וואָס האָבן אָן ספֿק באַאיינפֿלוסט און דערהויבן דאָס יידישע מאַסן־לעבן פֿון זיין צייט און סביבה און צוגעגרייט די פֿאָלקס־מאַסן צו זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישן אויפֿקום.

דאָנאַ גראַציאַ מענדעס און יוסף נשיא*)

אין סוף פון 15טן און אין אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט האָט די נאָך מעכטיקע, הערשערישע און אייפערזיכטיקע קאַטוילישע קירך אין מערב־אייראָפּע פאַרמאָסטן זיך צו לייזן די יידן־פראַגע דורך טאָטאַלער פיזישער און גייסטיקער פאַרניכטונג פון די יידן. אין שפּאַניע און אין פּאָרטוגאַל האָט זיך צעפלאַקערט דאָס פינצטערע פייער פון פאַנאַטיזם און עס האָבן זיך אַ לאַנגע צייט ניט אויסגעלאָשן די שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע. די עלטערזיידעס פון די היינטצייטיקע פאַשיסטן און נאַציסטן האָבן נאָך דעמאָלט ניט פאַרמאָגט קיין גאַזקאַמערן און האָבן זיך שטאַרק געפּלאָגט מיט דער פאַרניכטונג פון יידן ביי דער פּרימיטיווער טעכניק פון זייער צייט. איבער איטאַליע, פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד האָבן געלויערט גיפטיקע שאָטנס. פון די קעניגלעכע הויפן ביז צו די שמשים פון די קאַטוילישע קירכעס האָט זיך אויסגעשטרעקט די אויסשפּיר־האַנט, וואָס האָט געזוכט צו אַנטפּלעקן פאַרבאַהאַלטענע יידן.

דאָס איז געווען אַ ברוטאַלער עקאָנאָמישער און קולטורעל־פּאָליטישער קאַמף קעגן דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט אין יענער צייט מאַרשירט אין די פּיאָנערן־רייען פון דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער אויפוואַכונג פון אייראָפּע און איז געווען אַ לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן דעם פינצטערן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און קעגן דער הערשאַפט פון דער פעאָדאַלער וועלט.

אַלס מוסטער פון מענטשלעכן שטאָלץ און ערע, פון באַפליגלטער איניציאַטיוו און צוגלייך אויך פון פלאַמיקער ליבע און טרייהייט צום אייגענעם אויסגעקוילעטן פאָלק, האָבן געדינט — די קלוגע, בילד־שיינע און אַדע־

---

* לויט ד״ר י. הרוזן און אַנדערע קוועלן.

ליקע יידיש־פּאָרטוגעזישע פרוי דאָנאַ גראַציאַ מענדעס און איר גענײַאַלער, ערנהאַפטער און ענערגישער פּלימעניק יוסף נשיא.

זייער באַציאונג צו דער קאַטוילישער אַריסטאָקראַטיע און צום הויף פון קעניג קאַרל דעם פינפטן, מיט וועמען די פאַמיליע איז געווען נאָענט באַקאַנט און געשעפטלעך פאַרבונדן, איז געווען אַ באַציאונג פון ערע און זעלבסטבאַוווסטזיין און פון פאַרבאָרגענער טיפער שנאה און פאַראַכטונג צו די קאַטוילישע פּייניקער פון זייער פאָלק.

זיי האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוקלייבן זיך פון פּאָרטוגאַל קיין אַנט־ווערפּן און שטילן דאָרט מיט זייער געלט די בלוטיקע תאווה פון די קאַטוילישע הערשער, וועלכע האָבן צעשפּרייט דעמאָלט זייערע שוואַרצע פליגל אויך אויף דער בעלגישער מדינה.

די יידישע געשטאַלט פון דאָנאַ גראַציאַ מענדעס און פון יוסף נשיא האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן און פאַרברייטערן, ווען זיי איז געלונגען אַריבערצופאָרן אין דער ווענעציאַנער רעפּובליק פון איטאַליע און פאַרנעמען אַ חשובע עקאָנאָמישע פּאָזיציע אין דעם לאַנד, וואָס האָט זיך אין יענער צייט געפונען אין אַ מצב פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס. איבער די קאַנאַלן פון דער פּרעכטיקער שטאָט און אין די אויסטערלישע שפּאַציר־שיפלעך, די גאָנדאָלן, האָט זיך געפירט אַ פאַרשווענדעריש לעבן, בעת די פינאַנסן פון דער רעפּובליק זענען געגאַנגען צו גרונט און די פּאָליטישע באַציאונגען מיט דער מעכטיקער הערשאַפט פון רוימישן פּויפּסט זיינען געוואָרן שאַרפער פון טאָג צו טאָג.

דאָנאַ גראַציאַ מענדעס און יוסף נשיא, וואָס האָבן אויך דאָ באַדאַרפט פאַרשלייערן זיך, צוליב די רדיפות פון דער אינקוויזיציע, אַלס כלומרשטע כשרע קריסטן, זי — אַלס בעאַטריטשע דאַ־לונאַ און ער — אַלס דזשואַן מיגיז, האָבן זייער פּרעכטיקן ווענעציאַנער פּאַלאַץ פאַרוואַנדלט אין אַ רעטונגס־צענטער פאַר די געררודפטע מאַראַנען און מיט דער קראַפט פון זייערע באַנק־געשעפטן, וואָס זיי האָבן דאָ געגרינדעט, האָבן זיי געוואָלט אַרויסהעלפן די ווענעציאַנער רעפּובליק פון איר נויט מיטן תנאי, אַז זי זאָל אויף איינעם פון אירע גרעסערע אינזלען אויפן מיטללענדישן ים דערלויבן אים, יוסף הנשיא, צו גרינדן אַ היים פאַר די פאַרטריבענע יידן אויף יסודות

פון גלייכבאַרעכטיקונג און רעליגיעזער פרייהייט. דער סענאַט פון ווענעציע האָט שטאַרק חשק געהאַט אַרויסצובאַקומען די פאָרגעלייגטע פינאַנסן. ער האָט אויך געהאָפט, אַז די רעפובליק וועט אויפבליען אַדאַנק דער יידישער עקאָנאָמישער איניציאַטיוו, אָבער די פאַרפלאָנטערטע פּאָליטישע לאַגע האָט ניט צוגעלאָזן די ווענעציאַנער אויסצופירן דעם געוואַגטן פּלאַן פון די פאַרשלייערטע יידישע פּאַטריאָטן.

דאָנאַ גראַציאַ מענדעס און יוסף נשיא זיינען מיד געוואָרן פון זייער טאָפּלט־לעבן. זיי זיינען געווען אַבסאָלוט אַנטוישט פון דעם פינצטערן און פאַנאַטישן קריסטלעכן איראָפּע, וואָס האָט צעפלאַקערט שייטערהויפנס פאַר יידן און געלויערט מיט האַס און תאווה אויף זייער פאַרמעגן. זיי האָבן פעסט באַשלאָסן אַרויסצוקלייבן זיך ענדגילטיק פון די גרעניצן פון די קריסטלעכע לענדער און קומען אין מוסולמענישן טערקיי, וואָס האָט ברייט געעפנט אירע טויערן פאַר די געראַטעוועטע שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע יידן. זיי האָבן באַשלאָסן צו קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל נישט בלויז אַלס פּליטים, נאָר צו אַנטפּלעקן שטאָלץ און אָפן דאָס לאַנג־געגאַרטע יידישע פּנים.

אין טערקיי האָבן דאָנאַ גראַציאַ מענדעס און יוסף נשיא ניט סתם געוואָלט אַנטוויקלען זייער געשעפטלעכע איניציאַטיוו. זיי זיינען געווען גרייט אַוועקצושטעלן אַלע זייערע פינאַנסיעלע דערגרייכונגען אין דינסט פון זייער גערודפט פאָלק.

איצט, מיטן פאַרלאָזן די גרעניצן פון דער פאַרהאַסטער קאַטוילישער וועלט, האָט די אַלטע יידישע פּאַטריאָטין און איר געניאַלער פלימעניק יוסף נשיא געשיקט איר צום געזעגענען זייער האַס און פאַראַכטונג. דאָנאַ גראַציאַ האָט איצט אָפן געוואָרפן אין פּנים פון דער אינקוויזיציע די קללה פאַר דער פייניקונג פון איר פרי־פאַרשטאָרבענעם מאַן דיעגאָ מענדעס און פאַר אַלע אומגעבראַכטע פאָלקס־ברידער, וואָס זיינען אומגעקומען אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע.

אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך דעם פאַרהאַסטן שלייער פון קריסטנטום, איז דאָנאַ גראַציאַ מיט איר בילד־שיינער טאָכטער ריינאַ, פאַר וועלכער עס האָבן אָן דערפאָלג געקניט קאַטוילישע פירשטלעכע קרוינען, און מיט איר

פלימעניק יוסף נשיא, האָבן זיי אָפּן און מיט גרויס פייערלעכקייט זיך אומגעקערט צום יידנטום און פאַרנומען אַ בכבודיק צענטראַל אָרט אין דער יידישער וועלט. זיי זיינען אָנגעקומען אין דער טערקישער הויפּטשטאָט אין באַגלייטונג פון רייטער און פון אַ סוויטע פון 500 מאַן. דער סולטאַן סעלים דער צווייטער האָט זיי געשיקט אַנטקעגן אַ פּרעכטיקע קייזערלעכע שיף, וואָס האָט זיי געבראַכט צו די קאַלירפולע ברעגן פון באָספּאָר, און דאָ אויפן ברעג האָבן זיי זיך באַזעצט אין דעם אויסטערלישן ברייט-צע־לייגטן פּאַלאַץ בעלוועדער. מזוזות אין זילבערנע ראַמען האָבן איצט באַ־צירט די רייך-אויסגעשטאַטעטע טירן פון פּאַלאַץ. די לוקסוס-מעבל זיינען געווען באַפּוצט מיט אַ קונסטרייכער אָרנאַמענטיק, מיט גאָלדענע עמבלעמען פון „מגן־דודס״. דאָ איז אָפּגעריכט געוואָרן מיט גרויס געשמאַק, לויט די טראַדיציעס פון די פּאָרטוגעזישע יידן, די חתונה פון יוספן מיט ריינאַ מענדעס, זיין געליבטער זינט פיל יאָרן. דאָ זיינען פאָרגעקומען הערלעכע מוזיקאַלישע און טאַנץ-אָוונטן. אויף די טירן פונעם יידישן פּאַלאַץ האָבן מיט ערע און נייגעריקייט געקלאַפּט מיניסטאָרן און אויסלענדישע דיפּלאָ־מאַטן. אָבער וויכטיקער פון אַלץ איז געווען דער פאַקט, וואָס דאָ האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע זאָרגן און טואונגען פון דער דעמאָלטיקער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון פייער פון דער קאַטוילישער אינקוויזיציע און אין טיפער פריינדשאַפט זיך אַלץ מער קאָנצענטרירט אין דער מוסולמענישער וועלט.

יוסף נשיא איז איצט ריזיק אויסגעוואָקסן אין די אויגן פון זיין פאָלק און האָט געהאַט גוטע פּאָליטישע פאַרבינדונגען מיט דער ליבעראַלער טערקישער רעגירונג פון סולטאַן סעלים דעם צווייטן און זיין זון מוראַד. דאָ איז געווען אַן אָפּטער באַזוכער דער באַרימטער רעכט-לערער און רעליגיעזער דענקער רבי יוסף קאָרו, דער מחבר פון „שולחן ערוך״, דער ראש-ישיבה רבי יוסף בן־לב. מיט דעם בעלוועדער-פּאַלאַץ איז געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג דער באַרימטער און זייער פּאָפּולערער אין זיין צייט רבי משה בן יוסף מיטראַני, דער פירער פון שפּאַנישן און פּאָרטוגע־זישן יידנטום.

אין יענער צייט האָט די טערקישע רעגירונג פון סעלים דעם צווייטן

מלחמה געהאַלטן מיט די קרייצציגלער, וועלכע האָבן נאָך געהערשט איבערן אינדזל ציפּערן, מיטן צוועק אַרויסצושטויסן דאָס אַנגרייפערישע קריס־טנטום פון איינער פון זיינע לעצטע פּאָזיציעס אין מוסולמענישן מזרח. דער סולטאַן האָט ניט געקענט מאַכן קיין בעסערן אויסוואַל פאַר אַ הויפּט־קאָמאַנדיר אין דער מלחמה ווי דעם אויסוואַל פון יוסף הנשיא. דאָ האָט יוסף געהאַט די גוטע געלעגנהייט אָפּצורעכענען זיך פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון זיינע פאָלקס־ברידער אין קאַטוילישן שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. יוסף נשיא האָט די נאָמינאַציע אָנגענומען, און נאָך געלונגענע שלאַכטן האָט ער באַפרייט די אינדזל פון דער הערשאַפט פון די קרייצציגלער און האָט זי איבערגעגעבן אין רשות פון טערקיי.

דער סולטאַן סעלים דער צווייטער איז געווען דערפרייט פון דעם נצחון און האָט פאַרגעלייגט דעם זיגרייכן יוסף נשיא די קעניגלעכע קרוין פון ציפּערן. אָבער דער מוטיקער העלדישער ייד האָט מיט דאַנק אָפּגעלענט דעם סולטאַנס פאָרשלאָג און האָט פון אים פאַרלאַנגט אַן אַנדער גנעדיקן לוין: עס זאָל איבערגעגעבן ווערן אין זיין רשות און אין רשות פון זיין געפּייניקט פאָלק די שטאָט טבריה, די חרובדיקע שטאָט פון זיין היסטאָרישער פאָלקס־היים, וואָס געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון דער טערקישער קרוין.

דער סולטאַן האָט מיט צופרידנקייט דערפילט דעם ווונטש פון דעם העלדישן מאַן און יידישן פּאַטריאָט יוסף נשיא, ער האָט אים באַשטימט פאַרן הערשער פון טבריה.

אַ צופרידענער און אויפגעברויזטער, איז יוסף נשיא באַלד צוגעטראָטן צו רעאַלע מעשים. ער האָט פאַרוואַנדלט זיין פּאַלאַץ אין אַ יידישן פּאָלי־טישן צענטער און אין אַ גענעראַל־שטאַב פון זיין קאָלאָניזאַטאָרישער אונ־טערנעמונג. אויף זיין חשבון האָט ער דערוואָרבן שיפן, וואָס האָבן געפירט פון טערקיי קיין ארץ־ישראל די ערשטע בויער פון טבריה. יוסף נשיא האָט געהאַט בדעה צו אַנטוויקלען אין דער טבריהער אומגעגנט אַלערליי פּראָ־דוקטיווע צווייגן פון האַנטווערק און ערדאַרבעט. ער האָט פאַרגענומען צו פאַרפלאַנצן אין דער לענג פון די כינרת־ברעגן טוט־ביימער, אויף וועלכע עס האָבן געדאַרפט זיך זיידן־ווערים און דערנאָך פאַרלייגן יסודות פאַר אַ זיידן־

אינדוסטריע, ער האָט אויך געבראַכט אין דער קאָלאָניזירטער געגנט סטאַ־דעס שעפּסן און אַהערגעבראַכט ספּעציאַליסטן צו לערנען די אָנגעקומענע קאָלאָניסטן די וואָל־אינדוסטריע. די איניציאַטיוו פון יוסף נשיא האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג אין דער גאַנצער יידישער וועלט און פון פאַרשידענע לענדער האָבן זיך יידן געקליבן צו העלפן אינעם אויפבוי פון טבריה, וואָס לויט זייער איבערצייגונג האָט זי באַדאַרפט באַטייטן אַן אָנהייב פון דערלייזונג. עס ווערט אַפילו דערציילט, אַז דער פּערזענלעכער דאָקטער פון דער פּאָרטוגעזישער קעניגין אָליוועריּ (אַ קריסט אָדער אַ פאַרשלייערטער ייד) האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין הויכן פּאָסטן און איז געקומען קיין טבריה, כדי מיטצוהעלפן ביים אויפבוי פון דער יידישער שטאָט און מדינה.

דער עקאָנאָמישער פּלאַן איז געווען ברייטהאַרציק און גוט אויסגע־רעכנט, און עס קען זיין, אַז עס וואָלט ווירקלעך געלונגען צו פאַרלייגן אַ פונדאַמענט פאַרן אויפבוי פון גליל שוין אין 16טן יאָרהונדערט. עס האָט אָבער געפעלט דערצו אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזירטע קראַפט און אַ געהעריקע פּאָליטישע קאָניונקטור. די גוטע כוונות פון יוסף נשיא און פון דאָנאַ גראַציאַ האָבן ניט געגעבן קיין רעאַלע רעזולטאַטן.

און דאָך זיינען די צווי אַקטיווע און איבערגעגעבענע יידישע פּערזענ־לעכקייטן, וואָס האָבן אין די פינצטערסטע צייטן פון דער שפּאַנישער און פּאָרטוגעזישער אינקוויזיציע פאַרמאָגט די דרייסטקייט צו קעמפן און טרוי־מען פאַר אַ פריי און פּראָדוקטיוו יידיש לעבן, ווערט, אַז זיי זאָלן דערמאָנט ווערן מיט כבוד, און אַז מיר זאָלן אין אַלע צייטן געדענקען זייערע נאָבעלע און פּאַטריאָטישע פאַרמעסטונגען.



קאַמעניוס

די פּראָגרעסיווע מענטשהייט און די שלום־קעמפּער אין גאָר דער וועלט האָבן ניט לאַנג געפּייערט דעם 375סטן געבוירנטאָג פון קאַמעניוס און דעם 300יאָריקן יובל פון זיין פונדאַמענטאַלן ווערק איבער דערציאונג.

קאַמעניוס, אָדער ווי ער האָט געהייסן מיט זיין פולן נאָמען יאַן עמוס קאַמענסקי, איז געבוירן געוואָרן דעם 28סטן מערץ 1592 אין דעם קליינעם מאָראַווישן דאָרף ניווניצע, אין דער משפּחה פון אַן אָרעמען מילנער און איז דערצויגן געוואָרן אין ליבע און געטרייקייט צו די טראַדיציעס פון זיין טשעכישן היימלאַנד, צו אַרבעט און פרייהייט. גאַנץ יונג איז ער צוגע־שטאַנען צו דער פאָלקס־געמיינדע פון די „טשעכישע ברידער״, וועלכע

איז דורכאויס באַשטאַנען פון פּויערים און האַנטווערקער און גאַנץ גיך איז ער געוואָרן איר גייסטיקער פירער.

פאָלקס־געמיינדעס פון דעם מין זיינען געווען אין יענער צייט שטאַרק פאַרשפּרייט איבער די שטעטלעך און דערפער פון באָהעמיע און מאָראַוויע און האָבן קאָנצענטרירט און אָרגאַניזירט די טשעכישע פאָלקס־עלעמענטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן זייער קעגנערשאַפט צו דער פעאָדאַלער אַריסטאָ־קראַטיע און דער קאַטוילישער קירך, צו דער האַבסבורגער הערשער־דינאַסטיע און דעם רוימישן פּויפּסט. דאָס זיינען געווען די פאָלקס־מאַסן, וועלכע זיינען גאָר גיך געפאַלן קרבנות פון דער בלוטיקער רעאַקציע, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם ערשטן דויערנדיקן און בלוטיקן אייראָפּעאישן קריג — דעם דרייסיק־יאָריקן קריג (1618—1648).

קאָמעניוס איז אַלט געווען נאָר 24 יאָר ווען דער קריג איז אויסגע־בראָכן און דער גרויזאַמער צעשטערערישער פייער פון מענטשן־פאַרניכטונג האָט אָנגעצייכנט זיין לעבנס־וועג. האָט אין אים געצייטיקט געזעלשאַפט־לעכע אידייען, וואָס זיינען אַריבערגעוואַקסן וויט איבער די גרעניצן פון זיין צייט.

אין יאָר 1628 איז די בלוטיקע מלחמה דערגאַנגען צו די טויערן פון דער שטאָט פאָלנעק, וווּ ער האָט געלעבט. זיין פרוי און קינדער זיינען געפאַלן קרבנות פון דער בלוטיקער טיראַניע, זיין ביבליאָטעק און מאַנוס־קריפּטן זיינען פאַרברענט געוואָרן. ער האָט קוים געראַטעוועט זיין לעבן און געלאָזן זיך אויף דער וואַנדערונג איבער דער וועלט, וואָס האָט געדויערט זיין גאַנץ לעבן.

די מדינות, וואָס האָבן געשלאָסן אַ בונד קעגן דעם קעמפנדיקן אַבסאָ־לוטיזם און רעליגיעזן פאַנאַטיזם האָבן געעפנט גאַסטפריינטלעך זייערע טויערן פאַר קאָמעניוסן. זיי האָבן אים געהאָלפן געפינען אַ שטילן ווינקל פאַר זיינע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, וועלכע האָבן דער עיקר זיך קאָנצענ־טרירט אויפן געביט פון פּעדאַגאָגיק, פון פאָלקס־דערציאונג. ער האָט שוין געאַרבעט איבער זיין גרויס ווערק, איינס פון די גרעסטע ענציקלאָפּעדישע ווערק פון 17טן יאָרהונדערט. ער האָט געלעבט אַ צייט אין פּוילן, דערנאָך

אין ענגלאַנד, אין שוועדן, אין טראַנסילוואַניע. אויף אַ קורצער צייט איז ער צוריקגעקומען אין זיין טשעכישן היימלאַנד און געמוזט עס ווידער פאַרלאָזן.

זיין לעצטע לעבנס־סטאַנציע איז געווען האָלאַנד. אין זיין שווערן לעבנס־קאַמף און שאַפן האָבן זיך זיינע געדאַנקען פאַרטיפט, זיינע האַרי־זאָנטן פאַרברייטערט. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ וועלטלעכן דערציער פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם. אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט צו זיין דערביי דער גרויסער פּאַטריאָט פון זיין טשעכישן היימלאַנד, ער האָט פאַר איר געשאַפן, מיטגעלעבט מיט אירע ליידן און פריידן.

אין דער בלוטיקער תקופה, אין וועלכער עס איז קאָמעניוסן אויסגע־קומען צו לעבן און צו שאַפן איז פאַר אים די וויסנשאַפט און בילדונג געווען ניט נאָר אַן אַנטרינונג פון דעם גיהנום פון מענטשן־מאָרד. אין זיינע פּעדאַגאָגישע און פילאָזאָפישע ווערק האָט ער פאַרגעשטעלט די צוקונפט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין העלע, אָפּטימיסטישע פאַרבן און האָט פילאָזאָפיש און לאָגיש אָנגעצייכנט וועגן פאַר דער קומענדיקער הער־שאַפט פון פאַרשטענדעניש און שלום אין דער וועלט.

אויף דעם קלאָרסטן אופן האָט ער אויסגעדריקט זיינע געדאַנקען אין זיין קורצן חיבור, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דער וועג צום ליכט", ווו ער לייגט פאָר צו גרינדן אַ וועלט־צענטער, וואָס זאָל באַהעפטן די איינצלנע פעלקער און זאָל מעלדן וועגן אַלע אַנדעקונגען און דערפינדונגען, וועלכע זיינען ערגיץ ווו געמאַכט געוואָרן, כדי זיי זאָלן וואָס גיכער באַנוצט ווערן צום וויל פון אַלע פעלקער. אין זיין צייט פון פאַרשלאָסענע גרעניצן צווישן לענדער האָט ער פאָרגעלייגט מען זאָל אָרגאַניזירן מאַסן־רייזעס פון בירגער פון איין לאַנד אין צווייטן, כדי צו פאַרבינדן פריינטשאַפט־לעכע באַציאונגען צווישן מענטשן. אין שפּיץ פון אַלע זיינע שטרעבונגען און פּלענער איז אָבער געשטאַנען דער נאָבעלער פּלאַן וועגן דער גרינדונג פון אַ וועלט־סענאַט, וואָס זאָל שטיין טאָג־טעגלעך אויף דער וואַך פון וועלט־שלום, וואָס זאָל פאַרבאָטן מיליטערישע דערציאונג און פּראָדוצירונג פון וואָפן אין גאָר דער וועלט.

אין גרונט איז אָבער קאָמעניוס געווען ניט קיין קעמפער, נאָר אַ דער־ציער. ער איז דער פאָטער פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק און אין זיין

אויספירלעכן „אָפּעראַ דידאַקטיקאַ אמניא" שטעלט ער אויף פּרינציפּן און צייכנט אָן וועגן פאַר אַ ראַדיקאַל נייער פאָלקס־דערציאונג און פאָלקס־בילדונג, וועלכע האָט אין זיין צייט געטראָגן אַ העכסט רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. ער האָט געפאָדערט, אַז „די בילדונג זאָל זיין אַן אַלגעמיינער פאַרמעגן פון מענטשן, סיי רייכע, סיי אָרעמע, סיי יינגלעך, סיי מיידלעך — פון די בירגער פון אַלע פעלקער אָן אונטערשייד פון רעליגיע". ער האָט געפאָדערט פון די מלוכה־לייט זיי זאָלן איינפירן אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע בילדונג אין די שטעט און דערפער. ער האָט אויסגעאַרבעט פּראָגראַמען פאַר פאָלקס־בילדונג, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרנעמען דאָס אָרט פון די פּריוואַט־לימודים, וועלכע זיינען געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין די הערשנדיקע קלאַסן. ער האָט פאַרגעלייגט מיטלען, ווי אַזוי צו מאַכן די עצם לימודים לייכטער און צוגענגלעכער פאַר די קינדער פון די פאָלקס־מאַסן.

מיט אַ באַזונדער קראַפט האָט ער אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז די קינדער זאָל געגעבן ווערן די בילדונג אין זייער מוטער־שפּראַך און ניט ווי עס איז געווען איינגעפירט אין זיין צייט, ווען די הערשער האָבן פאַרלאַנגט, אַז אַלע לימודים זאָלן געפירט ווערן אין דער הערשנדיקער שפּראַך און ווען די קאַטוילישע קירך איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז מען זאָל אַלץ לערנען אויף לאַטיין. ער האָט ערנסט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל די קינדער אַנשטאָט טעאָלאָגיע לערנען מער רעאַלע, פּראַקטישע וויסנשאַפטן, און גאַנץ באַזונדער שפּראַך, כדי זיי זאָלן זיך קענען צונויפריידן מיט מענטשן אין גאָר דער וועלט און דערנענטערן זיך צו זיי.

צו דעם צוועק האָט ער אויסגעאַרבעט נייע, לייכטע מעטאָדן צום שפּראַך־לערנען. ער האָט בכלל פאַרפאַסט נייע לערנביכער פאַר פאַרשיידענע לימודים און אין משך פון 150 יאָר האָט מען זיך מיט זיי באַנוצט אומעטום, וווּ מען האָט זיך פאַרנומען מיט פאָלקס־בילדונג.

מיט וואַרעמע ווערטער האָט זיך קאָמעניוס געווענדט אין זיינע פּעדאַגאָגישע ווערק צו די לערער. ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן זיך דערנענטערן צו די קינדער, ניט האַלטן זיך שטרענג און גרויס אַנטקעגן זיי, האָבן צו זיי פאַרשטענדעניש און דורך מילדע פריינטלעכע באַציאונגען אַרויסהעלפן זיי איבערוויינדן אַלע שוועריקייטן ביים לערנען.

אין אַלע זיינע לערן־מעטאָדן און קולטור־פּאָדערונגען איז ער דורכאויס געווען דורכגעדרונגען מיטן מעכטיקן ווילן צו טראָגן ליכט אין די מאַסן, צו דערציען זיי אין גייסט פון שלום, זיכערקייט, פאַרשטענדעניש און ברידערלעכקייט.

אויף דער עלטער, ווען ער האָט געהאַט געלעבט און געאַרבעט אין אַמסטערדאַם, האָט ער ענדלעך דערלעבט דעם סוף פון גרויזאַמען און שווערן דרייסיק־יאָריקן קריג. ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט נאָך די לאַנגע און שווערע וואַנדער־יאָרן. ער האָט זיך מיט פאַרשטאַרקטער התמדה אָפּ־געגעבן מיט זיין גייסטיקער אַרבעט. ער האָט פאַרלייגט קולטור־פונדאַ־מענטן פאַר דעם געהאָפטן פרידלעכן אויפבוי.

אָבער פּלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער פּאָליטישער סכסוך צווישן האָלאַנד און ענגלאַנד און עס איז אַנטשטאַנען אַן ערנסטע געפאַר עס זאָל אויפפלאַקערן אַ נייע מלחמה.

דער אַלטער קאָמעניוס איז געווען שטאַרק פאַרדאגהט און אויפגעע־בראַכט, און ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז אויף פראַנצויזישע, דענישע און שוועדישע מלוכה־טוער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו געפינען אַ וועג צו אַ פשרה און צו שלום צווישן האָלאַנד און ענגלאַנד, האָט ער זיך צו זיי געווענדט מיט אַ פלאַמיקן רוף, אַז זיי זאָלן אַלץ טאָן וואָס עס איז אין זייערע כוחות צו דערשלאָגן זיך אַ פרידלעכן אויסוועג, ווייל אויב זיי זאָלן חלילה ניט מצליח זיין, וועלן זיי ברענגען דערצו, אַז אַלע שלום־ליבנדיקע פעלקער זאָלן „וויינען צוקוקנדיק זיך צו די חרובע שטעט, פאַרצוימטע וועגן, צעשטערטע אָפּמאַכן, פאַרצווייפלטע מענטשן און דער מידער שרייענדיקער ערד״.

אַזוי האָט קאָמעניוס באַהעפט און פאַראייניקט זיין גרויסע דערציערישע אַרבעט מיטן קאַמף פאַר שלום און פאַרן גליק פון דער מענטשהייט.

דעריבער איז אַזוי געלונגען און פּאַסיק, וואָס זיין נאָמען איז געוואָרן אַ סימבאָל פון שלום, מענטשן־ברודערשאַפט און פּראָגרעסיווער פאָלקס־דערציאונג. עס איז אַזוי נאַטירלעך, וואָס זיין 375סטער געבוירנטאָג ווערט

געפּייערט דורך די שלום־קעמפּער אין דער גאַנצער וועלט און וואָס דאָס יאָר 1957 איז דערקלערט געוואָרן אַלס קאָמעניוס־יאָר, אַ יאָר פון פאַר־שטאַרקטער אַרבעט פאַרן שלום און פאַר פריינטשאַפטלעכע קאָנטאַקטן צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט.

זאָל זיין נאָמען טאָפּלט געאַכפּערט און דערהויבן ווערן אין די איצ־טיקע קריטישע טעג, וועלכע עס לעבט איבער די דעמאָקראַטיע און נאַ־ציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק.

זאָלן זיינע טיפזיניקע און העכסט מאָראַלישע אָנווייזונגען וועגן דער דערציאונג פון דער פאָלקס־יוגנט ווירקן אויפפרישנדיק און מוטיקנדיק אויף די עלטערן און לערער אין גאָר דער וועלט און העלפן זיי היילן די וווּנדן וואָס אונדזער שווערע צייט האָט פאַרשאַפן דעם אויפקומענדיקן דור יוגנט.

אַלעקסאַנדער ראַדישטשעוו

אַלעקסאַנדער ראַדישטשעוו איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1749 אין דער משפּחה פון אַ פעאָדאַלן גוטבאַזיצער אין אַ דאָרף ניט ווייט פון מאָסקווע, און אַלס קינד איז ער געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע, וווּ ער האָט באַקומען, ווי אַנדערע אַדעליקע קינדער פון יענער צייט, זיין ביל־דונג אויף אַ פּריוואַטן אופן ביי די פּראָפעסאָרן פון דעם נאָך גאַנץ יונגן מאָסקווער אוניווערסיטעט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1755 דורך דעם באַרימטן רוסישן געלערנטן, פאָרשער און דיכטער מיכאַאיל לאָמאָנאָסאָוו.

נאָך אַלס קינד איז ראַדישטשעוו אַריינגעבראַכט געוואָרן אין קעניג־לעכן הויף, וווּ ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס ערן־דינער (פּאַזש) אין

דער סוויטע פון דער קייזערין יעקאַטערינאַ דער צווייטער. מיט פיר יאָר שפּעטער איז ער געשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע בחורים פון אַדעליקע משפּחות קיין לייפּציק מיטן צוועק אויסצובילדן זיך אין דעם דעמאָלטיקן צענטער פון דייטשישער וויסנשאַפט פאַרן ווייטערדיקן מלוכהשן דינסט דעם צאַריזם.

שוין איידער ער האָט פאַרלאָזן זיין פאַרשקלאַפּט פאָטערלאַנד האָט ער איבערגעלעבט די שטורמישע פּויערים־אומרוען, וואָס האָבן אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד ערב דעם גרויסן פּוגאַטשאָוו־אויפשטאַנד פון יאָר 1773.

אין יאָר 1771 האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּעטערבורג, אָנגעזעטיקט מיט גרינטלעכע ידיעות אין געשיכטע, קלאַסישער און נייער ליטעראַטור און שפּראַכן, ער האָט אָבער מיטגעבראַכט מיט זיך אויך דאָס נייע אויפּ־פרישנדיקע ליכט, מיט וועלכן עס איז געווען באַהויכט דעמלט מערב־אייראָפּע אונטערן גרויסן איינפלוס פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן.

ער איז געווען איצט אַ נייער מענטש און ער האָט קלאָר געזען דעם צער און עלנט פון די מאַסן פון זיין פאָלק. ער האָט זיך לחלוטין אָפּגע־זאָגט פון מלוכהשער אַרבעט, האָט געטראָגן אין האַרצן שנאה צום צאַריזם, וואָס האָט אַריינגעשטאָכן זיינע בלוטיקע נעגל אין דעם פאָלקס־קערפּער, און ניט ווייניקער פון דעם האָט ער פיינט געקראָגן דעם קלאַס פון די אַדעליקע גוטבאַזיצער — פעאָדאַלן, פון וועלכן ער האָט געשטאַמט און וועלכע האָבן געלעבט אַ לוקסוס־לעבן אויפן חשבון פון די אָרעמע און פאַרשקלאַפּטע פּויערים.

ער האָט אָנגענומען אַ באַשיידענע שטעלע אין פּעטערבורגער צאָל־אַמט, און גראָד האָט די דאָזיקע שטעלע אים געגעבן די מעגלעכקייט צו לאָזן ברענגען זיך פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד דורך די שיפן, וועלכע פלעגן אָנקומען אין די וואַסערן פון באַלטישן ים, נייע אויפקלערנדיקע און באַלערנדיקע ביכער, וועלכע האָבן געשפּייזט זיין גייסט.

אַלעקסאַנדער ראַדישטשעוו איז אָבער ניט נאָר געווען געבילדעט, נאָר האָט אָנגעהויבן אויסדריקן זיינע געדאַנקען אין דער פאָרם פון אַר־טיקלען און ביכער. און שוין אין יאָר 1790 האָט ער אָנגעשריבן זיין

היסטאָרישן און וועלט־באַרימטן בוך „אַ רייזע פון פעטערבורג קיין מאָסקווע״, וועלכער האָט אים פאַרשאַפן דעם נאָמען פון אַ פּיאָנער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור.

קענענדיק גוט די שווערע האַנט, וואָס די קייזערין יעקאַטערינאַ די צווייטע האָט אַרויפגעלייגט אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און די שווערע באַדינגונגען פון דער צענזור, וואָס זי האָט איינגעפירט, האָט ער באַשלאָסן אויסצודריקן זיינע פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע אידייען אין דער פאָרם פון אַ רייזע איבערן לאַנד. ער דערציילט ווי ער פאָרט כלומרשט מיט די פּאָסט־פערד (עס איז דעמלט נאָך ניט געווען קיין אייזנבאַן אין רוסלאַנד) פון פעטערבורג קיין מאָסקווע, שטעלט זיך אין וועג אָפּ נעבכטיקן אין פאַרשיידענע אַכסניות, באַגעגנט זיך מיט פאַרשיי־דענע באַעוולטע מענטשן, קוקט זיך צו צום לעבנסשטייגער, געפינט פאַר־שיידענע פּאַפּירן פון אומבאַקאַנטע מחברים, זעט כלערליי אויסטערלישע וויזיעס און חלומות — און אויף דעם דאָזיקן שטייגער ברענגט ער אַרויס אין אַ פּאָפּולערער און גלייכצייטיק אויך פילאָזאָפיש־אויפקלערע־רישער שפּראַך סאָציאַלע און עטישע געדאַנקען, וועלכע זיינען געווען ניי אין זיין צייט. ער שאַפט אויך אַ נייעם ליטעראַרישן סטיל אין דער רוסישער שפּראַך און שרייבט אויך לירישע לידער, צום ערשטן מאָל געשריבענע מיטן מאַגיטאַנישן ריטם אַזוי, אַז דער שפּעטערדיקער גרוי־סער רוסישער דיכטער פּושקין שטיצט זיך אויף אים ווי אויף זיין לערער אין פּאָעטישן שאַפן.

כדי צו דרוקן זיין בוך „אַ רייזע פון פעטערבורג קיין מאָסקווע״, האָט ראַדישטשעוו געגרינדעט ביי זיך אין דער היים אַ פּריוואַטע דרוק־קעריי, האָט אָפּגעדרוקט דאָס בוך און צוגעשטעלט דעם צענזור־קאָמיטעט. זיין השערה האָט זיך באַשטעטיקט: דער טעמפּער און פוילער קייזערלע־כער צענזאָר האָט דעם בוך כלל ניט געלייענט און האָט געאורטיילט נאָר נאָך זיין נאָמען. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ לייכטער שפּאַנענדיקער דערציילונג, ווי מען פלעגט זיי שרייבן דאָס רוב אין יענע צייטן, און ער האָט דערלויבט צו פאַרשפּרייטן דעם בוך.

די ערשטע 200 עקזעמפּלאַרן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן די פּע־

טערבורגער בוכהענדלער און זיינען צעכאַפּט געוואָרן דורך די לייענער. איינער פון זיי איז צוגעשטעלט געוואָרן, ווי דער שטייגער איז געווען, אויך אין דער הויף־ביבליאָטעק, און אין איינער פון אירע שלאָפלאָזע נעכט האָט יעקאַטערינאַ די צווייטע געלייענט ראַדישטשעווס „רייזע פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע" און איז ממש אויפגעבראַכט און פאַרציטערט געוואָרן פון דעם רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון בוך. איידער עס האָט נאָך געטאָגט, האָט זי אַרויסגערופן צו זיך אין גרויס בהלה דעם קאָמענדאַנט פון הויף און האָט באַפוילן אויפצוזאַמלען אַלע עקזעמפּלאַרן פון דעם „טריפהנעם" בוך און פאַרברענען זיי עפנטלעך אין גאַס און דעם מחבר אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

אַלעקסאַנדער ראַדישטשעוו איז יענעם פרימאָרגן אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין פאַמיליע, פון זיין פרוי און דריי קליינע קינדער, איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ פינצטערן קאַזעמאַט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג און האָט געוואַרט אויף דער אויספירונג פון דעם גרויזאַמען אורטייל פון דער קייסערין, וועלכער איז מיט שקלאַפישער אונטערטעניקייט באַשטעטיקט געוואָרן אויך דורכן סענאַט.

אין יענער צייט איז אָבער גראַד געשלאָסן געוואָרן אַ שלום־אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און שוועדן און דער קייסערין איז אָפּגעגאַנגען אַ ביסל איר גרימצאָרן. זי האָט באַשלאָסן צו „פאַראייניקן גערעכטיקייט מיט רחמנות". זי האָט פאַרביטן ראַדישטשעוון דעם טויט־אורטייל אויף באַרויבן אַלע בירגערלעכע רעכטן און פאַרשיקן אויף צען יאָר אין אַ ווייטער וויסטער סיבירער געגנט — אין אילימסקער טורמע. אַ קראַנקער, אין באַגלייטונג פון זיין פרוי און קליינע קינדער, איז ער אַרויסגעפירט געוואָרן נאָך שווערע און לאַנגע עינויים פון דער פעסטונג אין ווייטן שווערן וועג.

זיצנדיק אין אילימסקער טורמע איז ער געבליבן טריי זיינע רעוואָלוציאָנערע אידייען, האָט דאָרטן דערצויגן אין זיין גייסט זיינע קינדער און, אַרויסגייענדיק יעדן טאָג אין באַגלייטונג פון אַ וועכטער אין נאָענטן דאָרף אַריין, האָט ער די פויערישע קינדער פלייסיק געלערנט לייענען און שרייבן און האָט אויך אויסגענוצט זיינע מעדיצינישע קענטעניש,

כדי צו היילן די אָרעמע און פון דער וועלט אָפּגעשניטענע קראַנקע פון דאָרף.

נאָך פיר יאָר פון אַ געמאַטערטן לעבן, האָט דער נייער רוסישער קייסער פּאַוועל, וועלכער איז אַרויף אויפן טראָן אין יאָר 1796, נאָכן טויט פון יעקאַטערינאַ דער צווייטער, אים באַגנעדיקט.

ער האָט זיך אומגעקערט קיין פּעטערבורג אַ מידער און קראַנקער, אָבער אַ גייסטיק פאַרהאַרטעוועטער און געטריי זיינע אידעען. ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און איז געשטאַנען אַלס פאַראיינזאַמטער יחיד אין אַ שווערן געראַנגל מיט דער ביוראָקראַטישער קליקע און מיט די בלינדע צאַרישע קנעכט אין דער הויפּטשטאָט.

ער האָט געפירט זיין אידייאישן קאַמף ביז עס האָבן זיך געענדיקט זיינע כוחות און ער איז אַוועק, אַלס פּראָטעסט, פון לעבן.

ער האָט אין דער ביטערער מינוט פון זיין לעבן דערפילט די צוואה, וועלכע עס האָט לויט זיין שילדערונג אין דער „רייזע פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע" איבערגעלאָזט דער אַדעליקער פון דאָרף קריסטצי זיינע קינ־דער בעת זייער צעשיידונג: „אויב איך וועט ניט בלייבן קיין אויסזיכט צו טאָן גוטס אויף דער ערד, אויב איר וועט דערגיין ביז דער העכסטער גרעניץ און איר וועט ניט געפינען קיין אויסוועג פון דערשלאָגנקייט — געדענקט אין יענעם מאָמענט, אַז איר זענט מענטשן, געדענקט אייער פּראַכט, זייט שטאָלץ מיט דער קרוין פון גליק, וואָס מען וויל ביי אייך אַוועקרויבן — און שטאַרבט".

און זיינע לעצטע ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן נביאיש:

„דער קומענדיקער דור וועט זיך פאַר מיר אָפּרעכענען".

אומעטום ווערט דער אָנדענק פון אַלעקסאַנדער ראַדישטשעוון געערט און געהייליקט. עס ווערן אים געשטעלט דענקמעלער. זיינע ווערק ווערן מאַסנהאַפט געלייענט און גילטן אַלס דערציאונגס־מאַטעריאַל פאַר דער יוגנט.

די „רייזע פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע" איז איבערגעזעצט גע־וואָרן אין פאַרשיידענע קולטור־שפּראַכן, דערונטער אויך דורך מיר פּערזענלעך אין העברעאיש. עס איז אויך נייטיק, אַז די יידיש־לייענער

זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם שאַפן פון דעם אומ־שטערבלעכן רוסישן פּיאָנערישן דענקער און קעמפער.

פון זיי לייכטן אַרויס אין פּילצאָליקעביישפּילן פון דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט די ליידן פון פאַרקנעכטעטן פאָלק און דער שטרעבן צו פאָלקס־דעמאָקראַטיע און פרייהייט. זיי צייכענען אָן וועגן פאַר אַ בעסערער צוקונפט פאַר זיין פאָלק, פאַר דער מענטשהייט. צו אַזאַ צוקונפט דאַרף דער מענטש זיך נענטערן, זיך טאָג־טעגלעך דערציען — זאָגט ראַדישטשעוו — דורך טאָן גוטס פאַר זיינע מיטמענטשן און דורך טאָן דאָס מעגלעכע, אַז עס זאָלן זיך עפענען די בלינדע אויגן פון די מלוכה־פירער און אַז זיי זאָלן זיך דער־וועקן אָפּצושאַפן דאָס שלעכטס פון דער וועלט.



משה (מאָריץ) העס

משה (מאָריץ) העס איז געבוירן געוואָרן אין באָן (דייטשלאַנד) דעם 21סטן יאַנואַר 1812. ער האָט געשטאַמט פון אַ טראַדיציאָנעלער יידישער פאַמיליע פון פוילן, וועלכע האָט מיט דריי דורות פאַר אים איבערגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד. זיין זיידע איז געווען דער אין זיין צייט גוט באַקאַנטער מאַנהיימער רב ר׳ טבלי העס און זיין זיידע איז געווען דער למדן און ירא־שמים רבי נתן העס אין באָן, וועלכער איז שוין געווען צום טייל באַהויכט מיט דעם גייסט פון דער מערבדיקער השכלה.

אין משה העס׳ קינדער־יאָרן איז זיין פאָטער אַריבערגעפאָרן מיט דער משפחה אין דער נאָענטער שטאָט קעלן מיט איר אַלט־געזעסענעם יידישן ישוב, ווו ער האָט געגרינדעט אַ צוקער־פאַבריק. דאָס קינד משה איז

אָבער געבליבן אויך אויף ווייטער אין הויז פון זיין זיידן אין באָן, ווו ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג. דער זיידע האָט מיט אים פלייסיק געלערנט תנ״ך און תלמוד און אים אויך אַריינגעפירט אין די אוצרות פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע משה העס האָט נישט פאַר־געסן אויך בשעת זיינע לאַנגיאָריקע וואַנדלונגען, וועלכע ער האָט דורכ־געמאַכט.

ער דערציילט שפּעטער: „ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דער זיידע געלייענט אונדז מעשיות וועגן די ליידן פון יידישן פאָלק, און איבער דער שניי־ווייסער באָרד פון דעם ערנסטן אַלטן פלעגן זיך קייקלען ביטערע טרערן ווען ער האָט געהאַט דערציילט ווי די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער אייגענעם לאַנד. אין מיין זכרון האָט זיך מער פון אַלץ איינגע־קריצט די געשטאַלט פון דער מוטער רחל, וואָס שטייט אויף פון איר קבר און באַוויינט אירע פאַרטריבענע קינדער״.

ניט אויף אַ לאַנגער צייט האָט זיך משה העס איינגעשלאָסן אין דעם קרייז פון ריין־יידישע לימודים. ער איז פרי אַריין אין דער דייטשישער קולטור־וועלט, און צו 18 יאָר איז ער שוין אויפגענומען געוואָרן אַלס סטודענט אין דער באָנער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט שטודירט פילאָזאָ־פיע. אין יענער צייט האָט ער זיך באַקענט מיט די קלאַסישע ווערק פון דער וועלט־וויסנשאַפט און מיט די וויכטיקסטע גרונט־ווערק פון דער פילאָ־זאָפישער וויסנשאַפט פון זיין צייט.

קאַרל מאַרקס איז געווען מיט זעקס יאָר יינגער פון העסן. ער האָט אויך שטודירט מיט אַ קורצער צייט שפּעטער אין דער זעלביקער באָנער אוניווערסיטעט. ער האָט אָבער נישט אָנגעהויבן מיטן שטודיום פון פילאָ־זאָפיע, ווי העס, נאָר מיט רעכט־וויסנשאַפט און עקאָנאָמיק. ערשט נאָכן פאַרענדיקן זיינע לימודים אין באָן, האָט ער זיך פאַרפולקאָמט אין געשיכטע און פילאָזאָפיע אויפן בערלינער אוניווערסיטעט.

משה העס איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד און האָט געשמט אַלס „דער ערשטער דייטשי־שער קאָמוניסט״. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע וואַנדלונגען און קאַמפן פון דער באַוועגונג, אירע קריזיסן און רדיפות. אויך זיין צוגאַנג צו דער יידי־

שער פראַגע, אויף וועלכער ער האָט פון צייט צו צייט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע וואַנדלונגען און איז אַ לאַנגע צייט ניט אַרויס פון דער ראַם פון אַ רעליגיעזן און מעטאַפיזישן צוגאַנג.

אין העס׳ בריוו צו זיין יוגנט־פריינד מ. לוי פון אָנפאַנג אַפּריל 1831, געפינען מיר די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע באַהויפּטונג: „...מען לעבט זיך אויס גאָטפעליק, ווען מען נעמט זיך גאָטס לעבן אַלס אַ פאָרבילד. זיין לעבן... איז די אייביקע העכסטע ליבע, די אייביקע העכסטע גערעכ־טיקייט...״

לויט דער שפּעטערדיקער דערציילונג פון זיין פרוי סיבילאַ איז העס אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער באָנער אוניווערסיטעט אין יאָר 1840 פאַר אַ ווערק איבער סאָציאַליזם, וואָס ער האָט געהאַט געשריבן, אָבער אַזאַ מאַנוסקריפּט איז ניט געפונען געוואָרן צווישן זיינע פּאַפּירן. מיר ווייסן נאָר, אַז אין באָן האָט פאַרבראַכט אַ קורצע צייט, אין די יאָרן 1835—1836, אויך דער יונגער קאַרל מאַרקס. עס זיינען אָבער ניטאָ קיין באַווייזן, אַז שוין דעמלט האָט זיך מיט אים משה העס פּערזענלעך באַקענט.

זיכער איז, אַז העס האָט זיך באַקענט מיט מאַרקסן וויניקסטנס אין יאָר 1841 בשעת זייער בשותפותדיקער אַרבעט אין דער „ריינישער צייַ־טונג״ און אַז זינט דער ערשטער באַקאַנטשאַפט זייערער האָט זיך געלאָזט בולט באַמערקן דער גרינטלעכער אונטערשייד פון זייער כאַראַקטארן און אַרבעט־מעטאָדן.

ניט קוקנדיק אויף מאַרקס׳ יונגקייט — ער איז געווען ייִנגער פון העסן מיט 6 יאָר — האָט העס דערשפּירט שוין בשעת זיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים זיין גרויסע שאַפונגס־קראַפט און די טיפקייט פון זיין פילאָזאָפישן דענקען, און אין זיין בריוו צו בערטאָלד אויערבאַכן פון 2טן סעפּטעמבער 1841 שרייבט שוין העס: „דו קענסט האָפן, אַז דו וועסט זיך באַקענען מיט דעם גרעסטן אין דער פילאָזאָפיע פון אונדזער צייט... ער איז נאָך זייער יונג און ער וועט דערלאַנגען דער מיטלאַלטערלעכער רעליגיע און פילאָ־זאָפיע דעם לעצטן דעצידירנדיקן קלאַפּ. אין זיין גייסט האָבן זיך באַהעפט צוזאַמען דאָס העכסטע ערנסטע און פאַרטיפטע שטודיום מיט דעם העכסטן שאַרפזין״.

בשעת זיין אַרבעט אין דער „ריינישער צייטונג״ האָט זיך משה העס געטראָפן אין יאָר 1842 צום ערשטן מאָל אויך מיט פרידריך ענגעלסן און האָט מיט אים פון דאַן אָן מיטגעאַרבעט אַ לענגערע צייט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און פּאָליטישע קאָניונקטורן.

ווי באַוווּסט, איז משה העס צענדליקער יאָרן געווען טעטיק פּאָליטיש און ליטעראַריש, געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די דייטשישע אַרבעטער־מאַסן און אינטעליגענץ און איז געווען שטאַרק פאַרפאָלגט דורך די רעאַקציאָנערע דייטשישע רעגירונגען.

די לאַנגיאָריקע און פילזייטיקע טעטיקייט פון משה העס אויף דער אַלגעמיינער פּאָליטישער אַרענע איז דורך מיר און דורך אַ ריי אַנדערע מחברים אויספירלעך באַשריבן געוואָרן.*

אין דער ראַם פון דער איצטיקער כאַראַקטעריסטיק שטעלן מיר זיך אָפּ קודם־כל אויפן שפּעטערדיקן עטאַפּ פון משה העס׳ לעבן און שאַפן — אויף דער צייט, ווען ער האָט זיך באַוווּסטזיניק און שעפעריש אומגעקערט צו זיין פאָלק און צו אַקטיווער אַרבעט פאַר זיין צוקונפט.

*

אָפט קען זיך באמת אויסדוכטן, אַז עס האָבן געלעבט, געטראַכט און געווירקט צוויי פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן: משה העס — דער דייטשישער קאָמוניסט און שרייבער, און משה העס — דער ייד און דער פיאָנערישער דענקער און טוער פאַר דער צוקונפט פון זיין פאָלק.

פאַרלאָזנדיק פרי זיין יידישע היים און פאַרטיפנדיק זיך מיט זיין דינאַמישן כאַראַקטער אין דער אַרומיקער דייטשישער קולטור־סביבה מיט אירע פּראָבלעמען, הערן אים ניט אויף צו אינטערעסירן די פּראָבלעמען פון יידישער עמאַנציפּאַציע, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געשלאָגן אין יענער

---

* זע מיין גרעסערע אַרבעט: משה (מאָריץ) העס (דער מענטש און דער ייד). איקוף־זאַמלבוך 1967, ז״ז 212—251. איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק.

צייט יידישע דענקער און כלל־טוער פון פאַרשיידענע שאַטירונגען אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד.

צווישן דעם יאָר 1837, ווען משה העס האָט געהאַט געשריבן זיין „היי־ליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט" ביז צום יאָר 1862, ווען ער האָט געשריבן „רוים און ירושלים" מיט זיין גרינטלעכער רעוויזיע פון יידישן פּראָבלעם און מיט דער אָנווייזונג פון פּאָזיטיווע וועגן צו זיין לייזונג, האָט זיך ניט נאָר אומאויפהערלעך געלייטערט און פאַרטיפט העס' צוגאַנג צו היסטאָרישע דערשיינונגען. עס האָט זיך פיל מער געענדערט זיין גאַנצע אָריענטאַציע אין דער אַרומיקער סביבה. זיין אַקטיווע באַטייליקונג אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג פון זיין צייט האָלט, אמת, אָן גאַנצע צען יאָר נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון זיין „רוים און ירושלים", אָבער די סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יענער גרויסער איבערגאַנגס־צייט אין לעבן פון די פעלקער בכלל און אין לעבן פון די יידישע מאַסן נאָכן איינברעכן די מויערן פון געטאָ בפרט, האָבן ביים פילבאַרן און דינאַמישן דענקער געמוזט אַרויסרופן גרינטלעכע איבערראַשונגען פון דעם יידישן פּראָבלעם.

זינט דעם בלוטיקן בלבול אויף דער יידישער געמיינדע אין דמשק אין יאָר 1840 האָט ער געטראָגן אַ טיפע וווּנד אין זיין האַרצן. ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אַלס מענטש און אַלס ייד. אויב ער האָט אָבער דאָ נאָך געהאַט געזוכט אַן אויסוועג און אַ טרייסט אין דער פולער עמאַנצי־פּאַציע פון יידן, וואָס וועט קומען, האָט זיך זיין נאַציאָנאַלער זעלבסטגעפיל און שטאָלץ אין אים אָן אויפהער געוועקט דורך די באַפרייאונגס־באַוועגונגען, וואָס האָבן אין זיין צייט אויפגעפלאַקערט מיט אַ סטיכישער לעבנס־קראַפט אין דרום־אייראָפּע — אין איטאַליע, גריכנלאַנד און בולגאַ־ריע. די פעלקער האָבן זיך דערוועקט, כדי צו באַפרייען זייערע היסטאָרישע היימלענדער פון פרעמדער הערשאַפט, און, דערמאָנענדיק זיך איצט מיט אַ נייער קראַפט אָן דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט פון זיין פאָלק און די נאַציאָנאַלע קולטורעלע ווערטן, וועלכע ער האָט געשאַפן, דערוועקט זיך אין אים די אידייע צו זען אויך זיין פאָלק פריי און זעלבשטענדיק אין זיין היסטאָרישן טעריטאָריאַלן צענטער. אָנשטאָט די אויסגעלעבטע אַסימי־

לאַטאַרישע טענדענצן, ברוויזט אין אים, פונקט ווי אין די נאַציאָנאַלע פריי־הייסט־קעמפּער פון זיין צייט, אַ גייסט פון נאַציאָנאַלער רענעסאַנס.

אין זיין אַריינפיר צו „רוים און ירושלים" רופט אויס משה העס: „ניט אומזיסט האָט זיך דאָס יידישע פאָלק געראַנגלט שוין צוויי טויזנט יאָר מיט די שטורעמס פון דער צייט, וועלכע זיינען איבער אים אויסגעבראָכן, און פון אַלע עקן וועלט, וווהין עס האָט אים פאַרשלעפּט דער שטראָם פון צופאַל, האָט אים זיין גייסט געצויגן נאָר קיין ירושלים און אַהין איז געווענדט זיין האַרץ ביז צום היינטיקן טאָג".

מיט אַן אויסערגעוויינלעכער האַרציקייט צייכנט זיך אויס משה העס' רוף צום סוף פון זיין „רוים און ירושלים": „ווען איך וואָלט געקענט גיין צו יענע מיליאָנען פון מיינע געטרייע ברידער און אויסשרייען פאַר זיי: הייב אויף הויך דיין פאָן, מיין פאָלק! אין דיר זיינען קאָנסערווירט די לעבעדיקע עלעמענטן, וואָס זייער זאַפט האָט זיך ניט אויסגעוועפּט און וועלכע זיינען געשלאָפן ווי די קאָרן־זוימען אין די קברים פון די געפּאַל־מעסטע עגיפּטער, וואָס זיינען געווען פאַרזונקען אין שלומער טויזנטער יאָרן, האָבן אָבער ניט פאַרלוירן די פעאיקייט פון אויפשפּראָצן און וועלכע וועלן באַלד צייטיקן ברויט, ווען עס וועט זיך אויפשפּאַלטן די האַרטע שאָלעכץ, אין וועלכער זיי זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן, ווען זיי וועלן פאַרזייט ווערן אויפן קולטור־באָדן פון דער קעגנוואַרט אין אַן אָרט פון ליכט, לופט און הימל־טוי. אויך זיי וועלן זייערס ביישטראָגן צו דער פולער אויפלעבונג".

„די ליבע צום פאָטערלאַנד איז נאָך ניט געשטאָרבן אויך ביי דעם קולטורעלן יידן — זאָגט איצט משה העס אין זיין „רוים און ירושלים" — און זי נייטיקט זיך נאָר אין אַ קליינער דערוועקונג, כדי זי זאָל אָננעמען רעאַלע פאָרמען און רופן צו מעשים. און עס איז קיין ספק ניט, אַז פון איצט אָן וועלן אויך צווישן די קולטורעלע יידן אויפשטיין פּראַקטישע מענטשן, וועלכע וועלן זיך דערוועקן צו אַרבעטן פאַר אונדזער פּאָליטישער אויפלעבונג אין לאַנד פון אונדזערע עלטערן, פונקט ווי ביי אונדז זיינען אויפגעשטאַנען אין אַנדערע צייטן מיטהעלפער פאַר אונדזער בירגערלעכער פרייהייט אין אַנדערע לענדער".

„צו דער צאָל פאַר טויט געדעכנטע פעלקער — זאָגט ער ווייטער — געהערט אויך דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט ניט אומזיסט געקעמפט אין משך פון צוויי טויזנט יאָר קעגן די שטורעמס פון דער וועלט־געשיכטע... מיט דעם זיכערן ראַסן־אינסטינקט פון זיין קולטור־היסטאָרישער מיסיע, וואָס באַשטייט פון דער אחדות פון דער וועלט און די מענטשן אין זייער פאַרברידערונג — מיט דעם דאָזיקן אינסטינקט האָט דאָס פאָלק דער־האַלטן זיין נאַציאָנאַליטעט און זיין רעליגיע, און האָט זיי ביידע פאַרבונדן מיט דעם לאַנד פון זיינע אָבות".

און פון דעם קומט ער איצט צו צו זיינע סאָציאַל־היסטאָרישע אויס־פירן: „די נאַציאָנאַליטעט דאַרף זיך פאַראייניהייטלעכן, צענטראַליזירן, אויסברייטערן איר ווירקונג. דאַן ערשט וועט זי ווערן אַ שטופּע אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַליזם. די פעלקער און ראַסן דאַרפן זיך באַפרייען, דערנענטערן און סאָלידאַריזירן זיך אין זייער מיטאַרבעט. מיט דער פאַרשווינדונג פון ראַסן־אַנטאַגאָניזם הערט אויך אויף דער קלאַסן־קאַמף, די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע סאָציאַלע קלאַסן וועט קומען ערשט נאָך דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע ראַסן".

*

אויף זיין נייעם יידישן פראָנט איז משה העס פון איצט אָן טעטיק ליטעראַריש און פּראַקטיש.

אין יאָר 1865 האָט ער געגרינדעט, מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג און אונטערשטיצונג פון אַלבערט כהן, אַדאָלף קרעמיע, ראַדריגעז, מונק און אַלפאָנס דע ראָטשילד די Société scientifique et littéraire israélite וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אַרויסצוגעבן ליטעראַטור וועגן יידישער געשיכטע און קולטור אין פראַנצויזיש, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען צום אויסדרוק די טעטיקייט פון דער „אַליאַנס" אויפן קולטור־רעלן און וויסנשאַפטלעכן געביט. „עס האַנדלט זיך — האָט העס גע־שריבן אין פּראָגראַם פון דער קולטור־געזעלשאַפט — וועגן ממשיך זיין די קייט פון יידישע טראַדיציעס, וואָס זאָל ווייטער פאַרבינדן די פאַר־גאַנגענהייט מיט דער צוקונפט".

אלס איינע פון אירע ערשטע און באַזונדער חשובֿע אויפֿגאַבן האָט די געגרינדעטע געזעלשאַפֿט באַדאַרפֿט אַרויסגעבן לויט העס׳ פֿאָר־שלאָג, אַ פּראָגראַמאַטישע באַאַרבעטונג פֿון גרעצס יידישער געשיכטע, אין וועלכער ער, העס, האָט געזען איינעם פֿון די עפֿעקטיווסטע מיטלען פֿון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

העס׳ אומקער צו יידישע פּראָבלעמען האָט געווירקט אויך צום גרויסן טייל אויף דער ריכטונג פֿון זיין ליטעראַרישער אַרבעט. עס פֿאַרנעמען אין איר פֿון איצט אָן אַ קאָנטיקן אָרט יידישע טעמעס און אַפֿילו יודאַיסטישע פֿאָרשונגען. אין דעם לעצטן עטאַפּ פֿון זיין לעבן לעבט אויף די אויסגע־בענקטע לומדות פֿון זיין יוגנט. ער שרייבט אויך העברעאיש, ער דער־נענטערט זיך גאַנץ באַזונדער צו די קרייזן פֿון דער „אַליאַנס איזראַעליט״ און באַטייליקט זיך מיט זיינע אַרטיקלען אין זייער צייטשריפֿט. דערמיט באַגרעניצט זיך אָבער ניט זיין קאָנטאַקט מיט דער „אַליאַנס״, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1860 און איז געשטאַנען אין דער יוגנט־תקופֿה פֿון איר אַרבעט, מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפֿירט אַקטיווע יידישע טוער ווי קאַרל נעטער און נאַרצים לעוון. ער האָט אונטערהאַנדלט מיט די טוער פֿון דער „אַליאַנס״ וועגן פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל און האָט אויסגעאַרבעט פֿאַרשיידענע פֿאָרשלאָגן.

אין יענער צייט האָט זיך דערוועקט צו פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל דער רב יוסף נאַטונעק. ער האָט אויפֿגערופֿן באַראַטונגען און האָט געפֿירט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן וועגן פֿראַגן פֿון קאָלאָניזאַציע. ער האָט זיך אָפּגערופֿן מיט באַגייסטע־רונג — אויף העס׳ „רום און ירושלים״ און האָט מיט אים פֿאַרבונדן אַ קאָ־רעספּאָנדענץ. דערנאָך איז ער געקומען קיין פּאַריז, האָט קאָנסולטירט מיט העסן זיינע פֿאָרשלאָגן, איידער ער האָט ווינטער 1867 דערלאַנגט זיין קאָלאָניזאַציע־פּלאַן צו אַדאָלף קרעמיע, פּאָרזיצער פֿון דער „אַליאַנס״.

ג. קרעסעל, אין זיינע ביאָגראַפֿישע פֿאָרשונגען וועגן משה העס, זאָגט אַרויס די השערה, אַז די קאָלאָניזאַטאָרישע געדאַנקען פֿון משה העס און יוסף נאַטונעק, מיט וועלכע עס האָבן זיך זיכער באַקענט די טוער פֿון דער „אַליאַנס״, האָבן דירעקט געפֿירט צו דער פֿאָרשונגס־רייזע,

וועלכע קאַרל נעטער האָט אונטערגענומען קיין ארץ־ישראל צום סוף פון די זעכציקער יאָרן און צו דער גרינדונג פון דער ערשטער אַגראָנאָמישער שולע אין מקוה ישראל דורך קאַרל נעטער אין יאָר 1870.

אין זיינעם אַ בריוו פון 15טן יאַנואַר 1869 רופט העס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט צו אַרבעטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון ערדאַרבעט און אינדוסטריע צווישן יידן אין ארץ־ישראל און ער זעט אין דעם אַ גע־באָט פון דער צייט און די פאַרווירקלעכונג פון די נביאישע משיח־אַנזאָגן. ער זעט איין אין דער פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אויך אַ האַר־מאָנישן קאָנטאַקט מיט די דערהויבענע אידעאַלן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע דאַרפן ניט בלייבן בלויז געשריבן אויף די פאָנען. „די געזונטמאַכונג פון יידישן לעבן אין ארץ־ישראל — גיט העס ווייטער צו — וועט זיך במילא אויסשטראַלן אויך אויפן יידישן לעבן אומעטום".

ווען משה העס האָט, ווי ער זאָגט אָפן אין אַנהייב פון זיין „רוים און ירושלים", זיך אומגעקערט צו זיצן צווישן זיין פאָלק און צו באַטייליקן זיך אין זיינע פריידן און ליידן, האָט ער געבראַכט מיט זיך די סאָציאַליס־טישע אידייע מיט דער כוונה צו פאַרפלאַנצן זי אויפן יידישן באָדן. דעם דאָזיקן באָדן האָט ער איצט ערנסט געזוכט און געגלייבט, אַז ער האָט אים געפונען, הגם דאָס געפונענע בלייבט ביי אים נאָך גענוג נעפּלדיק און אומקלאָר.

ווי זיין סאָציאַליזם איז געווען פריער אָפטמאָל פאַרשלייערט מיט רעשטן פון מעטאַפיזיק, אַזוי בלייבט איצט אויך זיין יידישער נאַציאָנאַ־ליזם פאַרשלייערט מיט רעליגיעזע וויזיעס און זיין צוקונפט־וועלט איז אַ מין סינטעז פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און פון נביאישן אחרית־הימים.

איצט שטעלט ער זיך שוין מער פאַר קיין פאַל ניט צופרידן מיט די אויסזיכטן אויף אַן אַסימילאַציע פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן. ניט קוקנדיק אויף דער פאָרמעל־דערקלערטער יידישע עמאַנציפּאַציע, זעט ער איצט איין איר פולן באַנקראָט: בלייבנדיק יידן אין נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן זין פון וואָרט, זיינען זיי ניט אימשטאַנד צו דערגרייכן אין אייראָפּע קיין אמתע און פולע גלייכבאַרעכטיקונג. זיי געפינען זיך שטענ־

דיק אונטער דעם אומאויפהערלעכן דרוק פון קנאה און שנאה, וועלכע קענען ניט פאַרשווינדן אַנדערש ווי אויפן וועג פון פולער אַסימילאַציע.

ער, וואָס האָט אַמאָל ניט נאָר באַרעכטיקט, נאָר אַפילו געפּרעדיקט די אַסימילאַציע פון יידן, באַטראַכט איצט די אַסימילאַציע אַלס זעלבסט־מאָרד פון זיין פאָלק און דעריבער זעט ער ניט קיין אַנדערן אויסוועג ווי נאָר אין דעם אויפבוי פון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל. פּאַראַלעל שטעלט ער אַוועק איינע אַנטקעגן די אַנדערע רוים און ירושלים. ירושלים, וואָס די רוימער האָבן צעשטערט, דאַרף אויפסניי אויפגעבויט ווערן. דורך דעם וועט זיך ענדערן ניט נאָר דאָס יידישע נאַציאָנאַלע זעלבסטגעפיל, נאָר אויך די יידישע עקאָנאָמיק. דאָס פאָלק וועט זיך באַפרייען פון דער הכרחיות צו פאַרנעמען זיך מיט ניט־פּראָדוקטיווע און פאַרמיטלערישע באַשעפטיקונגען. „אַ בשותפותדיק פאָטערלאַנד פאַר די זין פון יידישן פאָלק — שרייבט משה העס אין זיין „רוים און ירושלים" — איז אויך אַן ערשטער פאַרבאַדינג צו אַריבערפירן די יידן צו אַן אַרבעט־לעבן, וואָס זאָל דערנערן די באַשעפטיקטע".

זיינע געדאַנקען דריקט ער אויס אין דער פאָרם פון אילוזאָרישע, אָפט סענטימענטאַלע בריוו צו אַ פריינדין, וואָס דערמאָנען ערטערוויז די בריוו פון היינריך היינע.

דער צווייטער פון די דאָזיקע בריוו צייכנט זיך אויס מיט אַ געלונגענעם און סאָציאַל־ריכטיק אויסגעדריקטן געדאַנק: „דאָס יידנטום איז קודם־כל אַ פאָלק, וואָס זיין לעבנס־געשיכטע, וואָס דויערט לאַנגע דורות, וועט גיין באַהעפט מיט דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַ פאָלק, וואָס איז שוין אַמאָל געווען דער טרעגער פון גייסטיקן אויפקום פון דער געזעלשאַפט, וועט אויך איצט, בעת דער גייסטיקער אויפלעבונג פון די קולטור־פעלקער, וואָס באַוועגן דאָס ראָד פון דער געשיכטע און דערנענטערן זיך צו איר גייסטיקער שלימות — זיך אויך שטעלן צווישן זיי כדי אָפּצוריכטן צוזאַמען מיט זיי דעם יום־טוב פון זיין אויפקום".

אַחוץ דעם אַלגעמיינעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט, האָט העס פאָרגעלייגט דער „אַליאַנס" שוין אין יאָר 1866 דעם

פלאַן וועגן דער גרינדונג פון אַן אַגראַנאָם־שולע אין יפו. די אויפגאַבע פון דער שולע האָט באַדאַרפט זיין, לויט זיין פּלאַן, „אויפצולעבן דאָס פאַראָרעמטע ארץ־ישראל דורך אַרבעט. צו לאָזן עס אויפבליען אויפסניי דורך די הענט פון אַ באַפעלקערונג, וואָס איז דורך פאַרפאָלגונגען פון איר אָפּגעריסן געוואָרן״.

אין יענער צייט האָט העס אויך געפירט אַ פלייסיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם רעקטאָר פון אַמסטערדאַמער ראַבינער־סעמינאַר און דעם הויפּט־רב פון אַמסטערדאַם יוסף־הירש דינער. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאָלאָ־ניזאַציע־פּלענער אונטערן פראַנצויזישן פּראָטעקטאָראַט, לויט וועלכע די קאָלאָניזאַציע האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן פון דער געגנט פון סועץ־קאַנאַל און פון דאָרט אויסברייטערן זיך אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד.

. עס איז באַזונדער אינטערעסאַנט דער אידייען־קאָנטאַקט צווישן משה העס און ד״ר טעאָדאָר הערצל.

אין זיין טאָגבוך פון 25סטן אַפּריל 1901 שרייבט ד״ר טעאָדאָר הערצל:

„די 19 שעה פון דער רייזע קיין ארץ־ישראל האָט מיר אָפּגעקירצט משה העס דורך זיין „רוים און ירושלים״, וואָס איך האָב אָנגעהויבן לייענען אין ירושלים, און נאָר אונטער דרוק און איילעניש פון די יאָרן האָב איך ניט באַוויזן אים צו לייענען ווי געהעריק ביזן סוף. איצט האָט ער מיך באַצויבערט און דערהויבן מיין גייסט — וואָס פאַר אַ קרעפטיקער און טייערער גייסט! אַלץ וואָס מיר האָבן געפּרוּווט איז שוין ביי אים געשריבן... זינט די צייטן פון שפּינאָזאַ האָט דאָס יידנטום נישט אַרויסגעבראַכט קיין גרעסערן גייסט ווי דער דאָזיקער משה העס, וועלכער איז פאַרגעסן און פאַרגרייזט געוואָרן״ (נייע אויסגאַבע פון הערצלס טאָגביכער אויף העב־רעיאש, ירושלים, תש״ד. עמ׳ 389).

אין זיין 9טער באַמערקונג צום סוף פון „רוים און ירושלים״ שטעלט זיך העס אָפּ ספּעציעל אויף דער פראַגע וועגן דער איבערוואַנדערונג פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן קיין ארץ־ישראל. פּונקט ווי פיל שפּעטערדיקע ציוניסטישע טוער, האָט העס דאָרט אונטערגעשטראָכן, אַז די יידישע מדינה וועט געבויט ווערן בעיקר דורך די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, ווי אויך דורך דעם מאַסן־יידנטום אין אַנדערע לענדער.

„וואָס שייך די מערב־אייראָפּעאישע יידן — שרייבט העס אין דער דאָזיקער באַמערקונג — טראַכטן מיר זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט וועגן זייער אַלגעמיינער אויסוואַנדערונג. אויך נאָך דעם ווי עס וועט געגרינדעט ווערן די יידישע מדינה אין גייסט פון דער מאָדערנער צייט, וועלן בלייבן יענע פון אונדזערע ברידער, וועלכע לעבן אין די מערבדיקע קולטור־לענדער און וואָס זייער צאָל איז פאַרהעלטנישמעסיק קליין, דאָרט ווו זיי זיינען. די מערבדיקע יידן, וועלכע האָבן ערשט ניט לאַנג אויסגעטראָטן אַ וועג צו דער קולטור און וואָס עסן איצט צו דער זעט פון דער פרוכט פון זייער מי, וועלן ניט פאַרלאָזן זייערע פלעצער און ניט וואַנדערן אין דעם לאַנד, וואָס האָט (אַמאָל) אויסגעשפּיגן זייערע עלטערן. די מענטש־לעכע נאַטור לאָזט ניט צו, אַז אַ מענטש זאָל איבערלאָזן פאַר אַנדערע דאָס, וואָס ער האָט געהאַט דערגרייכט דורך זיין מי".

אין דעם 12טן בריוו פאָרמולירט ער צוערשט אין זיין „רוים און ירוש־לים" אין אַלגעמיינע שטריכן אויך די יסודות, אויף וועלכע עס באַדאַרף, לויט זיין מיינונג, געבויט ווערן די קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל: „דערוווערבונג פון באָדן אין דעם פאָטערלאַנד צום אַלגעמיינעם אייגנטום, איינפירונג פון ריכטיקע אָרדענונגען, וועלכע זאָלן זיך באַזירן אויף געזעץ און רעכט, וואָס זאָלן פירן צו דער אַנטוויקלונג און אויפבלי פון אַרבעט. גרינדונג פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן פאַר ערדאַרבעט, פאַר האַנדל און אינדוסטריע אויפן גרונט פון משהס געזעצגעבונג, דאָס הייסט אויפן גרונט פון סאָציאַלע געזעצן".

ער שטעלט זיך אין אָפּאָזיציע צו דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע איז פאַרשטיינערט געוואָרן און האָט אָפּגעלעבט איר צייט, אָבער ער אָנערקענט דערביי אירע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם, וואָס זי האָט קאָנסערווירט און אָפּגעהיט די פּאָליטישע און קולטורעלע אוצרות פון פאָלק.

אַרונטערנעמענדיק פאַרזיכטיק און מיט אַ געפיל פון טיפער פיעטעט דעם רעליגיעזן לבוש פון די נאַציאָנאַלע גיטער און אַנטפּלעקנדיק זייער סאָציאַלן אינהאַלט, זוכט ער צו איבערצייגן זיך און אַנדערע, אַז אין דער יידישער מדינה וועלן אויסגעמיטן ווערן שאַרפע איבערקערענישן און אַז נאָר אויפן וועג פון אינעווייניקסטע פּראָצעסן אין יידנטום גופא וועט זיך

אָפּשײלן די האַרטע הויט, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויף די קולטור־גיטער אין משך פון דורות, און עס וועלן אויפלעבן די געזונטע נאַציאָנאַלע עמאָציעס פון יידישן פאָלק. די פאַרטיפטע היסטאָרישע ווערטן, די העברעאישע שפּראַך און געאָגראַפישע סביבה פון היסטאָרישן פאָטערלאַנד — דאָס וועלן זיין די גרונט־ אומשטענדן, וועלכע וועלן דערצו ברענגען.

משה העס, וועלכער האָט אין זיינע פריע קינדער־יאָרן צוזאַמען מיט זיין רירעוודיקן פרומען זיידן געלאָזן אַ טרער איבער די האַרציקע זכרונות פון אַמאָליקען ארץ־ישראל און האָט דערנאָך פאַרבראַכט קיילעכדיקע 40 יאָר אויף זיינע וואַנדערונגען איבער איראָפּעאישע לענדער, האָט ווידער אַנטדעקט די עקזיסטענץ פון דער אומפאַרגעסלעכער פּאַטריאָטישער צוגע־בונדנקייט פון דעם יידישן מענטשן צו ארץ־ישראל.

פון דעם נעמט זיך שוין אויף אַ נאַטירלעכן אופן זיין פּאָזיטיווע אָפּ־שאַצונג פון דער חסידישער באַוועגונג, אַלס אָפּאָזיציע צום פאַרגליווערטן רבנישן יידנטום. אין דער 6טער דערגענצונגס־באַמערקונג צום סוף פון „רוים און ירושלים״ שטרייכט ער אויף אַ באַזונדערן אופן אונטער דעם דאָזיקן ווערט, וואָס דאָס חסידות האָט געהאַט פאַרן מזרח־איראָפּעאישן יידנטום.

„די רבנים, וואָס האָבן דאָס חסידות צוערשט אָפּגעשטויסן פון זייערע גרעניצן, האָבן לסוף דערפילט, אַז די יידישע פאָלקס־מאַסע אין מזרח־איי־ראָפּע האָט די ברירה אויסצוקלויבן איינס פון ביידע: אָדער אָפּזאָגן זיך פון יידנטום צוזאַמען מיט די רעפאָרמיסטן, וועלכע ווערן אַוועקגעריסן דורך דער קראַפט פון דער נייער קולטור, וואָס קומט פון דרויסן ווי אַ שטאַרקער שטראָם, אָדער צו פאַרלויפן דאָס שלעכטס דורך דער פאַריינגערונג, וואָס דאָס חסידות קומט אָנזאָגן, אמת, נאָר אַלס איר שליח״.

כאַראַקטעריזירנדיק דערביי די גייסטיקע גיטער פון דער חסידות אַלס דעמאָקראַטישער באַוועגונג, געפינט העס איין, אַז „הגם די חסידים ווייסן ניט פון קיין פאַרפולקומענער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פירן זיי זיך דאָך חסידיש דערמיט, וואָס די רייכע פון זיי עפענען זייערע טירן פאַר יעדן אָרעמען און געפאַלענעם, וואָס קומט צו זיי אַריין אַלס אייגענער מענטש״.

אַזוי אַרום האָט העס אַנטדעקט דאָס וואָס עס איז נאָך געווען כמעט ניי אין זיין צייט — די נאַציאָנאַל־ און סאָציאַל־דערציערישע עלעמענטן, וואָס זיינען אַנטהאַלטן אין דער יידישער אמונה און אין יידישן רעליגיעזן שטייגער.

*

מיד פון לאַנגיאָריקע אידייאישע וואַנדלונגען, פון פאַרטיפטער גע־דאַנקען־אַרבעט און פון זיינע אויפגעברויזטע טעמפעראַמענטפולע אַרויס־טרעטונגען אין דער פרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן, האָט זיך משה העס לאַנגזאַם דערנענטערט צו דער שקיעה־צייט פון זיין לעבן און שאַפן.

פונקט ווי אַלע אַקטיווע מענטשלעכע נאַטורן און אידייאישע גייסטיקע טוער און שאַפער, האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן. ער איז געבליבן זיצן ביי זיין אַרבעט־טיש אין פאַריז און האָט זיך אָנגעשטרענגט ממשיך צו זיין זיין שאַפן, זייענדיק שוין אַ לעבנס־מידער און אַ שטאַרק געבראָכענער דורך דעם בלוטיקן דורכפאַל פון דער פאַריזער קאָמונע און דורך זיין האָפ־נונגסלאָזן ריס מיטן „אינטערנאַציאָנאַל".

ער האָט איצט געזוכט טרייסט אין זיין פאַרצוויגטער ליטעראַרישער אַרבעט. זיין שרייבטיש איז שווער באַלאָדן מיט ביכער, ציישונגען און זשורנאַלן. אַ בכבודיק אָרט צווישן זיי פאַרנעמט איצט אויך דער תנ"ך, אין וועלכן ער קוקט אַריין מיט אַ פאַרטיפטן פאָרשערישן בליק פון אַ סאָציאַלן דענקער און פרייהייט־קעמפער.

ווען ער ווערט שטאַרק מיד פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע צייט־פּראָב־לעמען זוכט ער זיך איצט קוואַלן פון גייסטיקער רו און טרייסט אין זיינע נאַטור־פאָרשונגען, ווו ער איז כלל ניט קיין דילעטאַנט.

*

דעם 6טן אַפּריל 1875 האָט זיך אין מיטן פון זיין אַרבעט אויסגעלאָשן דאָס פילזייטיקע לעבן פון משה העס. ער איז געשטאָרבן אין זיין פאַריזער

וווינונג, און ביי זיין טויטן־בעט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען דייטשישע, פּראַנצויזישע און פּוילישע סאָציאַליסטן, כדי צו באַגלייטן אים צו זיין אייביקער רו. לויט זיין בקשה איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבודה אויפן יידישן בית־עלמין אין דוטץ ביים ריין ניט ווייט פון קעלן אין שכנות מיט די קברים פון זיינע עלטערן.

*

ביי זיין טויטן־בעט האָט זיך ניט געוויזן קיינער פון זיינע פאַרערער, אַלס דעם מחבר פון „רוים און ירושלים" און דעם פאָנענטרעגער פון יידישן רענעסאַנס. עס האָבן אים מספּיד געווען נאָר זיינע פריינט און מיטאַרבעטער פון סאָציאַליסטישן לאַגער.

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין פראַנקרייך, וועלכע האָט אין יענער צייט דוכט זיך דערוואַכט צו אַ נאַציאָנאַלער אַקטיווקייט, האָט ניט פאַר־שטאַנען צו ברענגען אין יענעם טראַגישן מאָמענט, ווען איינער פון אירע גרויסע פאָלקס־טוער און טרוימער איז אַוועק אין דער אייביקייט, צום אויס־דרוק איר געטרייקייט צו זיין אָנדענק. זיינע פריינד און מיטקעמפער אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַרענע האָבן וואַרעם און חבריש געזעגנט זיך מיט אים און פאָזיטיוו אים אָפּגעשאַצט אויך נאָך זיין אומקער צום אייגענעם פאָלק.

ווען די מאַסן פון זיין אייגענעם פאָלק וואָלטן געקאָנט קומען פון מזרח־אייראָפּע צו זיין איינזאַמען צימער אין פאַריז אין די אָפּשייד־מינוטן פון דעם גרויסן בעל־תשובה, וואָלט זיך פאַר אים געפונען אַ טראָפּן טרייסט אין לעצטן אויגנבליק פון זיין לעבן.

זיין פרוי, סיבילאַ, איז געבליבן אין משך פון אירע נאָך לאַנגע לעבנס־יאָרן געטריי זיין אָנדענק און זיינע אידייען. אין יאָר 1877 האָט זי מיט אייגענע מיטלען אַרויסגעגעבן אַ טייל פון העס' פאָרשונג „די דינאַמישע שטאָפלעהרע".

נאָך דעם ווי משה העס' ביינער האָבן גערוט העכער זעקס און אַכציק יאָר אין דער דייטשישער ערד זיינען זיי מיט כבוד און געטרייקייט איבערגע־פירט געוואָרן קיין ישראל ל' תשרי תשכ"ב, דעם 10טן נאָוועמבער 1961 און

זיינען געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין כינרת אין שכנות מיט די קברים פון בערל קאַצענעלסאָן, שמואל יבניאלי און דער דיכטערין רחל.

אַזוי רוען די רעשטן פון דעם גרויסן טרוימער און קעמפער אונטער די בלאָע הימלען פון דעם היימישן לאַנד, וועמענס אויפבוי אויף געזונטע סאָציאַלע יסודות איז געווען דער לעבנס־טרוים און די לעבנס־האָפענונג פון משה העס לכל הפחות די לעצטע 15 יאָר פון זיין שעפערישן לעבן.



יצחק בער לעווינזאָן

דאָס זיינען געווען די צייטן פוו פּרי־קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד און פּוילן, ווען די אַלטע פעאָדאַלישעווירטשאַפט האָט זיך געהאַלטן אין ליק־ווידירן. די יידישע שטעט און שטעטלעך אין תחום המושב (געטאָס) האָבן באַקומען אַ צופלוס פון האַנטווערקערישע רוישטאָפן פון די דערפער און פון די פּריצישע הויפן.

אין יענער צייט האָט אויפן יידישן קליינהאַנדל און מלאכה זיך אַ שאָט געטאָן אַ מבול פון צאַרישע גזירות. די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָ־לאָניזאַציע האָט געהאַט אַ קנאַפּן דערפאָלג. די אַנטוויקלונג פון האַנט־ווערקעריי און מלאכה ביי יידן און די אויפהייבונג פון זייער געזעלשאַפט־

לעבן אָנזען האָט געקענט אין יענער צייט אַרויסהעלפן די יידישע מאַסן פון זייער נויט.

עס איז געווען לעבנסוויכטיק צו דערוועקן די פאָלקס־אינטעליגענץ, די דעמאָלטיקע משכּילים, און צו פירן מיט זייער הילף אַ דערציערישע אַרבעט אין די עקאָנאָמיש רואינירטע מאַסן, דערקלערן זיי דעם סאָציאַלן און מאָראַלישן ווערט פון דער פּראָדוקטיווער אַרבעט און מלאכה, אַרויסטרייבן פון זייער באַגריף דער פאָראורטייל וועגן מינדערווערטיקייט פון האַנטווערק.

ניט ווייניקער וויכטיק איז געווען אויך אויפצוהייבן דעם סטאַנדאַרט פון פּראָפעסיאָנעלער צוגרייטונג פון דעם יידישן בעל־מלאכה אין שטעטל און אין דער פּראָווינץ־שטאָט, וועלכער איז קיינמאָל נישט דורכגעגאַנגען קיין פּראָפעסיאָנעלע שול און איז שטאַרק אָפּגעשטאַנען געווען פון די פאָרט־שריט און פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט און פון דער מערב־דיקער ציוויליזאַציע, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין יידישן לעבן.

און דאָ איז אין דער ריכטיקער צייט אַרויסגעטראָטן אַלס אידעאַליס־טישער קעמפער פאַר האַנטווערקעריי און מלאכה צווישן יידן דער גרויסער וואָרטזאָגער פון דער השכּלה־באַוועגונג, דער פּראָגרעסיווער געלערנטער און למדן און איינער פון די גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון וועלטלעכער בילדונג, רבי יצחק בער לעווינזאָן (1788—1860).

פון זיין אָרעמער שטודיר־שטוב אין דעם וואָלינער שטעטל קרעמעניץ, האָט ער דרייסט און ברייטהאַרציק געפּרעדיקט אין דער ליטעראַטור און אין דער פּרעסע דעם געדאַנק פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. ער האָט געטאַדלט די לופטיקע יידישע פאַרמיטלעריי, באַקעמפט יעדן מין פּאַראַזיטיזם און פאָראורטיילן וועגן דער מינדערווערטיקייט פון האַנטווערקעריי און האָט גערופן צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן פּראָדוקטיווע אַרבעט, אויסבילדן פאַכ־מענישע כּוחות.

נעמענדיק אין אַכט די שטימונגען פון די מענטשן אין זיין צייט, האָט ער זיך געשטיצט אין זיינע ווענדונגען צו דער יוגנט און צום פאָלק אויף פּסוקים פון דער ביבל און אויף ביישפּילן פון דער תּלמודישער ליטעראַטור און האָט אָנגעוויזן אויף דעם כּבוד, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן פון אייביק

אַן אָפּגעגעבן דער פּראָדוקטיווער אַרבעט. ער האָט זיי דערמאָנט דעם זעלטענעם לויב־געזאַנג דער פליייסיקער ביבלישער אַרבעט־פרוי, דער אשת־חיל. ער האָט ציטירט צענדליקער פּאַרצייטיקע שפּריכווערטער, ווי אַ שטייגער: „קלייב זיך אויס דאָס לעבן — דאָס הייסט דאָס האַנטווערק". „יעדעס לערנען וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט פיזישער אַרבעט האָט ניט קיין קיום", „ווער עס לערנט ניט זיין זון קיין מלאכה איז גליַיך ווי ער וואָלט אים געלערנט גזלנות", „אַ מענטש שטאַרבט ניט אַנדערש ווי פון ליידיקגיין" — און פיל אַנדערע. ער האָט אויך געשילדערט פאַרן פאָלק דאָס לעבן פון די פאַרצייטישע פאָלקס־פירער און געלערנטע, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פיזישער אַרבעט: דער באַרימטער פאָלקס־פירער און געלערנטער הלל איז געווען אַ האָלצהאַקער, רבי יהושע — אַ שמיד, רבי יהודה — אַ בעקער, רבי נחוניה — אַ בוי־אַרבעטער, דער געלערנטער און מוטיקער פריַיהייטס־קעמפער רבי עקיבא — אַ פאַסטעך, און אין גליל האָבן זיך די געלערנטע און פאָלקס־טוער זיך אָפּט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און מיט פישעריי.

און נאָך דעם ווי לעווינזאָן האָט געבראַכט ביישפּילן פון דער אַלטער ליטעראַטור און געשיכטע, האָט ער זיך געווענדט מיט אַ וואַרעמען אויפרוף צום פאָלק און געזאָגט: „דעריבער, ברידער מיינע, איז גענוג אייך צו פאַרלאָזן זיך, אַז אַן אַרבעט וועלן זיך אייך שיטן ברויט און גיסן וויין פון די הימלען און אַז ניט אַקערנדיק און ניט זייענדיק וועט איר שניידן?... עס האָט דאָך געזאָגט דער גרויסער זינגער פון ישראל. „דיין פּראַצע וועסטו עסן, וועסטו זיין גליקלעך און דיר וועט גוט זיין".

דאַן שטעלט זיך דער פּרעדיקער פון פּראָדוקטיווער אַרבעט מיט זיין פּנים צו דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט און זאָגט: „עס איז דאָ, אמת, אויך ביי אונדז אין לאַנד אַ באַשטימטע צאָל בעלי־מלאכות, אָבער זייער צאָל איז זייער ווייניק, און בפרט זיינען ביי אונדז כמעט גאָר ניטאָ קיין האַנט־ווערקער פון די חשובסטע פאַכן. אויך ביי די געוויינלעכע מלאכות ווי שניידעריי, סטאָלעריי און אַנדערע, זיינען ביי אונדז דאָ זייער ווייניק, וואָס קענען גרינטלעך זייער אַרבעט, ווייל צום גרעסטן טייל האָבן זיי זינט דער יוגנט ניט געלערנט ביי קיין ספּעציאַליסטן־האַנטווערקער. און דערצו

איז נאָך אַ באַזונדערע צרה דאָ אין לאַנד, וואָס די מענטשן פון האַנטווערק זיינען דערנידעריקט און פאַרהאַסט אין די אויגן פון אונדזערע סוחרים און הענדלער און בפרט אין די אויגן פון די לערנער".

נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט דערקלערט אין זיינע ביכער און אַר־טיקלען דאָס סאָציאַל־אומגעזונטע פון דער איבערגעטריבענער יידישער פאַרמיטלעריי און האַנדל, האָט ער פאָרגעלייגט אין זיין הויפּט־ווערק „תעודה בישראל", אַז אין יעדער שטאָט און אין יעדער גובערניע זאָלן געגרינדעט ווערן שולן ניט נאָר פאַר יידישע לימודים ווי ביז דאַן, נאָר אויך פאַר אַלגעמיינע לימודים, שפּראַכן און מאַטעמאַטיק, און דער עיקר — עס זאָלן געלערנט ווערן די יידישע קינדער אַלערליי צווייגן פון האַנטווערק און מלאכה, ווי דאָס ווערט געטאָן אין די יידישע געמיינדעס אין מערב־אייראָפּע. ער האָט אויך פאָרגעלייגט, אַז אין די ערטער, וווּ עס פעלן ביי די קהילות מיטלען צו גרינדן האַנטווערקער־שולן, זאָלן געגרינדעט ווערן ספּעציעלע געזעלשאַפטן מיטן נאָמען „פּועלי־צדק", וואָס זאָלן זיך שטעלן פאַר אַ צוועק צו „באַצאָלן לערן־געלט פאַר אָרעמע קינדער, וועלכע וועלן לערנען מלאכה ביי האַנטווערקער".

אין יאָר 1860 איז רבי יצחק בער לעווינזאָן געשטאָרבן איידער ער האָט דערלעבט צו זען אין אַ געהעריקער מאָס די פּרוכט פון זיין אָנגע־שטרענגטער און פלאַמיקער געזעלשאַפטלעכער אויפקלערונג. אָבער זיין געזונטער צוגאַנג צו די לעבנס־פראַגן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן האָט געווירקט אויף די דערוועקטע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער אין די הויפּט־שטעט פון רוסלאַנד און אַפילו אויף די דעמאָלטיקע רעגירונגס־קרייזן, וואָס האָבן זיך גערעכנט מיט זיין אויטאָריטעט און אויסערגעוויינלעכער פּאָפּולערקייט. זיי האָבן אויך געהאָפט, אַז דורך דער אויפמערקזאַמקייט צו רבי יצחק בער לעווינזאָנס פאָרשלאָגן וועט אויף וויפל ניט איז אָפּגע־שוואַכט ווערן די שאַרפקייט פון דער יידן־פראַגע אין צאַרישן רוסלאַנד.

פינף יאָר נאָך לעווינזאָנס טויט האָט די צאַרישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, וואָס האָט שטאַרק דערהויבן דעם שטאַנד פון די יידישע האַנט־ווערקער און האָט דערמונטערט די יידישע יוגנט צו לערנען מלאכה: עס איז דערלויבט געוואָרן די יידישע האַנטווערקער צו לעבן אין די

הויפּטשטעט פּעטערבורג און מאָסקווע, ווי אויך אין אַלע אַנדערע שטעט, אויסערן יידישן תחום.

אמת, אַנטיסמעטישע באַאַמטע און כאַבאַרניקעס אויף די ערטער האָבן אַ סך געשטערט דער פאַרווירקלעכונג פון די נייע פּריווילעגיעס פאַר האַנטווערקער, אָבער יידישע בעלי־מלאכות מיט אַ גוטער איניציאַטיוו און פאַכקענטעניש האָבן זיך מאַסנהאַפט געלאָזן פון דער ענגער און אָרעמער יידישער „טשערטאַ" און האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט אין די רוסישע שטעט, וואָס האָבן זיך פאַר זיי צוערשט געעפנט.

אַ ווייטערדיקער פּונקט פון רבי יצחק בער לעווינזאָנס פּראָגראַם און זיין שטרעבן, האָט זיך ווידער פאַרווירקלעכט ערשט אין יאָר 1880, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן, מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג, די „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן האַנטווערק און ערד־אַרבעט צווישן יידן אין רוסלאַנד", וועלכע איז שוין 89 יאָר פּאָפּולער אונטערן אָפּגעקירצטן נאָמען „אָרט" און וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין אַ פאָלקישער יידישער וועלט־אינסטיטוציע. פון דעם ערשטן טאָג אָן פון איר גרינדונג האָט די געזעלשאַפט אויף זיך גענומען צו פאַרווירקלעכן די לעווינזאָנישע אידייע פון דערהייבן און אַנטוויקלען דעם יידישן האַנטווערקער ווי אויך די יידישע ערד־אַרבעט. זי האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן עקאָנאָמישע הילף און פּראָ־פעסיאָנעלע אויסשולונג דעם יידישן האַנטווערקער, אויסצוברייטערן די נעץ פון יידישע האַנטווערקער־ און אַרבעטער־שולן, אונטערצושטיצן די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס און צו גרינדן נייע.

אַזוי אַרום האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט געשטעלט אַ ווירדיקע גייסטיקע מצבה דעם גרויסן פּיאָנער און פּראָפּאַגאַנדיסט פון פּראָדוקטיווער אַרבעט צווישן יידן, רבי יצחק בער לעווינזאָן. און יעדער מוסקול־שטאַר־קער און געשולטער יידישער האַנטווערקער, דער בויער פון שטעט, דער מיטאַרבעטער פון גרויסע קוילן־שאַכטעס און מעטאַל־פאַבריקן, דער פּעיי־קער קאָנסטרוקטאָר און דערפינדער, ווי אויך דער יידישער ערד־אַרבעטער און פלאַנטאַטאָר, יעדער אַקערער און טראַקטאָריסט, דאַרף מיט ערע און אָנערקענונג איינקריצן אין זיין זכרון דעם טייערן נאָמען פון דעם, וואָס האָט אין אַן אַטמאָספער פון אָרעמקייט, רעכטלאָזיקייט און הילפלאָזיקייט

מוט־ק און פריי אויפגעהויבן די פאָן פון פּראָדוקטיווער יידישער אַרבעט.

אין אַלע יידישע מאַסן־צענטערס אין מזרח־אייראָפּע, ווו די אָרטיקע רעגירונגען האָבן פאַרשטאַנען און געשעצט די ניצלעכע טעטיקייט פון „אָרט", האָט די געזעלשאַפט פיל בייגעטראָגן צו דער פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פון דער יידישער יוגנט, צו דער געזונטמאַכונג פון דער יידישער עקאָנאָמיק.

באַזונדער גרויס און פּראָדוקטיוו איז די אַרבעט פון „אָרט" אין ישראל, ווו זי ווערט געפירט אין פולן קאָנטאַקט מיט דער ישראל־רעגירונג און ווו „אָרט" גילט אַלס געטרייער שותף אין עקאָנאָמישן אויפבוי פון לאַנד.

אליעזר צבי הכהן צווייפל

די 70ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט זיינען געווען יאָרן פון אַ פּאַר־שנעלערטער אַנטוויקלונג פון דער רוסלענדישער עקאָנאָמיק. די פעאָדאַלע ווירטשאַפט איז פּאַקטיש און געזעצלעך ליקווידירט געוואָרן, אָבער נאָך אַלע כלומרשטדיקע רעפאָרמען איז דאָס פויערנטום אַרויס באַדגלאָז, עלנט און אָרעם, און האָט זיך מאַסנווייז געצויגן אין די שטעט אַריין, ווו דער אויפקומענדיקער קאַפּיטאַליזם האָט זיך גענייטיקט אין טויזנטער און טויזנטער אַרבעטס־הענט.

אויך אין יידישן תחום צווישן דער שטאָטישער און קליינשטעטלדיקער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך אָנגעצייכנט וועגן פון אַ נייער עקאָנאָמיק. פון דער גרויסער מיטלשטאַנד־מאַסע, וואָס האָט געלעבט פון פאַרמיטלערײַ,

קליינהאַנדל, און כלערליי לופט־פּרנסות, האָט זיך גענומען אויסבילדן אין אַ ברייטן פאַרנעם אַ קלאַס פון האַנטווערקער און אַרבעטער, וועלכער איז געוואָרן עקאָנאָמיש באַוווּלט און עקספּלואַטירט, און וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן אַ געהעריקע פּאָזיציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער קלאַסן־קאַמף, וואָס איז ווי אַ נאַטירלעכע דערשיינונג אַריינגע־דרונגען אין דער יידישער סביבה, האָט זיך ווי אומעטום אָנגעהויבן צו קליידן אין גייסטיקע לבושים. דער אויפקומענדיקער קלאַס פון יידישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכן מיין פאָטער דער רעוואָלוציאָנער האָט געהאַט גע־קרוינט מיטן נאָמען גביראָקראַטיע, האָט געשטרעבט צו באַקומען דעם מאָנאָפּאָל אויף תורה און השכלה, באַהערשן די בתי־מדרשים אַלס רעלי־גיעזע מאַסן־צענטערן און די רבנים אַלס זייערע וואָרטזאָגער. דער כתב אויף רבנות איז געלעגן אין די גבירישע הענט.

מיטן וואַקסן פון יידישן האַנטווערקער־קלאַס האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט דער קלאַסן־באַוווסטזיין. די בעלי־מלאכות האָבן געפאָדערט פון קהל גלייכבאַרעכטיקונג אין רעליגיעזן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. נאָך דעם פאַל מיט די „געשמיסענע שניידער” אין קיידאַן אין יאָר 1815, האָבן די בעלי־מלאכות אָנגעהויבן מאַסנווייז צו אָרגאַניזירן פאַר זיך באַזונדערע בעלי־מלאכישע בתי־מדרשים; די שניידער־שול, די שוס־טער־שול אאַז״וו, אַלס רעליגיעזע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע צענטערן פון האַנטווערקער־קלאַס.

עס האָבן זיך געפאָדערט פּיאָנערישע שרייבער און פאָלקס־מענטשן, וואָס זאָלן צעברעכן די קייטן פון דער אַבסטראַקטער לומדות און חקרנישער השכלה און עפענען וועגן צום פשוטן יידן, צו דער פאַרשטענדעניש פון זיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדערפענישן.

עס איז געוווען נייטיק אַ פאַרברייטערטער פאָלקס־וועג, וואָס זאָל גילטן אַלס המשך־וועג, אויף וועלכן עס האָט אָנגעהויבן גיין דער יידישער טאָל־סטאָי פון קרעמעניץ רבי יצחק בער לעווינזאָן (דער ריב״ל).

אויף דעם דאָזיקן געשלענגלטן וועג פון ליטע קיין אוקראַינע, פון מתנגדות צו חסידות, פון לומדישקייט צו דעמאָקראַטיע האָט אין די 70ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט מיט אַ ריזיקער כאַראַקטער־קראַפט און לי־

טעראַריש־קריטישער ערודיציע, מוטיק און פּיאָנעריש אַריינגעטראָטן דער זון פון אַן אָרעמען מאָהילעווער מלמד און דער שפּעטערדיקער לערער אין זשיטאָמירער יידישן לערער־סעמינאַר, דער געלערנטער פאָלקס־שרייבער אליעזר צבי הכהן צווייפל.

מיט זיין קלאָרן רעאַליסטישן סטיל האָט ער צעבראָכן די ציטאַדעל פון דער השכלה־מליצה, פון דער הימלישער בלומען־שפּראַך און אַרויס־געהויבן פאַר די געבילדעטע און וועלטלעכע קרייזן די פאָלקישע, דעמאָ־קראַטישע יסודות פון דער חסידישער באַוועגונג. אין די יאָרן 1868—1873 האָט ער פאַרעפנטלעכט איינע נאָך די אַנדערע 4 בענדער פון זיין בוך „שלום על ישראל" („שלום אויף יידן"), וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אינטערעס אין די ברייטע קרייזן פון דער אינטעליגענץ.

מיט אַ סך קענטעניש פון תלמוד, דעם רמב"ם און דער יידישער פילאָ־זאָפישער ליטעראַטור זינט פילאָן פון אַלעקסאַנדריע ביזן סוף פון מיטל־אַלטער געפינט ער אַרויס די פּאָזיטיווע וואָרצלען פון דער חסידישער דע־מאָקראַטישער באַוועגונג, ער רופט די פאַנאַטישע קעגנער פון חסידות צו שלום און פאַרשטענדעניש און זאָגט שאַרף און אָפן, אַז „די רדיפות פון די מתנגדים קעגן די חסידים זיינען ענלעך צו די רדיפות פון די קריסטן קעגן די יידן".

„די שאַרפע מחלוקת, וואָס האָט צעשפּאָלטן די יידישע געזעלשאַפטלעכ־קייט אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן, שוואַכט אָפּ די קראַפט פון פאָלק ביי־צושטיין זיינע שונאים און פאַרפאָלגער" — זאָגט אליעזר צבי הכהן צווייפל אין זיין צווייטן גרויסן ווערק „סניגור" („פאַרטיידיקער"). ער ווייזט אָן אויף די פּאָזיטיווע מאָמענטן, וואָס געפינען זיך גלייכצייטיק אין דער חסי־דות און אין דער רעפאָרם־באַוועגונג און ער גיט צו: „מיר (די מתנגדים) און זיי זיינען ווי צוויי ברידער, וואָס קריגן זיך צווישן זיך וועגן דער ירושה פון די עלטערן, אָבער דערשפּירנדיק, אַז אַ גנב און גזלן שטרעקט אויס זיין האַנט אויף דער ירושה, דערוועקן זיי זיך אַלע גלייך און לאָזן זיך אים כאַפּן און באַשטראָפן".

כדי דאָס פאָלק זאָל קענען ביישטיין אין זיין אינעווייניקסטן קולטור־קריזיס און אַרויסטרעטן געאייניקט קעגן די רדיפות פון דרויסן און קעגן

דער דראָענדיקער אַסימילאַציע, מוז מען גיין אין פאָלק, ווי דאָס טוען די רוסישע „נאַראָדניקעס", רעדן צום פאָלק, דערציען אים און פאַרטיפן, פאַרפונדעווען זיינע מאָראַלישע ווערטן. דאָס האָט אליעזר צבי צווייפל ניט געקענט דערגרייכן מיט דער הילף פון זיינע דערפאָלגרייכסטע און פּאָפּו־לערסטע למדנישע ספרים.

ער אַליין איז געווען אַ זון פון דער אָרעמער פאָלקס־מאַסע און יידיש איז געווען די נאַטירלעכע שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט זיך אויסגע־לעבט און געליטן, און אַן וואָקלענישן און אַנטשולדיקונגען האָט ער זיך גענומען רעדן צום פאָלק אין זיין קליינעם פאָלקסטימלעכן „בענטשערל" אויף אַ היימישן יידיש. ווי היימיש, האַרציק עס קלינגען זיינע ווערטער צום פאָלק אין דעם קליינעם ביכעלע „תוכחת חיים" („די לעבנס־לערנונג"), וועלכן ער גיט אַרויס אין ווילנע אין יאָר 1865 און פאַרשפּרייט צווישן די פאָלקס־מאַסן.

ער פאַרגלייכט אין זיין אַריינפיר דאָס פאָלק צו אַן אַלמנה און יעדן געטרייען זון פון פאָלק צו „אַ יתום וואָס זעט די מוטער אין גרויס צער און ער דאַרף זי אָנפירן לויט איר שטייגער, אָפּשוואַכן איר צער און דערפרייען זי... דען דאָס איז זיין זכות און זיין ערע".

אין דעם קאַפּיטל „ביטער איז דער דלות" שילדערט ער זיין אייגענעם דלות, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל, אַן אָפּשפּיגלונג פון דער הימל־שריי־ענדיקער אָרעמקייט פון טויזנטער משפחות ווי זיינע:

„איך געדענק די צייטן, זיי שטייען מיר פאַר די אויגן. איך קען זיי ניט פאַרגעסן און וועל זיי ניט פאַרגעסן. איך האָב אָפּגעלעבט מיינע מיטעלע יאָרן אין דחקות, אין צרות און יסורים... קיין מלאכה האָט מען מיך ניט געלערנט, פון לערנען מאַכן אַ פרנסה האָב איך ניט געוואָלט".

„עס קומט דער זומער. ווער ברענגט ניט פאַר אַ קינד אַהיים אַן עפּע־לע, אַ באַרנעלע, עפּעס אַן אַנדער נאַשעריי, וואָס איז אָנגעשאָטן אויפן מאַרק. מיינע ליבע און טייערע קינדער זיצן און וואַרטן, וויינענדיק, נעבעך, אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט, און דאָס ברענג איך נאָך ניט אַזוי גיך... ביטער, ביטער איז דער דלות!"

„מיין ווייב איז געווען, במחילה, אויף דער צייט און האָט שוין אָנגע־

הויבן גיין צו קינד, און דאָ איז ניטאָ קיין שייטל האָלץ מיט וואָס צו הייצן און די נשמה צו דערקוויקן".

ער רעכנט אויס אַלע שלעכטע מידות, וואָס זיינען פאַרשפּרייט צווישן מענטשן פון זיין צייט און סביבה: „כעס, תאווה, קנאה, שנאה, מרה־שחורה, ליצנות, כבוד און פוילקייט". ער קוקט זיך צו, ווי זיי פאַרשפּרייטן זיך צווישן מענטשן ווי אַ מגפה. „פון דעם ערשטן קליינעם פונק קומט אָפּט אַרויס אַ גאַנץ גרויסע שרפה. עס ווערט פאַרברענט דער שכל, עס ווערט פאַרשרפהט דאָס הארץ, דאָס גאַנצע מענטשלעכע גייט אַוועק אין פייער".

ער האַלט פאַר זיין הייליקן חוב אָנצוווייזן דעם פאָלק אויף אַלע שלעכטע מידות, צו רופן אים צו אַ געזונט לעבן.

„פוילער, פוילער, באַטראַכט ווי האַלטסטו, זע ווי אַלע אויף דער וועלט אַרבעטן... ווי די פייגעלעך שטייען אויף צו וועקן, ווען עס איז נאָך ניט רעכט טאָג... ווי די בינען זינגען זמירות... באַטראַכט נאָר די קליינע מילבעלעך, ווי זיי פאַרזאָרגן זיך מיט תבואה, שיטן אָן גאַנצע שפּייכלער. זע ווי די שפּין וועבט אויס קינסטלעך איר נעץ. דאַרפסטו זיך ניט שעמען, אַז אַזעלכע פּיצלעך, ברעקלעך טוען וואָס זיי דאַרפן, און דו, ליידיקגייער, זיצסט מיט פאַרלייגטע הענט".

„אַ פעלד מוז מען באַאַרבעטן, גראָבן, אַקערן, פאַרזייען, יעטן, ניט נאָר פעלדער, ניט נאָר ערד דאַרף מען אַזוי באַאַרבעטן. אַלע געשעפטן זיינען אַזוי. אַרבעטן מוז מען, האָרעווען דאַרף מען".

אַזוי קלערט אליעזר צבי צווייפל אויף דעם פאָלק פאָפּולער און פאָלקסטימלעך אַלע מידות און האַנדלונגען און גלייבט אויף אַזאַ אופן צו ברענגען זיין ביישטייער פאַר דער געזונטמאַכונג און פאַרן גליק פון די געליבטע מאַסן פון זיין פאָלק.

ער האַלט זיך ביי דער שיטה פון די גרויסע פאָלקס־דערציער און רעדנער, מיטן באַקאַנטן דובנער מגיד בראש, און קלערט אויף זיינע געדאַנקען דעם פאָלק דורך משלים און גלייכווערטלעך: „אַלע מענטשן אין איינעם זיינען ווי אַ גרויסער רעגן. איטלעכער פאַר זיך איז ווי אַ טראָפּן. נאָר פון אַלע טראָפּנס אין איינעם באַשטייט דער גאַנצער רעגן".

„די וועלט איז אַרומגענומען מיט אַ נעץ פון שלעכטס. די וועלט, דער

מענטשלעכער קאַלעקטיוו דאַרף זיך פאַרבעסערן: „אַלע זאָגן — גיט צו צווייפל — אַז די וועלט איז שלעכט. עס דאַרף בעסער זיין, נאָר איטלעכער לייגט אַרויף אויף דעם אַנדערן, אַז ער זאָל זיך בעסערן, אַליין וויל ער ניט״.

אין דעם געבראַכטן „געשפּרעך צווישן ר׳ חייקל דעם בעל־הבית און ר׳ שמעלקע דעם וועלטמאַן״ שטעלט זיך אליעזר צבי צווייפל אויף דער זייט פון דעם וועלטלעכן, מאַראַלישן און שלום־ליבנדיקן ר׳ שמעלקע, וועלכער זאָגט: „איך ווייס זייער גוט די נייע וועלט צו שאַצן. איך בין גאָר ניט בלינד און זע מיט קלאָרע אויגן וואָסערע חכמות און המצאות האָבן די נייע אונדז געבראַכט, וואָסערע נוצלעכע מאַשינען זיי האָבן אויסגעטראַכט. נאָר דאָס איז אַ באַזונדער זאַך. חכמה איז חכמה און המצאות זיינען המצאות. און די היינטיקע פירונג ביי אונדז איז מיר ניט געפעלן. גלייב מיר, אַז חכמה אַליין האַלט אויך ניט פון אַזעלכע זאַכן. חכמה האָט ליב ערלעכקייט, שטילקייט, רואיקייט...״

אַזוי רעדט צום פאָלק שוין מיט 100 יאָר צוריק. אַ גרויסער און געטרייער קעמפער פאַר פאָלקס־רעכט און דעמאָקראַטיע, פאַר שלום און גרינטלעכער באַנייאונג פון יידישן לעבנס־שטייגער.

*

דער מלמד אליעזר צבי צווייפלס פאָטער איז געווען דער רבי פון שפּעטערדיקן מאָסקווער ראַבינער יעקב בן ישעיהו מזאה. דער לעצטער דערציילט אין זיינע זכרונות אַ מעשה, וואָס עס האָט אים דערציילט זיין רבי וועגן זיין זון אליעזר צבי: נאָך זיצנדיק אויף דער בית־מדרש־באַנק האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געטרייקייט צו די אידעאַלן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט און וועלט־שלום, וואָס עס האָט געפּרעדיקט זיין גרויסער רבי ר׳ יצחק בער לעווינזאָן. ר׳ יצחק בער איז שוין געווען זייער אַלט און איז ניט אַרויסגעפאָרן פון זיין היים אין וואָלינער שטעטל קרעמעניץ. אליעזר צבי האָט שטאַרק געוואָלט זען זיין רבין און האָט באַשלאָסן גיין צו אים צופוס אויפן ווייטן וועג פון ווילנע קיין קרעמעניץ.

מיט אַ לאַבן ברויט און אַ קרוג וואַסער אין האַנט איז ער אַרויס אין

וועג. ער איז געגאַנגען טאָג און נאַכט. אָפּטמאָל פלעגט אַ פּויער אים נעמען אויף זיין פור. אין די נעכט פלעגט ער שלאָפן ערגעץ אין אַן אַכסניה ליגנדיק אין זיין מלבוש.

די דריטע נאַכט איז ער געקומען אין אַ יידישער קרעטשמע שוין ניט ווייט פון קרעמעניץ.

ווען ער איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג פון שלאָף האָט אים מיט אַ גרויסהאַלטערישן ביטול אָפּגעשטעלט אַ רייכער ישובניק, וואָס האָט גע־נעכטיקט די נאַכט אין קרעטשמע:

— וווהין גייסטו, יונגערמאַן, אויפן ווייטן וועג?

— צו מיין רבין ר׳ יצחק בער גיי איך, צו מיין טייערן.

— דיין רבי? — האָט אויסגעשריען דער ישובניק מיט שפּאָט און ביטול — דיין רבי איז שוין לאַנג געפּגרט!

דער יונגער אליעזר צבי איז פאַרציטערט געוואָרן, האָט זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן און אין פאַראַכטונג צו דעם גראָבן באַליידיקער פון זיין רבין, האָט ער אַרויסגענומען אַ מעסערל פון זיין טאַש, איינגעשניטן דעם לאַץ פון זיין בגד און געריסן קריעה נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם רבין.

אַ פאַרוויינטער, אַ הונגעריקער האָט ער זיך געלאָזן מיט שנעלע טריט אויפן וועג קיין קרעמעניץ.

— אויב איך האָב ניט זוכה געווען צו זען ר׳ יצחק בערן ביים לעבן, וועל איך כאָטש גיין משתטח זיין זיך אויף זיין קבר — האָט אליעזר צבי אויסגערופן.

אַריינקומענדיק אַ מידער און געפּלאָגטער קיין קרעמעניץ, האָט ער ציטעריק אָפּגעשטעלט דעם ערשטן באַגעגנטן יידן און אים געפרעגט ווו איז דאָ דער בית־הקברות פון שטעטל.

— וועמען האָט איר דאָרטן, יונגערמאַן, פון אייער משפּחה — האָט געפרעגט נייגעריק דער ייד, אָנווייזנדיק דעם וועג צום הייליקן אָרט.

— מיין רבין ר׳ יצחק בער לעווינזאָן האָב איך דאָרטן — האָט אליעזר צבי מיט אַ פאַרשטיקט קול אַרויסגערעדט.

— וואָס איז מיט אייך, יונגערמאַן, ר׳ יצחק בער לעבט דאָך, און זאָל לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק — האָט אויסגערופן דער אומבאַקאַנטער.

— מיין רבי לעבט! מיין רבי לעבט! — האָט אויפגעלעבט און זיך דערפרייט אליעזר צבי — וואָס רעדט איר, ר׳ ייד, אַ דאַנק אייך פאַר דער טייערער בשורה. זאָגט זשע, ווו וווינט ער, מיין טייערער רבי?

אַ גליקלעכער, אַן אויפגעשטורעמטער, האָט ער זיך געטראָגן צו יענעם זייטיקן געסל, ווו עס האָט געלעבט דער למדן און דער באַקאַנטער שרייבער און קולטור־טוער ר׳ יצחק בער לעווינזאָן.

קליין און טונקל איז געווען דאָס שטיבל, אויף דער טיר פון וועלכער אליעזר צבי האָט אָנגעקלאַפּט ווי אויף אַן אַריינגאַנג אין אַ געהייליקטן טעמפּל.

אַרומגערינגלט מיט ספרים און כתבי־יד איז געזעסן ר׳ יצחק בער. זיין געזיכט איז געווען קלאָר און זיין ווייסע באָרד האָט זיך אויפגעגאָסן מיט דער ווייסקייט פון דעם אָפענעם ספר, וואָס איז פאַר אים געלעגן.

ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, אויפגעשטאַנען פון אָרט, אָנקוקנדיק דעם אויפגעברויזטן יונגערמאַן, וואָס האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט און אָפּגעשטאַט אַ פלאַמיקן „שלום־עליכם״.

ר׳ יצחק בער האָט אים אַוועקגעזעצט האַרט נעבן זיך און דערקענענדיק אין אים זיין יונגן תלמיד, האָט ער אים געהאַלדזט און געקושט.

אַן אויפגערעגטער, האָט אליעזר צבי, כמעט שטאַמלענדיק פאַר אויפרעגונג, דערציילט די רכילות פון דעם ישובניק, די שווערע איבערלעבעניש זיינע און דאָס קריעה־רייסן.

ר׳ יצחק בערס פנים האָט זיך דערביי צעשטראַלט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין פולער ווּקס און הייטער אויסגעשריען:

— שרה!

און ווען זיין פרוי איז אַריינגעקומען מיט מילדע טריט פון אַ צדקנית, האָט ער אויסגערופן:

— ברענג מיר אַ נאָדל מיט פאָדים!

און ווען די נאָדל מיטן פאָדים זיינען געבראַכט געוואָרן, האָט ר׳ יצחק בער זיך דערנענטערט צו אליעזר צביען און האָט פאַרנייט אים די קריעה, וואָס ער האָט געהאַט געריסן אויף זיין כלומרשטן טויט.

בערטאָלד אַוערבאַך

מיר וואָלטן באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן אַן אויסערגעווייגלעך שע־פערישער פערזענלעכקייט פון דער יידישער און דייטשישער וויסנשאַפט און ליטעראַטור אין דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט, ווען מיר וואָלטן ניט אַרויסגעבראַכט פאַר דער פּראָגרעסיווער עפנטלעכקייט פון אונדזער צייט דעם אָנדענק פון דעם גרויסן, גייסטרייכן און שעפערישן געלערנטן און דענקער, וועלכער האָט זיך אַליין כאַראַקטעריזירט מיט זיינע ווערטער צו אַ פריינד: „איך ווייס ניט ווי אַזוי מען לעבט אָן אַרבעט".

אין דער אמתן האָט זיין אינטעלעקט און זיין פעדער, זיין צושווילעך עסטעטיש אויג און זיין ליבעפול פּאָלקסטימלעך געמיט ניט גערוט פון די ערשטע יוגנט־יאָרן אָן ביז ליגן אויפן טויטן־בעט.

בערטאָלד (משה ברוך) אָוערבאַך האָט געשטאַמט פון דעם גרויסן תלמודיסט און פּאָפּולערן וואָרטזאָגער פון דער צייט פון די קרייצציגלער מהר״ם מרוטענבערג, וועמעס טעטיק לעבן איז באַקרוינט מיט אַ סך פאָלקס־לעגענדעס. לויט זיין נאַטור איז אָוערבאַך געווען באַשאָנקען מיט אַן אומ־באַגרענעצטן אָפּטימיזם און הומאָר. ער האָט געלעבט אין דער שטילער דייטשישער פּראָווינץ פון זיין צייט און האָט געטראָגן אין האַרצן אַ טיפע, פּשוטע און נאַטירלעכע ליבע צום דאָרפישן לעבנסשטייגער, וואָס איז געווען דער צענטער פון זיינע פיל פאַרשפּרייטע און אַלס קלאַסישע ווערק באַרימט געוואָרענע „שוואַרצוואַלדער דאָרפסגעשיכטען״. ער זעט, ווי די גרויסע רוסישע שרייבער פון זיין צייט מיט טורגעניעוון בראש, אין דער אידיליע פון בראַוון און באַשיידענעם דאָרפישן אַרבעטס־לעבן דעם סימ־באָל פון ערלעכקייט און דעם קוואַל פון שטילן גליק. ער זעט דאָרטן ניט קיין שנאה און קנאה. ביי אים לעבן זיך דאָרטן אויס יידן און קריסטן אין פולער סאָלידאַריטעט.

אין די יונגע יאָרן האָט ער באַקומען אַ גרינטלעכע יידישע בילדונג, איז געווען באַהאַוונט אין דער תלמודישער און מיטלאַלטערלעכער העב־רעאישער ליטעראַטור, האָט געשריבן אַ פיינעם סטיליזירטן העברעאיש. ער איז געווען באַשטימט פאַר אַ קאַריערע פון אַ ראַבינער, האָט אָבער, ביי זיין טיפער יידישער בילדונג, געהאַט אַן אַבסאָלוטע אָפּנייגונג פון טעאָ־לאָגיע און איז געווען אַ דורכאויס וועלטלעכער און דעמאָקראַטישער דענ־קער. די דאָזיקע וועלטלעכע נייגונג האָט ער געהאַט דערהויפּט צו פאַרדאַנ־קען זיין לערער בערנאַרד פראַנקפורטער, אַ תלמיד פון משה מענדעלסאָן.

צו 26 יאָר איז אָוערבאַך שוין פולשטענדיק אומגעשטעלט אויף נייע שאַפונגס־וועגן. ער טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק אַרויסצוגעבן משה מענדעלסאָנס ווערק. ער שרייבט אַ בוך, ווו ער שילדערט שאַפנדיקע פּערזענלעכקייטן ביי יידן אין פאַרשידענע צייטן. ער פירט אַן ביי יעדער געלעגנהייט אַ קאַמף קעגן רעליגיעזע פאַראורטיילן און רעליגיעזן פאַנאַ־טיזם. ער איז אַ טרייער תלמיד און נאָכפאָלגער פון משה מענדעלסאָנס ראַציאָנאַליזם.

נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט באַקומען אַ גרינטלעכע קלאַסישע בילדונג

אין דעם טיבינגער אוניווערסיטעט און האָט שטודירט דאָרטן רוימישע יוריספרודענץ און לאַטיין, האָט ער זיך געשטעלט פאַר אַ לעבנס־אויפגאַבע צו פאָרשן דאָס לעבן און שאַפן פון גרויסן יידישע פילאָזאָף ברוך שפינאָזאַ, וועמען ער רופט אָן „דער הייליקער נביא” און פאַר וועמעס גייסטיקער געשטאַלט ער שטייט זיין גאַנץ לעבן מיט אַ געפיל פון טיפן נשמה־ציטער.

דעם בעסטן טייל פון זיין לעבן האָט בערטאָלד אַוערבאַך אָפּגעגעבן זיינע שפינאָזאַ־אַרבעטן. ער האָט זיך פריער פאַרנומען מיטן פאַרפאַסן אַ דראַמע וועגן שפינאָזאַן, וועלכע האָט זיך פאַרשפרייט אין 30 אויסגאַבן. דערנאָך, אויסנוצנדיק זיינע פונדאַמענטאַלע קענטענישן פון לאַטיין, האָט ער איבערגעזעצט פון לאַטיין אויף דייטש און אַרויסגעגעבן אין 5 בענ־דער שפינאָזאַס ווערק, וועלכע זיינען בין דאַן געווען אַ פאַרשלאָסענע וועלט פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אויס־פירלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון שפינאָזאַן. אויף אַזאַ אופן איז ער געווען דער פלייסיקסטער פאָפּולאַריזאַטאָר פון שפינאָזיזם, און אין זיין קאָרעס־פאָנדענץ מיט דעם יונגן יידישן דענקער און סאָציאַלן טוער משה העס האָט ער אים שוין פרי געווונען פאַר „אַ תלמיד פון שפינאָזאַן”.

דערציילונגען פון דאָרפס־לעבן, טיילוויז אויך ספּעציעלע שילדע־רונגען פון יידישן געטאָ־לעבן, דראַמען, וועלכע ווערן געשטעלט אין די בעסטע דייטשע און עסטרייכישע טעאַטערס, פאַרפלעכטן זיך ביי אים אין איין גרויסער האַרמאָניע.

ליטעראַטור און וויסנשאַפט זיינען ביי בערטאָלד אַוערבאַכן אַ הייליקע לעבנס־באַשטימונג. זיי האָבן אויסגעפילט זיין גאַנץ לעבן פון זינט דעם לערנען אין דער ראַבינער־שול און אוניווערסיטעט ביז צום לעצטן לעבנס־אָטעם.

ניט קוקנדיק אויף זיין גרויסער פּאָפּולערקייט אין יידישע און איבער־הויפּט אין דייטשישע קרייזן, האָט ער אויסגעמיטן יעדן אויסערלעכן כבוד און האָט ניט אָנגענומען קיין פּאָסטן, וואָס זאָל אים אָפּרייסן פון זיין אַר־בעטס־צימער. ענלעך צו דעם, פון אים פאַרהייליקטן שפּינאָזאַ, האָט ער געליטן אָפט הונגער און נויט.

ער האָט געפונען פרייד און גייסטיקע באַפרידיקונג אין זיין עטישן

און עסטעטישן שאַפן, אין זייןביישטייער פאַר דער שיינקייט, פאַר דעם הומאַניזם, דעם סאָציאַלן אמת און דער פאַראיידעלונג פון דעם פאָלקס־געשמאַק.

זיין פאַרלעגער, פרידריך שפּילהאַגען, וועלכער איז געווען זיין גע־טרייער פריינד און פאַרערער און וועלכער איז געווען ממש פאַרליבט אין דער פיינקייט פון אַוערבאַכס גייסט, האָט וועגן אים געשריבן: „זיין אַ שרייבער איז פאַר אים געווען אַ לעבנס־באַשטימונג. זי האָט אים באַגלייט טאָג און נאַכט בשעת זיין גאַנג אין די שטעגן פון דאָרף און אויף די גאַסן פון שטאָט, אין פעלד און אין גאָרטן, בשעת זיין זיצן אין וואָגן, וועלכער האָט אים געפירט ערגיץ אין אַ פאַרוואָרפענעם שלאָפנדיקן דאָרף אין דעם אַלפּן־טאָל אָדער אויפן ברעג פון ים"... „זיין באַשטימונג איז אים געווען הייליק. ער האָט אין איר איינגעזען אַ מין דינסט פאַר דעם אמת און שיינקייט, וואָס ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אויסער די גרעניצן פון פרייהייט, וועלכע עס באַדאַרף אַ רייף פאָלק, וואָס האָט אויפריכטיק ליב דעם אמת און די שיינקייט. פרייהייט און פאָטערלאַנד־ליבע זיינען געווען די אידעאַלן פון זיין לעבן".

ער האָט זיך אויסגעלעבט גייסטיק אַלס הומאַניסט — און שפּעטער אויך אַלס סאָציאַליסט אין דייטשלאַנד פון יענער צייט, ווו די פאָלקס־אינטעליגענץ און דער פּיאָנערישער אַרבעטער־קלאַס זיינען געווען דורכ־געדרונגען מיט רעוואָלוציאָנערע אידייען און האָבן דורכגעמאַכט די צוויי גרויסע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון 1830 און 1848, — אין דייטשלאַנד פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

גלייכצייטיק מיט זיינע פאַרטיפטע שפּינאָזאַ־אַרבעטן הערט בערטאָלד אַוערבאַך ניט אויף צו שרייבן זיינע מייסטערהאַפטע דאָרף־דערציילונגען, וועלכע מאַכן אים באַליבט און פּאָפּולער צווישן די פאָלקס־מאַסן. זיין טיפע ליבע צום דאָרפישן אַרבעטס־מענטש און זיין פאַרשטענדעניש פון זיינע לעבנס־פּראָבלעמען דערנענטערן אים גאַנץ באַזונדער אויך צו די גרויסע רוסישע שרייבער פון זיין צייט. אין באַדען־באַדען האָט ער געהאַט די געלע־גנהייט צו באַקענען זיך פערזענלעך מיט דעם רוסישן גרויסן שרייבער טורגעניעוו, וועלכער האָט שטאַרק געריִמט אַוערבאַכס שאַפן און האָט

געשריבן אַ ספּעציעל פאָרוואָרט צו דער רוסישער איבערזעצונג פון אַוערבאַכס „דאָס דאָרפישע הויז ביים רהיין".

אויך האָט אים גאַנץ אומגעריכט באַזוכט אין יאָר 1960, בשעת זיין וויילן אין דרזדען, דער דעמאָלט נאָך יונגער לעוו טאָלסטאָי, וועלכער האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַלס דער העלד פון זיין ראָמאַן „דאָס נייע לעבן" יעווגעני באַומאַן.

בערטאָלד אַוערבאַך פירט אַרויס אין זיינע דערציילונגען אויך פּאָזי־טיווע טיפּן פון יידישע מענטשן פון זיין סביבה, אין דעם כלל אויך זיין לערער בערנאַרד פראַנקפורטער, וועלכער ווערט געשילדערט אַלס מוס־טערהאַפטער יידישער דערציער.

אויסער זיין באַדייטונג אַלס דענקער, הומאַניסט, דעמאָקראַט און אַלס טיף אמתדיקער און עסטעטישער פאָלקס־דערציילער, האָט בערטאָלד אַוערבאַך אויך אַריינגעטראָגן אַ רעאַליסטישע און וועלטלעכע ריכטונג אין דער יידיש־דייטשער ליטעראַטור פון זיין צייט און ער האָט פּראָדוקטיוו געווירקט אויף דעם גייסט פון די געטאָ־דערציילונגען פון לעאָפּאָלד קאָמ־פּערט און קאַרל עמיל פראַנצאָז.

בערטאָלד אורבאַך איז פאַר די יאָרן פון זיין פליסיקער ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויסגעוואַקסן אין איינעם פון די גרויסע פאַרבינדלער פון דער מערב־אייראָפּעאישער און יידישער קולטור. ער האָט מיטגעהאָלפן אַרויסצופירן דאָס יידישע קולטור־שאַפן פון די צעבראָכענע מויערן פון געטאָ און ברענגען עס אין אַן אָרגאַנישער באַרירונג מיט דער פּראָגרעסיווער קולטור־אַרבעט און מיט די וועלטלעכע שרייבער און דענקער פון זיין צייט. אַ שאָד, וואָס די פאָרשער פון דער היינטצייטיקער יידישער געשיכטע האָבן וויניק וואָס באַלויכטן זיין שאַפן און זיין שעפערישע פּער־זענלעכקייט, וועלכע האָט דערוועקט די באַוואונדערונג פון די בעסטע קול־טור־טוער און שרייבער, וואָס זיינען מיט אים געקומען אין אַ גייסטיקער באַרירונג. עס האָט אָפט געקענט דוכטן, אַז בערטאָלד אויערבאַך לעבט אין צוויי פאַרשידענע וועלטן, אין דער דייטשישער און דער יידישער. ער שרייבט שטייגער־דערציילונגען פון דייטשישן פאָלקס־לעבן ווי די דער־מאָנטע „שוואַרצוואַלדער געשיכטען" „אויף דער הויך", „דאָס לאַנד ביים

ריין״. ״וואלפריד״ און, פון דער צווייטער זייט, שטייגער־געשיכטעס פון יידישן לעבן ווי ״געטאָ״, ״שפּינאָזאַ״, ״דאָס לעבן פון אַ דענקער״, ״דיכטער און סוחר״. געטריישאַפט צו זיין שטאַם און וועלטלעכקייט באַהעפטן זיך ביי אים צוזאַמען.

זאָל דעריבער דערמאָנט ווערן מיט כבוד דער נאָמען פון דעם גרויסן שעפערישן ייד און מענטש.



איוואַן קרילאָוו

איוואַן קרילאָוו איז געווען אַן אייגנאַרטיקער און טאַלאַנטפולער רוסישער פאָלקס־דיכטער און סאַטיריקער. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער פאַמיליע פון אַ קליינעם פּראָווינציעלן באַאַמטן. ער האָט פרי פאַרלוירן זיין פאָטער און האָט זיך געלאָזן אין וואַנדערונג פון שטאָט צו שטאָט. אַלס פאַריתומטער אָרעמער יינגל האָט ער זיך אויסגעלעבט ביי אומ־שטענדן פון שווערער נויט. אָבער אַ דאַנק זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאי־קייטן און זיין דראַנג צו בילדונג און ליטעראַטור האָט ער זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון איינעם פון די פאַרטיפטסטע פריידענקער און באַוווסט־זיניקע שרייבער פון זיין צייט.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיטן טיפן וויסן פון פאָלקסלעבן, די פּיין און די נויטן פון וועלכן ער האָט פּערזענלעך איבערגעלעבט.

צו 14 יאָר האָט ער שוין געשריבן זיין ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג „די קאַפּייניצע״, אין וועלכער ער האָט קריטיקירט דעם פעאָדאַליזם און די הפקרות פון די גוטבאַזיצער.

אָנקומענדיק אין זיין פריער יוגנט קיין פעטערבורג איז ער באַלד געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון געגרינדעטן סאַטירישן זשורנאַל „זריטעל״ („צוזעער״), ווו ער זאָגט זיך אַרויס שאַרף קעגן דער זעלבסטהערשאַפט און קעגן דער הערשנדיקער פּריצישער מלוכה־אָרדענונג. ער האָט געקענט האָבן דעם זעלביקן טרויעריקן סוף ווי זיין מיטצייטלער, דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער דענקער אַלעקסאַנדער ראַדישטשעוו. די קייזערין יעקאַ־טערינאַ די צווייטע האָט שוין אויך קרילאָוון אָנגעהויבן נאָכצושפּירן. ער האָט אָבער באַצייטנס פאַרלאָזן פעטערבורג און געלעבט אין דער שטילער פּראָווינץ, ווו ער האָט זיך מפרנס געווען דורך געבן לעקציעס און סעקרע־טאַרישער אַרבעט.

אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן די פּאָעמע „טריאומף״, אין וועל־כער ער האָט קריטיקירט שאַרף דעם קייסער פּאַוועל.

גאַנצע צען יאָר האָט קרילאָוו פאַרבראַכט אין פרייוויליקער איזאָלאַציע. ערשט דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט קיין פעטערבורג, ווו ער ווערט שטאַרק פּאָפּולער. מען שטעלט דאָרטן זיינע פּיעסן און ער אַנטפּלעקט זיך אין די ברייטע פאָלקס־שיכטן אַלס שאַרפזיניקער, סאַטירישער דיכטער.

אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער פון יענער תקופה, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאַרנאַס״, לאַכט ער אויס די טעמפּע און צוריקגעשטאַנענע קינסטלער, „די אייזלען, וועלכע פּאַשען זיך אויפן געהייליקטן באַרג פון רום״.

פון דאַן אָן ברענגט ער אַרויס מיט אַ פולער קינסטלערישער האַנט איינע נאָך די אַנדערע זיינע קלוגע און שאַרפזיניקע מעשהלעך — זיינע לידער־משלים, ווו ער שפּאָט אָפּ פון דער טעמפּקייט, עם־הארצות, ביור־ראָקראַטיע, גייציקייט, חניפה און גרויזאַמקייט. ער דינט ערנסט דעם פאָלק דורך דעם טיפן אמת, וואָס דרינגט אַרויס פון זיינע פאָלקס־משלים.

דאָס פֿאָלק קריגט אים ליב, לייענט און דעקלאַמירט זיינע לידער, טייטשט זיי אויס, נעמט זיי אויף אין די לערן־פּראָגראַמען פֿון די פֿאָלקס־שולן און שטויסט זיך אָפּט אָן אויף זייער קריטישן און רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. אין די פֿינצטערסטע צייטן פֿון צאַריזם האָט ער אויף זיין שטייגער געפּרע־דיקט נייע געזעלשאַפֿטלעכע אידייען, גערופֿן צו דעמאָקראַטיע און פֿריי־הייט דורך זיינע משלים און סאַטירישע לידער, וועלכע זיינען אין משך פֿון דער צייט איבערגעזעצט געוואָרן אין פּאָפּציק שפּראַכן — אין דעם כלל אויך אין העברעאיש און יידיש. אַזוי האָבן די גרויסע מאַסן לייענער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור גוט אויפֿגענומען דעם אַלעגאָרישן באַדייט פֿון קרילאָווס לידער און משלים.

דער אָפּגעשטאַנענער, פֿאַרגליווערטער און טעמפּער באַאַמטן־אַפּאַראַט ווערט אויסגעלאַכט אין אַ ריי לידער, באַזונדער ווו עס הייסט: „ווי איז ווען קוכן באַקט אַ שוסטער"„ אָדער „די קוקושקע לויבט דעם האָן, ווייל דער האָן לויבט די קוקושקע". אין זיין ליד „דער פּראָש און דער אָקס" שטעמפּלט ער און לאַכט ביטער אויס די פּוסטע גרויסהאַלטעריי פֿון דער אַריסטאָ־קראַטיע און פֿון די הויפֿלייט, וועלכע בלאָזן זיך ווי יענער פּראָש, וואָס פּרווט זיך פֿאַנאַנדערבלאָזן און ווערן גרויס ווי דער אָקס, און ער בלאָזט זיך ביז ער פּלאַצט.

קרילאָוו לאַכט אויס די חוצפּה פֿון דער בייזוויליקער קריטיק פֿון גרויסע פּאָזיטיווע געשעענישן אין זיין משל וועגן „דעם העלפֿאַנט און דעם הינטל מאסקאַ". מאַיעסטעטיש און זיכער שפּרייזט איבער דער אָפֿענער גאַס דער וואָגיקער העלפֿאַנט, און ווי נאַריש און אוממעכטיק איז, וואָס דאָס קליינע אומצופֿרידענע הינטל מאָסקאַ בילט אויף אים פֿון הינטערן טויער.

אין אַ קלוגן, גוט מאַסקירטן משל פֿירט ער אונטער דעם געזעלשאַפֿט־לעכן חשבון מיט די אומפֿעאיקע און הינטערשטעליקע ביוראָקראַטישע פֿאָלקס־פֿאַרזאָרגער, וואָס פֿאַרמאָגן ניט די מינדסטע פֿעאיקייט צו פֿירן די מדינה. ער שילדערט זיי אין זיין משל „דער קוואַרטעט". די שפּיל פֿון די פֿיר שלימזלדיקע מוזיקאַנטן, וואָס זיינען ניט מסוגל אויפֿצושפּילן זיך און מיינען אין זייער נאַאיווקייט, אַז אַלץ נעמט זיך דערפֿון, וואָס זיי זיצן ניט ווי געהע־

ריק, און אַז זיי וועלן דערגרייכן אַ האַרמאָנישן שפּיל דורך דעם, וואָס זיי וועלן בייטן זייערע זיצפּלעצער. און ער טראָגט אַרויס זיין אורטייל אויף די פאַלשע שפּילער: „זעצט איך ווי איר ווילט, פאַר קיין שפּילער טויגט איר ניט״.

אומזיסט זוכן די באַנקראָטירטע מאָנאַרכיסטן הילף און שטיצע מצד דעם פאָלק. ער פאַראורטיילט זייער פּרווו אין זיין משל מיטן הונגעריקן וואָלף, וואָס וואָלט וועלן באַקומען שפּייז און אַ גוטע אויפנאַמע מצד די האַרעפּאַשנע דאָרפסלייט. עס לאָזט זיך אָבער אויס, אַז עס איז אין דאָרף ניטאָ קיין איינציקע פּויערים־משפּחה, וועלכע ער האָט ניט געהאַט באַשעדיקט און באַעוולט: דאָ האָט ער צעריסן און פאַרצוקט אַ שעפּסל און דאָרטן האָט ער דערשטיקט אַ פּאָר הינער, און דעריבער וועט קיין פּויער אויף אים רחמנות ניט האָבן.

און אָט איז דער שיינער משל וועגן „דעם שטרויס־פויגל, דעם העכט און דעם קרעבס״, וועלכע האָבן זיך אַלע דריי איינגעשפּאַנט אין איין וואָגן און זיי ווילן אים פירן פאָרויס און אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע. זיי זיינען אָבער ניט מסוגל צו רירן דעם וואָגן פון אָרט, ווייל דער שטרויס־פויגל ציט דעם וואָגן הויך אין דער לופט, דער העכט שלעפּט אים אין וואַסער אַריין און דער קרעבס ציט אויף הינטער, און „דער וואָגן בלייבט שטיין ביז היינט דאָרטן״ פירט אויס דער סאַטיריקער. די פּרינציפּלאָזע ניט אויסגעהאַלטענע מלוכה־מאַכט איז ניט אימשטאַנד צו ברענגען פאַר־ווערטס דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן.

אַזוי איז יעדעס ליד און יעדער משל פון דעם גרויסן פאָלקס־דיכטער און סאַטיריקער איוואַן קרילאָוו רייך מיט בילדער און געדאַנקען, וועלכע ווירקן זיך אויס סאָציאַל; וועלכע דרינגען לייכט אַריין אין באַ־ווסטזיין פון יעדן שילער, פון יעדן פאָלקישן לייענער.

אַזוי האָט דער גרויסער דיכטער און פאַבל־מייסטער, דעם 200־יאָריקן געבוירנטאָג פון וועלכן מיר פייערן, זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון די גרעסטע פאָלקס־דערציער און רעוואָלוציאָנערן פון 18 יאָרהונדערט, אין זיין רוסישן היימלאַנד און אין דער גאַרער קולטור־וועלט.



אהרון שמואל ליבערמאַן

די עסטרייכישע הויפּטשטאָט ווין איז געווען די דריטע לעבנס־סטאַנציע פון אהרון שמואל ליבערמאַן. ער איז אַהין אָנגעקומען ערשט אין אָנהייב פון יאָר 1877.

דער אָנהייב פון זיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט איז אויסגעפאַלן אין יאָר 1872, בעת ער איז געהאַט צוגעשטאַנען צום ערשטן סאָציאַליסטישן קרייז אין ווילנע. לויטן מוסטער פון די אַנדערע סטודענטישע קרייזן פון יענער צייט, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין די הויפּטשטעט פון רוסלאַנד, פּעטערבורג און מאָסקווע, האָט זיך דער ווילנער סאָציאַליסטישער קרייז געבילדעט דורך די שילער פון מלוכהשן ראַבינער־סעמינאַר און זיינע ערשטע גרינדער זיינען געווען יעקב אבא (אַרקאַדי) פינקעלשטיין, און אויך

אהרון שמואל ליבערמאַן, דער זון פון דעם העבּרעאישן שרייבער אליעזר דוב ליבערמאַן, איז צוגעשטאַנען צו יענעם קרייז.

נאָך דעם ווי די פּאָליציי איז געוואָר געוואָרן, אַדאַנק דער מיטהילף פון די קהילה־מענטשן, וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם קרייז, האָט ליבער־מאַן און זיינע חברים געגרינדעט דעם צווייטן יידישן סאָציאַליסטישן קרייז, וועלכער איז געווען טעטיק ביזן יאָר 1875.

אין יולי 1875, פאַרן באַזוך פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אין ווילנע, האָט די פּאָליציי אויסגעשפּירט דעם צווייטן סאָציאַליסטישן קרייז, און אהרון שמואל ליבערמאַן, וועמען ס'איז געלונגען צו אַנטקומען פון די פּאָליצייאישע הענט, איז אַוועק קיין בערלין. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט די יידישע סאָציאַליסטן גרשון גורעוויץ, משה אַראָנסאָן, אליעזר צו־קערמאַן און כאַסיע שור. במשך זיין אָנוועזנהייט אין בערלין איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן אַ סאָציאַליסטישער פאַראיין, וועלכער האָט זיך אָנגע־שלאָסן אַלס אַ באַזונדערע סעקציע צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

ניט לאַנג האָט ליבערמאַן פאַרבראַכט אין בערלין. נאָך איידער ער איז אַהין אָנגעקומען איז צושטאַנד געקומען אין קעניגסבערג זיין באַגעגעניש מיט יעקב אבא פינקעלשטיין און נאָך זיין באַראַטונג מיט אים האָט ער אָנגענומען דעם באַשלוס צו פאָרן פון בערלין קיין לאָנדאָן און פירן דאָרט די אַרבעט פון קרייז אין אַ פיל ברייטערן פאַרנעם. ער האָט זיך געשטעלט צוויי פּאַראַלעלע צילן: 1) צו בילדן אַ ברייטערן יידישן סאָציאַליסטישן קרייז פון צווישן דער דאָרטיקער אינטעליגענץ, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן דער יידישער יוגנט אין צאַרישן רוסלאַנד דורך בראָשורן און פלוגבלעטער; 2) צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די יידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן, וואָס זיינען אַהינגעקומען טיילווייז אויף באַשטענדיקער אַרבעט און טיילווייז אַלס עמיגראַנטן אויפן וועג קיין אַמעריקע.

אויגוסט 1875 איז ליבערמאַן אָנגעקומען קיין לאָנדאָן און באַלד צוגע־טראָטן צו זיין אַרבעט. צוערשט האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין אויפרוף צו דער יוגנט „אל שלומי בחורי־ישראל", וואָס איז געווען געשריבן אין רע־וואָלוציאָנערן גייסט און אין אַ משכילישן העבּרעאיש און איז געווען באַ־

שטימט פאַרשפּרייט צו ווערן צווישן ישיבה־בחורים און צווישן דער משכּילישער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד.

אין זיין אויפרוף, וואָס טראָגט די אונטערשריפט „המתנדבים בעם לבית ישראל״ („פרייוויליקע פון פאָלק ישראל״) פאַרבינדט ער דעם קלאַסן־קאַמף אויף דער יידישער גאַס אויפן ענגסטן אופן מיט די פּראָבלעמען פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט און מיט די אויפגאַבן פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל. עס האָט אים ביי זיין שרייבן באַשטראַלט די געשטאַלט פון גרויסן לערער קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט צו יענער צייט געלעבט אין לאָנדאָן.

דער פלאַמיקער אויפרוף פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער (אין יידישער איבערזעצונג): „...אויך די יידישע פּראָלעטאַריער וועלן צושטיין צו דער גרויסער זאַך, ווייל אויך די מאָס פון זייער פּיין איז פול געוואָרן איבער אירע ברעגן... דאַן וועט חרוב ווערן די וועלט פון שקר און פון אונטער־דריקונג פון די אַרבעט־מענטשן דורך דער שטאַרקער האַנט פון די, וואָס פירן דעם קאַמף פאַרן אמת און פרייהייט און אויף אירע רואינען וועט זיך רויטלען מיט זיין שיין דאָס ליכט פון פרייהייט, די פאָן פון ענדערונג פון אַלע רעזשימען פון די לענדער״.

דער אויפרוף איז דורכגעשמוגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד אין הונ־דערטער עקזעמפּלאַרן, איז אויף אַ געהיימען אופן געלייענט געוואָרן דורך ישיבה־בחורים און יוגנט און האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע איבער־ראַשונג.

גלייכצייטיק האָט ליבערמאַן געגרינדעט דעם 20סטן מאַי 1876 אין לאָנדאָן גופא די „אגודת הסוציאליסטים העבריים״ („פאַראיין פון העברעאי־שע סאָציאַליסטן״) אַלס אידעאָלאָגישן צענטער. און מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט ער געגרינדעט, צוזאַמען מיט זיינע חברים, אַ געזעלשאַפט פון יידישע אַרבעטער, א. נ. „חברים כל בעלי־מלאכה״ („געווערק־געזעל־שאַפט״), גערופן פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ער און זיינע חברים האָבן געהאַלטן רעדעס אויף יידיש איבער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן. אין דער געזעלשאַפט איז געקומען צו חילוקי־דעות, זי איז אויך שטאַרק אָנגע־גריפן געוואָרן דורך די קאָנסערוואַטיווע קרייזן מיטן הויפּט־רב אַדלער

בראש, און זי איז געוואָרן ליקווידירט. איר לעצטע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמ־לונג איז פֿאָרגעקומען דעם 23סטן דעצעמבער 1876.

אהרון שמואל ליבערמאַן איז געווען צו שוואַך ער זאָל זיך קענען צופּאַסן צו די קאָנפליקטן צווישן דער טריידיוניאָניסטישער און דער קאָס־מאָפּאָליטישער ריכטונג צווישן דער לאָנדאָנער אַרבעטערשאַפט און צו די רדיפות מצד די קאָנסערוואַטיווע יידישע קרייזן, און אין יאָר 1877 האָט ער פאַרלאָזן לאָנדאָן.

ער איז אַרויסגעפאָרן אין דער ריכטונג פון מזרח־אייראָפּע; ער האָט געהאַט די כוונה אומצוקערן זיך צוריק קיין ווילנע, האָט דאָס אָבער ניט געקענט דערגרייכן צוליב פּאָליצייאישע שטערונגען און האָט זיך פאַר־האַלטן אין ווין צוליב איר נאָענטקייט צו דער רוסישער גרעניץ. ער האָט געהאָפט, אַז דאָ וועט ער קענען בילדן אַ מער סטאַבילן צענטער פאַר סאָציאַליסטישער אויפקלערונג און פאַר אַ סיסטעמאַטישער אויסגאַבע פון ליטעראַטור. ער האָט זיך נאָך זינט זיין צייטווייליקן אויפהאַלט אין בערלין און אויך שפּעטער אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק פון אַרויסגעבן אַ סאָ־ציאַליסטישע צייטשריפט אין העברעאיש און יידיש. באַזונדער האָט ער זיך פאַרנומען מיטן דאָזיקן געדאַנק נאָך אין זיין לאָנדנער תקופה און בדעה געהאַט זי אָנצורופן „הפטיש" („דער האַמער").

ווי מיר האָבן געזען, זיינען די באַדינגונגען אין לאָנדאָן ניט געווען גינסטיק פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער אידייע וועגן אַזאַ צייטשריפט. מיט זיין אָנקום קיין ווין האָט ער זיך אַקטיוו דורכגעשריבן מיט זיינע פריינד און צוקונפטיקע מיטאַרבעטער, גאָר באַזונדער מיטן באַקאַנטן העברעאישן דיכטער יהל"ל (יהודה לייב לעווין), ד"ר יצחק קאַמינער, דעם סאָציאַליס־טישן דענקער און שרייבער מאָריס ווינטשעווסקי (בן־נץ) און דערהויפּט מיט דעם העברעאישן ליטעראַטור־קריטיקער קאַמיונסקי, און נאָך די באַראַטונגען און צוזאָגטער ליטעראַרישער מיטאַרבעט איז ער צוגע־טראָטן אַרויסצוגעבן די ערשטע העברעאישע סאָציאַליסטישע צייטשריפט, וועלכער ער האָט געגעבן דעם נאָמען „האמת". אין פּראָספּעקט פון דער צייטשריפט און אין אַריינפיר צום ערשטן נומער טייטשט ער אויס דעם געגעבענעם נאָמען אין פאָלגנדיקע ווערטער: „מיר האָבן געשטעמפּלט די

צייטשריפט, וואָס מיר גייען אַרויסגעבן מיטן שטעמפּל פון אמת, און דעם אַבסאָלוטן אמת וועלן מיר אַרויסברענגען פאַרן לייענער אַ נאַקעטן ביי דער באַלייכטונג פון דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, אין דערציילונגען און טעאָרעטישע אַרטיקלען, אין מליצות און לידער, בפרט אין וועלט־נייעס און אין די באַריכטן וועגן אַלץ וואָס טוט זיך אונטער דער זון, ווייל עס איז ניט פאַראַן קיין אַנדערער אמת, ווי דער, וואָס געפינט זיך און קומט פאָר". „דער שקר, וואָס הערשט איצט אין דער וועלט, איז דער פאָטער פון אַלע וועלט־פּאַגראָמען. ער האָט רואינירט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ביזן גרונד... ער האָט פונאַנדערגעטיילט די מענטשן אין צוויי לאַגערן, אין

DIE WAHRHEIT.

האמת.

מהירה לשנה:
1 דאָללאַר; 1 רו"כ:
½ פלאָרין אַ"וו.;
3 שיללינג'ס או
מארק 4 פראנק'ס.
כל ארץ לפי

מ׳טבעותיה.
החותם על מהצית
השנה ישלם 60%
מן מחיר השנה.
את המהיר שלמו
תמיד מראש.

רויבער און באַרויבטע, און מיט זיין קראַפט האָבן די פויסט־מענטשן באַקומען די אויבערהאַנט און האָבן אַרויפגעלייגט זייער לאַסט אויפן פאָלק... דאָס פאָלק ווייסט זיינע צרות און זיין נויט, אָבער ער פאַרשטייט נאָך ניט צו פאַרמיאוסן דאָס שלעכטס און אויסדערוויילן דאָס גוטס... נאָר דער אמת וועט באַלייכטן דעם מענטשנס געזיכט און וועט אין זיין האַרצן אַריינברענגען פאַרשטאַנד אונטערצושיידן צווישן גוטס און שלעכטס".

אין דעם צווייטן פּראָספּעקט פון דעם „אמת" גרעניצט ער זיך אָפּ פון דער העברעאישער בירגערלעכער פּרעסע פון זיין צייט, וואָס פאַרנעמט זיך כלל נישט מיט דער פראַגע פון ברויט און אַרבעט אָדער, ווי ער רופט דאָס אָן אויף אַ בילדערישן אופן מיט דער פראַגע פון „לעפל און גאָפּל", און ער פירט אונטער דעם סך־הכל מיט די ווערטער:

„עס איז ניטאָ קיין אמת און קיין יושר און קיין קענטעניש פון דער צייט אין אונדזער טעגלעכער פּרעסע — נאָר צביעות און צביעות פון אַלע זייטן,

פון יעדן ווינקל. נאָר לויב־געזאַנגען צו די געלט־מענטשן, נאָר חניפה און ליגן און געלט־תאווה אַרום. דעריבער איז דאָס פאָלק אַנטשוויגן געוואָרן אָן וויסן און אונדזער ליטעראַטור איז ביז צו דער ערד געפאַלן".

דעריבער שטרעבט ליבערמאַן צו באַנייען די יידישע פרעסע און גרינדן די ערשטע טריבונע פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק אין העברעאיש.

לאַנגע חדשים האָט ער זיך געראַנגלט מיט אַלע שטערונגען. די הילף מצד פריינד איז געווען אַ קנאַפּע. ער האָט געליטן הונגער און נויט, ניט געהאַט קיין בגד צו זיין לייב. די ריכטיקע פּראַקטישע הילף האָט אים גע־געבן דער איבערגעגעבענער יידישער רעוואָלוציאָנער אליעזר צוקערמאַן, וועלכער איז געקומען קיין ווין, און צוזאַמען מיט ליבערמאַנען געליטן נויט און אַלס געניטער העברעאישער זעצער אויסגעזעצט מיט זיינע הענט אַלע דריי העפטן „האמת", וואָס ליבערמאַנען האָט זיך איינגעגעבן אַרויס־צוגעבן.

דאָס ערשטע העפט, וואָס איז דערשינען דעם 12טן מאַי 1877 איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און ליבערמאַן האָט עס אַרויס־געגעבן אין אַ צווייטער און דריטער אויפלאַגע. זי האָט זיך גוט פאַרשפּרייט און איז אין פיל עקזעמפּלאַרן אַריבערגעפירט געוואָרן געהיים קיין רוס־לאַנד.

דאָס רוב אַרטיקלען האָט ליבערמאַן געשריבן אַליין. דאָס ערשטע העפט עפנט זיך מיט זיין אַרטיקל „שאלת היהודים" („די יידן־פראַגע"). דאַן קומט אַ רעוואָלוציאָנער ליד פון דעם דעמאָלט שטאַרק פּאָפּולערן העברעאישן דיכ־טער יהל"ל א. נ. „מדוע ?" („פאַר וואָס ?") און פאָלקסטימלעכע דערציי־לונגען פון אליעזר צוקערמאַן א. נ. „ילדי־יום" („קינדער פון טאָג") און אין צווייטן און דריטן העפט פון „האמת" האָבן זיך באַטייליקט אַנדערע דעמלט פּאָפּולערע העברעאישע דיכטער ווי צבי הכהן שערעשעווסקי מיט זיין ליד „חוק יעקב" („יעקבס געזעץ") און ד"ר יצחק קאַמינער מיט זיין סאַטיריש ליד אין נוסח פון די שבתדיקע זמירות „שיר הייחוד", וווּ עס זינגט זיך אַ לויבגעזאַנג דעם געלט.

אַלע לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען זיינען לויט זייער אויסער־

לעכער געשטאַלט און סטיל געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער השכלה־ליטעראַטור. מיט זייער אויפשטענדישן כאַראַקטער אָבער, מיט זייער אומ־באַגרעניצטער ליבע צו די יידישע פאָלקס־מאַסן און מיט זייער טרייקייט צו די פרינציפן פון סאָציאַליזם און צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיי געעפנט אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פון דער העב־רעאישער פרעסע.

אהרון שמואל ליבערמאַן האָט אין אַלע אומשטענדן טריי אָפּגעהיט זיין לעבנס־אויפגאַבע. ער האָט געהאַט דעם זכות וואָס קיינעם איז ניט געלונגען ביי אים אָפּצונעמען — צו זיין דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון דער ערשטער העברעאישער סאָציאַליסטישער צייטשריפט. ער האָט אָבער ניט געקענטביישטיין די רדיפות מצד דער בערלינער און ווינער פּאָליטישער פּאָליציי, וועלכע האָבן געמאַכט יד־אחת צום קאַמף קעגן דעם פּיאָנער פון העברעאישן סאָציאַליסטישן וואָרט.

נאָכן דערשיינען פון דריטן העפט „האמת", האָט זיך די אויסגאַבע אָפּ־געשטעלט, און כדי אויסצומיידן די שווערע פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען, האָט ליבערמאַן אין געהיים פאַרלאָזן ווין און אַ שווער־געטראָפענער איז ער אַוועק קיין אַמעריקע.

עס איז ניט קלאָר, צי האָט ער געהאַט בדעה צו זוכן דאָרט אַן אידייאישן אָנשפּאַר אויף די ברייטע יידישע מאַסן און אַרויסגעבן אויך ווייטער די העברעאישע סאָציאַליסטישע צייטשריפט?

מיר ווייסן נאָר, אַז מיטן אָפּשטעלן זיך פון דעם ווינער „האמת", האָט אין אַ קורצער צייט אַרום אָפּגעשטעלט זיך אין אַמעריקע ליבערמאַנס לעבן.

זיין אידייע איז אָבער מיט אים ניט געשטאָרבן. ניט מער ווי נאָך איין חודש זינט דעם דערשיינען פון דריטן העפט „האמת", איז דערשינען אין דער זעלבער שטאָט ווין אַ המשך־אויסגאַבע פון דער העברעאישער סאָ־ציאַליסטישער פרעסע: מאָריס ווינטשעווסקי איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן די צווייטע העברעאישע סאָציאַליסטישע צייטשריפט „אספת חכמים".

דאָס לעבן פון דער העברעאישער סאָציאַליסטישער פרעסע האָט ווײַ־טער אָנגעהאַלטן.

זי האָט זיך באַפרייט מיט דער צייט פון איר משכילישן, מליצישן נוסח און איז געקומען צו אַ פולן שפּראַציקן לעבן און האָט באַקומען אירע רעאַלע טאָג־טעגלעכע שאַפער, אירע נאַטירלעכע מאַסן־לייענער. דאָס איז געשען ערשט אין ישראל, ווו די העברעישע שפּראַך האָט אויפגעלעבט און איז געוואָרן אַ רעאַלער אינסטרומענט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און שאַפן.



אליעזר צוקערמאַן

אַן אייגנאַרטיקן און טראַגישן וועג צום פֿאָלק און צום אַרבעטער־קלאַס האָט דורכגעמאַכט אליעזר צוקערמאַן.

ער איז געבוירן געוואָרן אין מאָהילעוו, אויפֿן דניעפּר, וואָס האָט געשמט מיט אירע קלוגע וועלטלעך־געשטימטע סוחרים, וועלכע האָבן אין די 60ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט פֿאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין וואַלד־ און תבואה־האַנדל, אין אויפֿבוי פֿון די אייזנבאַנען און אין דער פּראָוויאַנטירונג פֿון דער אַרמיי. מאָהילעוו האָט אָבער ניט ווייניקער געשמט אין די 60ער יאָרן מיט אירע לומדים־עילויים און מיט אירע משכּילים, די ערשטע וועג־ברעכער פֿון דעם אַלטן, אָרטאָדאָקסישן לעבנס־שטייגער.

עס זיינען אין מאָהילעוו געווען אויך הייזער, ווו סוחרישע קלוגשאַפט און רייכקייט האָט זיך באַהעפט און געחברט מיט תורה און השכלה.

אַזאַ גביר און וועלטלעך געבילדעטער למדן איז געווען אין יענע יאָרן אין מאָהילעוו שמריהו (שמערל) צוקערמאַן. ביי דער שפע און לוקסוס פון זיין לעבן, ביי דעם גבירישן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען אויסגעשטאַט ניט נאָר מיט רייכע מעבל און טעפּיכער, נאָר אויך מיט אַ רייכער יידישער ביבליאָטעק און בילדער־זאַמלונג, איז שמערל צוקערמאַן געבליבן דער אַקטיווער און פּאָלקסטימלעכער כלל־טוער. זיין הויז האָט ניט אויפגעהערט צו זיין דער צענטער פאַר לומדות, השכלה און געזעלשאַפטלעכקייט.

אליעזר צוקערמאַן איז געווען אַ קינד פון דער דאָזיקער סביבה. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1852 אין דער פאַמיליע פון שמערל צוקערמאַנס ברודער, יוסף, וועלכער איז געווען פיל ענגהאַרציקער פון זיין ברודער און האָט זיך פאַנאַטיש און קעגנעריש באַצויגן צו דער השכלה־באַוועגונג. דער יונגער אליעזר איז געווען אַ למדן, אָבער ביים לערנען אין בית־המדרש האָט ער בסוד פון זיין פאָטער אַריינגעקוקט אין השכלה־ביכער. שוין פרי האָט ער זיך אָנגעהויבן באַציען קריטיש צום רעליגיעזן לעבנס־שטייגער און האָט אָנגעהויבן שרייבן העברעאישע און יידישע לידער, צווישן זיי אויך סאַטירישע, אין וועלכע ער האָט שאַרף קריטיקירט דעם פאַנאַטיזם, די פאָראורטיילן און די ענגהאַרציקייט פון די אָרטאָדאָקסישע קרייזן און אין דעם כלל אויך פון זיין רבין און פון זיין פאָטער.

אין יענער צייט איז אָנגעקומען קיין מאָהילעוו אויף צו לערנען אין דער אָרטיקער גימנאַזיע פנחס (פאַוועל) אַקסעלראָד, וועלכער האָט זיך אין אַ צייט אַרום אַנטפּלעקט אַלס באַגאַבטער טעאָרעטיקער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, פון מאַרקסיזם. אונטער זיין השפעה האָט זיך געגרינדעט דער ערשטער סאָציאַליסטישער קרייז פון לערן־יוגנט, צו וועלכן עס זיינען צוגעשטאַנען די שפּעטערדיקע אַקטיוויסטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג: גרשון און דוד גורעוויטש, אליעזר און נחמן לעווענטאַל, משה אַראָנסאָן, כאַסיע שור און אַנדערע. צו דעם דאָזיקן קרייז איז אויך צוגעשטאַנען אליעזר צוקערמאַן און האָט זיך מיט גרויס התמדה אָפּגעגעבן מיט סאָציאַלע וויסנשאַפטן. ער איז געוואָרן אַ טיף איבערצייגטער סאָציאַליסט.

עס איז אים ענג געוואָרן אין מאָהילעוו און נאָך ענגער אין דער היים. זיין חשק צו וועלטלעכע קענטענישן און צו געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט איז אינטענסיוו געוואַקסן, — און מיט ניט קיין קלענער אינטענסיווקייט זיינען געוואַקסן די רדיפות און רעפּערסיעס מצד דעם פאַנאַטישן פאָטער, וועלכער האָט מיט געוואַלד, אַפּט מיט פיזישע מיטלען, געפּרוווט פאַרשליסן דעם דערוואַכטן אליעזרן צוריק אין די פיר ווענט פון שטוב און פון בית־מדרש.

זיין היים האָט זיך פאַר אים פאַרוואַנדלט אין אַ תפיסה פאַר זיינע געדאַנקען און שטרעבונגען, און ער האָט זיך געריסן צו באַפרייען זיך פון איר מיט דער הילף פון זיינע חברים. ער האָט פון אָנהייב געוואָלט לויפן קיין זשיטאָמיר און דערגענצן דאָרט זיינע וועלטלעכע ידיעות אין יידישן לערערסעמינאַר. מען האָט זיך אין דער היים דערוווּסט און מיט געוואַלד אים אומגעקערט צוריק פון וועג. דאָס האָט אליעזרן נאָך מער פאַרביטערט, געריסן אַכזריותדיק די לעצטע פעדים, וואָס האָבן אים געהאַט געבונדן מיט זיין פאַמיליע.

דערווייל זיינען זיך אַלע זיינע חברים צעפאָרן פון מאָהילעוו אין די רוסישע הויפּטשטעט און אין מערב־אייראָפּע — און דאָס האָט באַטייט דעם לעצטן טראָפּן אין דעם בעכער פון זיינע ליידן.

ער רייסט זיך אַרויס פון דער היים. ער קומט אָן קיין פּעטערבורג. כדי צו דערווערבן עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט און כדי צו קענען דינען מיט זיין פּראָדוקטיווער אַרבעט דער סאָציאַליסטישער אידייע, לערנט ער זיך אויס שריפטזעצעריי — רוסישע, העברעאישע און יידישע, און באַוואָפנט מיט די דאָזיקע פאַך־קענטענישן וואַנדערט ער ווייטער אויף זיין שווערן לעבנס־וועג. ער קלייבט זיך אַריבער איבער דער רוסישער מלוכה־גרעניץ, אַרבעט ביי שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען אין דער זעצעריי פון פּרץ סמאָלענסקינס „השחר" אין ווין, וואַנדערט דערנאָך אַריבער קיין בערלין, ווו עס קאָנצענטרירן זיך אין יענער צייט, אין מיטן פון די 70ער יאָרן, ווילנער, קאָוונער און מאָהילעווער יידישע רעוואָלוציאָנערן. אין יאָר 1876 פאַרבינדט ער אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אהרן שמואל ליבערמאַן, וועלכער האָט געוווילט דאַן אין לאָנדאָן. ליבערמאַן באַקענט אים מיט זיין לעבנס־

אידייע אַרויסצוגעבן די ערשטע העברעאישע סאָציאַליסטישע צייטשריפט, וועלכע ער האָט פריער געוואָלט אַ נאָמען געבן „הפטיש" („דער האַמער"). ליבערמאַנס שטרעבן באַגייסטערט צוקערמאַנען, און ווען ליבערמאַן פאַר־לאָזט לאָנדאָן, אין סוף פון יענעם יאָר, פאָרט אַריבער קיין ווין און טרעט צו אַרויסצוגעבן די העברעאישע סאָציאַליסטישע צייטשריפט „האמת, באַהעפט זיך צו אים אויך אליעזר צוקערמאַן.

צוקערמאַן פאַרעפנטלעכט אין דער צייטשריפט זיינע לידער און דער־ציילונגען און ביי שווערע באַדינגונגען פון עקאָנאָמישער נויט אַרבעט ער אין דער זעצעריי. אַלע דריי העפטן „האמת" זיינען אויסגעזעצט געוואָרן מיט זיין האַנט.

אין יאַנואַר 1878 טרעפן מיר אים שוין אין זשענעווע, ווו ער אַרבעט ביי שלעכטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען אַלס זעצער אין דער רוסישער אַנאַר־כיסטישער צייטונג "אָבשטשינאַ" ("געמיינדע"). אין דער זעלביקער צייט גרינדעט ער דאָרטן די „גרופע יידישע סאָציאַליסטן" און פאַרבינדט זיך מיט דעם אָנפירער פון די אוקראַינישע סאָציאַליסטן מ. דראַגאָמאַנאָוו, וועלכער האָט געוויילט אין יענער צייט אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט אין זשענעווע און האָט מיטגעהאָלפן צוקערמאַנען אַרויסצוגעבן דעם אויפרוף פון דער „גרופע יידישע סאָציאַליסטן".

עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דעם צענטער פון רוסישער פּאָליטישער עמיגראַציע, ווי זשענעווע איז געווען, האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען צוקערמאַנס באַשיידענע און פּראָדוקטיווע אַרבעט, וואָס האָט אים פאַר־שאַפט אַ גייסטיקע באַפרידיקונג. ער האָט דאָ באַקומען אויך אַ מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך אין פרייע מינוטן מיט זיין ווייטערדיקער בילדונג, מיט שטודירן סאָציאַלע וויסנשאַפטן. אָבער זיין טרייקייט און מסירת־נפש פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל האָט אים אָן אויפהער געטריבן אַהין, ווו ער האָט דעמאָלט געקענט זיין ניצלעכער, ווו ער האָט געקענט זיין פּראָדוקטיווער. דערצו איז ער, דער יידישער אינטעליגענט פון מאָהילעוו, געווען אין זשע־נעווע אַן אָפּגעריסן בלאַט פון זיין בוים. עס האָט אים אָן אויפהער געצויגן קיין רוסלאַנד, כאָטש עס האָט דאָרטן געוואַרט אויף אים אַ לעבן פון שווערן קאַמף און פּאָליטישע געפאַרן.

זיין צייט איז באַלד געקומען. אין יאָר 1879 האָבן די רעוואָלוציאָנערע טוער וולאַדימיר יאָכעלסאָן און ניקאָלאַי מאָראָזאָוו געגרינדעט אין פּעטערבורג אַ געהיימע דרוקעריי, וווּ עס האָט זיך געדרוקט די רעוואָלוציאָנערע צייטונג „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ („פֿאָלקס־ווילן״). און ווער האָט געקענט אַזוי טריי און ערנסט אויספֿירן די הייליקע און געפֿערלעכע אויפֿגאַבע פֿון אַן אומלעגאַלן זעצער, ווי אליעזר צוקערמאַן?!

ער האָט זיך גלייך אָפּגערופֿן אויפֿן חברישן רוף צו קומען קיין פּעטערבורג, האָט דורכגעשמוגלט די צאַרישע גרעניץ און איז צוגעטראָטן צו דער עבודת הקודש. אָבער גאַנץ גיך האָט די פּאָליציי אויסגעשפּירט די דרוקעריי און איז באַפֿאַלן זי דעם 18טן יאַנואַר 1880, אין מיטן דער דרוק־אַרבעט. די דרוקער־אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט אין אַ באַוואָפֿנטן קאַמף מיט דער פּאָליציי. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען אליעזר צוקערמאַן.

זיבן חדשים האָט מען אים געפּייניקט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג און דערנאָך פֿאַרשיקט קיין סיביר אויף קאַטאָרזשנער אַרבעט.

דער פֿיזיש־שוואַכער און גייסטיק עמפּינדלעכער דיכטער און קעמפֿער האָט ניט אויסגעהאַלטן די שווערע לאַנגיאָריקע עינויים און אין זומער פֿון יאָר 1887 איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. טראַגנדיק אין זיך ביז צום לעצטן אויגנבליק דעם טיפֿן האַס צום צאַריזם און דעם ליכטיקן גלויבן אין אַ נייער וועלט פֿון ברידערלעכקייט און פֿרייהייט.

אין יאָר ת״ש (1940) האָט דער פֿאַרשטאָרבענער פּלייסיקער פֿאָרשער און שרייבער צבי קראַל אויפֿגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן אליעזר צוקערמאַנס העברעאישע און יידישע כתבים און האָט אויך מיט אַ גרויסער גרינטלעכקייט באַשריבן זיין לעבנס־געשיכטע אין דער ראַם פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון זיין צייט. ער האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אליעזר צוקערמאַנס העברעאישע און יידישע לידער. צווישן די לעצטע ברענגט ער זיין ליד „די צוואה״. מיר ברענגען דאָ די ערשטע פֿערזן פֿון דעם ליד, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ פּרימיטיווער געשטאַלט זיין געמיט און רעוואָלוציאָנערער גייסט:

איך פאַרלאָז די וועלט, איך פאַרשווינד.
איך שטאַרב אָבער ניט פאַר מיינע זינד.
איך שטאַרב נאָר, ווייל די וועלט
איז אויף אַ פּוס פון אומרעכט געשטעלט:
ווייל אַלע וואָס האָרעווען מיט שווייס
לעבן אומגליקלעך, און ווער ווייס
אויב מען קאָן גאָר לעבן רופן
ווען צרות זיינען אויפן הויפן...
און די אַלע וואָס גאָרניט טוען
דאָס גאַנצע לעבן נאָר זיי רוען.

העריעט ביטשער סטאָו

עס איז נאָך נישט געווען אין דער וועלט־ליטעראַטור אַזאַ ווערק, וואָס זאָל אַזוי דערשיטערן און אויפטרייסלען די פונדאַמענטן פון פינצ־טערער מענטשן־שקלאַפעריי און ראַסיזם און פון דער באַרבאַרישער דיס־קרימינאַציע פון דער נעגערישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי דאָס האַרציקע, שפּאַנענדיקע און פאַראיינס אַזוי אמתדיקע און רעאַליסטישע בוך „דאָס געצעלט פון פעטער טאָם" פון דער באַרימט־געוואָרענער אַמעריקאַנער שרייבערין העריעט ביטשער סטאָו.

דאָס שטאַרק פּאָפּולערע בוך, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַלע קולטור־שפּראַכן פון דער מענטשהייט, אין דעם כלל אויך אין העב־רעאיש און אין יידיש, האָט זיך פאַרשפּרייט אין גאָר דער וועלט און האָט

געזייט אין די הערצער פון דער יוגנט און פאָלקס־מענטשן פון אַלע לענ־דער און קאָנטינענטן ליבע און סאָלידאַריטעט צו די געפּייניקטע נעגע־רישע מענטשן, צו זייערע באַוואָלטע פרויען און קינדער, צו זייער פּראָ־דוקטיווער און צוגלייך עלנטער עקזיסטענץ.

„דאָס געצעלט פון פעטער טאָם״ איז געוואָרן דאָס קלאַסישע האַנטבוך און דער געטרייסטער וועגווייזער פאַר אַלע קעמפער קעגן דער קנעכט־שאַפט אין די דרומדיקע שטאַטן פון אַמעריקע.

הערייעט ביטשער סטאָו האָט אין לעבעדיקע רעאַליסטישע בילדער פון דעם לעבנס־שטייגער און פון דעם טאָג־טעגלעכן ליידן און געראנגל פון די דרום־אַמעריקאַנישע נעגערס אַנטפּלעקט, פריער פאַר די בירגער פון איר לאַנד און דערנאָך פאַר דער גאַנצער וועלט בכלל, דאָס שווערע לעבן פון דעם פאַרקנעכטעטן פאָלק, זיינע ליידן און שטרעבונג. זי האָט געזייט ליכט, מענטשלעכקייט און הומאַניזם אין אַ וועלט, וווּ די שקלאַפעריי און די מוטיקע קעמפער קעגן דעם אויסברוך פון זאָאָלאָגישער שנאה און אָנגענומען ווי אַ זעלסטבפאַרשטענדלעכע אַלטעגלעכע דערשיינונג.

מיט איר טיף עטישן און ברידערלעכן צוגאַנג צום ליידנדיקן מענטשן האָט הערייעט ביטשער־סטאָו דערוועקט דעם געוויסן פון מיליאָנען אין אַלע עקן פון דער וועלט, און נאָך ביז צום היינטיקן טאָג ווירקט איר אומשטערבלעך ווערק און גילט אַלס ערנסטער מיטל אין די הענט פון די מוטיקע קעמפער קעגן דע מאויסברוך פון זאָאָלאָגישער שנאה און דערנידערונג בנוגע דעם נעגערישן מענטשן.

שוין קאַרל מאַרקס האָט מיט זיין שאַרפן אַנאַליז פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט ריכטיק באַמערקט, אַז די אַנטדעקונג פון די גאָלד־ און זילבער־גרובן אין אַמעריקע, די פאַרשקלאַפונג און די לעבעדיקערהייט־באַגראָבונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג אין די אונטערערדישע שאַכטן, די ערשטע טריט פון דער דעראָבערונג פון מזרח־אינדיע, די פאַרוואַנדלונג פון אַפריקע אין אַ טראַדיציאָנעלן יאָגד־פעלד אויף שוואַרצ־הויטיקע — דאָס זיינען באַווייזן ווי עס האָט אויסגעזען דער פרימאָרגן פון דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה אין דער פּראָדוקציע.

די שקלאַפעריי האָט נאָך געזעצלעך עקזיסטירט אין די דרומדיקע

שטאַטן אין יענער צייט, ווען די גרויסע אַמעריקאַנער שרייבערין האָט פאַרעפנטלעכט איר בוך. זי איז אַריבערגעפאָרן פון דרום קיין סינסינאַטי, וואָס ליגט אויף דער גרעניץ צווישן צפון און דרום, און האָט דאָרטן לי־טעראַריש און קינסטלעריש באַאַרבעט און געבראַכט צום אויסדרוק אירע איבערלעבענישן אין פאַרשקלאַפטן דרום, האָט פאַרפאַסט איר גרויסן דאָקומענטאַרישן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די פּייניקער פון דעם נעגע־רישן מענטשן.

„דאָס געצעלט פון פעטער טאָם" האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די פּינצ־טערע מענטשן־הענדלער. זיי האָבן נאָך געהאַט די חוצפה צו פּרוּוון אָפּ־לייקענען די געשילדערטע טרויעריקע בילדער פון אוממענטשלעכער אַכזריות, שפּאָט און פּייניקונגען, וואָס עס האָט געהאַט אויסצושטיין דער פאַרשקלאַפטער נעגער־מענטש. דער מוטיקער, קעמפערישער שרייבע־רין איז אויסגעקומען צו פאַרעפנטלעכן באַלד אַ צווייט בוך מיטן נאָמען „אַ שליסל צו פעטער טאָמס געצעלט", ווו זי האָט דרייסט און אָפנהאַרציק דערקלערט, אַז אַלע שוידערלעכע פּרטים, וואָס זי האָט געשילדערט אין איר בוך, זיינען כלל נישט אויסגעטראַכטע, נאָר זענען גענומען בוכ־שטעבלעך פון דער טראַגישער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט פון די דרום־שטאַטן.

אַזוי איז אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויפגעקומען דאָס בוך פון קאַמף פאַר די באַעוולטע מענטשן־מאַסן, פאַר זייער דערלייזונג און גלייכ־שטעלונג.

ווער פון אונדז האָט ניט מיטגעלעבט דיליידן און דעם געראַנגל פון ביטשער סטאָוס העלדן?! וועמעס האַרץ האָט ניט מיטגעציטערט מיט דעם האַרץ פון עליזאַ, וועלכע איז געלאָפן מיט איר קינד אויף די הענט איבערן טייך בעתן גאַנג פון די אייז־קריעס? ווער פון אונדז האָט נישט נאָכגעפאָלגט מיט אַ געשפּאַנט געמיט און מיט אַ טיפן מיט־געפיל דעם מוטיקן דזשאָרזש, וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסן אויף דער פרייהייט?

דער גרויסער אַמעריקאַנישער דיכטער לאָנגפעלאָ און שפּעטער

מאַרק טוועין האָבן ווייטער געפּירט דעם נאָבעלן קאַמף קעגן דער שקלאַ־פּעריי, וועלכן עס האָט געהאַט אָנגעהויבן העריעט ביטשער סטאָו.

120 יאָר זיינען אַריבער זינט עס איז אָנגעשריבן געוואָרן דאָס מערקווירדיקע, עד היום שטאַרק פּאָפּולערע און טיף הומאַניסטישע בוך, און אין ציוויליזירטן אַמעריקע, ווו עס איז שוין מיט הונדערט יאָר צוריק אָפּגעשאַפן געוואָרן די פאָרמעלע, געזעצלעך־אָנערקענטע שקלאַפּעריי, קומען נאָך אַלץ פאָר טרויעריקע געשעענישן פון יענער פינצטערער צייט פון שקלאַפּעריי.

אין דרום פלאַקערט נאָך אַלץ דאָס פייער פון מענטשן־האַס און זאָאָ־לאָגישער מענטשן־פאַרפאַלגונג. ראַסיסטישע באַנדעס ווימלען איבער די נעגערישע היימען. עס ווערן ניט געדולדעט נעגערישע קינדער אין די שולן פון די ווייסע, נעגערס איז פאַרבאָטן דער אַריינגאַנג אין רעסטאָ־ראַנען און אַנדערע עפנטלעכע פּלעצער.

אָבער די וועלט שטייט ניט מער אויף אַן אָרט. די מענטשלעכע גע־זעלשאַפט מאַרשירט מיט ריזיקע שריט אויף די גרויסע וועגן פון זעלבסט־באַשטימונג, גלייכבאַרעכטיקונג און פרייהייט. עס אַנטשטייען און גלידערן זיך אַריין מיט יעדן טאָג אין דעם קראַנץ פון די פאַראייניקטע נאַציעס נייע מדינות פון מענטשן פון כלערליי הויט־קאָלירן. ניט דעם ווייסן מענטש אַליין געהערט דאָס רעכט אויף לעבן. די פרייהייט־זון גייט־אויף מיט אַ בלענדנדיק ליכט איבער די אוראַלטע נעסטן פון פינצטערער שקלאַפּעריי אין אַפריקע.

אויך איבער די דרומדיקע שטאַטן וועט אויפשטראַלן די זון פון מענטשן־פרייהייט און גלייכקייט. דער ראַסיזם און זיינע אונטערשטיצער זיינען פאַראורטיילט. די באַפרייטע פעלקער וועלן מיט ערע דערמאָנען דעם אומשטערבלעכן נאָמען פון זייער פלאַמיקן און קעמפערישן פריינד העריעט ביטשער סטאָו.

בערטאַ פאָן זוטנער

אין אונדזער יאָרהונדערט האָט דער קריג אָנגענומען אַן אומברענגע־רישן כאַראַקטער פון אַ וועלט־מלחמה און אַ פעלקער־פאַרניכטונג. די טי־ראַנישע הערשער און גרויס־קאַפּיטאַליסטן, די האַרן פון קלויסטער און פון דער בערזע, זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ טויט־שרעק פאַרן קראַך פון זייער הערשאַפט און זיי גרייטן זיך צו באַנוצן דאָס טייוולאָנישע אַטאָם־געווער קעגן פעלקער, וואָס לעכצן נאָך זעלבשטענדיקייט און פרייהייט.

אָבער אַנקעגן דער מחנה פון פּראָפּעסיאָנעלע מיליטאַריסטן און זייערע מיטלויפער שטייט אַ ריזיקע, מיט יעדן טאָג וואַקסנדיקע מחנה פון שלום־ליבנדיקע מענטשן, פולע מיט אַנטשלאָסנקייט אַרויסצורייסן פון די אַכזריות־דיקע הענט פון די הערשערישע בעלי־תאוות דעם שרעקלעכן אַטאָם־כלי־זיין און צו פאַרוואַנדלען די גאונישע דערפינדונג פון מענטשלעכן אינטע־לעקט אין אַן אוצר פון לעבן און טעכנישן פּראָגרעס.

אַנדערש איז געווען דער מצב מיט 100 יאָר צוריק. די מלחמות האָבן זיך נאָך געפירט „פרימיטיוו און אָנשטענדיק". די מלחמה־פירער האָבן זיך נאָך באַנוצט מיט געווער, וואָס דאַרף שוין היינט צו טאָג איבערגעגעבן ווערן אין די היסטאָרישע אַרכיוון. די מלחמות זיינען דעמאָלט ניט אַרויס פון די גרעניצן פון באַשטימטע לענדער און געגנטן. קיין שלום־באַוועגונג האָט נאָך ניט עקזיסטירט. די פעלקער־מאַסן פון די פאַרשיידענע לענדער, ראַסן און קאָנטינענטן האָבן נאָך ניט אויסגעשטרעקט איינע די אַנדערע די הענט צום בשותפותדיקן קאַמף פאַרן וועלט־שלום.

*

אין יענעם מדבר פון אונטערטעניקייט האָט איבער סאָלדאַטישע קאַזאַרמעס און ביוראָקראַטישע אָפּגעטעמפּטע און טרוקענע קאַנצעלאַריעס זיך צעקלונגען אומגעריכט אַ שטאַרקער פרויען־קול, וואָס האָט אויסגע־רופן: „נידער מיט די וואָפן!"

דאָס איז געווען דער שטורמישער רוף פון דער עסטרייכישער פרוי בערטאַ פאָן זוטנער, וועלכע האָט זיך מיט דער פולער קראַפט פון גייקייט, ערלעכקייט און פּיאָנערישקייט, צעטראָגן און צעקלונגען איבער אַלע ווינ־קעלעך פון דער ערד.

פאַרבנרייך לויטן אינהאַלט און אינטערנאַציאָנאַל לויט זיין פאַרנעם, איז דער לעבנסוועג פון אָט דער גייסטיק דערהויבענער, קעמפערישער פרוי.

געבוירן אין פראָג אין 1843, אַלס טאָכטער פון עסטרייכישן פעלד־מאַרשאַל פראַנץ קינסקי, האָט זי פון איר ערשטער קינדהייט אָן שוין באַקענט זיך מיט די באַרבאַרישע הינטערקוליסן פון קריג און מיטן קלימאַט פון דער מיליטערישער קאַמאַריליע, און זי האָט זיך גייסטיק אַרויסגעהויבן פון די גרענעצן פון איר שטאַם, שטאַנד און קלאַס.

זי האָט זיך אומגעקערט צו דער גייסטיקער פאַמיליע־ירושה פון דעם דייטשישן הומאַניסט און דיכטער טעאָדאָר קערנער, וועמענס בלוט עס האָט געפלאָסן אין אירע אָדערן.

איר בוך „נידער מיט די וואָפן", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1889, אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן, אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן, האָט איבער־ראַשט די פעלקער־מערדער און די קאַזאַרמע־פּאַטריאָטן. גלייכצייטיק שרייבט זי ווייטערדיקע ווערק, אין וועלכע זי אַנטוויקלט דעם געדאַנק וועגן וועלט־שלום און סאָלידאַרישער מיטאַרבעט פון פרידלעכע פעלקער, עס צייכענען זיך אויס אירע ווערק „די מאַשינען־תקופה", „דער אוצר פון אַ נשמה"", „מאַרטאַס קינדער", „מלחמה און שלום", „דער קריג און זיין באַקעמפונג". אירע ווערק פאַרוואַנדלען זיך אין פאַמיליע־ביכער און ווערן די קערנער פון שלום אין פיל הערצער פון פאָלקס־פרויען.

זי באַגנוגנט זיך אָבער ניט מיט ביכער. אין יאָר 1891 שטעלט זי זיך אין שפּיץ פון דעם אין ווין געגרינדעטן פאַרבאַנד פאַר שלום, ווערט רע־

דאָקטאָר פון אָרגאַן פון פֿאַרבאַנד און פֿירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַרן שלום־געדאַנק.

אין 1896 פֿאַרבינדט זי זיך מיט דעם באַקאַנטן דערפֿינדער און פּראָ־דוצענט פֿון אויפֿרייס־מאַטעריאַלן אַלפֿרעד נאָבעל, ווירקט אויף אים, ער זאָל זיך ערנסט פֿאַרטראַכטן אויף די ליידן פֿון אומקום, וואָס עס טראָגן דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע זיינע דערפֿינדונגען. צום טייל איז דאָס איר זכות געווען, וואָס נאָבעל האָט אָפּגעגעבן זיינע ריזיקע קאַ־פּיטאַלן דער שוועדישער אַקאַדעמיע פֿון וויסנשאַפֿטן און געבראַכט צו דער גרינדונג פֿון דעם וועלט־באַרימטן נאָבעל־פּרייז פֿאַר שלום, וויסנשאַפֿט און מענטשלעכן פּראָגרעס. איינע פֿון די ערשטע וועלכע האָבן באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז אין יאָר 1905, איז געווען טאַקע בערטאַ פֿאָן זוטנער. איר פּיאָנערישער קאַמף פֿאַרן וועלט־שלום האָט געפֿונען זיין פֿאַרדינטע אָפּשאַצונג.

ניט אומזיסט האָט די וועלט־באַוועגונג פֿאַר שלום מיט ערע און ליבע אָפּגעמערקט דעם אָנדענק פֿון דער פּיאָנערישער קעמפֿערין פֿאַרן וועלט־שלום. זאָלן פֿון איר לערנען די פֿרויען פֿון גאָר דער וועלט און טראָגן ווייטער מיט שטאָלץ און מיט וואַרעמע פֿרויען־הענט די שלום־פֿאָן, די פֿאָן פֿון רעטונג און ווילשטאַנד פֿאַר גאָר דער וועלט.

ניט אומזיסט האָט בערטאַ פֿאָן זוטנער געאַרבעט און געקעמפֿט. זי האָט די אידייע פֿון וועלט־שלום, פֿון אָפּשאַפֿונג פֿון אַלע מלחמות און פֿאַר־ניכטונג פֿון אַלע אַרטן געווער פֿאַרפֿלאַנצט אין פֿיל הערצער פֿון פֿרויען און קינדער.

ניט זייענדיק אין איר צייט געבונדן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זי דאָך אין איר געפֿונען די איינציקע גײַסטיקע יורשים. עס איז אַנטשטאַנען אין אַ וועלט־פֿאַרנעם די דעמאָ־קראַטישע פֿרויען־באַוועגונג, וועלכע פֿירט אין אַ וועלט פֿון מלחמות און אַכזריותדיקן אומברענגען פֿון אומשולדיקע פֿעלקער־מאַסן, מיט אומגע־בראָכענעם מוט איר עקשנותדיקן קאַמף פֿאַר דער אָפּשאַפֿונג פֿון געוויינ־לעכן און אַטאָמישן געווער, פֿאַר אַ וועלט פֿון שלום.

דער פּיאָנערישער לאָזונג פון בערטאַ פאָן זוטנער „נידער מיט די וואָפן!" קלינגט מיט אַ פאַרשטאַרקטער קראַפט איבער אַלע לענדער און קאָנטינענטן, ווו עס גיסט זיך נאָך ביים היינטיקן טאָג בשפע מענטשלעך בלוט.

אַלעקסאַנדער פּושקין

דורך דעם פּענצטער קיין מערב־אייראָפּע, וועלכן עס האָט געהאַט געעפּנט פּעטער דער גרויסער, האָבן אַריינגעדרונגען אין דעם פּויערישן, דורך טיראַנישע צאַרן פאַרקנעכטעטן רוסלאַנד, די ערשטע כוואַליעס פון אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם. עס האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבן ענדערן די געשטאַלט פון דער אָפּגעשטאַנענער ווירטשאַפט. עס האָט זיך געביטן דער צוזאַמענשטעל און דער פאַרמעסט פון די קלאַסן אין דער רוסישער געזעלשאַפט.

זינט דעם אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט האָט פאַרשנעלערטע טריט גענומען זינקען אין רוסלאַנד די פעאָדאַלע אָרדענונג. צוזאַמען מיט דער מערבדיקער בילדונג און אויפגעקלערטקייט זיינען אַריינגעדרונגען

אין לאַנד אויך די געזעלשאַפטלעכע אידייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע, וועלכע האָט איינגעבראַכן די קייטן פון פעאָדאַליזם און דער הער־שאַפט פון קלויסטער. אויך דאָס רוסישע מיליטער, וואָס איז אין משך פון יאָרן געשטאַנען אין קאַמף קעגן נאַפּאָלעאָנען, בעיקר די העכערע אָפיצירן, די זין פון רוסישן אַדל, זיינען געווען באַווירקט דורך די געדאַנקען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און האָבן זיי געפלאַנצט אויפן רוסישן באָדן. דער שטאַרקער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס איז אויפגעקומען אין רוסלאַנד נאָכן רוסיש־פראַנצויזישן קריג אין די יאָרן 1812—1815, האָט געשאַפן אַ באַזונדער גינסטיקע קאָניונקטור פאַר דער אויפנאַמע פון נייע און רעוואָלוציאָנערע אידייען.

פון די קרייזן פון דעם רוסישן אַדל זיינען אין יענער צייט אַרויסגע־קומען שרייבער און דענקער, וואָס האָבן געטראָגן אַזעלכע אידייען אין פאָלק. זיי האָבן נאָך, אמת, ניט פאַרמאָגט די גייסטיקע קראַפט איינרייסן מיט זייער סביבה און צושטיין צו דער שרייבערישער דעמאָקראַטיע, וואָס האָט געצויגן איר חיונה אוממיטלבאַר פון די פאַרשקלאַפטע פאָלקסמאַסן, אָבער זיי האָבן אַריינגעטראָגן אַ דערוואַכונג אין דער פאַרגליווערטער גע־זעלשאַפטלעכקייט, זיי האָבן אַרויסגערופן אַ געוויסע זעלבסטקריטיק און אַ שטאַרקן דראַנג צו באַנייאונג. זיי האָבן אויך דערוועקט דעם ערשטן אויפברויז אין פּאָליטישן לעבן און געשפּייזט און געצייטיקט דעם אויפ־שטאַנד פון די דעקאַבריסטן אין יאָר 1825.

ביי אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן און אין אַזאַ קולטור־סביבה איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע דעם 6טן יוני 1799 דער געניאַלער רוסישער דיכטער אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פּושקין.

ווי עס שטרייכט אונטער דער סאָוויעטישער בילדונגס־מיניסטער לונאַטשאַרסקי אין זיין אַריינפיר צו דער סאָוויעטישער אויפלאַגע פון דעם דיכטערס ווערק, האָט פּושקין פאַרמאָגט אַ באַזונדער ווונדערלעכע און האַרמאָנישע צונויפשמעלצונג אָדער נאָך מער פון דעם — אַ קאָמפּליצירטע דיאַלעקטישע קרייצונג פון די סאָציאָלאָגישע קעגנזאַצן פון זיין צייט. אין אים האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן די אויסברענגערישע תאוות פון דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס ריכט אָפּ אירע לוקסוס־מאָלצייטן צווישן געפּייניקטן

און עלנטן פאָלקס־המון, מיט די דערהויבנסטע שטרעבונגען פון דעם אױ־בערמענטש, וואָס נעמט אויף מיט אַלע זיינע חושים די סאָציאַלע ווערטן פון פרייהייט און גערעכטיקייט. דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס האָט אָנגעצונדן אין זיין נשמה דעם פלאַם פון קאַמף און אויפשטאַנד. ער ווענדט זיך צום מערב מיטן רוף „זאָל לעבן די פאַרשטענדעניש!". און ער ווענדט זיך צו זיין אייגן פאָלק מיט רוף „נידער מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט!".

ער ברעכט פאַראורטיילן און פאַרעלטערטע לעבנס־פאָרמען און זוכט דורכצולייגן אין דער וויסנשאַפט נייע וועגן. די בירגערלעכע געזעלשאַפט איז אָבער קורצזיכטיק און פילט זעלטן די נייע און גרינטלעכע ריכטונג פון זיין שאַפן. זי זעט אין אים זיינע לידער הויפּטזעכלעך זייער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, זייער פּאַטריאָטיזם, זייער געטרייע שילדערונג פון פייזאַזש און שטייגער, דעם גלאַנץ פון זיין עלעגאַנטן הומאָר. ער איז לייכט אַריינגעקומען אין פּאַנטעאָן פון דער רוסישער דיכטונג, אין די סאַלאָנען פון דער העכערער געזעלשאַפט. עס האָט אים ניט אַרויסגעגעבן קיין פאָלקסטימלעכע, פּויערישע פּשטות, ווי זי דערשיינט, למשל, ביי נעקראַסאָוון. ער איז אַן אַריינגייער אין די הויכגעשטעלטע קרייזן, אין די פּירשטלעכע הויפן פון מלכים. מיט זיין עלעגאַנץ באַצויבערט ער די שענסטע פרויען. אָבער פון אונטער זיין אויסטערלישן, פילפאַרביקן צודעק שלאָגט אַרויס קלאָר און בולט זיין פלאַמיקער גייסט, זיין גליענדיקע שטרעבונג צו פרייהייט, זיין ליבע צום פאָלק און זיין טיפע פאַרשטענדעניש פון מענטשן. ער וואַקסט אַרויס פון די ענגע גרעניצן פון דער נאַציאָנאַלער רוסישער דיכטונג, ער וואַקסט אויס אין אַ דיכטער פון אַ וועלט־פאַרנעם.

פון די אַדעליקע, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט, איז אים געקומען די עלעגאַנטע וועלטלעכע בילדונג, דער זעלבסט־ביטחון און דעת, אָבער זיי האָבן אים ניט געדינט, ווי אַנדערע אַדעליקע, ווי אַ מיטל פון פעאָדאַלער הערשאַפט אין הויכן פאַרשקלאַפערישן באַאַמטן־שטאַנד. אין אים האָט געשלאָגן דער זעלביקער פרייהייטס־גייסט, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די דעקאַבריסטישע באַוועגונג. ער איז געווען דער פלאַמיקער מיטפילער און מיטקעמפער פון די דעקאַבריסטן.

שוין אין יאָר 1817 האָט ער געשריבן זיין רעוואָלוציאָנער ליד „פריי־

הייט״. אין יאָר 1821 נאָטירט ער אין זיין טאָגבוך וועגן זיין באַגעגעניש מיט פעסטעלן, פון די אָנפירער פון רעוואָלוציאָנערן „דרומדיקן פאַראיין״. אין יאָר 1827 שיקט ער צו די פאַרשיקטע דעקאַבריסטן זיין ליד, וואָס איז געווידמעט זייער העלדישן קאַמף. אין יאָר 1830 ווערט פאַרבאָטן דורך דער צאַרישער מאַכט און פאַראורטיילט צום פאַרברענען דאָס צענטע קאַפּיטל פון זיין באַרימטער פּאָעמע „יעווגעני אָניעגין״, וואָס איז געווען געווידמעט דער דעקאַבריסטישער באַוועגונג.

מען דאַרף אָבער ניט איבערטרייבן די פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון אַלעקסאַנדער פושקינס סאָציאַלער געשטאַלט. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז ער איז ניט געווען קיין מענטש פון אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעכער איינשטעלונג, פון אַ באַשטימטער פּאָליטישער אויסשולונג. זיין גייסטיקע פּיאָנערישקייט און זיין שטאָלצער מאַרשירן אין די שורות פון די פרייהייטדענקער פון זיין צייט לאָזן זיך גענוי כאַראַקטעריזירן מיט די זעלביקע ווערטער, ווי וולאַדימיר לענין האָט כאַראַקטעריזירט די געזעלשאַפטלעכע געשטאַלט פון לעוו טאָלסטאָי. ער איז געווען „די אָפּשטראַלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע״.

עס איז דערצו זייער פרי איבערגעריסן געוואָרן זיין טעמפּעראַמענטפול לעבן. וואָלט ער געלעבט אַ לאַנג לעבן ווי טאָלסטאָי, וואָלט ער, ווי עס גלייבט לונאַטשאַרסקי, געהאַט איבערוווּנדן פאַרשיידענע קלאַסן־טאַרמאָזן, וואָלט איבערגעשפּרייזט פיל בריקן, וואָס עס האָבן איבערגעשפּרייזט שפּעטער אָפּשטאַמיקע פון אַדעליקן שטאַנד אין רוסלאַנד.

דערצו דאַרף מען בשעתן טיפערן אַנאַליז פון פושקינס פערזענלעכקייט בשום אופן ניט פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך אין זיין כאַראַקטער, אין זיין איינשטעלונג און בילדונג, אָן אויפהער ארומגעשלאָגן צווישן מזרח און מערב, צווישן אייראָפּעאישער און אַזיאַטישער קולטור, אַז אין זיינע אָדערן האָט געפלאָסן צום טייל אויך נעגעריש אָדער אַראַביש בלוט, דאָס בלוט פון זיין זיידן פון דער מוטערס צד, און אַז דער דאָזיקער געמיש פון אָפּשטאַם און קולטור האָט באַווירקט גרינטלעך זיין כאַראַקטער און זיין צוגאַנג צו די וועלט־פּראָבלעמען. אין שורש פון זיין נשמה איז געווען אַ מין פאַרפלעכטונג פון מזרח און מערב און צוגלייך אויך פון קאָזאַקנטום און ציגיי־

נערטום — דאָס אַלץ האָט אין אים געשאַפן די ווונדערלעכע סימפאָניע פון נשמה־ברייטקייט און לעכצן נאָך פרייהייט.

אין אָנהייב בלייבט נאָך אַלעקסאַנדער פושקין איינגעשלאָסן אין דער ראַם פון דער קלאַסישער דיכטונג. ער שפילט זיך מיט בילדער פון דער גריכישער און רוימישער מיטאָלאָגיע, אָבער גאַנץ גיך צעברעכט ער די קאַלטע און שטומע געצן און מאַכט זיין גייסטיקן גאַלאָפּ־שפּרונג אין די דרומדיקע סטעפּעס און באַרג־טאָלן פון בעסאַראַביע און קאַווקאַז. זיין פּאָע־זיע קליידט זיך אין אָריענטאַלישע געשטאַלטן. עס דערשיינען אין איר פיגורן פון תנ״ך און פון קאָראַן. זיין לעבנס־אמת צעפלאַמט זיך אין אים מיט אַן אָריענטאַלישן ברען, און זיין ליד „דער נביא״ ווערט געבויט אויף די אידייאישע יסודות פון זעקסטן קאַפּיטל ישעיה און וואַקסט אויס אין דעם לעבנס־קרעדאָ פון דעם דיכטער.

ניט באַמערקנדיק וואַקסט פושקין אויס אידייאיש אויך אין דעם העלדן־דיכטער פון די קאַווקאַזישע פעלקער. דער פרעכטיק שיינער קאַווקאַז מיט זיין געבענטשטער נאַטור איז פאַר אים געווען ניט נאָר אַ פּייזאַזש, אַ פּאָ־עטישע קאַנווע פאַר זיינע לידער. זיינע לידער ווי „דער פאָנטאַן פון באַכ־טשיסעריי״, „דער קאַווקאַזישער געפאַנגענער״ און אַנדערע אָטעמען מיט די באַפרייאונגס־קאַמפן פון קאַווקאַז, וואָס האָבן זיך צעשפּילט און זיגרייך פאַרענדיקט אין יענע צייטן.

מיט פושקינס אָריענטאַלישקייט לאָזט זיך אויך דערקלערן די באַזונ־דערע צוציאונגס־קראַפט, וואָס עס האָט געהאַט צו זיין שאַפונג אין אַלע צייטן די העברעאיש־יידישע שרייבער־וועלט און די יידישע יוגנט בכלל. זיי האָבן געשפּירט אַ געוויסע גייסטיקע קרובהשאַפט צום געניאַלן רוסישן דיכטער, צו זיינע צויבער־שילדערונגען פון דער אָריענטאַלישער נאַטור און צו דעם נביאישן גייסט און טעמפּעראַמענט, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון זיין יצירה.

זינט דער השכלה־צייט האָבן יידישע דיכטער ניט אויפגעהערט איבער־צוזעצן אין העברעאיש און יידיש זיינע גרעסערע און קלענערע שאַפונגען, יעדער לויט זיין געשמאַק און טאַלאַנט, אָבער צו אַ ליטעראַריש־קינסטלע־רישער שלימות זיינען דערגאַנגען ערשט שפּעטער די העברעאישע דיכטער אַבררהם לעווינסאָן און אברהם שלאָנסקי אין זייער איבערזעצונג פון דער

גרויסער פושקינישער פּאָעמע „יעווגעני אָניעגין". באַזונדערס גרויס זיינען די דערפאָלגן פון דעם לעצטן, וועלכער האָט מיט אַ באַזונדערער נאַטיר־לעכקייט און פּאַרטיפטער קענטעניש פון דער פושקין־פּאָעזיע און פון העברעאישן סטיל אַריינגעבראַכט אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַ גרעסערע צאָל מייסטערווערק פון דעם געניאַלן רוסישן דיכטער. מיט זיין טעמאַטיק און טעמפּעראַמענט איז פושקין אונדז געווען נענטער ווי די אַנדערע רוסישע דיכטער. ער איז ניט ווייניק איבערגעזעצט געוואָרן אויך אין אַנדערע שפּראַכן, און זיין דיכטערישער שאַפן איז אַריין אין אוצר פון דער וועלט־ליטעראַטור.

*

אין די יאָרן, ווען פושקין האָט געוואַנדערט איבער דרום־רוסלאַנד, איבער אוקראַינע און בעסאַראַביע, אָדער ווען ער איז געווען פאַרשיקט אַהין און אין צפון דורך דער רעגירונג פאַר זיינע אַרויסגעזאָגטע פרייזיניקע און רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די יידישע פאָלקסמאַסן, מיט זייער לעבן און שטייגער, און אָפּ־שטעלן זיך אויף זיי אין איניקע פון זיינע לידער, איבערהויפּט אין זיין „גאַווריליאַדע" און אין דער „געשיכטע פון דאָרף גאָריוכינא". ער שטעלט זיך בעיקר אָפּ אויפן גורל פון דער יידישער אָרעמקייט. ווי עס דערציילט דוד בעלקין אין זיין אַרטיקל אין דער פּאַריזער „נייער פּרעסע" פון 24סטן יולי 1969 וועגן די „יידישע מאָטיוון ביי פּושקינען". אַדאַם מיצקעוויטשס פריינד פראַנטשישעק מאַלעווסקי האָט אָפּגעמערקט אין זיין טאָגבוך דעם אָוונט פון 19טן פעברואַר 1827, ווען ער האָט פאַרבראַכט מיט פּושקינען. אין יענעם אָוונט האָט פּושקין פאָרגעלייענט זיין ליד „אינעם יידישן שטיבל אַ קאַנעצל ברענט" און האָט דערציילט וועגן זיין פּאַרטראַכט צו שרייבן אַ פּאָעמע פון יידישן לעבן, ווו עס האָט באַדאַרפט קומען די באַשרייבונג וועגן אַ פאַרבייגייער, וואָס קומט אַריין האַלבע נאַכט אין אַ יידיש שטיבל און געפינט דאָרט אַ וויינענדיקע יידישע פרוי ביי אַ ליידיק וויגעלע און ווענדט זיך צו איר מיט די ווערטער: „וויין ניט, ניט דער טויט, נאָר דאָס לעבן איז שרעקלעך".

אינעם זעלביקן אַרטיקל זאַמלט דוד בעלקין אויך אויף די קנאַפּע אָבער אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן פּושקינס לערנען העברעאיש.

*

אַ פולע געזעלשאַפטלעכע אָפּשאַצונג איז געגעבן געוואָרן זיין דיכטונג מצד זיין רוסישן פאָטערלאַנד דעם 6טן יוני פון יאָר 1880, ווען עס איז אים געשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל אין גאָרטן־בולוואַר אין האַרצן פון מאָסקווע ביי דער באַטייליקונג פון אַ גרויסן עולם שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפט־לער און שטודירנדיקער יוגנט.

דאָס איז געווען ניט נאָר אַ זעלטענער און איינדרוקספולער יום־טוב פאַר דער רוסישער ליטעראַטור, נאָר אויך אַ מאַסן־אויפטריט פון דער פּראָגרעסיווער רוסלענדישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס האָט זיך אַרויסגע־הויבן פון דער פאַרגליווערטער לופט פון צאַריזם און האָט געעפנט די טויערן פאַר די ליבעראַלע באַוועגונגען פון די 80ער יאָרן.

דער באַרימטער רוסישער יוריסט און פּראָגרעסיווער קולטור־טוער אַנאַטאָלי קאָני, וועלכער האָט זיך פערזענלעך באַטייליקט אין יענער פייער־לעכקייט, האָט אויסדריקלעך געשריבן אין זיין טאָגבוך: „...נאָך יאָרן מאָ־ראַליש און פּאָליטיש שטיקנדיקע, איז זינט דעם אָנהייב פון די 80ער יאָרן געוואָרן לייכטער צו אָטעמען. דאָס געזעלשאַפטלעכע דענקען און פילן האָבן אָנגענומען אַ מער פרייע געשטאַלט... אַלס אַזאַ גלענצנדיקע אַנטפּלע־קונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אויפלעבונג האָט געדינט דער יום־טוב פון שטעלן דעם פּושקין־דענקמאָל...״

עס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן און וועט בלייבן פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור די טראַגישע טאַטזאַך, אַז דער גאון פון דער רוסישער דיכטונג איז פאַרשניטן געוואָרן פון לעבן אין דער העכסטער אויפבלי־צייט פון זיין שאַפונג. ער איז געפאַלן טויט אין זיין דועל מיטן אַטאַשע פון דער פראַנצויזישער געזאַנדשאַפט דאַנטעס האַקרען, דעם 10טן פעברואַר 1837, אין עלטער פון 37 יאָר.

ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער נעץ פון פערזענלעכער אייפער־

זוכט און אינטריגעס, וואָס זיינען אויפגעהעצט געוואָרן אין משך פון חדשים מצד רעאַקציאָנערע אַריסטאָקראַטישע קרייזן אין דער הויפּטשטאָט.

זיין ערנגעפיל האָט אים ניט דערלאָזט אָפּצוזאָגן זיך פון דעם אַלטן מנהג צו לייזן קאָנפליקטן אויפן וועג פון אַ דועל, פון אַ צווייקאַמף.

זיין פּריצייטיקער טויט דאַרף אָבער קלאָר און זיכער באַטראַכט ווערן אַלס פּאָליטישער מאָרד, אַלס פּאַרמעסט צווישן דער פינצטערער רעאַקציע מיט דעם טרעגער פון אויפגייענדיקן ליכטיקן שטערן פון הומאַניזם און פאָלקס־דעמאָקראַטיע.



מענדעלע מוכר ספרים

דער גרעסטער טייל פון מיינע צייט־מענטשן קענען דעם גרויסן זיידן פון אונדזער ליטעראַטור נאָר פון זיינע ווערק און בילדער, פון ביאָגראַפישע באַשרייבונגען און שילדערונגען פון זיין לעבן און שאַפן. דאָס איז אָבער ניט מער ווי אַ בלייכע אָפּשפּיגלונג פון דער לעבעדיקער מענדעלע־געשטאַלט. דאָס קלוגע, אין דער נשמה אינעווייניק אַריינקוקנדיקע געזיכט מיט דער ברייטער באָרד, האָט אויסגעזען אַמאָל תלמיד־חכמדיק, רבייאיש און אַמאָל קלאַסיש אויפן שטייגער פון אַ טאָלסטאָי, טורגעניעוו, קאָראָלענקאָ. די טיפע קלוגע אויגן האָבן באַלד געגלעט, באַלד געשטראָפט און ניט איין מאָל געטרייסט, ווי עס טרייסט אַ חסידישער רבי אַ פאַרצווייפלטן, פאַרלאָרענעם חסיד. אין שווערע צייטן פון פּאָגראָמען און צאַרישע רדיפות

איז ער, ווי אַ גוטער און שטאַרקער זיידע, געווען אַ מאָראַלישער זייל און אַ גייסטיקער אָנשפּאַר פאַר זיין עדה צוהערער און פאַרערער. אין מילדע, וואַגיקע אָוונטן איז ער געווען אַ לערער, אַ דערציער, אַ פּאָפּולערער אויפ־קלערער, אויך אַ דערציילער און אַ וויצלער. ער האָט אַרום זיך געהאָט פאַרזאַמלט דאָס פאָלקישע יידישע אַדעס. ער האָט גייסטיק געשפּייזט דאָס פאָלק און האָט אַליין אויך געצויגן פון אים די יניקה פאַר זיין ליטעראַריש־קינסטלערישער שאַפונג.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפזין, מיט זיינע וויציקע ווערטלעך. איך געדענק ווי ער האָט מיט אַ שטילן, צומאָל בייסיקן שמייכל אויף זיינע צונויפגעלייגטע ליפּן, אַמאָל געזאָגט: קוק זיך צו צו דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דעם רוסישן און יידישן אַלף־בית. זעט די פיגור פון דעם רוסישן בוכשטאַב „עף", ווי עס שטייט אַ קרעפּטיקער גבר מיט די הענט אין די באָקעס, אָדער זעט דעם רוסישן בוכשטאַב „טע", ווי עס שטייט אַ ריז מיט ברייט־צעפּירטע פיסלעך. נו, און ביי אונדז — דער דאַרער, קליינער, שמאָלער וואָוועלע, יודעלע און דער „פאַרסאַכנייעטער" לאַנגער נון.

הערנדיק צום ערשטן מאָל מענדעלעס האַרטלעכן אַ ביסל אונטערזינ־גענדיקן טעמבער פון זיין שטימע, האָט זיך מיר באַלד אַנטפּלעקט עפּעס היימישס, פאָלקישס: ער איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן, פּונקט ווי ער, אַזוי האָב איך אויך, דער דעמלט יונגער, געשטאַמט פון דער ווייסרוסישער פּראָווינץ. אַזעלכע יידישע געשטאַלטן, מיט אַזאַ אויסשפּראַך, האָב איך אין מיינע קינדער־יאָרן געטראָפן אין די ווייסרוסישע שטעט און שטעטלעך אויף די שטילע ברעגן פון דער בערעזינאַ און פון דניעפּער. זיי האָבן זיך באַשיידן אויסגעלעבט אין וואַלד, אין פעלד און אויף דער לאָנקע, און זייער לעבנס־חכמה איז מיט דער צייט פאַרגעסן געוואָרן.

איך בין געקומען קיין אָדעס סוף 1911, און באַלד איז מיר געווען באַשערט דער אויסערגעוויינלעכער כבוד און גליק צו זען דעם זיידן מענ־דעלען אין דער באַגלייטונג פון חיים נחמן ביאַליקן, און די געלערנטע מנשה מרגלית און שמואל אבא פּען, אין דעם גרויסן זאַל פון דער היינטצייטיקער ישיבה אויף באַזאַרנע־גאַס, וווּ איך האָב דעמאָלט געלייענט מיין פייערלעכע

אַריינפיר־לעקציע צום קורס פון יידישער יוריספּרודענץ פאַר די וויסנ־דורשטיקע בחורים פון דער אוקראַינישער פּראָווינץ. דעם זיידנס עפּיש רואיקע פּאָרטראַכטע געזיכט האָט געשטראַלט. ער האָט זיכער געטראַכט וועגן דער אויפלעבונג פון אונדזערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע גיטער, צו וועלכער עס האָט געפירט דער פּיאָנערישער וועג פון מיין פאָרשונג אויפן געביט פון דער יידישער יוריספּרודענץ.

די לויטערקייט פון אַן אַלט, קלוג און אויסטערליש אויסגעלעבט לעבן איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. איך האָב מיך אַן אויפגעברויז־טער, מיט אַ גרויסן אָפּשיי און אַכפּערונג זיך אָנגעשלאָסן ווי ווייט מעגלעך אין דעם מענדעלע־קרייז פאַר דער צייט, וואָס איך האָב געלעבט אין אָדעס. איך האָב צוגעלייגט אויג און אויער, צוגעהערט זיך צו זיינע אמת קלוגע מעשיות און שמועסן, צו דעם, וואָס ס'האָט באַקומען דעם ריכטיקן נאָמען „מענדעלע שבעל פּה".

פון דער מאָגערער, אָפּגעשטאָנענער וויסרוסישער היים־געגנט האָט דער גייסט פון דער השכלה־צייט פאַרטראָגן מענדעלען אין זיין יוגנט אין די רייכע, קאָלירפולע סטעפּעס פון אוקראַינע. ער האָט געלעבט אַ צייט לאַנג אין זשיטאָמיר און בערדיטשעוו. דאָרטן האָט ער געשעפּט מיט אַ פולער האַנט פון די רייכע קוואַלן פון דער נאַטור און גלייכצייטיק פון די טיפע און שפּראַציקע קוואַלן פון פאָלקס־שטייגער, וועלכער איז אויפ־געלעבט און אויפגעשטורעמט געוואָרן דורך די מעכטיקע כוואַליעס פון דער חסידישער פאָלקס־באַוועגונג. קיין אָדעס, וואָס איז געווען ליידיק פון יידישע טראַדיציעס, איז ער געקומען אַן אָנגעזעטיקטער מיט עמאָ־ציעס און מיט שטייגערישע רוישטאָפן, ווי אַ בין אַן אָנגעזעטיקטע מיט בלומען־זאַפטן. אין אָדעס האָט ער געמיטלעך באַאַרבעט דעם רייכן מאַ־טעריאַל. דאָ איז געווען זיין סטאַבילער שאַפונגס־צענטער, פון וועלכן עס האָבן אויף אַ קורצער צייט נאָר אַרויסגעריסן אים די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1904 און 1905.

אין די יאָרן 1907־8 האָט ער „אָפּגעריכט גלות" אין דער שווייץ, געבענקט נאָכן פאָלק און געצויגן זיך צוריק אַהיים. אַ גאָלדן בלאַט אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע איז געווען זיין רייזע פון זשענעווע

צוריק קיין אָדעס אין יאָר 1909. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן וועג אין די גרעסערע יידישע צענטרען, געלייענט זיינע ווערק און באַגעגנט זיך מיט יידישע שרייבער און מיט די מאַסן פון זיינע לייענער. אומעטום איז דער זיידע אויפגענומען געוואָרן דורך די פאָלקס־מאַסן מיט כבוד און באַגייסטערונג. גאַנץ באַזונדער איז געבליבן וואָך דער אָנדענק פון מענדעלעס באַזוך אין לאָדזש. די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קרייז פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין לאָדזש זיינען געווען אַ פערמאַנענטער פאָלקס־יום־טוב. ער איז אַרויסגעטראָטן פאַר אַ באַגייסטערטן יידישן עולם אין געפאַקטע זאַלן; און ווען ער איז נאָך אַלעמען געפאָרן צו דער באַן אין אַ דראָזשקע, האָבן די באַגייסטערטע פאָלקס־מענטשן זיך ניט געקענט באַרואיקן, ביז זיי האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד פון דער דראָזשקע און האָבן די דראָזשקע, וווּ עס איז געזעסן דער זיידע מיט זיין פרוי, באַגייסטערטע געפירט אויף די הענט ביז צו דער באַן.

עס האָט זיך פאַר זיין דערציערישער און פאָלקישער אַרבעט גוט צוגעפּאַסט די תלמוד־תורה מיט אירע הונדערטער תלמידים פון די אָרעמע קלאַסן, וועלכע ער האָט די גאַנצע יאָרן אָנגעפירט און וועלכע ער האָט דערהויבן צו אַ חשובער דערציאונגס־אַנשטאַלט. דאָרטן איז ער געווען טאָג־טעגלעך צווישן קינדער און צווישן פאָלקס־מענטשן, דאָרטן האָט ער אַרום זיך פאַרזאַמלט יונג און אַלט, האָט זיי באַווירקט, געפלאַנצט צווישן זיי מיט אַ פולער האַנט השכלה און דעמאָקראַטיע.

מיט זיין מוסטערהאַפטן, קינסטלערישן און פערלדיקן כתב האָט ער אויך געפירט אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מיט שרייבער און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער. אַ באַזונדערע ליבע און טרייקייט האָט אים פאַר־בונדן מיט זיין „אייניקל" שלום־עליכם. מוסטערן פון מענדעלעס פערל־דיקער האַנטשריפט קען מען אָנקוקן אינעם מענדעלע־אַרכיוו אין ביאַ־ליק־הויז אין תל־אביב.

מענדעלע מוכר ספרימס גרויסע פּאָפּולאַריטעט האַלט אָן ביזן היינ־טיקן טאָג אין גאָר דער יידישער וועלט. זיינע ווערק, ווי די ווערק פון אַלע קלאַסיקער, ווערן ניט אַלט. פאַרקערט, זיי באַקומען נאָך אַ באַזונדערס

גרויסע חשיבות אין אונדזער צייט סיי פֿאַר דעם נייעם דור שרייבער און סיי פֿאַר די נייע יידישע לייענער־מאַסן. דער שרייבער, וואָס איז עלול באַאײַנפֿלוסט און פֿאַרפּירט צו ווערן דורך גרעלשאַפֿטלעכע און סטיליס־טישע פֿאַרקריפּלונגען און נייגונגען, געפֿינט אין מענדעלעס רעאַליזם, קלאָרקייט און פֿאָלקסטימלעכקייט, די האַנט פֿון אַ געטרייען וועגווייזער און פֿירער צו די געלייטערטע און געמיטלעכע הויכענישן פֿון דער קלאַסישער ליטעראַטור. דער יידישער לייענער געפֿינט אין מענדעלעס ווערק אַ קוואַל פֿון נאַטור־ און מענטשן־קענטעניש, אַ קלאָרן שפּיגל פֿון פֿאָלקס־לעבן און אַ טרייע דערציאונג צו פֿאָלקס־ליבע און אַרבעט פֿאַרן פֿאָלק און מיטן פֿאָלק ביי אַ פֿולער און רעאַלער דערלערנונג פֿונעם פֿאָלקס־לעבן מיט זיינע מעלות און חסרונות, דערגרייכונגען און אָפּנייגונגען.

אין דעם שטעקט דער גרויסער און אומשטערבלעכער ווערט פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים, אַלס קלאַסישער יידישער שרייבער און פֿאָלקס־לערער.

אין זיין מאָנומענטאַל, דאָקומענטאַריש „מענדעלע־בוך", וואָס איז דער־שינען אין פֿאַרלאַג פֿון ניו־יאָרקער „איקוף", אין יאָר 1959, ברענגט נחמן מייזיל צווישן אַנדערע מאַטעריאַלן אַ יידישע איבערזעצונג פֿון מענדעלעס העברעאישן בריוו צו אַ יידישן לערער וועגן דערציאונג. דער בריוו כאַראַק־טעריזירט אויפֿן בעסטן אופֿן מענדעלעס צוגאַנג צו דער אויפֿגאַבע, וועלכע עס האָט צו דערפֿילן דער דערציער.

נאָך אַ שורה באַטראַכטונגען פֿון דער ווירקלעכקייט, קומט ער צום באַשלוס, אַז „דער לערער דאַרף זיך לייטערן און גרייטן זיך צו צוויי גרויסע זאַכן, וועלכע זיינען נייטיק לטובת דער דערציאונג. ערשטנס, דאַרף ער ווערן דורכגעדרונגען מיט גוטע מידות, זיך רעכט אויפֿפֿירן און דער־גרייכן אַ לויטער האַרץ, כדי ראוי צו זיין צו באַניצן זיך מיט דער קרוין — צו לערנען אַנדערע. צווייטנס, ווען דער לערער האָט זיך שוין פֿאַרפֿולקאָמט הן אין זיינע מידות און הן אין זיין כאַראַקטער, דאַרף ער גוט פֿאַרשטיין און באַגרייפֿן די פֿאַרבאָרגענישן פֿון דעם קינדס נאַטור און דערגיין דורך פֿאַרשטענדעניש און וויסן, ווי אַזוי און מיט וואָס וועט זיך אים איינגעבן

צו דערוווערבן דעם קינדס פעאיקייטן, וואָס זיינען פאַרבאַהאַלטן אין די טי־
פענישן פון זיין האַרץ... דאָס איז דער יסוד און דער שווערפּונקט אין דער
דערציאונג פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל טאָן באמת די הייליקע אַרבעט״.



וולאַדימיר לענין

א

איך האָב אים געזען פון דער נאָענט — וולאַדימיר איליטש לענינען. איך בין געשטאַנען אַ פּאָר טריט פון אים. איך בין אין יענע מינוטן שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון זיינע מידות, פון זיין אויסערגעוויינלעכער, קריש־טאָל־ריינער באַציאונג צו מענטשן און צו זיך אַליין, פון זיין געווסינהאָפּ־טיקייט און צניעות.

יענע מינוטן האָבן אויף מיר געווירקט, איך האָב פון זיי געלערנט ניט ווייניקער ווי פון דעם דויערנדיקן לייענען זיינע ווערק אין משך פון לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט.

דאָס איז געווען אין יענע יאָרן ווען איך בין געווען יונג און בין

געשטאַנען אין די רייען פון פּיאָנערישע קולטור־טוער אין די פרילינג־טעג פון אָקטאָבער אין מאָסקווע.

דאָס איז געווען אין יאָר 1920 אין ברען פון לענינס אָנגעשטרענגטער אַרבעט און קאַמף אַרויסצופירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיגרייך פון דעם שווערן בירגער־קריג און פון דעם אומגעהויערן דוחק אין שפּייז אין מאָסקווע און אין גאַנץ צענטראַל־רוסלאַנד, וועלכע זענען געווען אָפּגע־שניטן פון די רייכע אוצרות פון דרום.

לענין האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט אין זיין אַרבעטס־צימער אין קרעמל. ער פלעגט אָנפירן אַלערליי ערנסטע באַראַטונגען, פלעגט אַרויס־טרעטן אויף אומצאָליקע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען און האָט דערביי זיך געענערט מיט דער זעלביקער פּאַרציע ברויט און דוחק־שפּייז, וואָס איז געווען צוגעטיילט יעדן אַרבעטער און סתם־בירגער אין לאַנד.

אין יענע יאָרן האָב איך אָנגעפירט די העברעאיש־יידישע אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער מלוכה־ביבליאָטעק אין מאָסקווע, וואָס איז מיט פיר יאָר שפּעטער געקרוינט געוואָרן מיט לענינס נאָמען.

אין איין פרימאָרגן האָב איך באַזוכט, אין די אינטערעסן פון מיין אָפּ־טיילונג דעם קרעמל, און פאַרבייגייענדיק דאָס פאָדערהויז, וואָס האָט גע־פירט צו לענינס אַרבעט־צימער, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף לענינען, וועלכער איז אַרויס פון זיין צימער אַן אויפגעברויזטער, מיט אַ בלויזן קאָפּ, און האָט געהאַלטן אין זיינע הענט, אין איינער אַ קריגל מילך און אין דער אַנדערער אַ קליינעם סלאָי פּוטער און האָט מיט שנעלע טריט, אַרומגע־רינגלט דורך צונויפגעקומענע פאַראַנטוואָרטלעכע מיטאַרבעטער, מאַרשירט אין דער ריכטונג פון די סעקרעטאַריאַט־צימערן. אים איז נאָכגעגאַנגען מיט שנעלע טריט, אָדער ריכטיק נאָכגעלאָפן, זיין אַלטער חבר, דער רעוואָלו־ציאָנערער קעמפער באָנטש־ברויעוויטש, וואָס איז מיט אים צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען פון לענינס אַרבעט־צימער, האָט אַלץ אָנגעהאַלטן צו טענהן מיט אים און ווייטער צו פירן מיט אים אַן אויפגערעגטן געשפּרעך, וואָס זיי האָבן קענטיק געפירט אין לענינס צימער.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באָנטש־ברויעוויטש, וועלכער האָט אָנגעפירט אין יענער צייט איינעם פון די ערשטע קאָלכאָזן, וואָס האָבן זיך

געגרינדעט אין דער מאָסקווער געגנט, האָט געבראַכט לענינען אַ מתנה פון קאָלכאָז אַ קריגל מילך און אַ קליינעם סלאָי פּוטער. ער האָט זיך ביי אים לאַנג געבעטן ער זאָל נעמען ביי אים די שפּייז און שטאַרקן אַ ביסל זיין גוף, וואָס איז געווען געניג מיד פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט. לענין האָט זיך אָבער דערפון לחלוטין אָפּגעזאָגט. ער איז געווען פעסט אין זיין באַשלוס צו שפּייזן זיך אין דער זעלביקער נאָרמע וואָס ווערט אויסגעטיילט יעדן פאָלקס־מענטש אין לאַנד.

איצט, ווען לענין האָט געהאַט פאַרלאָרן די געדולד און איז מיט ביידע כלים אין די הענט אַרויסגעגאַנגען פון זיין אַרבעט־צימער, איז באָנטש־ברויעוויטש אים נאָכגעגאַנגען מיט שנעלע טריט און געפּרוווט צום לעצטן מאָל אים איבעררעדן:

— דו ווילסט דאָך ניט אויסהאַלטן. דו מוזט זיך דאָך שטאַרקן ביי דיין שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. נעם די שפּייז!

לענין האָט זיך שוין מער ניט אָפּגערופן אויף זיין פאָדערונג. ער איז אַריינגעקומען מיט ביידע כלים אין זיינע הענט אין די צימערן פון סעקרעטאַריאַט, און אויסשטרעקנדיק די כלים איינעם פון די סעקרעטאַרן, וואָס האָט זיך צו אים דערנענטערט, האָט ער באַפוילן:

— שיקט דאָס איבער פאַר די קראַנקע קינדער אין קינדער־שפּיטאָל פון קרעמל.

ב

דאָס איז געווען אין איינעם אַ פאַרמיטאָג פון יאָר 1921, בעת עס איז אָנגעגאַנגען די געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע אַרבעט אין דער צענטראַלער מלוכה־ביבליאָטעק, ווען לענין, אָנגעטאָן אין זיינע פּשוטע אַרבעט־קליידער מיט דער קליינער מיץ אין זיין האַנט איז אומגעריכט דערשינען אין איינעם פון די צענטראַלע זאַלן פון דער ביבליאָטעק — אין דעם רומיאַנצאָווער זאַל. גלייך זיינען געקומען אים אויפנעמען דער הויפּט־דירעקטאָר פּראָפ. יורי גאָטיי און די פאַרוואַלטערס פון די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. זיי זיינען געווען איבערראַשט פון זיין פּלוצימדיקן אָנקומען. נייגעריקע און אויפגעברויזטע האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, און דער הויפּט־ביבליאָטע־

קאַר האָט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג און איינגעהאַלטענער איבעררעאַשונג געפרעגט:

— וואָס האָט אַרויסגערופן אייער קומען, וולאַדימיר איליטש?

אַלע ביבליאָטעקאַרן האָבן געוואָרפן אויפן מלוכה־פירער גליענדיקע, אָנגעשטרענגטע בליקן. לענין איז אָבער געבליבן רואיק און צוריקגעהאַלטן, האָט אַרויסגענומען פון דער אייבערשטער טאַש פון זיין כאַקי־העמדל אַ קליין צעטעלע, אויף וועלכן עס זיינען געווען נאָטירט די נעמען פון צוויי ניי־דערשינענע ביכער, איינער אויף ענגליש און דער אַנדערער אויף דייטש, האָט אים אויסגעשטרעקט דעם הויפּט־ביבליאָטעקאַר און געזאָגט:

— איך שרייב איצט וועגן דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין מערב־אייראָפּע. די צוויי ניי־דערשינענע ביכער איבער פראַגן פון דער מערב־אייראָפּעאישער עקאָנאָמיק זיינען מיר נייטיק. איך בין בכלל ניט זיכער צי ביי די איצטיקע ניט־סטאַבילע קולטור־באַציאונגען מיט די מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָט איר באַוויזן צו באַקומען די דאָזיקע ביכער...

דער הויפּט־ביבליאָטעקאַר האָט גלייך געשיקט איינעם פון די באַ־אַמטע נאָכצוזען אין צענטראַלן קאַטאַלאָג און אין די ביכער־מאַגאַזינען, און ווי שטאַרק צופרידן איז געווען לענין, ווען נאָך עטלעכע געציילטע מינוטן איז דערשינען דער ביבליאָטעק־באַאַמטער און האָט מיט אַ טריאומ־פירנדיקן זשעסט אויסגעשטרעקט די צוויי געוווּנטשענע ביכער, מיט אַן אויסדרוק פון צופרידנקייט דערלאַנגט זיי דעם הויפּט־ביבליאָטעקאַר, וואָס האָט זיי מיט פרייד דערלאַנגט דעם לערער און מלוכה־פירער.

לענין האָט שטיל אויסגעדריקט זיין דאַנק און צופרידנקייט, האָט אַרויפגערוקט זיינע ברילן אויפן שטערן, אַריינגעקוקט אויף די טיטלען פוןביידע דערלאַנגטע ביכער און האָט אויסגערופן:

— אויסגעצייכנט, דאָס זיינען די ביכער, וואָס איך באַדאַרף צו דער אַרבעט. אַ דאַנק!

דער הויפּט־ביבליאָטעקאַר איז געווען שטאָלץ, וואָס ער האָט גע־גרייכט אויסצופירן לענינס פאַרלאַנג און אַ צופרידענער האָט ער דער־קלערט זיין גרייטקייט תיכף צו שיקן די ביכער דורך אַ ספּעציעלן שליח אין

לעגינס קאַבינעט אין קרעמל. לענין האָט אָבער בשעת מעשה אַראָפּגעלאָזט די ברילן פון זיין שטערן אויף זיינע אויגן און, קוקנדיק אין פּנים דעם הויפּט־ביבליאָטעקאַר, האָט ער געפרעגט:

— זאָגט מיר, בירגער־דירעקטאָר, איז יעדן בירגער דערלויבט צו נעמען ביכער פון ביבליאָטעק אַהיים?

די פראַגע האָט אַרויסגערופן אַ צעמישונג און אַ קורצע פאַרלעגנהייט ביים הויפּט־דירעקטאָר:

— דאָס איז ניט אונדזער שולד, וואָס דער אַלטער און פאַרעלטערטער סטאַטוט פון דער ביבליאָטעק איז ביז אַהער פון דער סאָוויעטן־מאַכט ניט אָפּגעשאַפט און ניט געענדערט. צוליבן בירגער־קריג האָט דער בילדונג־קאָמיסאַריאַט, קענטיק, ניט אַרויסגעקליבן זיך צו ענדערן דעם סטאַטוט.

— און וואָס זאָגט דער אַלטער, עקזיסטירנדיקער סטאַטוט??

— דער אַלטער סטאַטוט — האָט אַרויסגעשטאַמלט דער דירעקטאָר — באַשטימט, אַז ביכער ווערן אַרויסגעגעבן אַהיים אויסשליסלעך ביבליאָטעק־קאַרן, וואָס נייטיקן זיך אין זיי פאַר זייערע אַרבעט־צוועקן. אונדזערע לייענער באַנוצן זיך מיט ביכער אין אַלגעמיינעם לייען־זאַל אָדער אין די ספּעציעלע קאַבינעטן פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט... אָבער... אָבער דאָס איז כלל ניט חל אויף אייך, וולאַדימיר איליטש, פאַר אייך גילטן ניט די אַלע פאַרעלטערטע סטאַטוטן... איך שיק באַלד איבער די ביכער אין אייער אַרבעט־צימער אין קרעמל: אייערע אַרבעטן שטייען העכער פון אַלץ!

— ניין, שיקט מיר ניט די ביכער פאַר קיין אופן. כל זמן דאָס געזעץ איז ניט אָפּגעשאַפן, גילט עס פאַר אונדז אַלעמען גלייך אָן שום אויסנאַם. באַמיט זיך ניט, היט אָפּ און ערט דאָס געזעץ... לייגט אַוועק פאַר מירביידע ביכער אין קאַבינעט פאַר וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. איך וועל אויסגעפינען אַ צייט צו קומען און זיי שטודירן.

דערשטוינטע זיינען געבליבן שטיין דער דירעקטאָר און די איבעריקע ביבליאָטעקאַרן, די דערצויגענע אויף די אַלטע טראַדיציעס פון די צאַרישע צייטן, און מיט באַגייסטערונג האָבן זיי געקוקט אויף דעם גרויסן לערער, וועלכער האָט זיך געזעגנט מיט זיי און איז מיט שטילע געמיטלעכע טריט אַרויסגעגאַנגען פון ביבליאָטעק.

ניט מיט איין מאָל און ניט פּלוצלונג איז אונטערגעגאַנגען די זון פון וולאַדימיר לענינס לעבן. דער גרויסער לערער און פירער האָט געלעבט אין יאָרן פון שווערן פּאָליטישן קאַמף, פון אינטענסיוון שעפערישן דענקען, פון גרויזאַמע צאַרישע רדיפות און פון וואַנדערונגען און אַ דחקות־לעבן אויף עמיגראַציע, לאַנגזאַם זיינען אונטערגראָבן געוואָרן די פיזישע כוחות פון דעם גרויסן דענקער און רעוואָלוציאָנער, דעם אידייאישן באַגרינדער און דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער מדינה אין דער וועלט.

זינט דעם יאָר 1922 האָט זיך מיט פאַרשנעלערטע טריט אָנגעהויבן די שקיעה־צייט פון זיין פיזישן לעבן בעת זיין גייסטיקע, אידייאישע און אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט האָט זיך נאָך געפירט אין דער פולער מאָס און עס איז אים זייער שווער געווען אַוועקצוגיין פון זיין פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָזיציע. באַראַטונגען און חברישע שמועסן, אויפנאַמעס פון אַרבעטער־ און פויערים־דעלעגאַציעס האָבן נאָך לאַנג אָנגעהאַלטן בשעת ער איז שוין געלעגן ערנסט קראַנק אין דעם שטילן גאָרקי. דער גרויסער קאַפּיטאַן פון דער סאָציאַליסטישער שיף איז מיט קעמפערישן מוט און נשמה־אָנ־שטרענגונג געבליבן שטיין ביים רודער ביזן לעצטן לעבנס־מאָמענט.

אין פרימאָרגן פון 20סטן יאַנואַר 1924 האָט זיך אין דער שטיל אויס־געלאָשן דאָס לעבן פון וולאַדימיר לענין און ווי מיט טויזנטער שווערע האַמערס האָט די טרויעריקע ידיעה אַ שלאָג געגעבן איבער מיליאָנען בירגער־הערצער פון גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד און איבער גאָר דער וועלט.

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פראָסטיקער ווינטער־טאָג. אַ סיבירער קעלט, איבער 40 גראַד, איז געשטאַנען איבער דער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט. אַ שווערע און דריקנדיקע שטילקייט האָט זיך געטראָגן פון מענטש צו מענטש, אַ פאַריתומטקייט און ערנסטקייט האָט געשטעמפּלט אַלע פּנימער. אַ טיפער ווייטאָג פון אַ ריזיק פאָלק האָט געציטערט אין דער פראָסטיקער לופט.

דער אָרון פון דעם פירער, איינגעהילט אין דער רויטער פאָן פון דער רעוואָלוציע איז געבראַכט געוואָרן פון גאָרקי, איז געטראָגן געוואָרן אויף

חברישע אַקסלען אין דעם פּרעכטיקן קאָלאָנען־זאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען — אין יענעם אַלטן הויז אויפן ווינקל פון דער גרויסער דימיט־ראָווקע־גאַס אין טעאַטער־פּלאַץ, וועלכער האָט אין דער צאַרישער תקופה געדינט אַלס קלוב פון רוסישן אַדלשטאַנד. און עס איז געווען עפּעס סימבאָ־ליש און היסטאָריש באַלערנדיקס אין דעם עצם־פאַקט, אַז דער אָרון פון פירער פון סאָציאַליסטישן לאַנד, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון רוסישן אַדל און וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן דעם פאַרשקלאַפערישן קלאַס און באַפרייט פון אים די פאָלקס־מאַסן, איז איצט געבראַכט געוואָרן אין דעם הויז, וואָס האָט געדינט אַמאָל אַלס צענטער פון דעם באַזיגטן הערשער־קלאַס.

גאַנץ מאָסקווע, דאָס גאַנצע סאָוויעטן־לאַנד, האָט זיך איצט באַהעפט אַרום דעם אָרון פון פירער. דאָ זיינען זיך צונויפגעקומען אין געשלאָסענע רייען אַלטע חברים פון דער פּאַרטיי, ווייסע בערד און לאָקן, פּנימער אויפ־געשטורעמטע און פאַרהאַרטעוועטע אין לאַנגע און זיגרייכע רעוואָלוציאָ־נערע קאַמפן, גענעראַלן און אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי, אַקטיוויסטן און פאַראַנטוואָרטלעכע טוער פון מלוכה־אַפּאַראַט, מייסטערער פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק און קולטור, לערער און אינזשיניערן, פּויערים און אַרבעטער, דעלעגאַציעס פון פאַבריקן און קאָלכאָזן, טראַקטאָריסטן און קוילנגרעבער, פרויען און יוגנטלעכע. אין די צענדליקער טויזנטער איז דאָס פאָלק אַרויס אויף די פאַרשנייטע גאַסן — אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד זיין גרויסן פירער. די גאַנצע פּראַכט פון דער סאָציאַליסטישער מדינה האָט געהאַלטן אַן ערן־וואַך ביים אָרון; טויזנטער און טויזנטער האָבן זיך געשלענגלט, אַריין־ און אַרויסגייענדיק פון דעם געזעגענונגס־מאַרש אַרום דעם אָרון.

דעם גאַנצן טאָג, דעם גאַנצן אָוונט און די נאַכט האָט זיך געצויגן דער פאָלקס־מאַרש. אָן אַ סוף און אָן אַ גרעניץ האָבן זיך אין שטילן און ערנסטן טרויער געצויגן די שורות פון מענטשן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, ביז צווישן די רויטלעכע פּראָסטיקע נעפּלען פון אַן אָפּגייענדיקן טאָג האָט מען אַרויסגעטראָגן אויף די הענט דעם קערפּער פון פאַרשטאָרבענעם לערער און פירער.

יענעם טאָג געדענקען גוט די, וואָס האָבן אים, פונקט ווי איך, פער־פערזענלעך מיטגעלעבט. ער האָט נאָך אַ מאָל באַשיימפּערלעך באַוויזן, ווי גרויס און אומפאַרגענגלעך איז געווען די דערציערישע קראַפט פון וולאַדימיר לעניין אויף די מאַסן פון זיין פאָלק און פון דער מענטשהייט.

די טראַגישע אָפּוועגדונגען פון זיין געדאַנקען־וועג און די שאַרפע פּאָליטישע פעלערן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך זיין טויט, זיינען ניט מסוגל צו פאַרבלענדן דאָס ליכט פון לענינס גרויסער אידייאישער געשטאַלט.

שלום עליכם

מיר האָבן דערגרייכט דאָס שלום־עליכם־יאָר, דעם הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג פון דער גרויסן יידישן פאָלקס־שרייבער און פאָלקס־קענער.

די פייערונגען פון דער חשובער קולטור־היסטאָרישער דאַטע האָבן זיך דאָס מאָל ניט איינגעשלאָסן אין אונדזערע ענגע נאַציאָנאַלע גרעניצן. זיי זיינען אָפּגעריכט געוואָרן אויף אַ ברייטן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם. זיי האָבן אַרומגענומען די ברייטע מאַסן, וועלכע האָבן אויף אַט דעם וועג געבראַכט צום אויסדרוק זייער סאָלידאַריטעט און אחדות, זייערע קולטור־קאָנטאַקטן, זייער טיפע פאַרערונג צו דעם גרויסן יידישן שרייבער. עס זיינען איבערגעזעצט געוואָרן זיינע ווערק און עס איז געגעבן געוואָרן די

פאָלקס־מענטשן פון גאָר דער וועלט די מעגלעכקייט מיטצולעבן און מיט־פילן די טאָג־טעגלעכע נויטן און זאָרגן פון אונדזער פאָלק.

עס איז דעריבער גרויס דער באַדייט פון דעם שלום־עליכם־יאָר און עס איז גרויס אָן אַ שיעור דער חוב פון די וויסנשאַפטלער, היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן און יוריסטן אַרויסצושיילן און גרינטלעך צו שילדערן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן און היסטאָרישן אינהאַלט פון די קינסטלערייש און רעאַל־געשילדערטע עפּיזאָדן פון פאָלקס־לעבן, אויפצודעקן און אַנטפּלעקן דעם טיפן סאָציאַלן תוך, וואָס באַהאַלט זיך אונטער דעם מאַנטל פון שלום־עליכמס הומאָר.

שלום עליכם איז געווען דער גרויסער יידישער פאָלקס־שרייבער און דער אויסגעצייכנטער רעאַליסט. ער האָט זיך אַריינגעלעבט עקאָנאָמיש, עטנאָגראַפיש, שפּראַכלעך, פּסיכאָלאָגיש און קולטורעל אין דער נשמה פון דעם פּשוטן יידן, פון די „מענטשן" און „קליינע מענטשעלעך". ער האָט געשילדערט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער נאַטירלעכקייט און פּשטות זייער טאָג־טעגלעך לעבן און איבערלעבענישן, זייער וואַקלעניש און זוכעניש, זייערע ליידן און פריידן, זייער פאַמיליע־לעבן, זייערע וואָכעדיקע דאגות און זייער שבתדיקע און יום־טובדיקע גייסטיקייט, זייער שווערן געראַנגל פאַר אַ מענטשלעכער עקזיסטענץ.

די וועלט, וועלכע עס האָט געשילדערט שלום־עליכם, די סביבה פון דער יידישער פּראָווינץ־שטאָט און שטעטל זעט אויס, באַזונדער פאַרן יונגן דור, צום גרעסטן טייל אויסטערליש און פרעמד. די שטורמישע כוואַליעס פון צוויי וועלט־מלחמות און סאָציאַלע איבערקערענישן, פון דער פינצ־טערסטער היטלעריסטישער מאַסן־פאַרניכטונג, האָבן רואינירט און אַרויס־געריסן מיטן וואָרצל דאָס לעבן, וואָס איז געשילדערט אין שלום־עליכמס שאַפונגען, האָבן חרוב געמאַכט יענע עקאָנאָמישע סביבה מיט איר אידיליע און פּראָווינציעלן חן, מיט איר לעבנס־שטייגער, מיט אירע סתירות און רעטענישן, מיט אירע פריידן און ליידן, מיט אירע נאָך פּרימיטיווע קלאַסן־קאָנפליקטן.

אָבער ווער עס האָט אַליין שוין ניט מיטגעלעבט יענעם לעבן, וואָס איז אַזוי פּלזייטיק און נאַטירלעך אילוסטרירט און פאַראייביקט געוואָרן

אין שלום עליכמס ווערק, וועט די דאָזיקע חשובֿע פּרשה פֿון דער יידישער מאַסן־געזעלשאַפֿטלעכקייט ערשט מוזן ערנסט און סיסטעמאַטיש שטודירן, אַריינלעבן זיך אין איר, ווייל איבערהיפּנדיק זי, נאַכלעסיק באַציענדיק זיך צו דעם קאָלירפֿולן מאַסן־לעבן, צו דער ברייטער פּאַנאָראַמע פֿון ליידנדיקע און קעמפֿנדיקע מענטשן, לאָזט זיך ניט פֿאַרשטיין בשום אופֿן די היינט־צייטיקע יידישע געשיכטע, דאָס סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פֿון אונדזער פֿאָלק, פֿון אונדזער אייגענער תּקופֿה.

ווי די געשיכטע פֿון יעדן מענטשלעכן קאָלעקטיוו איז אויך אונדזער פֿאָלקס־געשיכטע אַ לאַנגע, אומאונטערגעבראָכענע אָרגאַנישע קייט פֿון דערשיינונגען, און איינעם פֿון די חשובֿסטע רינגען אין דער דאָזיקער קייט שילדערט אונדז גרינטלעך דער גרויסער פֿאָלקס־שרייבער.

און ניט דאָס אַליין, ווי אַלע גרויסע און אמתע פֿאָלקס־שרייבער איז אויך שלום עליכם אַ פֿאָלקלאָריסט. ער רעדט מיט דער שפּראַך פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע, ער באַנוצט אירע סקאַרבאָווע אויסדריקן, אירע שפּריכ־ווערטער, רעדנסאַרטן, גלייכווערטלעך און וויצן, אירע העברעאיזמען און רוסיציזמען, אירע אוקראַאינישע און פּוילישע געברויכווערטער, איר „סלאַנג" און וויצן, אירע באַרבאַריזמען און פּראָווינציאָנאַליזמען, אירע פֿאַרקריפּלטע פּסוקים און מליצות.

ער מיידט אויס יעדע געקינסטלטע ליטעראַרישקייט, יעדן פּרוּוו צו באַפּוצן און „אינטעליגענטיש" מאַכן דעם פֿאָלקס טאָג־טעגלעכן לשון.

דעריבער שרייבט טאַקע ער אויף דער גערעדטער שפּראַך פֿון פֿאָלק, ווייל אין אירע — און נאָר אין אירע — לעבעדיקע שפּראַך־פֿאָרמען ליגן זיך אַריין און דריקן זיך אויס דאָס נאַטירלעכע לעבן, די „אוממיטלבאַרע" עמאָציעס פֿון דעם יידישן מענטשן. איבערמאַכן, „פֿאַרריכטן", רעדאַקטירן זיין לשון וואָלט הייסן פֿעלשן זיין געשטאַלט און נאַטור.

דעריבער זיינען שלום עליכמס העלדן אויך אַזעלכע באַרעדטע, אָפּט אַפֿילו אומבאַגרענעצטע פּלאַפּלער, ווייל אַזעלכע זיינען זיי אין דער ווירקלעכקייט. זיי קענען ניט שווייגן, זיי מוזן אַרויסריידן פֿון האַרצן. דאָס איז אָפּט ביי זיי דער איינציקער מיטל פֿון אַנטשפּאַנונג. ווען ניט דאָס רעדן, וואָלטן זיי דערשטיקט געוואָרן אין זייער איינזאַמקייט און געפֿאַלנ־

קייט, וואָלטן זיי פֿאַרטרונקען געוואָרן פֿון דער כוואַליע פֿון לעבנס־סתירות און נויט. דען די צייט, אין וועלכער עס לעבן און ראַנגלען זיך די מענטשן פֿון שלום עליכמס תקופה, איז אַ צייט פֿון גרויסע עקאָנאָמישע קריזיסן, פֿון קלאַסישער אומשיכטונג, פֿון פּאָליטישע איבערקערענישן און פֿון טיפֿע, תהומישע קאָנפֿליקטן צווישן דורות, צווישן עלטערן און קינדער — און ווען דער מענטש וואָלט געטראָגן שווייגנדיק די גרויסע לאַסט פֿון זיין צייט, וואָלט ער חלילה דערשטיקט געוואָרן אין זיין פּיין.

דעריבער הערן מיר ביי שלום־עליכמען ניט נאָר דעם לאַנגן מענה־לשון פֿון די פּרויען, וואָס טראָגן דעם שווערן יאָך פֿון שטוב און משפּחה. ער טרעפֿט די פּאַטערס, די מענער, בעיקר אויף די וועגן, אויף די פֿורן און אויף די באַנען, אויף זייער אַרויספֿאָר אין לעבנס־קאַמף אַריין אָדער אויף זייער אומקער אין די אָרעמע היימען צוריק פֿון געווונענע אָדער — ס׳רוב — פֿאַרשפּילטע שלאַכטן, ווען זיי זיינען אינעווייניק אויפֿגעברויזט, באַליידיקט, באַעוולהט און דערשיטערט פֿון זייער דורכפֿאַל אָדער קינדיש, פּרימיטיוו דערפֿרייט און דערקוויקט פֿון דער קלענסטער דערגרייכונג און ווען עס פּלאַצט זיי ממש דאָס האַרץ פֿון איינזאַמען שווייגן. דעריבער רעדן זיי און רעדן הייס און שטורמיש, באַהערשן און פֿאַרכאַפּן דעם צוהערער מיט זייערע לאַנגע דיאַלאָגן, אין וועלכע זיי ציען אַריין דעם צופֿעליק־געטראָפֿענעם מענטשן אין זייער לעבנס־פּלאָנטער און קילן זיך גלייכצייטיק זייער האַרץ.

עס איז ניטאָ קיין שיכט אין פֿאָלק, וועמענס לעבנס־שטייגער שלום עליכם האָט ניט פֿילזייטיק געשילדערט, און שטענדיק האָט ער דאָס געטאָן ניט ווי אַ זייטיקער צוזעער און באַטראַכטער, נאָר ער האָט זיך אין גוף און נשמה איינגעלעבט אין דעם לעבן פֿון געשילדערטן פֿאָלקס־מענטש, פֿאַר־קליידט זיך אין זיין געשטאַלט.

אין זיינע דערציילונגען און נאָוועלן אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אונדז די קלאָרע כאַראַקטער־שטריכן פֿון אַ פֿאַרזאָרגטן פֿאָטער, וואָס אַרבעט שווער אויפֿן שטיקל ברויט פֿאַר דער משפּחה, פֿון אַ האָרעפּאַשנער מוטער, וואָס שטייט אָקסל ביי אָקסל מיט איר מאַן אין שווערן לעבנס־געראַנגל, וואָס שטאַרקט און מוטיקט אים אין מאָמענטן פֿון צווייפֿל, וואָס העלפֿט אים

אַרויס אין קראַנקייט און נויט, וואָס טיילט מיט אים די זאָרגן פאַר דער דערציאונג און בילדונג פון די קינדער, די יסורים פון זייער אָפּנייגונג אויף נייע און געפּערלעכע לעבנס־וועגן.

עס האָט זיך גרינטלעך געביטן דאָס סאָציאַל־עקאָנאָמישע לעבן אין דער וועלט בכלל און אין דער יידישער סביבה בפרט פאַר די לעצטע פופציק יאָר. אונדזער נייע סאָציאַלעווירקלעכקייט מיט אירעליידן און פריידן, מיט איר אָפּגרונט, טיפער דראַמאַטישקייט און זוניקע אויפ־שטראַלונגען און דערגרייכונגען צייטיקט די שטאַרקע באַדערפעניש אין נייע פאָלקס־שרייבער און קינסטלער, וואָס זאָלן זיך גייסטיק אַזוי אַריינ־לעבן אין די איבערלעבענישן פון דעם יידישן מאַסן־מענטש, ווי דאָס האָט פאַרמאָגט שלום עליכם.

אָבער דווקא ביי דעם ליכט פון דער נייער תקופה שטראַלט פאַר אונדז אויף נאָך מיט אַ גרעסערער גאַנצקייט און פולשטענדיקייט די שאַפּנדיקע פערזענלעכקייט פון דעם גרויסן יידישן פאָלקס־שרייבער שלום עליכם, וואָס האָט מייסטערהאַפט אויסגעבויט אַ היסטאָרישן דענקמאָל פאַר דעם יידישן פאָלקס־מענטש פון זיין צייט און וואָס האָט אויסגעטראָטן דעם יידישן וועג צו רעאַליזם אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דעריבער טאַקע האָט שלום עליכם ערלעך און כשר פאַרדינט, אַז זיין 100־יאָריקער געבוירנטאָג זאָל אויף אַזאַ ברייטן פאַרנעם געפייערט ווערן דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפטלעכקייט, דורך דער מעכ־טיקער וועלט־באַוועגונג פאַר שלום און פאַרשטענדעניש צווישן די פעלקער פון גאַר דער וועלט.

*

לאָמיר אַריינקוקן אין אַ פערזענלעך מיטגעלעבטן קורצן קאַפּיטל פון שלום עליכמס לעבנס־ און שאַפונגס־געשיכטע.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אין די יאָרן 1903—1905 געהאַט פאַרכאַפּט די ברייטע קרייזן פון דער יידישער לערן־יוגנט אין יידישן תחום. אַרבעטער־ און לערן־יוגנט האָבן זיך געחברט, מיט התלהבות אָרגאַניזירט צוזאַמען פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס.

גימנאַזיסטן און סטודענטן, נאָך ווייניק וואָס אַליין באַהאַוונטע אין אַלגע־מיינע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און יידישע לימודים, האָבן מיט התמדה געלערנט און געגרייט זיך צו קולטור־אַרבעט אין די קרייזלעך, האָבן זיך באַהעפט מיט די יידישע אַרבעטער־מאַסן, שטודירט ערנסט זייער לעבנס־שטייגער, זייער טאָג־טעגלעכן יידישן לשון, וועלכער איז געוואָרן דאָס לשון פון יידישער פאָלקס־בילדונג.

שלום עליכמס טיף פאָלקסטימלעכער, רעאַליסטישער שאַפן, וועלכער האָט פאַרקערפּערט אין לעבעדיקע קינסטלערישע געשטאַלטן דעם סאָ־ציאַלן געראַנגל און די וואַקלענישן פון באַדנלאָזן יידישן מיטלשטאַנד, — האָט זיך דעמלט געפונען אין דער תקופה פון אויפבלי און האָט דערציעריש געווירקט אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטערשאַפט און דער יוגנט. ער האָט זיי געגעבן אין די הענט די ריכטיקע שליסלען צו דער פאַרשטענדעניש פון לעבן און עקזיסטענץ־קאַמף פון דעם פשוטן יידישן מענטשן. שלום עליכמס דערציילונגען האָבן דערוועקט מיטלייד צו דעם יידישן לופט־מענטשן, צו מנחם־מענדלען, און אַ טיפן געפיל פון פאַרערונג צו דעם האַרעפּאַשניק, דעם אָפּטימיסטישן, פּראָדוקטיוון טביה דעם מיל־כיקער.

שלום עליכם איז שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין די ברייטע יידישע אַרבעטער־קרייזן און אין דער יונגער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ.

בעת עס האָט זיך געהאַט איבערגעטראָגן אין סוף יאָר 1905 איבער יידישן תחום דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער שטורעם און די געשלאָ־סענע רייען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ זיינען צעבראָכן און דעזאָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער בלוטיקער האַנט פון דער צאַרישער רעאַקציע, זיינען פאַראייניצלטע קאָלאָנען פון דער רעוואָלוציאָ־נערער יוגנט און אינטעליגענץ געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די סטודענטן־קאָלאָניעס אין דער שווייץ, און אויפגעבראויזטע און פאַרבענקטע אָפּגעהיט אין זיך דעם פייער פון גע־טריישאַפט צו די יידישע פאָלקס־מאַסן אין רוסלאַנד. זיי האָבן געפונען טרייסט און באַפרידיקונג אין שטודירן געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן און

געהאָפּט אויף אַ מעגלעכקייט זיך ווידער באַהעפטן מיט די ברייטע שיכטן פון אייגענעם פאָלק.

אויך איך האָב מיך געפונען יענע יאָרן אין דעם מצב פון אַ פּאָליטישן אויסוואַנדערער נאָך די שטורמישע חדשים פון רעוואָלוציאָנערער אַקטיווקייט אין וואַרשע, ווען זשאַנדאַרמעריע האָט געהאַט געלויערט אַרום מיין צימער אויף דער דזשעלנע־גאַס.

אָנהייב יאָר 1906 בין איך אָנגעקומען קיין בערן, דער הויפּטשטאָט פון דער שווייץ, זיך אַריינגעוואָרפן אין יוריסטישע שטודיעס און שטאַרק געראַנגלט זיך מיט מיין אומגעהויערן בענקען אַהיים, צו די יידישע מאַסן.

און דאָ איז אונדז געווען באַשערט אַ גרויסע אומדערוואַרטע איבערלעבעניש, וואָס האָט אונדז ווידער אַמאָל דערנענטערט און פאַרבונדן גייסטיק מיט די ליידן און פריידן, מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון יידישן עולם. דאָס איז געווען אין פרילינג פון יאָר 1908.

עס איז צו אונדז געקומען אויף אַ באַזוך דער גרויסער פאָלקס־דיכטער, דער באַטירלעכער אויסדריקער פון זיין צער און צאָרן — שלום עליכם.

ער איז דאַן געווען קראַנק און האָט פאַרבראַכט אין אַן איטאַליענישן קוראָרט פאַר לונגען־קראַנקע, אין נערווי. ער האָט אָבער ניט געקענט לאַנג אויסהאַלטן דאָרטן די איינזאַמקייט. ער האָט געדאַרפט אָטעמען מיט דער לופט פון אַ יידישער לעבנס־סביבה, און היות ער האָט ניט געקענט אומקערן זיך אַהיים, צו די העלדן פון יעהופּעץ און קאַסרילעווקע, איז ער ווייניקסטנס געקומען צו אונדז, צו די פאַרבענקטע, ווי ער, צו דער קאָלאָניע פון יידישע סטודענטן און יוגנט אין בערן, וואָס האָט דעמלט געציילט ביז טויזנט מיטגלידער.

איך געדענק ווי מיר זיינען געקומען צו דער באַן באַגעגענען שלום עליכמען און זיין פרוי. עס איז געווען אַ יום־טוב אין דער קאָלאָניע. שלום עליכמס נאָמען האָט מיטאַמאָל פאַראייניקט די פּאָליטיש צעשפּליטערטע קאָלאָניע. ער איז געווען דער טייערער גאַסט פון גאָר דער יידישער סטודענטשאַפט, אויך פון די, וואָס זיינען אַהער געקומען שטודירן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, גאַליציע און פראַנקרייך. ער איז געווען אויך דער גאַסט פון שווייצערישן יידנטום, וואָס האָט אין אים געזען דעם גרויסן, אָנערקענטן

פֿאָלקס־דיכטער. שלום עליכמס שעפֿערישע און פֿאָלקסטימלעכע פּערזענ־לעכקייט האָט דאָ געבראָכן מחיצות, האָט פֿאַראייניקט קרייזן, וועלכע האָבן אַנדערשוווּ ליידנשאַפֿטלעך פּאָלעמיזירט איינע מיט די אַנדערע.

ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָבן זיך באַטייליקט אַלגעמיינע ציו־ניסטן, פּועלי־ציון, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, בונדיסטן, סיימיסטן, רוסלענ־דישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סתם־אַקאַדעמיקער און סתם בירגער — שלום עליכם איז געווען אַלעמענס גאַסט, און ער איז געווען אויפֿגעלייגט, ברייט־האַרציק, פֿאָלקסטימלעך און וויציק. זיין שאַרפֿער, אויסדרוקספֿולער, בלאַס־לעכער פּנים מיטן שפּיציקן בערדל האָט געלויכטן פֿון הינטער זיינע ברילן מיט אַ געמיטלעכן שמייכל. ער איז געווען שטאַרק דערפֿרייט צו טרעפֿן זיך אויפֿן שווייצאַרישן באָדן מיט אַ באַדייטנדיקער צאָל פֿון זיינע לייענער און פֿאַרערער.

זיין אויפֿגעלייגטקייט איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען ער האָט זיך אויסגערוט עטלעכע טעג, און האָט זיך ווידער באַגעגנט מיטן בערנער יידישן עולם און דאָס מאָל מיט הונדערטער סטודענטן פֿון בערן און דער אומגעגנט און מיט סתם יידישע מענטשן אין דעם גרויסן פֿולגעפּאַקטן זאַל פֿון „קאַפֿע דעז אַלפּ”, ווו ער האָט פֿאַרגעלייענט פֿון זיינע ווערק מיט אַ גרויסן אַרטיסטישן טאַלאַנט און האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורמישע באַגייס־טערונג מצד דעם עולם, וועלכער האָט זיך אין יענעם מאָמענט גייסטיק דערנענטערט און סאָלידאַריזירט מיט די יידישע מאַסן אין דער ווייטער היים.

ווי שטורמיש און באַגייסטערט עס זיינען געווען די אויפֿנאַמעס און פֿייערלעכע אָוונטן פֿאַרן ליבן גרויסן גאַסט, אַזוי איז זיך, פֿאַרקערט, שטיל און אינטים פֿאַרלאָפֿן דער לעצטער אָוונט, דער אָפּשייד־אָוונט אין לאָקאַל פֿון יידישן אַקאַדעמישן פֿאַראיין. אַן ענגער קרייז אַקאַדעמיקער, קולטור־טוער, פֿאָלקס־מענטשן זיינען געזעסן מיט שלום עליכמען און מיט זיין פֿרוי ביי די באַשיידן געדעקטע טישן.

שלום עליכם איז געווען פֿון אָנהייב פֿאַרקלערט, פֿאַרטיפֿט אין זיך. ער האָט געשוויגן, און נאָר אַ גוטער שמייכל האָט געשוועבט איבער זיינע ליפּן. לאַנגזאַם איז ער אַריין אין אַ שטילן שמועס מיט זיינע נענטערע

פריינד ביים טיש, האָט קורץ דערציילט וועגן פּלענער פון נייע פאַרטראַכטע ווערק, און אין זיינע ווערטער האָט זיך געשפּירט אַ שטאַרקער, ניט פאַר־באַהאַלטענער בענקען צו דער היימישער סביבה פון זיינע העלדן.

ערשט שפּעט אין אָוונט, ווען דער שמועס האָט זיך געהאַט פאַנאַנדער־געוויקלט און די בעכערס פון געטרונקענעם וויין האָבן אַ ביסל צעפלאַמט דעם געמיט פון דער יוגנט ביים טיש, האָט זיך דערוועקט שלום עליכמס שפּראַציקער הומאָר. ער האָט געשפּאַסט, דערציילט, דעקלאַמירט. ער האָט זיך פאַרקליידט דערביי אין דער געשטאַלט פון זיינע העלדן: באַלד איז ער געווען טביה דער מילכיקער, באַלד איז ער געווען מנחם מענדל, באַלד האָט ער אין אַ לייכטן, גייסטרייכן הומאָריסטישן סטיל באַלויכטן פראַגן פון יידישן לעבן. עס האָט פון זיינע ליפּן אויסגעבראָכן און אויפגע־שפּראָצט אַ לעבעדיקער קוואַל פון קינסטלערישן שאַפן. זיין גייסט האָט צעבראָכן די קייטן פון איינזאַמקייט, וועלכע האָבן אים געפּלאָגט אין דעם איטאַליענישן קוראָרט.

דאָס איז געווען שלום עליכם שבעל פה, דער ניט פאַרשריבענער שאַפן זיינער. אָבער מיר געדענקט זיך גוט, ווי פאַרענדיקט, אָפּגעשליפן און קינסטלעריש זיינען געווען יענעם אָוונט די עטיודן און קורצע שיל־דערונגען, אַז זיי האָבן זיך ממש געבעטן פאַרשרייבן.

ערשט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען די קלוגע און ווירדיקע פרוי פון שלום עליכמען האָט שטיל דערמאָנט וועגן זיין מידקייט און וועגן דער רייזע, וואָס שטייט זיי פאָר אין דער פרי, האָט זיך לאַנגזאַם אָפּגע־שטעלט דער ליכטיקער שטראָם פון שפּעריישן הומאָר.

מיר האָבן זיך שטיל און האַרציק געזעגנט מיטן גרויסן פאָלקס־שריי־בער און מיט זיין פרוי און באַגלייט זיי מיט וואַרעמע ברכות אויף זייער וועג איבער פרעמדע שטעט און לענדער.

*

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף איינעם פון שלום עליכמס הויפּט־העלדן, אויף טביה דעם מילכיקן, און באַטראַכטן אים אין דעם סאָציאַלן ליכט פון זיין תקופה.

עס זיינען שוין לאַנג פאַרשוווּנדן די אַלטע שטילע אָרעמע יידישע היימען אין די אוקראַאינישע און ווייסרוסישע שטעט און שטעטלעך. די אַלטע אידילישע בילדער פון דער פּרי־קאַפּיטאַליסטישער תקופה אויף דער יידישער גאַס מיט אירע יעהופּיצעס און קאַסרילעווקעס עקזיסטירן שוין ניט מער באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט. די עלטערע צווישן אונדז געדענקען זיי פון דער פריער יוגנט; פאַר די ייִנגערע אַנטפּלעקן זיי זיך נאָר אין שלום עליכמס אויסטערלישע מיט רייכן הומאָר באַקרוינטע דער־ציילונגען.

לייענענדיק די מעשיות פון טביה דעם מילכיקן דוכט זיך אָפּטמאָל דעם ייִנגערן דור לייענער, אַז שלום עליכם מאָלט דאָ ניט קיין נאַטירלעכן, רעאַליסטישן לעבנס־שטייגער, אַז ער שפּיצט־צו בכוונה די שילדערונג פון זיינע טיפּן, כדי צו מאַכן לאַכעדיק, לוסטיק דעם לייענער־עולם. עס לייגט זיך פּשוט ניט אויפן שכל, אַז אַזוי האָט ווירקלעך אויסגעזען אונדזער לעבן, אַז אַזוי האָט די עקאָנאָמיק פון פריען קאַפּיטאַליזם זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט פון דער יידישער פּראָווינץ, צוגע־בנדיק איר דאָ אַ טיף טראַגישן, דאָ אַ פּראָווינציעל־נאַאיוון און דאָ אַ פילאָזאָפיש־קריטישן, חקרנישן אויסזען. אין אַלע זיינע געשטאַלטן און שאַטירונגען איז דאָס אָבער אַ ווירקלעך־רעאַליסטישער, קינסטלעריש־געשילדערטער לעבנס־שטייגער פון די פאָלקס־מאַסן פון אַן אַלט־היסטאָ־ריש פאָלק, וואָס איז דורך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע טרייב־קרעפטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה געבראַכט געוואָרן אין קלעם פון ווידערשפּרוכן, אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין ספּעציפישע באַדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ־קאַמף. דער קלוגער, אָפט נאַאיווער, פילאָזאָפיש־פּאַרטיפטער הומאָר איז דערביי אייגנטלעך ניט בלויז שלום עליכמס הומאָר. דאָס איז ניט קיין געקינצלט וויצלען זיך פון אַ פלאַכן הומאָריסט, פון אַ בדחן. דאָס איז דער נאַטירלעכער, קינסטלעריש־געפורעמטער הומאָר פון דעם ליידנדיקן און קעמפנדיקן פאָלקס־מענטשן, וואָס לאַכט מיט ביטערניש, וואָס טרייבט אָפט שפּאַס איבער זיך אַליין, וועלנדיק אויסלאַכן זיינע אייגענע צרות.

דער דאָזיקער הומאָר, צו וועלכן שלום־עליכם האָט אַזוי אויפמערק־זאַם זיך צוגעהערט, איז אייגנטלעך דאָס געווינלעכע קאַמפּס־מיטל, מיט

וועלכן דער ליידנדיקער פאָלקס־מענטש האָט זיך געשיצט קעגן פאַר־צווייפלונג, קעגן צעבראָכנקייט און יאוש. אין דעם גוטמוטיקן שמייכל און וויץ, אין דעם באַטעמטן, נאַאיוו־אויסגעטייטשן פסוק האָט דער פאָלקס־מענטש געפונען אַ גייסטיקע זאַלב קעגן זיינע שווערע נשמה־ווונדן. דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון אַ פאַרטיפטן לעבנס־ווילן, וואָס האָט געצויגן זיין יניקה פון אַן אייביק־שפרודלדיקן קוואַל פון בטחון, פון זעלבסטבאַוווסטזיין, פון קאַמפּס־לוסט.

דאָס איז געווען דער דור פון די זיידעס און טאַטעס אין די שטילע און אָרעמע היימען, אין וועלכע עס איז געבוירן געוואָרן דער אַוואַנגאַרד פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ. אין יענער אַט־מאָספערע פון גלויבן און געטרייקייט, פון אָפּטימיזם און איבערגעגעבנקייט האָט זיך אויסגעשליפט דער נייער כלי־זיין צום קלאַסן־קאַמף, צום מוטיקן אויפשטאַנד קעגן די פינצטערע כוחות פון צאַריזם, פון פאָלקס־שנאה און עקספּלואַטאַציע.

שלום עליכם איז אַ רעאַליסט. ער איז איינגעוואָרצלט אין דער יידי־שער ווירקלעכקייט. ער איז אַ פאַרזעצער פון מענדעלע מוכר ספרים און איז פאַראיינס אָנגעהויכט מיט דעם גייסט פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, דער רוסישער, אוקראַינישער, דער מערבדיקער. אָבער די אוצרות פון קולטור, וועלכע ער האָט קינסטלעריש פאַרדייט, האָבן זיין טיף־פאַרוואָר־צלטן שטאַם ניט אַרויסגעריסן פון יידישן פאָלקס־באָדן. ער האָט זיך פרי אויסגעלערנט סאָציאַל, רעאַליסטיש צו פאַראַרבעטן דעם היימישן מאַטע־ריאַל, אַריינדרינגענדיק אָפּט אין זיינע היסטאָרישע טיפענישן, באַווייזנדיק דעם יידישן מענטשן ווי ער איז געווען, ווי ער איז און ווי ער גאַרט און בענקט צו זען זיך אַליין.

עס איז דעריבער באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה אַנטקעגן שלום־עליכמען, אַנטקעגן דער גאַנצער מהות פון זיין שאַפן, וואָס זיינע ווערק, זיינע העלדן, זיינען אַזוי ווייניק שטודירט געוואָרן סאָציאַל־עקאָנאָמיש, אין ליכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון צאַרישן רוסלאַנד בכלל און פון יידישן תחום בפרט.

קלאָר דערשיינט אונדזער פאָלקס־לעבן אין דער פאָלקסטימלעכער פיגור

פון טביה דעם מילכיקן, וועלכע רעפּרעזענטירט אַ פּאָזיטיוון סאָציאַלן טיפּ פון דער איבערגאַנג־צייט.

צום אונטערשייד פון מנחם־מענדלען, דעם לופט־מענטשן, דעם פּאַנ־טאַזיאָר, דעם געשווירענעם לאָ־יוצלח, וועמען די אַנאַרכישע עקאָנאָמיק וואַרפט פון איין פּאַרמיטלער־פּאָזיציע צו דער אַנדערער, דערשיינט פאַר אונדז טביה דער מילכיקער, ווי אַ מענטש פון טאָג־טעגלעכער, שווערער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, ווי אַ מענטש פון אַן עקספּלואַטירטן באַוווּסטזיין קלאַס, וואָס אַרבעט פאַר די יהעופּיצער גבירים, וואָס ווייסט צו קריטיקירן דעם פּאַראַזיטישן לעבנס־שטייגער פון די תקיפע פּאַלקס־פּאַרזאָרגער, וואָס ווייסט אָבער אויך צו שטיין פאַר זיי מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן, מיט מענטשן־ווירדע, מיטן פולן באַוווּסטזיין פון אַן ערלעכן האָרעפּאַשניק.

„ווערדליק אַמאָל״, — פּלעגט זאָגן טביה, „בין איך היינט, הייסט דאָס, אַ ייד, אַ נגיד, מיט אַ פערד־און־וועגעלע אַן אייגנס מיט קיין עין־הרע בהמהלעך אַ פּאָר, וואָס מעלקן זיך, מיט נאָך איינער, וואָס האַלט אָט־אָט ביי אָפּקעלבן זיך. עס איז דאָ, ניט צו פאַרזינדיקן, קעז און פּוטער און סמעטענע פרישע אַלע טאָג, אייגענע האָרעוואַניע, וואָרום מיר אַלע אַרבעטן, קיינער זיצט ניט ליידיק. מיין ווייב, זאָל לעבן, מעלקט די בהמות. די קינ־דער טראָגן קריגלעך, שלאָגן פּוטער, און איך אַליין, ווי איר זעט אָ־אָ, פאָר מיר אַרויס אַלע פרימאָרגן אויפן מאַרק,* גיי דורך אַלע דאַטשעס אין בוי־בעריק...״

עס וואָלט געווען פאַלש צו פאַרלאַנגען פון טביהן אַ קלאָרן, מאַרק־סיסטישן אַנאַליז פון דער עקאָנאָמישערווירקלעכקייט, פון זיין אייגענעם מצב. ער פילאָזאָפירט, ער קלייבט זיך פונאַנדער אין די אַרומיקע געשעע־נישן ווי אַ קלוגער פאָלקס־מענטש, ווי אַ האָרעפּאַשניק פון נייַנצנטן יאָר־הונדערט. ער רעדט אָבער נאָך ווי אַ פאַטאַליסט, וואָס גלייבט אין מזל, אין דעם באַשערטן. ער וויל גלייבן, אַז גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. אָבער אָפט גלייבט זיך ניט ; די אומגערעכטיקייט פון דער קלאַסן־געזעלשאַפט עגבערט אין מוח. ער האָט טענות צו גאָט פאַר די עוולות, וואָס

* מיין קורסיוו — ש. א.

ער לאָזט צו, פאַר דעם שרעקלעכן אָפּגרונט צווישן רייכקייט און אָרעמקייט, וועלכן ער דערלאָזט.

מיט פּשוטע, באַטעמטע ווערטער שילדערט טביה דעם לעבנס־שטייגער פון די יעהופּיצער גבירים, וואָס פאַרברענגען די זומער־צייט אויף די דאַטשעס אין בויבעריק. ער בענקט נאָך אַ ביסל גבירישקייט מיט אַלע חושים פון זיין אויסגעהאָרעוועטער, פון דחקות געפּייניקטער נשמה.

שטייענדיק פון דערווייטנס מיטן פערדל און צוקוקנדיק זיך צו די גבירישע ווילטאָגן, טראַכט זיך טביה:

„אַ משכון פאַרזעצן, און אַ גביר זאָל מען זיין! מיר דאַכט, איך ווייס? וואָס דאָ פעלט אַראָפּ אויף דער ערד, וואָלט פאַר מיינע קינדער געווען געזנוג אויף אַ גאַנצער וואָך, ביז שבת", טראַכט זיך טביה.

און דאָ קערט זיך אויס טביה מיטן פּנים צו גאָט:

„געוואַלד, גאָטעניו, האַרציקער, געטרייער, דו ביסט דאָך עפּעס אַן אל ארך אפּים, אַ גרויסער גאָט און אַ גוטער גאָט, מיט חסד און מיט יושר, ווי קומט דאָס, דו זאָלסט אָוועקגעבן איינעם גאָר און דעם אַנדערן גאָרניט? איינעם פּוטער־בולקעס, דעם אַנדערן מכות בכורות?"

און ער כאַפּט זיך אָבער צוריק. ער איז נאָך ניט גרייט צו אַ משפּט מיט גאָט, ער האָט נאָך ניט געבראָכן מיטן גלויבן אין גאָטס אומפאַר־שטענדלעכע וועגן. מיטן פּשרה־געפיל פון אַ מיטלשטענדלער דערשטיקט ער אין זיך דעם ספק אין גאָטס גערעכטיקייט.

„אַ ייד", טרייסט זיך טביה, „דאַרף לעבן מיט אמונה און מיט בטחון; ער דאַרף גלויבן, ערשטנס, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און האָפן אויף דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז עס וועט זיך, מסתמא, אם ירצה השם, פאַרבעסערן"...*

ניט קיין געוויינלעכער טיפּ איז טביה דער מילכיקער. שלום עליכם האָט אין אים, ווי יעדער פאָלקס־קינסטלער, קאָנצענטרירט כאַראַק־טער־שטריכן, וואָס ווערן ניט אַלעמאָל געגעבן בשפע איין מענטשן. טביה געניסט פון אַלגעמיינער ליבע און אויפמערקזאַמקייט. אַפילו די גבירים,

* מיין קורסיוו — ש. א.

ס׳רוב אויפגעקומענע, וועלכע הערן אין טביהס מענה־לשון אַן אָפּקלאַנג פון זייער אייגענעם ווייטן עבר, באַציען זיך צו אים מיט פריינטלעכקייט. זיי באַרואיקן זייער געוויסן באַשענקענדיק דעם אָרעמען האָרעפּאַשניק טביהן מיט מתנות, אַזוי אַז ער פאַרגעסט אויף אַ ווייל דעם קלאַסן־תהום, אויף וועלכן ער האָט זיך געהאַט געקלאָגט פאַר גאָט און פאַר מענטשן, און ער לאָזט זיך צופרידנשטעלן מיט די גבירישע חסדים.

ער באַטריפט און הייליקט אָבער די גבירישע מתנות מיט דעם בלוטיקן שווייס זיינעם און פון זיין ווייב און קינדער.

אמת, זייענדיק פאַרשיכורט פון די פּאָר גראָשן, וואָס האָבן זיך געוויזן אין דער אָרעמער טאַש, דערוועקט זיך אין טביהן אויף אַ ווייל די מיטלשטענדישע פאַנטאַזיע: ער וועט עפענען אַ באַקאַליינע קלייט, אַ שניט־קראָם, וועט האַנדלען מיט וואַלד, וועט אָפּדינגען די שטעטלשע טאַקסע, וועט געבן געלט אויף פּראָצענט. אָבער עס שלאָגט אים אַרויס פון זיינע פאַנטאַזיעס דער רעאַליסטישער רוף פון זיין פרוי, מיט וועלכער ער צעקריגט זיך אַמאָל און בעט זיך גלייך איבער, נאָר וועלכע האָט דאָך פאַרהיט די פאַמיליע פון אַראָפּשלאָגן זיך פון דעם האָרעפּאַשנעם וועג, דעם וועג פון פּראָדוקטיווער אַרבעט.

ניט צום לעצטן מאָל האָט זיך אָבער ביי טביהן דערוועקט דער יצר־הרע צו ווערן אַ נגיד. דער שווערער וועג פון אַרבעט און נויט האָט אים אָן אויפהער געצויגן צו די לופטיקע פּאָזיציעס פון קליינשטעטלדיקן מיטלשטאַנד. ער האָט, ביי זיין גאַנצן דרך־ארץ צו אַרבעט, צו יגיע־כפּיים, ניט געקענט גלייכגילטיק אויסהערן די יעהופיצער מעשיות וועגן אויפגעקומענע גבירים, און דאָס זאַרגלאָזע לעבן פון די בויבעריקער דאַטשניקעס האָט אים גערייצט צו זוכן דעם וועג צו עשירות, אויב ניט פאַר זיך אַליין, איז ווייניקסטנס פאַר זיינע קינדער, וואָס לעבן אין שווערער דחקות און נויט.

און דאָ פאַלט ער אַריין אין נעץ פון מנחם־מענדלען, דעם פאַנטאַזיאָר, דעם דרייקאָפּ, וואָס פאַרשווינדלט זיך און טביהן אין זיינע לופט־געשעפטן.

דער וועג צו נגידות, צו פאַרמיטלעריי, צו לופט־געשעפטן, שליסט זיך פאַר טביהן נאָכדעם, ווי ער באַצאָלט ביטערע רבי־געלט און פאַרלירט

זיינע פאַרהאַרעוועטע גראַשנס. איצט ווייסט ער שוין גוט, אַז „דער חלום איז אַוועקגעגאַנגען. עס האָט זיך מיר געוואָלט, אוי, האָט זיך געוואָלט זיין אַ נגיד, כאָטש אויף אַ ווײַלע, נאָר עס העלפן דען דערביי חכמות ?"

טביה גיט זיך, אין פלוג, אונטער. ער איז גרייט ביז אין דער עלטער צו טראָגן דעם יאָך פון ערלעכן, הגם זייער שווערן, יאָך פון אַרבעטס־לעבן.

עס וואַקסן ביי אים אָבער, זאָלן געזונט זיין, טעכטער, גרעאַטענע, שיינע, פליסיקע יידישע מיידלעך. וואָס וואַרט זיי אין לעבן ? זאָלן אויך זיי ציען, ווי טאַטע־מאַמע, דעם שווערן יאָך ? אָדער גיין בלינד נאָכן מזל, פאַרלאָזן זיך אויפן צופאַל, אַז ער וועט ווי־עס־איז אַרויספירן פון אָרעמקייט און נויט, פון דער שטילער, אויסזיכטלאָזער כתריאלעווקער בלאָטע ? און אַרום לויערן געפאַרן אָן אַ שיעור. ניט איינער שאַרפט די ציין אויף די בלומען, וואָס האָבן זיך צעבליט אויפן מאָגערן פעלד פון יידישן עלנט...

טביה איז אַ פאָטער, ער וויל אַרויסהעלפן זיינע דריי טעכטער אַרויס־צוגיין מיט זיכערע טריט אויפן לעבנס־וועג. ער וויל זיי מיט זיינע פאַר־האָרעוועטע הענט שיצן קעגן שטרויכלונגען און געפאַרן ; ער וויל זיי זוכן אַ גרינג מזל, אַ רואיקע, געזיכערטע עקזיסטענץ. עס דערוועקן זיך ביי אים מיט אַ נייער קראַפט זיינע אַלטע חלומות וועגן נגידות. וואָס ער האָט פאַר זיך ניט דערגרייכט, וועט ער אפשר דערגרייכן פאַר זיינע שיינע גרעאַטענע טעכטער. זיין האַרץ איז וואַרעם. זיין ליבע צו די טעכטער איז רירנדיק, אָפט סענטימענטאַל. אָבער זיינע חלומות זיינען פאַרפירעריש, און ניט איינמאָל צעשלאָגט זיי דער מוטערלעכער רעאַליזם פון זיין ווייב — און נאָך שטאַרקער דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן מיט זיינע נייע און אומדער־וואַרטע פאַרוויקלונגען און גלגולים.

טביהס השגות וועגן דער „דיקטאַטאָרישער" דעה פון די פאָטערס איבערן גורל פון די דערוואַקסענע קינדער זיינען קליינבירגערלעכע, אָפּ־געלעבטע, און זיי מוזן באַנקראָטירן.

פון זיין קליינעם פראָווינציעלן מעמד פון אַ פאַרהאָרעוועטן מילכיקער האָט טביה פאַרזען די נייע עקאָנאָמיק, די נייע געזעלשאַפטלעכע געדאַנקען, דעם נייעם צוגאַנג צו פאַמיליע־פראַגן, צו באַציאונגען צווישן עלטערן און

קינדער. דאָס נייע, האַרבע, נאָך אומקלאָרע, אָבער אויסעראָרדנטלעך־פּאַר־שיידענע פון דעם אַלטן טראָגט זיך אין דער לופט, ווי אַ פרילינג־ווינט; פון דער גרויסער וועלט בלאָזט דער ווינט. ער דרינגט אַריין ביסלעכווייז אויך אין כתרילעווקע און בויבעריק. ער קלאַפּט אין דער טיר פון דעם אָרעמען האַרעפּאַשניק, טביה. ער זאָגט אָן די אַכזריותדיקע בשורה: ניט ער און אַפילו ניט זיין קלוג און בריהש ווייב, נאָר די גרויסע, סאָציאַלע איבער־גאַנגס־צייט וועט באַשטימען דעם לעבנס־וועג פון זיינע טעכטער מיט זייערע ליידן און פריידן.

עד היום מיינען נאָך פיל שלום עליכם־לייענער, אַז דער עיקר־ציל פון שלום עליכמס שרייבן איז געווען צו מאַכן זיי לאַכעדיק און לוסטיק, צו פאַרוויילן זיי מיט זיינע אויסטערלישע מעשיות, מאַכן זיי אויפגעלייגט מיט זיין הומאָר.

שלום עליכם איז געווען אין דער אמתן אַ הומאָריסט אין בעסטן און טיפסטן זין פון וואָרט. פאַר אים, ווי פאַר אַלע גרויסע הומאָריסטן, איז דער הומאָר געווען דאָס מיטל אַרויסצופירן פאַר זיינע לייענער זיינע העלדן אַלס סאָציאַלע טיפּן, אויפדעקן זייערע רעאַלע געשטאַלטן מיט אַלע זייערע מידות, אָפּנייגונגען און פאַרקריפּלונגען, ווי זיי האָבן זיך געבילדעט אויפן באָדן פון דער עקאָנאָמיק און מאַסן־שטייגער. ער האָט זיינע העלדן אָפּט געמאָלט אין שאַרפע אויסטערלישע פאַרבן, כדי בעסער צוצוציען די אויפ־מערקזאַמקייט פון דעם פאָלקס־לייענער, אַפילו אַרויסצורופן זיין גוטמוטיקן שמייכל, אָבער זיין ציל איז געבליבן אויף דורות צו באַווייזן דעם יידישן מענטשן אין זיין קלעם פון עקאָנאָמישער נויט, אין דעם פּלאָנטער פון געזעלשאַפטלעכע סתירות, אין זיין עקזיסטענץ־קאַמף. ער ווייזט דעם עקאָ־נאָמישן און שטייגערישן תהום צווישן אָרעם און רייך. ער ווייזט דעם אָרעמען פאָלקס־מענטש פאַרן שפּיגל פון זיין געוויסן און זיינע לעבנס־נסיונות, זיין עלנט און אומבאַהאָלפנקייט.

ער איז דער קינסטלער פון אַ שווערער דורכברוך־תקופה אין רוסלאַנד בכלל און אין דאָרטיקן יידישן לעבן בפרט. ער האָט די דאָזיקע תקופה דאָקומענטאַריש פאַרקערפּערט אין זיינע כתרילעווקער, בויבעריקער און יעהופּיצער טיפּן, אין זיינע באַן־דערציילונגען, אין אַלע זיינע געמיטלעכע

שפּאַצירן איבער דער אָרעמער יידישער פּראָווינץ. ער דעקט אויף פּאַר אונדזערע אויגן די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידישן שטעטל, די פּרימיטיווע פאָרמען פון קלאַסנקאַמף אין דער יידישער סביבה, די רעשטן פון פּאַט־ריאַרכאַלישקייט אין דער יידישער משפּחה, דעם קאַמף פאַר פרייזיניקייט און וועלטלעכקייט מצד די קינדער, דעם געראנגל פון דער יידישער פרוי און טאָכטער פאַר זייער מעמד אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

שלום עליכמס דערציילונגען דאַרף מען ניט נאָר לייענען אין פרייע שעהען און געמיטלעך לאַכן איבער זיי. שלום עליכמען דאַרף מען שטו־דירן, אויסטייטשן, אַרויסהייבן די העלדן פון זיינע געשיכטעס אַלס מוסטער־טיפּן פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד און אוקראַינע אין סוף פון 19טן און אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט, באַלייכטן זיי סאָציאַל און היסטאָריש, לאָזן זיי באַשטראַלן מיטן קלאָרן ליכט פון דער היסטאָריש־מאַטעריאַליס־טישער וועלט־השקפה.

מיר האָבן שוין געפּרווט סאָציאַל באַלייכטן די געשטאַלט פון טביה דעם מילכיקן. מיר וועלן דאָס טאָן אויך בנוגע שלום עליכמס העלדן : מנחם מענדל און שיינע שיינדל.

*

מנחם מענדל איז די סאָציאַלע פאַרקערפּערונג פון דער יידישער באָדנ־לאָזיקייט, פון דעם באַנקראָט פון דער יידישער פאַרמיטלעריי און די לופט־פּרנסות. שלום עליכם שטעלט זיי דאָ אַ היסטאָרישע מצבה.

עס איז מנחם מענדלען און אַפילו זיין געלאַסענער שיינע שיינדלען ניט אַרויף אויפן זינען צו נעמען אין האַנט שער און אייזן, אָדער אַ זעג און האַק, אָדער גאָר צוטוליען זיך צו דער מוטער־ערד, צו ציען דורך טאָג־טעגלעכער פּראַצע די חיונה פון אירע רייכע אוצרות, מיט וועלכע זי באַלוינט דעם מענטשן.

מנחם מענדל זוכט צו מאַכן אַ לעבן דורך לופטיקע דמיונישע געשעפטן און שפּעקולאַציעס. ער שפּרינגט פון איין לופט־געשעפט צום צווייטן. זיין שטרעבערישע פאַנטאַזיע, זיין דראַנג צו גרויסע פאַרדינסטן האָט קיין שום

רעאַלע ממשות. ער פֿאַלט שטענדיק דורך. און ער פֿאַרלירט באַלד דעם מוט. ער זוכט דעם שולדיקן. קלאָגט זיך פֿאַר זיין פֿרוי, וואָס האָט אים באַצייטנס געשטרעבט אָפּצוהאַלטן פֿון זיינע באַדנלאָזע חלומות. ער ציט אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום אָפּ זיין אָטעם און ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון אַ נייעם דמיונישן שפּעקולאַטיוון געשעפֿט. ער פֿילט ניט די ערד אונטער זיינע פֿיס, ער איז אַן אויסגעשפּראָכענער לופֿט־מענטש. ער גייט ניט, נאָר ער שוועבט. ער בויט לופֿט־שלעסער, וועלכע פֿאַלן יעדעס מאָל פֿונאַנדער.

ער איז אַ טיפּישער מיטלשטענדישער שטרעבער. ער האָט זיך אַריינ־גענומען אין קאָפּ רייך צו ווערן, אַרויפֿצואַרבעטן זיך. ער האָט ניט איין מאָל געקענט פֿאַרדינען עטלעכע רובל פֿון אַ גלאַטן, ערלעכן און זיכערן געשעפֿט, טרייבט אים אָבער דווקא צו גרעסערע און שטאַרק ריזיקירטע בערזשע־געשעפֿטן, און ווו אַנדערע וואָלטן אפֿשר געקענט זיך פֿון צייט צו צייט אַרויסדרייען און מאַכן געלט, דרייט זיך אונדזער מנחם מענדל שטענדיק אַריין. שלום עליכם, וועלכער מאָלט דאָס רוב עקסטרעמע טיפּן, מאַכט אים פֿאַר דעם געשווירענעם שלימזל.

מנחם־מענדל גיט זיך אָבער ניט אונטער. נאָך יעדער לאָ־יוצלחדיקער שפּעקולאַציע בלייבט ער דער אָפּטימיסט. ער גייט אין לעבן מיט עקשנות און גלויבן, אַז ער וועט זיין שווערן גורל איינברעכן און וועט דערגרייכן עפּעס גרויסעס. ער קוקט זיך צו מיט הונגעריקע אויגן צו דעם לוקסוס אין די גרויסע שטעט, צו די רייכע מאַלציטן אין פֿאַנקאַניס קאַפֿע אין אָדעס. ער בענקט שטאַרק נאָך זיין באַשיידענעם, היימישן שטעטלשן לעבן. ער אַנט־שולדיקט זיך אין יעדן בריוו צו שיינע שיינדלען פֿאַר זיינע לאַנגע וואַנדע־רונגען אין דער פֿרעמד. ער איז גליקלעך ווען זי טרייסט אים און רופֿט אים ניט אַנצושטרענגען זיך אין זיינע דרייעניש און זוכענישן. ער ליידט אָבער שטאַרק ווען ער מוז איר מיט טרייקייט און צער דערציילן וועגן זיינע נייע דורכפֿאַלן און אויסהערן אירע בראַווע מוסר־רייד. ער פֿילט ווי שווער זי ליידט פֿון זיינע חלומות און הימלישע געשעפֿטן און ער איז איר דאַנק־באַר פֿאַר איר ניכטערקייט און קלוגע עצות. ער איז אָבער ניט אימשטאַנד אָפּצוזאָגן זיך פֿון זיינע דמיונות. ער וועט דאָך אפֿשר ווען עס איז קומען צו געלט און רייכקייט, און ער וועט אויך זיין שיינע שיינדלען אויסלייזן

פון אירע יסורים, מיט איר צוזאַמען וועט ער — ווי די בראָדסקיס אַ שטיי־גער — אויסלעבן זיך אין עושר און אין כבוד.

מנחם מענדל — זאָגט שלום עליכם — איז „אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר". דאָס וויל הייסן אַ מאַסן־טיפּ. אַ העלד פון דער טאָג־טעגלעכער יידישערווירקלעכקייט אין צאַרישן תחום המושב. ער האַלט זיך ביי אַלע זיינע שטרויכלונגען אַן דעם פון לאַנגע דורות געירשנטן קאַפּיטאַל — האָפענונג און ביטחון. פאַרלירט ער זיי, ווערט אַ סוף צו זיין לעבן.

אַזוי הייבט זיך אָן יעדער בריוו פון מנחם מענדל צו שיינע שיינדלען זיין ווייב מיט אַן אויספּירלעכער שילדערונג פון זיינע פאַרדרייטע און ניט געגנוג פון אים אַליין פאַרשטאַנענע בערזשע־שפּעקולאַציעס, מיט נעמען פון אַלערליי ווערט־פּאַפּירן מיט משונהדיקע פאַרקריפּלונגען און מיט אַ שטור־מישן ביטחון, אַז אָט באַלד וועט ער גרייכן צו קורחס אוצרות.

דעם דאַזיקן ווינטיקן, טומלדיקן און פאַרבלענדעטן בערזשע־לעבן האָט שלום עליכם אַליין איבערגעלעבט אין זיין קיעווער תקופה, ווען עס איז אים אויסגעקומען איבערלעבן אַ שווערע מאַטעריעלע נויט און זוכן, ווי זיין העלד מנחם מענדל, גליק און דערלייזונג אויף דער קיעווער בערזשע.

מיט אַ שווער געמיט לייענען מיר דאָך אין די פאַמיליע־זכרונות פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שרייבער, ווי ער פלעגט — אַנשטאָט זיצן אין די געמיטלעכע פרימאָרגן־שעהן און שרייבן — אַ פאַרטראַכטער און מאָראַליש ליידנדיקער אַרויסגיין מיטן שטעקעלע אין האַנט צו דער בערזשע, וווּ ער פלעגט שפּילן מיט יישוב הדעת, מיט גרויס פאַרשטאַנד און אָן האַזאַרדישע אַנשטעלונגען. אים איז אָבער געגאַנגען פּונקט ווי זיין מנחם מענדלען.

אין זיינע פאַמיליע־זכרונות ווערט דערציילט, אַז ער פלעגט קומען אַהיים אַ שווייגנדיקער און ווען אַלגאַ אָדער עמיצער פון די קינדער פלעגן אים נייגעריק פרעגן:

— נו, וואָס?

פלעגט ער ענטפערן אומעטיק און צעצויגן:

— גאָרניט, אַבסאָלוט גאָרניט!

שלום עליכם איז ניט געווען קיין באַדנלאָזער לופט־מענטש און פאַנ־טאַזיאָר ווי זיין מנחם מענדל, און די גוטע, אינטעליגענטע און געבילדעטע

אַלגאַ איז ניט געווען קיין שיינע שיינדל. זי האָט איר לײדנדיקן מאַן ניט געיאַדעט און ניט געזאָגט אים קיין מוסר. עס איז אָבער כמעט קלאָר, אַז שלום עליכמס אײגענע איבערלעבונגען אין דער קיעווער תקופה האָבן אים געליפערט דעם געזעלשאַפטלעכן און פסיכאָלאָגישן שטאָף, פון וועלכן ער האָט שעפעריש און טאַלאַנטפול אויסגעאַרבעט דעם טיפ פון זיין מנחם מענדל און שיינע שיינדל אַלס אויסדריקער פון יענעם באָדנלאָזן און טרויעריקן יידישן מיטלשטאַנד אין סוף פון 19טן און אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט.



יצחק לייבוש פרץ

פרץ איז געווען דער סאָציאַלסטער און גלייכצייטיק אויך דער פאַר־טיפסטער צווישן אונדזערע גרויסע שרייבער. ער האָט געשאַפן דעם גרויסן און פּראָדוקטיוון סינטעז צווישן חסידות און השכלה, און צווישן זיי ביידן און די סאָציאַלע אידייען פון אונדזער צייט. ער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ חסידישער רבי פון אַ נייעם שניט, אַ וועגווייזער פאַר דער פּראָגרעסיווער יידישער יוגנט, פאַר אַן אויפקומענדיקן נייעם דור שרייבער, אַ באַלייכטער פון די סאָציאַלע וועגן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געווירקט מאָראַליש און גייסטיק אַקטיוויזירט די יידישע אַרבעטער־אינטעליגענץ אין פוילן. איך וואָלט אַפילו געוואַגט אים אָנצורופן „רבי עקיבא פון היינטצייטיקן יידישן אויפשטאַנד", דען ווי יענער גרויסער באַווירקער און אינספּיראַ־

טאָר פון בר־כוכבא־אויפשטאַנד, אַזוי האָט אויך י. ל. פרץ אינספּירירט און גייסטיק אַקטיוויזירט די יונגע אינטעליגענץ און אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט זיך מאַסנווייז געצויגן צו זיין טיר.

אַזוי האָט דאָך אפרים קאַגאַנאָווסקי אַלס באַגלויבטער באַאָבאַכטער געשילדערט אין זיין אַרטיקל „דאָס יידישע וואַרשע און י. ל. פרץ" די נאָכ־מיטאָגס און אָוונטן ביי פרצן: „פון דער שעה אָן האָט שוין פרצעס טיר ניט גערוט, ווי צו אַ באַוווסטן דאָקטאָר אין די אויפנעם־שעהן, האָב זיך צו זיין טיר געצויגן, אַ חוץ קאָלעגן שרייבערס און פּערזענלעכקייטן פון דער קול־טור־משפחה, אויך צענדליקער מענטשן פון פאַרשיידענעם טיפּ: סטודענטן, בחורים און מיידלעך, יונגעלייט, קורץ־ און לאַנג־געקליידעטע, פון פאַר־שיידענעם קלאַס און שטאַנד".

„דאָס זיינען אַלץ געווען מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו פרצן טייל־ווייז נאָך שרייבערישע הסכמות, טיילווייז מיט טיפע פּראָבלעמען וועגן לעבן, וועגן מענטש און אויך וועגן גאָט. אין יענע טעג, ווען די יידישע וועלטלעכע קולטור האָט געשטייגט פון טאָג צו טאָג און עס האָט זיך אָנגעטראָגן דער רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פון יידישן שאַפן, האָט אַלץ געשטראָמט צו פרצעס טיר".

*

אַלס בלומען אויף זיין קבר וויל איך אָוועקלייגן אַ קליין באַשיידן בינטל פּערזענלעכע זכרונות וועגן מיינע קורצע טרעפענישן און קאָנטאַקטן מיטן גרויסן קלאַסיקער.

איך בין נאָך געווען אַ תלמיד פון אַ מיטלשול, ווען עס האָט זיך צע־וואַקסן און צעשטורעמט די פּוילישע און יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין וואַרשע אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט. איך האָב שוין געאַרבעט אַקטיוו אין רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך און אַפילו אין איינער פון די לבנה־נעכט האָב איך מיט יינגלשן ברען געהיים אָנגעשריבן אויף דער הינטער־מויער פון דער פּאַוויאַק־טורמע אַ קליין רעוואָלוציאָנער ליד:

באַלד קומט שוין דער טאָג און מען וועט דיך צעברעכן,
דו הויכע, דו גראָבע, דו אייזערנע וואַנט.

איך הער שוין דעם שטורמישן קול פון דיין שונא.
ער גייט שוין, ער קומט שוין, מיט וואָפן אין האַנט.
עס פאַלן די שטיינער, עס ברעכן די ריגלען.
באַלד וועט די פאַרקנעכטעטע וועלט זיין באַפרייט.
אויף פינצטערע חורבות מיין פאָן וועט הויך ווייען.
די וועלט וועט זיך פרייען צום סוף פון דעם שטרייט.

און מיט עטלעכע חדשים נאָך דעם, ווי דאָס תמימותדיקע ליד איז פאַרפאַסט געוואָרן, זיינען באמת אויפגעהויבן געוואָרן רויטע פאָנען איבער די גראַטעס פון פאַוויאַק און עס האָט זיך ווירקלעך געדוכט, אַז מען איז געקומען צו אַ באַשטימטן „סוף פון דעם שטרייט".

דעם 17טן אָקטאָבער פונעם אויפגעברויזטן יאָר 1905 האָט אויפגעפלאַקערט די ערשטע רוסלענדישע רעוואָלוציע. אין אָוונט און ביז טיף אין דער נאַכט זיינען דורכגעפירט געוואָרן פלאַמיקע דעמאָנסטראַציעס, געהאַלטן געוואָרן רעדעס אויף די גאַסן און עפנטלעכע פלעצער פון וואַרשע. אויף מאָרגן, פון גאַנץ פרי אָן, האָבן זיך געצויגן ריזיקע מאַסן פוילישע און יידישע אַרבעטער און פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ צו דער בשותפותדיקער גרויסער דעמאָנסטראַציע, וועלכע איז אויף אַ פּראָוואָקאַטיוון אופן צום ערשטן מאָל באַפאַלן געוואָרן דורכן צאַרישן מיליטער.

די הויפּט־קוואַרטיר, ווו עס האָבן זיך אין יענעם היסטאָרישן פרימאָרגן פאַרזאַמלט און ערנסט אַריינגעטראַכט זיך אין די געשעענישן פון גרויסן טאָג געשלאָסענע קאַדרען פון יידישער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ און רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט פון פאַרשיידענע פאַרטייאישע שאַטירונגען, איז געווען דער לאָקאַל פון דער וואַרשעווער יידישער גמינע אַרום דעם גייסטרייכן, טיפזיניקן יצחק־לייבוש פּרץ, וועלכער האָט זיך סאָלידאַריזירט און אין פולן זין מיטגעלעבט און מיטגעשטורעמט מיטן פאָלק.

איך האָב אים דאָן צום ערשטן מאָל געזען, צום ערשטן מאָל זיך באַהעפט צו דעם קרייז פון זיינע פאַרערער.

*

מיט דריי יאָר שפּעטער, אין האַרבסט פון יאָר 1908, האָב איך געהאַט

אַ נעענטערן און לענגערן קאָנטאַקט מיט פּרצן, בשעת וועלכן דאָס ליכט פון זיין אויסדערוויילטער מענטשלעכער און יידישער קולטורעלער געשטאַלט האָט מיר אויפגעשטראַלט אויף אַ קלאָרערן אופן.

דאָס איז געווען בשעת דער באַקאַנטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, אין חודש אויגוסט 1908. עטלעכע טעג פאַר דעם אָנהייב פון די פאַרהאַנדלונגען זיינען זיך שוין צוזאַמענגעקומען אין טשערנאָוויץ חשובע פאַרטרעטער פון דער יידישער ליטעראַטור, קולטור און שפּראַך־באַוועגונג. אַלס אַ טשערנאָוויצער תושב איז דערשינען ד״ר נתן בירנבוים, וועלכער האָט באַגייסטערט דעמאָלט די יוגנט מיט זיין פלאַמיקער ליבע צו יידיש. עס זיינען אָנגעקומען: שלום אַש, אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, מתתיהו מיזעס, משה טייטש, נח פּרילוצקי און אַנדערע. איך בין דעמאָלט געווען אַ סטודענט אין דער בערנער אוניווערסיטעט און בין געווען איינגעלאַדן אַלס פאַרטרעטער פון „יידישן פאַראיין״ און אַלס רעפערענט איבערן יידישן אויסלייג. די לופט איז געווען אָן אויפגעברויזטע. מען האָט זיך ניט געגרייט סתם צו אַ קולטור־קאָנפערענץ. מיר זיינען געשטאַנען אויפן באָדן פון דעם גרויסן עסטרייך־אונגאַרישן נאַציאָנאַליטעטןשטאַט, ווו פעלקער זיינען געווען באַרופן אָנצוווייזן זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך. די יידישע אַסימילאַנטן האָבן זיך געגרייט אָנצווייזן אין דעם מלוכה־רעפערענדום אַלס זייער שפּראַך דייטש. די פאָלקס־דעמאָקראַטישע עלעמענטן זיינען געשטאַנען שטאָל־און־אייזן פאַר יידיש, און האָבן מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט געזוכט זייער געזעלשאַפטלעכן אָנשפּאַר אין דער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך גראָד פאַרזאַמלט אויף דער עסטרייך־אונגאַרישער טעריטאָריע.

אַלע האָבן איצט געוואַרט אויפן אָנקומען פון יצחק־לייבוש פּרץ, וועלכער האָט באַדאַרפט באַקרוינען די קאָנפערענץ. אַלע זיינען געפאָרן אים באַגעגענען ביי דער באַן־סטאַציע. ער מיט זיין פרוי, יונגע, פרישע, באַגייסטערטע, זיינען געקומען און האָבן דערגענצט די פּיאָנערישע רייען פון די קעמפער און שאַפער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

דעם 9טן אויגוסט אין אָוונט האָט זיך אין דער „איזראַעליטישער פאָלקסשולע״ געעפנט די פאַרקאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל־

געגומען אַלע צונויפגעפאָרענע דעלעגאַטן, שרייבער און פאָרשטייער פון דער פרעסע.

נאָכן באַהאַנדלען דעם סדר־היום פון דער פאָרשטייענדיקער קאָנפערענץ האָט דער שרייבער ה. ד. נאָמבערג אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגערופן אַ טעמפּעראַמענטפולע דעבאַטע. ער האָט געפאָדערט, אַז די קאָנפערענץ זאָל בשום אופן ניט אויסלאָזן דעם פּונקט וועגן אונדזער באַציאונג צו העברעיש. „מיר קלייבן זיך איצט צונויף, — האָט נאָמבערג געזאָגט, — מיטן ציל דורכצופירן אַן איבערקערעניש אין יידישן לעבן און אין דער יידישער ליטעראַטור, מיר ווילן דערהייבן די יידישע שפּראַך ביז דער העכסטער מדרגה פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג. זי איז צוגעגרייט דורך דעם גאַנג פון די געשעעענישן אין יידישן לעבן. דאָס פאָלק וואַרט אויף אונדזער קלאָרן קוק אויף אַלע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע ווערטן און מיר דאַרפן ניט אויסמיידן דעם ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי מיר באַציען זיך צו דער העברעישער שפּראַך...״

י. ל. פּרץ, וועלכער האָט נאָך אים גענומען דאָס וואָרט און האָט צו זיך צוגעצויגן אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט מצד די באַטייליקטע אין דער פאָר־קאָנפערענץ, האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די קאָנפערענץ דאַרף זיך קאָנצענטרירן אויף פּאָזיטיווער אַרבעט לטובת דער יידישער שפּראַך. צוליב דעם צוועק פאַרזאַמלען מיר זיך. די פראַגע וועגן העברעאיש — האָט פּרץ ווייטער געזאָגט — איז אַ טעאָרעטישע, און די דיסקוסיע וועט זיין ניט קיין פּרוכטבאַרע. יעדער וועט בלייבן ביי דעם זייניקן. קיינער וועט אונדז דערפאַר ניט באַשולדיקן אין קעגנערשאַפט צו העברעאיש.

פּרצס מיינונג, אַז די פראַגע פון דער באַציאונג צו העברעאיש דאַרף בלייבן אויסער דער טאָג־אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ, האָבן אונטערגע־האַלטן אויך שלום אַש, ד״ר נתן בירנבוים, נח פּרילוצקי, לייבל טויביש און אַנדערע.

איך בין שוין דאַן געווען איינער פון די צווייטשפּראַכלער אין אונדזער ליטעראַטור און מיך האָט ניט געקאָנט צופרידנשטעלן דער ווילן אויסצו־מיידן לחלוטין די פראַגע וועגן דער באַציאונג צו העברעאיש. איך בין אַרויסגעטראָטן אויף דער פאָרקאָנפערענץ און באַמערקט, אַז „הגם די

פראַגע וועגן דער באַציאונג צו העברעאיש איז צום טייל אַ טעאָרעטישע, האָבן זיך דאָך אַלע שרייבער, וואָס שרייבן גלייכצייטיק אויףביידע אונ־דזערע שפּראַכן, זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אָנטייל אין אונדזער קאָנפערענץ, האָבנדיק דעם חשד, אַז אַ גרויסער טייל פון די באַטייליקטע באַציען זיך נעגאַטיוו צו העברעאיש; פון די שרייבער אויף ביידע שפּראַכן זעען מיר דאָ בלויז פּרצן און נאָמבערגן".

מיין רעכטצייטיקע פּרינציפּיעלע באַמערקונג האָט אַרויסגערופן צום ערשטן מאָל פּרצס אַני מאמין און זיין פולע אָפנהאַרציקייט, וועלכע איז דערנאָך דורכגעגאַנגען ווי אַ רויטער פאָדעם אין די פּלאָמיקע דיסקוסיעס, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן אויף דער קאָנפערענץ. ער האָט קלאָר און בולט פאָרמולירט זיין וואָגיקע מיינונג: „איך פאַרראַט ניט, הלילה, די העברעאישע שפּראַך. איך דערקלער דאָ בפירוש און אויפריכטיק: אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך איז העברעאיש, אונדזער פאָלקס־שפּראַך איז יידיש".*

אין משך פון דער קאָנפערענץ מיט אירע זאַכלעכע רעדעס, און נאָך מער מיט אירע טעמפּעראַמענטפולע, ליידנשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען, האָב

* אַזוי ווי די פּרינציפּיעלע דערקלערונג פון י. ל. פּרץ איז אין די פאַרשיידענע פּרעסע־אָרגאַנען פאַלש אויסגעטייטשט און פאַרדרייט געוואָרן, האָט לויט דעם פאָרשלאָג פון דעם קראָקעווער „סאָציאַלדעמאָקראַט", פּרץ אַליין געגעבן זיין שריפט־לעכע דערקלערונג וועגן זיין אויפפאַסונג פון דער יידישער שפּראַך („סאָציאַלדעמאָקראַט", נומער 40 פון 2טן אָקטאָבער 1908): „...קיין נאַציאָנאַל־שפּראַך איז יידיש ביז היינטיקן טאָג נאָך ניט. נאַציאָנאַל איז די שפּראַך, וואָס ווערט געבוירן און אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיטן פאָלק און האָט אין זיך דעם אוצר פון זיין גאַנצער קולטור אין אַלע ערטער און אין אַלע צייטן. אברהם, יצחק ויעקב, די נביאים, די שפּעטערדיקע קלאַסיקער קענען קיין יידיש ניט... פון דער פאָלקס־שפּראַך מוז [ערשט] אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך ווערן. עס דאַרפן אין יידיש באַשאַפן ווערן אַזוי פיל קולטור־גיטער, אַז דער יידישער קולטור־מענטש זאָל זיך קענען אויסלעבן אויף יידיש; און עס מוזן אין איר איבערגעטראָגן ווערן אַלע קולטור־גיטער, אַז דער יידישער קולטור־מענטש זאָל זיך קענען אויסלעבן אויף יידיש; און עס מוזן אין איר איבערגעטראָגן ווערן אַלע קולטור־גיטער פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, זי זאָל ווערן די שפּראַך פון דער גאַנצער קולטור פון דער יידישער נאַציע, איבעראַל און אין אַלע צייטן. דער וועג צו דער פרייער, איינהייטלעכער, צווישנלענדישער יידישער נאַציע איז — פון פאָלקס־ צו נאַציאָנאַל־שפּראַך. אַלע אַנדערע לעבעדיקע שפּראַכן ווערן פאַר אונדז שכנישע און פרעמדע שפּראַכן, די העברעאישע — אונדזערע פיעטעטפולע פאַרגאַנגענהייט־שפּראַך, אונדזער „לשון הקודש — אַ לאַנגער שווערער וועג אָבער דער איינציק מעגלעכער".

איך געהאַט דאָס גליק צו זיין אין קרייז פון יצחק־לייבוש פּרץ און איבער־צייגן זיך אין דער סטאַבילקייט פון זיינע איבערצייגונגען, אין זיין ווייטקייט פון שאַבלאָנישער פּאָלעמיק, פון לייכטזיניקער פּרינציפּן־רייטעריי. ער האָט גערעדט ווייניק, קורץ, וואַרעם, פּאַרטיפט און קערנדיק. יעדעס וואָרט איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ הייסער פּאָלקישער געטרייקייט צו דער יידישער שפּראַך אַלס פּאָלקס־שפּראַך. ער האָט אָבער פאַר קיין פאַל ניט אָנגענומען דעם עם־הארצישן צוגאַנג פון די עקסטרעמיסטן, וואָס האָבן געוואָלט אונטערהאַקן די היסטאָרישע וואָרצלען, וואָס פירן וויט אין יידישן עבר מיט זיין טויזנטיאָריקן קולטור־שאַפן.

אין אַלע טעג פון דער קאָנפערענץ האָט פּרץ, מיט זיין קלוגן, ליבן שמייכל, מיט זיינע האַרציקע, מיט פאָלקס־ליבע דורכגעדרונגענע פאָרשלאַגן און הומאָר־רייכע באַמערקונגען באַלעבט די קאָנפערענץ, אָפּגעשוואַכט דעם אַנטאַגאָניזם פון די מיינונגען, דערנענטערט מענטש צו מענטש.

די קאָנפערענץ האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרויסער פייערלעכער שלוס־זיצונג שפּעט ביינאַכט. מידע זיינען די דעלעגאַטן און געסט זיך צע־גאַנגען איבער זייערע האָטעלן. מיד אָבער צופרידן פון דער דערגרייכטער אייניקייט איז אויך פּרץ אַוועק אין זיין האָטעל, זיך געקליבן אויסרוען, מאַכן אַ קורצן שפּאַציר אין דער שיינער אומגעגנט פון שטאָט.

אויף מאָרגן נאָך דער קאָנפערענץ האָבן די ווינער סטודענטן־קאָרפּאָראַ־ציעס „יידישע קולטור" און „חשמונאי", די קאָנפערענץ־ערנבאַדינער, איינגע־אָרדנט אין איינעם פון די שענסטע קאָנצערט־זאַלן אין שטאָט אַ פּרעכטיקן באַל און קאָנצערט לכבוד דער שפּראַך־קאָנפערענץ און אירע דעלעגאַטן און געסט. זיי האָבן אַלץ איינגעאָרדנט מיט גרויס לוקסוס און עלעגאַנץ, אויפן שטייגער פון ווינער בעלער און האָבן פאַנאַנדערגעשיקט איינלאַדונגען צו דער בעסערער געזעלשאַפט אין שטאָט. אין די איינלאַדונגס־קאַרטן איז געווען, ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן, אַ קורצע באַמערקונג, אַז די הערן ווערן געבעטן צו קומען אין שוואַרצע קאָסטיומען און די דאַמען אין ווייסע קליידער.

עס איז אָנגעקומען דער אָוונט פון קאָנצערט־באַל. די פּרעכטיקע געביידע פונעם קאָנצערט־הויז, אינמיטן אַ שיינעם גאָרטן איז געווען העל, יום־טובדיק

באַלויכטן. ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַן ערן־וואַך פון אויסגעפוצטע סטודענטן פון דער ווינער קאָרפּאָראַציע „יידישע קולטור", מיט זייערע פאַרביקע מיצן און בענדער. עלעגאַנטע גרופּן געסט זיינען געמיטלעך אָנגע־קומען איינע נאָך די אַנדערע. אַלץ האָט אָנגעזאָגט וועגן דעם אָנקומען פון אַ לוסטיקער פאַרוויילונג, פון טענץ און געזאַנג.

און פּלוצלינג, ווי אַ שטורעם־רעגן איז אויסגעבראָכן אַן אומגעריכטע צרה. אַ גרויסע גרופּע פון אַ צוואַנציק־דרייסיק מאַן איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די אויסגעצוואָגענע ווינער אַקאַדעמיקער ביים אַריינגאַנג. זיי זיינען אַלע, אמת, געווען דעלעגאַטן צו דער שפּראַך־קאָנפערענץ, האָבן דערלאַנגט מיט שטאָלץ זייערע איינלאַדונגס־קאַרטן. זיי האָבן אָבער נעבעך געטראָגן אויף זיך אָנשטאָט די פאַרלאַנגטע שוואַרצע פראַק, פּשוטע אַרבע־טער־קליידער, אָדער פּשוט פאַרגאַרטלטע העמדלעך.

דאָס זיינען געווען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין גאַליציע, בוקאָווינע און רומעניע, וואָס זיינען געקומען צו דער שפּראַך־קאָנפערענץ און האָבן ניט פאַרמאָגט קיין פאַראַדנעם שוואַרצן פראַק.

זיי האָבן געפּירט מיט די ווינער סטודענטן אַ האַרבן, רוישיקן וויכוח, זיינען מיט תקיפות באַשטאַנען אויף זייערע רעכט צו באַטייליקן זיך אין קאָנצערט. די סטודענטן זיינען אָבער באַשטאַנען אויף זייערס, און די אַר־בעטער האָבן געדראָט אַריינצוברעכן זיך אין זאַל.

און דאָ איז אָנגעקומען פון זיין האָטעל י. ל. פּרץ מיט זיין פרוי. זיי זיינען ביידע געווען יום־טובדיק געקליידט. דאָ האָט פּרץ דערהערט דעם רוישיקן וויכוח און געזען דעם געראַנגל צווישן די סטודענטן און די אַרבע־טער. ער האָט צוגערופן איינעם פון די אַקטיווע פּראָטעסטירנדיקע אַרבע־טער, און דערוויסנדיק זיך פון אים וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער מיט אַ קלוגן שמייכל געזאָגט צו זיין בעל־דבר: קומט מיט מיר אויף אַ ווײַלע, מיר וועלן צוגיין אין מיין האָטעל.

דער אַרבעטער האָט לכתחילה ניט פאַרשטאַנען פּרצס כוונה. צי וויל אפשר פּרץ אים אויסבאָרגן אַ שוואַרצן פראַק?

פרץ האָט באַפּעלעריש אים איינגעלאַדן צו גיין מיט אים, און האָט זיך מיט זיין פרוי און מיט דעם אַרבעטער אומגעקערט צוריק אין זיין האָטעל־צימער.

ער האָט פון זיך אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן עלעגאַנטן פראַק, האָט אים ווי ניט איז אָנגעטאָן אויף דעם אַרבעטער, האָט אַליין אָנגעטאָן זיין ספּאָרט־אַנצוג מיט די קורצע הויזן און לאַנגע זאָקן, און אַזוי האָבן זיי זיך זאַלבעדריט אומגעקערט צוריק אין קאָנצערט־זאַל.

די ווינער סטודענטן און די גאַנצע חברה אַרבעטער ביי דער טיר האָבן זיך צעלאַכט און אַפּלאָדירט פּרצן. און אַזוי איז יצחק־לייבוש פּרץ, אין זיין פּשוטן ספּאָרט־רעקל אין באַגלייטונג פון דעם אַרבעטער אין שוואַרצן פראַק, געאָרעמט אַריינגעמאַרשירט אין קאָנצערט־זאַל.

אַזוי איז שוין במילא אָפּגעפאַלן דער סנאָביזם פון די ווינער סטודענטן און די טירן פונעם קאָנצערט־זאַל האָבן זיך ברייט געעפנט פאַר די אַרבע־טער־דעלעגאַטן.

*

מיט עטלעכע חדשים נאָך דער קאָנפערענץ האָב איך ווידער געהאַט אַ גינסטיקע געלעגנהייט איבערצוצייגן זיך אין פּרצס טיפער היסטאָרי־שער און פאָלקישער פאַרוואָרצלטקייט. דעם ניו־יאָרקער יידישן חודש־זשורנאַל „צוקונפט” האָט דעמאָלט רעדאַקטירט דער ווייט־בליקנדיקער יידישער סאָציאַליסט פיליפּ קראַנץ, וועלכער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט מיין גרויסע און ערשטע אַרבעט „די אַרבעטער־פראַגע און אַרבעטער־געזעצגעבונג אין דער משנה־צייט”. יצחק־לייבוש פּרץ האָט איבערגע־דרוקט גרויסע אויסצוגן פון מיין אַרבעט אין „אונזער וואָכנבלאַט”, וועל־כע ער האָט דעמאָלט רעדאַגירט, און האָט מיר מיט אַ באַזונדערער וואַ־רעמקייט געשריבן: „איך פאַרשווער אייך, איר זאָלט אַרבעטן ווייטער אויף דעם דאָזיקן פּרוכטבאַרן געביט”.

די דאָזיקע ווערטער פון י. ל. פּרץ האָבן זיך אויפן גאַנצן לעבן איינגעקריצט אין מיין האַרצן אַלס צוואה און איך דערמאָן זיי שטענדיק מיט

אַ באַזונדער פּיעטעט און געטרייקייט צום אָנדענק פונעם גרויסן וועג־ווייזער פאַרן קולטור־שאַפן פון אונדזער דור.

*

אַ גוטע, ניצלעכע און פּראָדוקטיווע אַרבעט פאַר ביידע אונדזערע ליטעראַטורן, פאַר דער יידישער און העברעאישער, איז געמאַכט געוואָרן דורך דער העברעאישער אויסגאַבע פון נחמן מייזילס פּרץ־פאָרשונגען, וואָס איז דערשינען אין תל־אביבער פאַרלאַג „ספרית פועלים".

דאָס וואָס עס האָבן ניט באַוויזן צו טאָן אין דעם געהעריקן פאַרנעם העברעאישע ליטעראַטור־היסטאָריקער, וועלכע האָבן אין גרונט געזען פאַר זיך נאָר דעם העברעאישן פּרץ, האָט איצט גוט און ברייטהאַרציק געטאָן נחמן מייזיל אין דער אויספּירלעכער העברעאישער אויסגאַבע פון זיין בוך „פרץ וסופרי דורו" („פּרץ און די שרייבער פון זיין צייט"), וואָס נעמט אַרום 400 דרוק־זייטן.

מען קען גאַנץ דרייסט זאָגן, אַז דורך דער העברעאישער אויסגאַבע פון דעם פּרץ־בוך האָט פּרץ געקראָגן זיין תיקון, ווייל ער האָט דאָך גע־הערט פאַראיינס צו ביידע ליטעראַטורן און ער האָט כשר פאַרדינט, אַז דער העברעאישער לייענער און באַזונדערס דער ישראלדיקער לייענער זאָל קענען תופס זיין די פּילזייטיקע האַרמאָנישע געשטאַלט פון דעם גרויסן פאָלקס־שרייבער און דענקער.

נחמן מייזילס לאַנגיאָריקע און פאַראייניצלטע פּרץ־פאָרשונגען זיינען דאָ, אין דער העברעאישער אויסגאַבע, גוט באַהעפט און פאַרשמאָלצן גע־וואָרן אין איין גאַנצן און מאָנומענטאַלן ווערק. נחמן מייזיל באַהערשט אַליין גרינטלעך העברעאיש, און ווי זיין גרויסער לערער פּרץ האָט ער אין אָנהייב געשריבן און פאַרעפנטלעכט זיינע אַרבעטן אין העברעאיש. עס איז אים אָבער שווער געווען זיך אַליין צו איבערזעצן און צו באַאַרבעטן, און עס האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצוהעלפן זיך דורך דער מיטאַרבעט פון דעם ישראלדיקן שרייבער מרדכי חלמיש, וואָס האָט אַריינגעלייגט פיל פלייס און ליבע אין דער איבערזעצונג פון בוך. חלמיש איז אַליין אַ קינד פון דער פּוילישער ערד און איז פאַרוואָרצלט אין יידיש־פּוילישן ליטע־

ראַרישן קלימאַט. עס איז אים געווען צום האַרצן צוצוגרייטן אין אַ פּליסיקן און פּאָפּולערן העברעאיש נחמן מייזילס ווערק, ווייל ווי דער מחבר, אַזוי באַציט זיך אויך דער איבערזעצער מיט ליבע און פּיעטעט צוביידע יידי־שע ליטעראַטורן, צו ביידע יידישע שפּראַכן, וועלכע פאַראייניקן זיך אַזוי האַרמאָניש אין פּרצס שאַפנדיקער פּערזענלעכקייט. דער מחבר און דער איבערזעצער בלייבן ביידע געטריי פּרצן און זיך אַליין, בעת זיי ברענגען די ציטירטע העברעאישע און יידישע טעקסטן אין זייער אָריגינאַל־שפּראַך. דאָס איז ניט נאָר נאַטירלעך און ריכטיק. דאָס איז אויך אַ גוט מיטל צו דערוועקן דעם העברעאישן לייענער צו שטודירן פּרצס שאַפונגען, וואָס האָבן געפונען זייער פולסטן אויסדרוק אין יידיש.

די העברעאישע איבערזעצונג פון נחמן מייזילס פּרץ־ווערק וועט ביי די ישראלדיקע אומשטענדן ניט נאָר גילטן אַלס אַ שטודיר־בוך פאַרן ערנסטן לייענער, פאַר לערער און פאָרשער. זי וועט אָן שום ספק אויפ־גענומען געוואָרן אַלס אַ הילפס־בוך פאַר די שילער פון די עלטערע גימנאַ־זיע־קלאַסן, פאַר קורסן און סעמינאַרן אין די שטעט און קיבוצישע דערפער.

די וויכטיקייט פון דעם בוך אין זיין העברעאישער איבערזעצונג ווערט נאָך גרעסער דערמיט, וואָס נחמן מייזיל באַגרעניצט זיך ניט מיט דער שילדערונג פון פּרצס פּערזענלעכקייט און שאַפן אַליין. ער שילדערט אויך די סביבה, אין וועלכער פּרץ האָט געלעבט און געווירקט. ער באַשרייבט די געאָגראַפישע און פּאָליטישע לאַגע, ווי אויך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אומשטענדן, ביי וועלכע פּרץ האָט געשאַפן. ער גיט אונדז פּרצן אין זיין ענגן צוזאַמענהאַנג מיט די יידישע און העברעאישע שרייבער פון זיין צייט, פון זיין ליטעראַרישן קרייז. ער דעקט אויף די קעגנזייטיקע השפעות, וואָס די שרייבער האָבן געהאַט איינע אויף די אַנדערע. ער דעקט טיילוויז אויף אויך די השפעה, וואָס עס האָט געהאַט אויף פּרצס שאַפן די פּוילישע און רוסישע ליטעראַטור פון זיין צייט. אַזוי אַז דער לייענער זעט ניט נאָר פּרצן אַליין, אַלס אַן איזאָלירטן שאַפער, נאָר עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים דער גאַנצער קאָלעקטיוו יידישע שרייבער, און במילא ווערט קלאָר אויך דאָס אָרט, וואָס פּרץ האָט פאַרנומען צווישן זיי.

און ניט נאָר דאָס אַליין. פּרץ איז דאָך געווען ניט נאָר אַ גרויסער

שרייבער, נאָר אויך אַ פּיאָנערישער קולטור־טרעגער און דעמאָקראַטישער דענקער און האָט געהאַט אַ גרויסע דערציערישע השפּעה אויף די ייִנגערע שרייבער, אויף דער בעסערער ייִדישער יוגנט און אויף אַ באַשטימטן טייל פון דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ. דאָס האָט אין זינען נחמן מייזל אין זיינע שילדערונגען. ער שילדערט ניט נאָר פּרצן דעם שרייבער, נאָר אויך פּרצן דעם מענטש און קעמפער. און וואָס עס איז פון אַ באַזונדער גרויסער וויכטיקייט: נחמן מייזיל שטיצט זיך אין זיינע באַשרייבונגען ניט נאָר אויף דאָקומענטן און ביכער, נאָר אויך אויף פאַקטן און געשעענישן, וואָס ער האָט פערזענלעך מיטגעלעבט און אויסגעלעבט.

ווי נחמן מייזיל דערציילט אין זיין אַריינפיר צו דער העברעאישער אויסגאַבע, האָט ער אין משך פון 40 יאָר געזאַמלט ביאָגראַפישע, ביב־ליאָגראַפישע און היסטאָריש־ליטעראַרישע מאַטעריאַלן וועגן פּרצס שאַפן. ער האָט אין פאַרשיידענע צייטן פאַרעפנטלעכט איינצלנע, צום טייל גענוג וואָגיקע, אַרטיקלען וועגן פּרצן, אַזוי אַז אין דער העברעאישער אויסגאַבע ווערן די פריערדיקע אַרבעטן סומירט ווי אין זיינע ייִדישע פּרץ־אויסגאבן בכלל און אין זיין בוך „י. ל. פּרץ און די שרייבער פון זיין דור" בפרט, וואָס גילט אַלס יסוד פאַר דער העברעאישער אויסגאַבע.

מיט היסטאָרישער קאָנסעקווענץ און ברייטהאַרציקן צוגאַנג דעקט פאַר אונדז אויף נחמן מייזיל אין אַ כראָנאָלאָגישן און לאָגישן סדר דעם לעבנס־ און שאַפונגס־גאַנג פון יצחק לייבוש פּרץ. מען זעט דאָ באַשיימ־פערלעך ווי עס ברייטערט זיך און באַפליגלט זיך שטופע נאָך שטופע זיין שאַפנדיקער גייסט, ווי ער זאַפּט זיך אָן טריט־ביי־טריט מיט ייִדישע און מיט אַלגעמיין־מענטשלעכע עמאָציעס, ווי זיין מוזע שפּרייזט איבער גרע־ניצן פון שפּראַכן — העברעאיש, ייִדיש, פּויליש, רוסיש, ווי ער פאַרדייעט כלערליי טיפע און פילזייטיקע השפּעות, און ווי, אַלס סך־הכל פון דעם אַלעמען בילדעט זיך אויס דער גאַנצער, דער איינהייטלעכער, מאָנומענ־טאַלער פּרץ, וועלכער געפינט זיין פולן אויסדרוק אויסשליסלעך אין זיין צייטיקער און קולטור־רייכער שאַפונג אויף ייִדיש, פאַר די ייִדיש רעדנדיקע מאַסן פון פאָלק.

דעם דאָזיקן גאַנצן און האַרמאָניש־איינהייטלעכן פּרץ האָט נחמן מייזיל

ריכטיק פאַרגעשטעלט פאַר דעם העברעאישן לייענער, האָט אים אַריינגע־פירט מיט פאַרדינטן כבוד און פרעכטיקן גלאַנץ אין דעם פּאַנטעאָן און עס קומט אַן אמתער יישר־כוח פאַר דער גוטער און רעכטצייטיקער טואונג דעם מחבר, דעם געטרייען איבערזעצער, דעם גרויסן ישראלדיקן אַרבעטער־פאַרלאַג „ספרית פּועלים" און האַרציקע אָנערקענונג דעם ווינפּער־מאָרגענ־שטערן־פאָנד, וואָס האָט דאָ אויף אַ גלעצנדיקן אופן דערגרייכט זיין נאָבעלע אויפגאבע — „צו דערנענטערן צום העברעאישן לייענער די ליטע־ראַרישע גיטער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין יידיש".

עס איז קיין ספק ניט, אַז יצחק־לייבוש פּרץ דאַרף לויט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער היינטצייטיקער יידישער וועלטלעכער און פּראָגרעסי־ווער קולטור, פאַררעכנט ווערן אין דער צאָל פון די ווייניקע קלאַסיקער אונדזערע. דען וואָס אַזוינס הייסט וויסנשאַפטלעך ריכטיק דאָס וואָרט קלאַסיקער ? עס באַטייט אַן איניציאַטיוו־רייכן, שעפעריש־דענקענדיקן שריי־בער, קינסטלער און קולטור־טוער, וועמענס שאַפונגען האָבן אויף אַ גרינט־לעכן אופן באַרייכערט דעם אוצר פון דער נאַציאָנאַלער קולטור פון זיין פאָלק און געבראַכט אַ פּאָזיטיוון ביישטייער צו דער אַלגעמיין־מענטשלעכער, אוניווערסאַלער קולטור.

יצחק־לייבוש פּרצעס שאַפן לייגט זיך פולשטענדיק אַריין אין די דאָזיקע דערהויבענע ראַמען.

זיין וועג צום שאַפן איז געווען אייגנאַרטיק און שווער, אָבער העכסט־פּרוכטבאַר און דערפאָלגרייך. ס'איז אים אויסגעקומען בייצוקומען אויסער־געוויינלעכע שוועריקייטן ביז ער האָט געקאָנט אַנטפּלעקן זיין געלייטערטע סאָציאַלע און קינסטלערישע געשטאַלט.

בעת די קלאַסיקער פון אַנדערע היינטצייטיקע ליטעראַטורן האָבן געהאַט פאַר זיך אַ טיף פאַרוואָרצלט פאָלקס־לעבן מיט אַ גרייטער קינסטלעריש־אויסגעמייסטערטער שפּראַך, מיט אַ פאַרטיקן פאָלקלאָר און שטייגער, וועלכע זיי האָבן געקאָנט באַאַרבעטן און באַשטראַלן, באַהויכן מיט זייער שאַפנדיקן גייסט, — איז געווען שווער און פיינלעך דער וועג פון אונדזערע קלאַסיקער, ווי מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ.

די וואָרצלען פון יידישן לעבן און פאָלקס־שאַפן, וועלכע זיי האָבן באַ־

דאַרפט אַרויסגעפינען און באַשטראַלן מיט זייער שאַפן, זיינען געלעגן וויט און טיף אין דער געשיכטע און טויזנטיאָריקער קולטור און ליטעראַטור פון אונדזער פאָלק, פון די געאָגראַפיש־צעשפרייטע און עקאָנאָמיש־רואי־נירטע פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן זיך איינגעגלידערט צווישן די פאַרשיידענע מזרחדיקע און מערבדיקע קולטורן און וועלכע זיינען גלייכצייטיק אָבער געווען מעכאַניש איזאָלירט פון דער גרויסער וועלט־עפנטלעכקייט און איינ־געשלאָסן אין די שמאָלע געסלעך פון שטעטל מיט זיינע פאַרנעפּלטע סאָ־ציאַלע האָריזאָנטן.

און דערצו — דער גיגאַנטישער דרוק פון כלערליי וועלט־שפּראַכן און קולטורן, און אייגענע צוויי שפּראַכן, וואָס האָבן זיך געמישט און וואַריאירט איינע מיט דער אַנדערער: אַ וואָגיקע, אַלטע, ניט־גערעדטע קולטור־שפּראַך, אָן אָנגעזאָפּטע מיט אַ גרויסער דורות־לאַנגער יצירה־קראַפט, אַ שפּראַך, וועלכע האָט אין איר פאַרגליווערטקייט אויסגעהויכט אַ קאָנטיקן טייל פון איר נאַטירלעכקייט און וואַרעמקייט, און, פון דער צווייטער זייט, אַ שפּראַ־ציקע, יונגע און לעבעדיקע גערעדטע פאָלקס־שפּראַך, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט קיין טראַדיציעס, קיין געפורעמטע ליטעראַרישע אויסדריקלעכ־קייט. אונדזערע קלאַסיקער האָבן זיך דעריבער ניט ווילנדיק געוואָרפן צווישןביידע שפּראַכן און לאַנג געזוכט אַן אויסוועג. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אַ רייכן העברעאיש, געשעפּט פון זיינע היסטאָריש־פּאַרטיפטע, אָבער פאַרגליווערטע רייכע עמאָציעס, האָבן אַ צייט שפּעטער געבראַכט צו טראָגן מיט פאָלקישער פאַרליבטקייט זייער קולטור־רייכטום אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון יידישן לעבן, האָבן אַריינגעאָטעמט די אומשטערבלעכע עטישע און דעמאָקראַטישע אידייען אין דעם יונגן און אָפּגעשטאַנענעם יידישן וואָרט, האָבן זיך גענומען אויפבויען אַן אַלט־נייע יידישע קולטור־וועלט, וואָס זאָל זיין פאַרבונדן און פאַרבר־ידערט מיט דער פּראָגרעסיווער, שאַפנדיקער געדאַנקען־וועלט פון אונדזער דור.

אַזוי זעען אויס אונדזער קלאַסיקער, אַזוי זעט אויס יצחק־לייבוש פרץ.



אליעזר בן־יהודה

ניטאָ קיין צופעליקייטן אין לעבן פון פעלקער און קלאַסן, און דער גרעסטער העלד און אידעאַליסט קען ניט דורכפירן אין לעבן דאָס וואָס עס איז ניט געבאָטן דורך די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע באַדערפע־נישן פון זיין צייט און זיין סביבה.

דער דאָזיקער גרויסער כלל פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם גילט אומעטום און פאַר אַלע צייטן און ער איז ריכטיק אויך בנוגע דעם לעבנס־ווערק פון אליעזר בן־יהודה, דעם פיאָנער און אויפריכטער פון דער לע־בעדיקער העברעאישער שפּראַך אין ארץ־ישראל.

אליעזר פערלמאַן (דער שפּעטערדיקער בן־יהודה), דער יידישער סטודענט פון פאַריז, פון רוסלענדישער אָפּשטאַמונג, איז געקומען קיין ארץ־

ישראל אין יאָר 1882 און זיין פלאַמיקער ווילן און עקשנותדיקער באַשלוס אויפצוּוועקן און באַלעבן די פאַרגליווערטע אוצרות פון דער העברעאישער שפּראַך, פאַרוואַנדלען זי אין אַ טאָג־טעגלעכער לעבעדיקער מאַסן־שפּראַך וואָלט אפשר געקראַכט און באַנקראָטירט ווי דער ענלעכער ווילן פון אַנדערע משכילים אין רוסלאַנד, פּוילן און האָלאַנד. אליעזר בן־יהודה איז אָבער געווען אַ מענטש פון פּראַגמאַז, ער האָט געשפּירט שוין די אָנ־וואַקסנדיקע עקאָנאָמישע נויטן פון דעם קליינעם און צעשפּליטערטן יידישן ישוב, וועלכער האָט זיך געניייטיקט בנפש אין אַן איינהייטלעכער און בשות־פּותדיקער שפּראַך. די דאָזיקע שפּראַך האָט געקענט און באַדאַרפט ווערן די איינגעשלאָפענע אָבער רייכע נאַציאָנאַלע שפּראַך, העברעאיש. מען האָט זי באַדאַרפט רעדנדיק מאַכן, באַוועגלעך מאַכן, דערגענצן זי מיט פּראַק־טישע, נייטיקע מאָדערנע ווערטער און אויסדרוקן.

12 שפּראַך־געמיינדעס האָט דעמאָלט פאַרמאָגט ארץ־ישראל. פאַר־שלאָסענע, אָפּגעזונדערטע געטאָס, געסלעך, הויפן פון איינוואַנדערער פון פאַרשיידענע לענדער און שפּראַכן. אָן אַן אַלגעמיין־פאַרשטענדלעכער שפּראַך האָט מען ניט געקענט באַהעפטן זיך צו אַ געמיינזאַמער אויפבוי־אַרבעט, בייקומען שוועריקייטן, אויפשטעלן מוניציפּאַלע אַנשטאַלטן, שולן, אַנטוויקלען האַנדל און מלאכה.

און אליעזר בן־יהודה האָט זיך באַזעצט מיט זיין פאַמיליע אין האַרץ פון אַלטן ירושלים,און האָט מיט זיין פאַמיליע און באַקאַנטע אָנגעהויבן רעדן אויסשליסלעך העברעאיש. ער האָט אָבער גלייכצייטיק אָנגעהויבן אויך וויסנשאַפטלעך אויספאָרשן די אַלטע, דורות־לאַנגע ליטעראַטור, באַזונ־דער פון יענע ווייטע צייטן, ווען די שפּראַך האָט געלעבט דאָ, אין די אַרומיקע שטעט און דערפער אַלס שפּראַך פון האַנטווערקער, פּויערים און די ברייטע פאָלקס־מאַסן בכלל. כדי צו פאַרשפּרייטן אין ברייטערע קרייזן די אַרויסגעפונענע אָדער באַנייטע ווערטער און אויסדרוקן האָט ער אַרום זיך געזאַמלט די נאָך קליינע גרופּן אינטעליגענץ און יוגנט. ער האָט אויך געגרינדעט די ערשטע טעגלעכע צייטונגען „הצבי״, „האור״, „חירות״, „השקפה״ און דורך זיי פאַרשפּרייט די ערשטע קערנער פון דער באַנייטער שפּראַך.

שוין פון אָנהייב פון זיין וועג האָט ער זיך געחברט און געשלאָסן אַ בונד מיט די אַנדערע פּיאָנערן פון דער שפּראַך־אויפלעבונג יחיאל מיכל פּינעס, דעם פּרעכטיקן פּובליציסט, און מיט דעם היסטאָריקער זאב יעבץ. דערנאָך זיינען צוגעקומען אַנדערע, דערהויפּט לערער, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעשטויסן אויף דעם שפּראַך־פּראָבלעם אין דער פּיל־שפּראַכיקער קינדער־וועלט. און צום סוף פון די 80ער יאָרן איז שוין אַפילו דורכגעדרונגען דער געדאַנק פון אויפלעבן די העברעאישע שפּראַך אין דעם פּראָגרעסיוון און געבילדעטן טייל פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום: דער ספרדישער הויפּט־רב רבי יעקב מאיר און דער אשכנזישער רב ר׳ חיים הערשנזאָן זיינען צוגע־שטאַנען צו דער גרופּע פּיאָנערן פון דער שפּראַך־אויפלעבונג און האָבן געגרינדעט די קולטור־געזעלשאַפט „שפה ברורה״, פון וועלכער עס איז אויסגעוואַקסן דער העברעאישער שפּראַך־קאָמיטעט (ועד הלשון העברית).

אליעזר בן־יהודה האָט זיך איצט אַוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון דער שפּראַך־אָרגאַניזאַציע ניט אַלס פּאָרזיצער, נאָר אַלס באַשיידענער סעקרע־טאַר. פון דאַן אָן האָט דער פּראָצעס פון דער שפּראַך־באַנייאונג באַקומען אָרגאַניזירטע פאָרמען.

דאָס איז געווען אין גרונט אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס האָט פון טאָג צו טאָג אָפּגעהאַלטן נייע נצחונות.

דאָס אַלטע האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן אָן אַ דויערנדיקן און עקשנותדיקן ווידערשטאַנד. אַלע פּיילן פון אַלטן פאַנאַטישן ישוב זיינען איצט געווען געצילט קעגן אליעזר בן־יהודה, וואָס האָט וואָכעדיק געמאַכט און פאַרשוועכט די הייליקע שפּראַך, אַריינפירנדיק זי אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין דער שניידער־ און שוסטער־גאַס. מען פלעגט אים באַפאַלן אין גאַס, שעלטן, פאַרמסרן פאַר דער טערקישער רעגירונג, אַריינוואַרפן אין חרם און וואָרענען דעם עולם מען זאָל ניט אָננעמען „בן יהודקעס לשון״.

אין יאָר 1891 איז איבער די גאַסן פון ירושלים אויסגעקלעפּט געוואָרן אין נאָמען פון די פאַנאַטיקער אַ העצערישער אויפרוף, וועלכער הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „הנה פשטה בעירנו המספחת״... („עס האָט זיך פאַרשפּרייט אין אונדזער שטאָט די פּלאָג״) און אין וועלכן יעדער ייד

ווערט געריפן אין גאַנץ נאָמען „אָפּצוזונדערן זיך פון די פאַררעטער און אומריינע״.

מיט 10 יאָר שפּעטער, ווען עס איז געעפנט געוואָרן אין ירושלים דער ערשטער העברעאישער קינדער־גאָרטן, האָבן זיך נאָך די עסקנים פון אַלטן ישוב ניט באַרואיקט און אין נאָמען פון „רבנים און גאונים און צוויי בית־דין־שטיבלעך״ איז דערקלערט געוואָרן אַ חרם אויף זיינע גרינדער און ס'איז געגעבן געוואָרן אַ האַרבע וואָרענונג די עלטערן.

זיין שאַפן און דאָס שאַפן פון זיינע חברים אויפן געביט פון לעבעדיקן העברעאיש האָט זיך אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט אין אַן אַנאָנימען באַשטאַנדטייל פון קאָלעקטיוון שאַפן פון העברעאישן שפּראַך־קאָמיטעט און האָט זיך איינגעגלידערט אין דער גערעדטער שפּראַך. עס איז אויך איינגעשלאָסן געוואָרן דורך אים אין דעם פונדאַמענטאַלן ווערטער־בוך פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכן ער האָט באַנד נאָך באַנד פאַר־עפנטלעכט ביי זיין לעבן.

צענדליקער טויזנטער שילער פון די העברעאישע פאָלקסשולן, גימנאַ־זיעס און הויכשולן און די ברייטע קאַדרען פון לערער, זשורנאַליסטן, האַנטווערקער, אַרבעטער און סתם בירגער האָבן אין משך פון די לעצטע דורות מיט דערפאָלג פאַרווירקלעכט אין טאָג־טעגלעכן לעבן די פולע אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך, איינער פון די ערשטע פאָנען־טרעגער און פּיאָנערן פון וועלכער עס איז געווען אליעזר בן־יהודה.

די פאַרווירקלעכונג פון דער לעבנס־וויכטיקער אידייע פון אַ שפּראַכ־לעכער אייניקייט האָט ניט געקענט אָפּגעהאַלטן ווערן דורך קיין שום מיטלען.

חיים נחמן ביאַליק

א. אין אָדעס

ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן און איך האָב ליב געהאַט אים צו הערן, און אַזוי האָט זיך זינט די ערשטע טעג פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, ניט־באַמערקט געשאַפן צווישן אונדז אַ גייסטיקער קאָנטאַקט.

איך האָב שטאַרק געשעצט, כמעט פאַרגעטערט, זיין אויפגעברויזטע, סטיכישע גאונישקייט, וועלכע האָט זיך יעדעס מאָל אַרויסגעריסן ווולקאַניש בשעת זיינע שמועסן און אין וועלכער עס האָט זיך אָפט געשפּירט אַ געוויסע ניט־געשליפנקייט — פון אַ העכסט־קאָסטבאַרן, אָבער ניט געענוג באַאַרבעטן ברילִיאַנט.

ער איז געווען איינער פון יענע הויך־טאַלענטירטע אויטאָדידאַקטן, וועלכע האָבן דערגענצט דעם מאַנגל אין סיסטעמאַטישער בילדונג מיט געפליגלטע אינטואיטיוו־אַנטפלעקטע געדאַנקען. און ער האָט זיך געניי־טיקט און געשולטע צוהערער, דורך וועמענס אויפמערקזאַמן צוהערן זיך צו זיינע רייד און דורך דער שטילשווייגנדיקער הסכמה, האָט ער קאָנ־טראָלירט זיינע אינסטינקטיוו אויסגעפונענע אמתן.

דאָס רוב האָט ער אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען ניט אַקאַדעמיש, מיושבדיק, אין אַ לאָגישן און היסטאָרישן סדר. ווען ער פלעגט אַפילו זיצן, פלעגט דער שטול אונטער אים ציטערן, זיינע אויגן פלעגן גליען, די געדאַנקען פלעגן פליען אַפּגעריסענע, פראַגמענטאַרישע.

ער האָט אָבער געהאַט אויך געגוג מוט אָפּצושטעלן פלוצלינג דעם זודיקן שטראָם פון זיינע אָרגינעלע און אינהאַלטרייכע מאָנאָלאָגן, און מיט אַ פראַגע־צייכן אויף זיינע כמעט קינדישע אויגן ווארטן, מען זאָל באַשטע־טיקן אָדער פאַרריכטן זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען.

מער פון אַלעם פלעגט זיך זיין געדאַנקען־ און געפילן־וועלט אויסבריי־טערן און זיין מויל פלעגט שיטן פערלדיקע ווערטער בשעת אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט אָדער ביים ברעג פון שוואַרצן ים.

ווי אַ פליער, וואָס הייבט זיך אויף פון דער ערד צו די הימלישע וויטענישן און הויכענישן, פלעגט זיך חיים נחמן ביאַליק אַרויסהייבן פון דער ערדישער וואָכעדיקייט, באַפרייען זיך פון טאָג־טעגלעכע זאָרגן און לאָזן זיך שוועבן אין אַ וועלט, וואָס איז כולו רוחניות.

מיר האָבן ליטעראַריש און וויסנשאַפטלעך מיטגעאַרבעט מיט קורצע הפסקות קרוב 38 יאָר, פריער אין זיין אָדעסער און שפּעטער אין אונדזער ביידנס ארץ־ישראלדיקער תקופה.

איך בין געקומען קיין אָדעס אַ קורצע צייט נאָכן פאַרענדיקן מיין הויכשול־בילדונג אין דער שווייץ, בעת ביאַליקס העברעאישע און יידישע לידער האָבן ניט אויפגעהערט שפּילן מיט זייער לירישן קלאַנג אויף מיינע ליפּן.

איך בין געקומען קיין אָדעס אין האַרבסט 1912, אַלס לערער פאַר

תלמודישער יוריספרודענץ אין דער נייער, מאָדערנער ישיבה, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנהייב פון די צענער יאָרן פון 20סטן יאָר־הונדערט דורך דעם געבילדעטן און פּראָגרעסיוון רב און שרייבער ר׳ חיים טשערנאָוויטש, וועלכער איז געווען באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים „רב צעיר״ („יונגער רב״), שפּעטער פּראָפעסאָר אין אַמעריקע. אין דער דאָזיקער ישיבה האָט מען אַלע לימודים געלערנט אין העברעאיש. אין דער שפּיץ פון אירע לערער זיינען געשטאַנען חיים נחמן ביאַליק און ד״ר יוסף קלויזנער, און פון צווישן אירע תלמידים זיינען שפּעטער אַרויס געלערנטע און שרייבער, ווי דער באַקאַנטער תנ״ך־פאָרשער פּראָפ. יחזקאל קויפמאַן, דער פאָרשער פון העלעניזם פּראָפ. יהושע גוטמאַן, דער עסייאיסט ד״ר צבי ווייסלבסקי און אַנדערע. מיין פאַך, די תלמודישע יו־ריספּרודענץ, איז געבליבן אַ פּיאָנערישער און שטאַרק פאַרנאַכלעסיקטער פאַך. און איך האָב געהאַט דעם זכות צו זיין איינער פון די ערשטע לערער אויף דעם געביט.

צו מיין ערשטער פייערלעכער פאַרלעזונג זיינען געקומען אַלס ערן־געסט דער זיידע מענדעלע מוכר ספרים און חיים נחמן ביאַליק. ביאַליק איז געווען אויפגעברויזט פון מיין פאַרלעזונג, אין וועלכער איך האָב אויפ־געדעקט די סאָציאַלע יסודות פון אונדזער פּאַרצייטיקער וויסנשאַפט. דער פלאַם אין זיינע אויגן און דער וואַרעמער האַנטדרוק האָבן באַטייט אַ טיפע פאַרשטענדעניש און אַ גייסטיקן בונד, וועלכע מיר האָבן אין יענעם טאָג געשלאָסן און וועלכער האָט אָנגעהאַלטן פיל יאָרן, האָט זיך שפּעטער פאַר־ברייטערט און פאַרטיפט, און האָט זיך אויפגעלייזט ערשט מיט ביאַליקס פריצייטיקן טויט.

איך האָב אים דאַן צוערשט געזען אין זיין גרויסקייט און גאונישקייט. איך האָב אָבער ניט אויסגעמיטן צו זען אים צייטנווייז אויך אין זיין וואָ־כעדיקייט. ער איז געווען אין יענע יאָרן אַן אייגנטימער פון אַ קליינער דרוקעריי אויף דער באַזאַרנע־גאַס, אין וועלכער ער האָט אַריינגעהויכט זיין גרויסע נשמה. אָבער די קליינע און קליינלעכע טאָג־טעגלעכע פּראָזע האָט אים פאַרשלונגען און רואינירט. ווי ברייט ער איז ניט געווען אין גייסט, איז ער געווען ענגהאַרציק אין דער געשעפטלעכער וואָכעדיקייט

מיט אירע קליינלעכע סוחרישע חשבונות פון פּאַפּיר, פּאַרב און אַרבעט־לוין.

— ווען די שכינה טוט זיך פון מיר אָפּ — פלעגט ער אַליין אויף זיך זאָגן — בין איך דער קלענסטער פון די קלענסטע.

און ער האָט ליידנשאַפטלעך געגאַרט אין אַזעלכע מאָמענטן צו אַנט־לויפן פון זיך אַליין.

ניט איינמאָל, דערזעענדיק מיך אין דער וואָכעדיקער לופט פון דער דרוקעריי, פלעגט ער זיך שטאַרק דערפרייען, ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך און לעבט פלוצלינג אויף מיטן דערשיינען פון זיין רעטער.

— קומט, לאָמיר גיין פון דאַנען, און וואָס גיכער.

און ער האָט ווי נאָר מעגלעך באַלד איבערגעריסן די לעבנס־פּראָזע און איז אַ דאַנקבאַרער און גליקלעכער אַוועק מיט מיר צום אָפענעם ים. און שוין אויפן וועג האָט זיך זיין גייסט מיט יעדער מינוט דערהויבן און באַפרייט פון דער וואָכעדיקייט. ער איז געוואָרן אַן אַנדערער: דער אמתער ביאַליק.

איצט האָב איך שוין געזען פאַר זיך דעם גרויסן דיכטער און דענ־קער. עס האָט זיך יענעם טאָג איינגעקריצט אין מיין זכרון זיין טונקל־בלויע בלוזע, אַ פריי־איבערגעבונדענע מיט אַ גאַרטל; זיין בלויזער קאָפּ, אויף וועלכן עס האָבן נאָך פון פאַרנט אויפן שטערן געשפּילט עטלעכע לאָקן.

און אָט זיינען מיר שוין אויפן ברעג פון ברייטן, אָפענעם שוואַרצן ים. ער זיפצט אָפּ פריי, רעדט פערלדיק, האַרציק, נביאיש, וואַרפט מיט ברייט־צעשפּרייטע אָרעמס שטיינדלעך אין ים אַריין, שפּילט זיך מיט קינדער שטיפעריש און ליבלעך.

ער איז געוועזן קינדערלאָז, האָט געבענקט נאָך קינדער און יעדעס קינד פון פאָלק האָט ער באַטראַכט ווי זיין אייגנס.

אין יענע אָדעסער טעג האָב איך אים אָפט באַגלייט אויך אויף זייגע געזעלשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען.

ווי אַ געליבטן רבין פלעגט אים באַלד ביי זיין אַריינגאַנג אין לאָקאַל אַרומרינגלען די יוגנט און דורשטיק צוהערן זיך צו זיין יעדן וואָרט. אין

אַ גאַנץ ענגן קרייז צוהערער פלעגט ער אַרויסטרעטן אויף העברעאיש. אויף די גרעסערע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען פלעגט ער שטענדיק רעדן אויף זיין באַטעמטן אוקראַינישן יידיש, מיט אַ זינגענדיקן טעמבער, מיט פיל טעמפּעראַמענט און הומאָר.

עס איז דעמאָלט שטאַרק און שניידיק דיסקוטירט געוואָרן די שפּראַך־פראַגע: העברעאיש, יידיש, רוסיש. אין אָדעס, ווי אין אַלע יידישע צענטערן אין רוסלאַנד, האָט זיך דער אידייאישער שפּראַך־קאַמף געפירט ליידנשאַפטלעך און שטורמיש. פון איין זייט איז געשטאַנען דער ווילן־שטאַרקער ציוניסטישער פירער מנחם מענדל אוסישקין און דער פּאָפּולערער העברעאישער געלערנטער און שרייבער ד״ר יוסף קלויזנער, וועלכע האָבן זיך שטאָל און אייזן געהאַלטן ביי דער לאָזונג „אָדער העברעאיש אָדער רוסיש!“ און וועלכע האָבן זיך באַצויגן מיט אַן אָפענעם ביטול צו דער יידישער מאַסן־שפּראַך. פון דער צווייטער זייט זיינען געשטאַנען שטאָל און אייזן דער זיידע מענדעלע און חיים נחמן ביאַליק, צוויי שעפערישע ריזן, וועלכע האָבן געשאַפן איןביידע שפּראַכן און וועלכע האָבן זיך געשטעלט געאייניקטע אויף דעם פאָלקס־פראָנט און מיט זייער פּאָפּולערקייט און גרויסן אויטאָריטעט, באַוואָכט די רעכט פון יידישן פאָלקס־לשון.

*

אין משך פון די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג איז ביאַליק נאָך געבליבן ווי פריער אין אָדעס און עס איז אים דאָרט אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן עקזיסטענץ־קאַמף. די אַרבעט פון זיין העברעאישן פאַרלאַג „מוריה“. וואָס ער האָט געפירט צוזאַמען מיט אַ גרופּע שרייבער־חברים, האָט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער רעדוצירט ביז זי האָט זיך, מיטן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג, אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך ניט לייכט אָפּגעזאָגט פון זיין ליטעראַרישער און פאַרלעגערישער טעטיקייט. ער האָט ניט אויפגעהערט צו האָפן און גלויבן, אַז עס שטייען פאַר גוטע צייטן פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור אין נייעם רוסלאַנד. און דער דאָזיקער גלויבן האָט אים געקרעפטיקט בשעתן אַרויסגעבן אין יאָר 1917 דעם

ערשטן באַנד פון גרויסן ליטעראַרישן זאַמלבוך „כנסת", אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט צווישן אַנדערע ווערק איינס פון זיינע בעסטע לידער „יהי חלקי עמכם" און זיין אייגנאַרטיקן און טיפזיניקן עסיי „הלכה ואגדה". דער דאָזיקער גלויבן האָט דאָן אויך באַלויכטן דעם קרייז פון העברעאישע שרייבער און קולטור־טוער, וועלכע האָבן מיט באַגייסטערונג אָפּגעריכט דעם 25סטן יובילײ פון ביאַליקס ליטעראַרישן שאַפן.

חיים נחמן ביאַליק האָט געזוכט אַ מאַראַלישן און געזעלשאַפטלעכן אָנשפּאַר אָן די ברייטע קרייזן יידישע און העברעאישע שרייבער, וואָס האָבן זיך געהאַט קאָנצענטרירט אין מאָסקווע. ער איז אַהין געפאָרן און זיך מיט פיל פון זיי סיסטעמאַטיש דורכגעשריבן. ער האָט זיך אויך גייסטיק דער־נעענטערט צו די רוסישע שרייבער מיט מאַקסים גאָרקי און אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי בראש.

אין מאָסקווע האָט דאָן טריאומפירט דאָס העברעאישע טעאַטער „הבימה", און די פערל פון זיינע פאָרשטעלונגען — אַנסקיס „הדיבוק" — איז דערשינען אין ביאַליקס מוסטערהאַפטער העברעאישער איבערזעצונג, אין וועלכער ער ווערט געשפּילט ביזן היינטיקן טאָג. אין יענער צייט האָט ביי ביאַליקן אַרויסגערופן שטאַלץ און ערע אויך דער אויפקום פון דעם העברעאישן ליטעראַטור־מעצענאַט אברהם יוסף שטיבעל, וואָס איז צוגע־טראָטן אַרויסצוגעבן העברעאישע ביכער און וואָגיקע זאַמלביכער אונטערן נאָמען „התקופה".

ב. אין תל־אביב

דער אויפגעקומענער פרילינג פון דער העברעאישער ליטעראַטור אין מאָסקווע איז אָבער געווען אַ קורצער און אַן אויסזיכטלאָזער. אין יאָר 1921 איז שוין ביאַליק געקומען קיין מאָסקווע, כדי צו אָרגאַניזירן זיין אַרויספאָר קיין אויסלאַנד. מאַקסים גאָרקי, וועלכער איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פון ביאַליקס פּאָעטישן שאַפן און וועלכער האָט זיך געהאַט באַקאַנט מיט זיינע לידער לויט זשאַבאָטינסקיס מוסטערהאַפטער רוסישער איבערזעצונג, האָט איצט געהאָלפן ביאַליקן און נאָך אַנדערע 12 העב־רעאישע שרייבער צו באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד.

אַ גרויסע און אפשר דעצידירנדיקע הילף צו באַקומען די אַרויספאַר־דערלויבעניש פון ראַטנפאַרבאַנד פאַרן חיים נחמן ביאַליקן און פאַר די אַנ־דערע העבראַישע שרייבער, האָט געגעבן דער פאַרטרעטער פון סאָוויע־טישן אויסערן־מיניסטעריום אין אָדעס, דער פאַרבאָרגענער ציוניסט יוסף ראָזענטול, וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט שפּעטער אַריבערגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און איז פרי געשטאָרבן אין ירושלים.

אַ צייט לאַנג האָט זיך ביאַליק אויפגעהאַלטן אין פאַרשיידענע ערטער אין מערב־אייראָפּע, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד, ביז ער איז אין יאָר 1924 אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין תל־אביב.

אויף דער גאַס, וואָס האָט גלייך באַקומען זיין נאָמען, אין האַרצן פון דאַמלסטיקן שטילן תל־אביב, האָט ער געלאָזט אויסבויען, לויט דעם פּלאַן פון מאָסקווער יידישן אַרכיטעקט מינאָר, זיין אייגן אינטים הויז, וואָס איז באַרופן געווען צו זיין דער צענטער פון זיין לעבן און שאַפן ביז צו זיינע לעצטע טעג.

אין דעם גאָרטן, וועלכן ער האָט געלאָזט פאַרפלאַנצן אַרום דעם הויז, האָט ער אַריינגעבראַכט פאַרשיידענע מינים ביבלישע פלאַנצונגען, מיט וועלכע דאָס לאַנד האָט זיך געבענטשט פון פאַרצייטן, ווי וויינטרויבן, טייט־לען, פייגן, מילגרוימען און אַנדערע פרוכט־ביימער, און מיט דעם וווּנדער־באַרן תלמיד־חכם און קענער פון דער אַמאָליקער ארץ־ישראלדיקער לאַנד־ווירטשאַפט, דעם שטאָטישן גערטנער אַלטערמאַן, פלעגט ער מאַכן בשעת יענעמס אַרבעט אין גאָרטן אַ טאָג־טעגלעכן שפּאַציר איבער דער ביבלישער און תלמודישער באָטאַניק.

ער איז באַלד געוואָרן די צענטראַלע פיגור פון תל־אביבער גייסטיקן לעבן. אַלס מיטלפונקט פאַר זיינע קולטור־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַ־רישע באַגעגענישן און שמועסן האָט איצט געדינט דער גרויסער סאַלאָן און עסצימער, אויף די שיינע פאַרפאַר־זיילן פון וועלכן עס זיינען געווען אויסגעמאָלט אויף אַ העל־בלאָען גרונט די עמבלעמען פון די צוועלף ישראל־שבטים. דאָרט האָט מען אים געקאָנט זען אין דער געזעלשאַפט פון שריי־בער, קינסטלער און יוגנט, וואָס פלעגן צו אים קומען הערן, לערנען, פרעגן, באַראָטן זיך אָדער סתם וואַרעמען זיך ביים בלענדנדיקן ליכט פון זיינע

אינספּיראַציעס. מער פון אַלע האָט ער אָבער ליב געהאַט אויך אין תל־אביב צו פירן זיינע גייסטרייכע שמועסן שפּאַצירנדיק מיט עמיצן איבער די יונגע גאַסן פון דאַמלסטיקן תל־אביב. דאַן פלעגט מיט אַ באַזונדער פילפּאַרביקייט און אייגנאַרטיקייט צעשטראַלן זיך זיין פאָלקסטימלעכע פּערזענלעכקייט.

ער איז געוואָרן דער טרייער וועכטער אויף דער בריק צווישן יידישן עבר און דער צוקונפט, צווישן דער האַרבער פּראָזע פון דער אַלטעגלעכקייט און דער אויסטערליש דערהויבענער פּאָעזיע, צווישן דער הלכה און דער אגדה. ער איז געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרמיטלער צווישן דעם בכבודיקן לעבעדיקן העברעאיש און דעם גערעדטן אָבער באַעוולטן יידיש, וואָס האָט געפּלאָסן ווי אַ לעבעדיקער קוואַל פון די ליפּן פון טויזנטער נייע איינוואַנדערער. די טראַגעדיע פון יידיש אין ארץ־ישראל איז געוואָרן, ניט באַמערקט, זיין אייגענע טראַגעדיע. ער וואָלט זיכער איבערגעשטיגן פיל פון די גרויסע היינטצייטיקע יידישע דיכטער, ווען ער וואָלט מער קאָנצענטרירט זיין פּאָעטישן שאַפן אין יידיש. ער איז געווען אַ קרבן פון זיין אומפּאַרמיידלעכער צוויי־שפּראַכיקייט.

ווי לייכט עס פלעגן זיך ביי אים באַהעפטןביידע שפּראַכן. זיין העברעאיש איז שוין דאָ ניט געווען דער געקינסטלטער אָדעסער העברעאיש, נאָר אַ גערעדטע, פליסיקע טאָג־שפּראַך, און אין איין אָטעם מיט איר פלעגט זיך פון זיין מויל צעקלינגען אַ לעבעדיקער, זאַפטיקער מאַמע־לשון. אין לויף פון זיינע שמועסן האָט ער טאָג־איין טאָג־אויס באַפרוכפּערט דאָס גערעדטע העברעאיש מיט זיין גרויסער פאָלקסטימלעכקייט. צוליב דעם טאַקע האָט ער גאַנץ באַזונדערס ליב געהאַט דעם קלאָרן מדרש־לשון, וואָס האָט געאָטעמט מיט דער לעבעדיקער אראמייעאיזירטער פאָלקס־שפּראַך.

אין זיין ווידמונג, וואָס ער האָט אַמאָל אָנגעשריבן אויף זיינס אַ בוך לידער פאַר דער צעניאָריקער לאה, דער טאָכטער פון זיינעם אַ פריינד, האָט ער שפּאַסנדיק באַהעפט האַרמאָניש אין אינהאַלט און גראַם ביידע שפּראַכן. ער האָט געשריבן:

ללאה הטובה ובת־החן
ליום מלאות לה עשר.
היינט איז זי שיין,
זי וועט זיין נאָך בעסער.

כל זמן זיינע מיטשפּרעכער פּלעגן אים ניט אַרויספירן אויף די שליאַכן פון גערעדטן העברעאיש, פלעגט ער שטענדיק פירן זיינע שמועסן אויף זיין אוקראַיִנישן בטעמטן יידיש. ער האָט זיך גייסטיק אויסגעלעבט אויף יידיש, האָט אָבער געשאַפן דאָס רוב אויף העברעאיש, פאַרטיפנדיק זיך אין קלאַסישע קלאַנגען.

אויב אָבער אויף דער גאַס און אונטן אין סאַלאָן פון הויז האָט זיך ביאַליק אויסגעלעבט בעיקר געזעלשאַפטלעך, האָט זיך אויבן אויפן צווייטן שטאָק געענדיקט דער געזעלשאַפטלעכער ביאַליק, דער אָפענער און צו־געגנגלעכער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער יחידישער, אינטימער, פאַר־טראַכטער, שעפעריש־קאָנצענטרירטער. אַהערצו פלעגן אַרויפקומען נאָר יחידים, וועלכע ער האָט מיט אַ געלייטערטן אויג און מיט אַ וואַרעמען אויסגעשטרעקטן אָרעם פאַרבעטן אַהין. דאָרטן איז געווען זיין אַרבעטס־צימער און זיין ביבליאָטעק־צימער, וואָס ער האָט אויסגעשטאַט מיט עטלע־כע טויזנט ספרים און ביכער, איבערהויפּט גרונט־קוואַלן פון דער אייגענער און פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס ער האָט געהאַט נייטיק צו דער האַנט און וועגן וועלכע דער פאַרוואַלטער פון ביאַליק־הויז ה׳ מ. אונגערפעלד דערציילט, אַז עס איז זעלטן געווען אַ ספר אָדער אַ בוך, וועלכן ער האָט ניט געהאַט דורכשטודירט אָדער געלייענט. אַהערצו פלעגט ער מיט מיר אַרויפקומען, ווען מיר פלעגן דאַרפן באַאַרבעטן צוזאַמען שפּראַך־מאַטע־ריאַלן צו אַ זיצונג פון העברעאישן שפּראַך־קאָמיטעט. דאָס רוב האָט ער אָבער געהאַט געבויט אויף זיין טיפער שפּראַך־אינטואיציע און אויף זיין גוטן זכרון און ער האָט אויף דעם דאָזיקן וועג פאַרלייגט די יסודות פאַרן מאָדערנעם גערעדטן העברעאיש, דערהויפּט אויפן געביט פון ערד־אַרבעט און טעכניק.

דאָרט, אויפן צווייטן שטאָק פון ביאַליקס הויז איז אויך געווען אַ

קליינע שאַלקע, וואָס האָט אויסגעזען פון דרויסן ווי אַן אָבסערוויר־טורעם. פון דאָנען פלעגט ער צייטנווייז, אין מאָמענטן פון שטימונגען, דערהויפּט אין די זומער־פאַרנאַכטן, אַרויסקוקן אויפן אָפענעם ים, וואָס האָט זיך גע־שפּרייט פון דער ווייטן.

נאָך ליבער האָט ער געהאַט אַרויסצוקוקן אויף די שטילע שטאָטישע גאַסן, אויף די הייזער וואָס האַלטן זיך אין בויען. און אַ גאַנץ באַזונדערע הנאה האָט אים פאַרשאַפן צו בלאָנדזשען אַ פאַרטרוימטער איבער אומבאַ־קאַנטע נייע גאַסן, וואָס האָבן געשמייכלט צו אים מיט זייער מיידלשן חן.

אין אַ בריוו, וואָס ער האָט אין יענער צייט געשריבן צו זיין פריינד דעם יידישן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, האָט ער צווישן אַנדערע ענינים געשריבן: „...טאָג־איין טאָג־אויס וואַקסן אַרויס פון זאַמד נייע הייזער. תל־אביב שפּרייט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, ווי יענער חסיד, וועלכער האָט געזען אין דמיון מלאכים, וואָס בויען דאָס לאַנד ביינאַכט...״

*

דאָס איז געווען אין יענעם טרויעריקן זומער 1929, ווען מאַסן־אַראַ־בער זענען באַפאַלן דעם יידישן ישוב אין ירושלים און אין יפו, האָבן אונדז פאַרשאַפן אומצאָליקע אומשולדיקע קרבנות און ווען אונדזער יוגנט האָט זיך געשטעלט מוטיק אין געשלאָסענע שורות, כדי אָפּצושלאָגן די בלוטיקע אָנפאַלן.

מיט אַ קורצער צייט פאַר די געשעענישן בין איך צוזאַמען מיט ביאַליקן אַרויסגעפאָרן צום 16טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָר־געקומען אין ציריך אָנהייב אויגוסט. ביאַליק, אַלס איינער פון די דריי פּרעזידענטן פון דעם העברעאישן שפּראַך־קאָמיטעט אין ירושלים (ועד הלשון העברית), און איך, אַלס דירעקטאָר פון אַנשטאַלט, האָבן באַדאַרפט פאָדערן פון דעם קאָנגרעס אַ פינאַנסיעלע באַטייליקונג אין בודזשעט פון דער חשובער נאַציאָנאַלער אַנשטאַלט. ניט קוקנדיק אויף ביאַליקס פלאַמי־קער אַרויסטרעטונג אויף דער פּלענאַר־פאַרזאַמלונג פון קאָנגרעס האָבן מיר דערגרייכט אַ גאַנץ באַשיידענע אַסיגנירונג. און זיינען פון דאָרטן

אָפּגעפּאָרן קיין בערלין. איך האָב דאָרטן געהאַט צו אַרבעטן אין די גרויסע אַקאַדעמישע ביבליאָטעקן איבער די מאַטעריאַלן פון מיין ביבליאָגראַפישן האַנטבוך פאַר יידישער יוריספּרודענץ, און ביאַליק האָט, צווישן אַנדערע קולטור־אויפגאַבן, געוואָלט לאָזן גיסן מוסטערן פון נייע קינסטלערייש באַאַרבעטע אותיות פון יידישן אלף־בית.

ביידע זיינען מיר אומגעהויער שטאַרק געטראָפן געוואָרן דורך דער שרעקלעכער טעלעגראַפישער ידיעה אין „בערלינער טאַגעבלאַט" — „דאָס בלוטבאָד אין פּאַלעסטינאַ!". מיר האָבן זיך קיין אָרט ניט געפונען. מיר האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי צו פאַרבינדן זיך מיטן לאַנד, צו דער־וויסן זיך פּרטים וועגן די געשעענישן און וואָס שנעלער אומצוקערן זיך אַהיים.

אין זיין צימער אין פּענסיאָן אויף קעניגשטראַסע אין דער ווילמערס־דאָרפער פאָרשטאָט האָט ער מאַרשירט אָן אויפהער אַן אויפגעציטערטער, ווי אַ שווער פאַרוווּנדעטער לייב, האָט געקריצט מיט די ציין, זיין פּנים האָט געפלאַמט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען איך בין ביי אים געזעסן און צוזאַמען מיט אים געזוכט וואָס צו טאָן, איז פּלוצלינג אָנגעקומען פון לייפּציג אַ בכבודיקע דעלעגאַציע אין נאָמען פון דער „ציוניסטישער פאַראייניקונג פאַר דייטשלאַנד" און האָט איינגעלאַדן ביאַליקן ער זאָל אומבאַדינגט פאָרן קיין לייפּציג און אַרויסטרעטן דאָרטן אויף אַ מאַסנהאַפטער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן אַראַבישן טעראָר. די פאַרזאַמלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער „ציוניסטישער פאַראייניקונג" אין גרויסן טעאַטער־זאַל.

ביאַליק האָט שטאַרק אויפגערעגט געדאַנקט פאַר דער איינלאַדונג, האָט אָבער געוואָלט אָפּזאָגן זיך פון דער געפּלאַנטער אַרויסטרעטונג, דערקלערנ־דיק:

— ווי קאָן איך רעדן ?! העברעאיש פאַרשטייט איר ניט, און דייטש רעד איך ניט.

— רעדט פּשוט יידיש, הער ביאַליק, — האָבן אים געענטפערט די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע — מען וועט איך גוט פאַרשטיין.

אַ שטאַרק פּאַרטראַכטער האָט ביאַליק אויף מיר געוואָרפן זיין אומ־רואיקן בליק און האָט געפרעגט:

— איר וועט פאָרן מיט מיר?

איך האָב מסכים געווען, און מיר זענען געפאָרן קיין לייפּציג.

דער גרויסער טעאַטער־זאַל אין לייפּציג איז געווען איבערפול גע־פּאַקט מיט מענטשן, אויך די גאַלעריעס פון טעאַטער. ביים אַריינגאַנג האָבן זיך אין ענגע גרופּן פאַרזאַמלט נאָך הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט פאַר זיך אַ מעגלעכקייט אַריינצוקומען אינעווייניק. אויף די אַרו־מיקע פּלעצער און גאַסן האָבן פון די ווענט אַראָפּגעשריען ריזיקע פּלאַקאַטן וועגן דער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אין טעאַטער־זאַל.

חיים נחמן ביאַליק איז אַרויף אויף דער טריבונע און איז אויפגענומען געוואָרן מיט דויערנדיקע שטורמישע אָוואַציעס.

ער האָט גערעדט יידיש מיט אַ לייכטן צומיש פון דייטש. אין אָנהייב האָט ער זיך באַמיט צו רעדן געמיטלעך, געלאַסן און צוריקגעהאַלטן, האָט אויס אינעווייניקסטער אויפרעגונג אַ ביסל אונטערגעשטאַמלט, איז אָבער באַלד אַרויס אויף אַ גרויסן, ווי איך וואָלט זאָגן, נביאישן שליאַך און האָט געזאָגט בערך אַזוי:

— לאָמיר אויסדריקן די וואַרעמע געפילן פון כבוד און ליבע אונדזערע ארץ־ישראלדיקע זין און טעכטער, וואָס שטייען מיט געווער אין האַנט צו פאַרטיידיקן דעם ישוב פון אויפגעהעצטע אָנפאַלער און מערדער. דאָס זיינען די אמתע, שטאָלצע און מסירות־נפשדיקע פּאַטריאָטן פון אונדזער פרייהייט־ליבנדיקן פאָלק. ווי די פאַרצייטיקע פּאַרטיזאַנישע קעמפער פון בר־כוכבאס באַטאַליאָנען זיינען זיי גרייט אָוועקצוגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַרן פאָלק. ווען אַ פאָלק קעמפט פאַר זיין פרייהייט אין אייגענעם לאַנד צייטיקט ער העלדן און אמתע פּאַטריאָטן. מיטן כוח פון דעם אמתן פּאַט־ריאָטיזם וועלן מיר, אויף צו להכעיס אַלע רוצחים און העצער, אויפבויען אונדזער אַלט־ניי היימלאַנד אין ארץ־ישראל (שטורמישע אָוואַציעס).

— אין אַנדערע, פרעמדע לענדער, ווו יידן לעבן ווי אַ מינדערהייט, בפרט דאָרטן ווו זיי זיינען באַרויבט פון פּאָליטישע רעכט און פאַרפאָלגט דורך אַנטיסעמיטישע העצער, קאָן ניט געמאָלט זיין קיין אמתער יידישער

פּאַטריאָטיזם, אַפילו דאָרט וווּ די יידן ריידן זיך איין, אַז זיי זיינען פּאַט־ריאָטן".

— איך וויל אייך, געערטע פריינד, ברענגען אַ ביישפּיל, וואָס וועט קלאָר און בולט באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון מיין מיינונג, איך בעט אייך אָבער, אַז איר זאָלט זיין אָפּנהאַרציק און ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס איך וועל אייך שטעלן...

דער עולם איז שוין געווען אויפגעברויזט און מיט גרויס נייגעריקייט פאַרפאָלגט דעם המשך פון ביאַליקס רעדע און האָט מאַסנהאַפט אויס־געשריען:

— וויר פערשפרעכען, וויר ווערדען אָפנהערציק זיין.

און נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ביאַליק ווייטער גערעדט:

— אין אויגוסט 1914 איז, ווי באַקאַנט, אויסגעבראָכן דער וועלט־קריג. קעגן דער קאָאַליציע פון רוסלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד זיינען געשטאַנען די פאַראייניקטע אַרמייען פון דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן, איטאַליע און טערקיי. אין די לענדער פון ביידע מלחמה־קאָאַליציעס האָבן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער צאָל געלעבט אויך יידן און יידישע זעלנער האָבן זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פון דער אָדער יענער קאָאַליציע.

— כדי דאָס געשילדערטע בילד זאָל זיין קלאָרער לאָמיר אָננעמען, אַז די אַרמייען פון ביידע קאָאַליציעס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף איין ריזיקן שלאַכטפעלד און געווינלעך געפינען זיך יידישע זעלנער אין דער רוסישער, פראַנצויזישער און ענגלישער אַרמיי פון איין זייט, און אין דער דייטשישער, עסטרייך־אונגאַרישער, איטאַליענישער און טערקישער פון דער אַנדערער זייט. — איצט, געערטע פריינד, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אויפן ריזיקן שלאַכטפעלד איז דערשינען אַ צויבערער און האָט אויפגע־הויבן זיין כישוף־שטעקעלע און עס זיינען אויף אַ ווונדערלעכן אופן פאַר־שוווּנדן די יידישע זעלנער פון ביידע קאָאַליציעס, וועט דער קריג ווייטער גיין?

די לעצטע ווערטער האָט ער שטאַרק באַטאָנט און מיט אַ געהויבענער שטימע געווענדט זיין פראַגע צום ריזיקן עולם אין זאַל.

— זיכער ווירד דער קריג ווייטער גיין אַזוי אַהנע די יודען! — האָט דער עולם הילכיק אויסגעשריען.

— און איצט, געערטע פריינד, נעמט אָן דעם אומגעקערטן פאַל: מיטן אויפהייבן פון דעם צויבער־שטעקעלע זיינען פאַרשוואונדן די ניט־יידן פון די אַרמייען פוןביידע קאָאַליציעס און עס זיינען אין יעדער אַרמיי געבליבן נאָר די יידישע זעלנער, וועט דער קריג ווייטער גיין אָדער ניט?!

— קיינעסוועגס, הער ביאַליק! — האָט אויסגעשריען דער גאַנצער עולם.

— אַזוי זעט אויס אייער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם! — האָט ביאַליק פאַרענדיקט זיין רעדע און איז אַראָפּ פון דער טריבונע.

דער אויפגעשטורעמטער טעאַטער־זאַל פון דער דייטשישער גרויס־שטאָט האָט זיך געזעגנט מיט חיים נחמן ביאַליקן.

*

ביאַליק האָט באַזונדער ליב געהאַט קינדער. תל־אביבער קינדער זיינען אים אַלע געווען אייגן. ער האָט ליב געהאַט מיט זיי צו באַגעגענען זיך, צו פירן מיט זיי אַ ליבלעכן שמועס.

עס געדענקט זיך מיר אַ ביסל אַ משונהדיקע און טרויעריקע באַגעגעניש פון ביאַליקן מיט קינדער, וועלכע איז פאָרגעקומען אין זיינע לעצטע לעבנס־חדשים.

מיר זענען געזעסן אין זיין אַרבעטס־צימער און האָבן דורכגעקוקט רשימות פון נייע שפּראַך־אויסדרוקן, וועלכע זיינען פאָרגעלייגט געוואָרן דורך ירושלימער פאַך־קאָמיסיעס. ער האָט שוין דאַן געליטן שווערע שמערצן אין די נירן און האָט געאַרבעט מיט אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען. פּלוצלינג האָט ער שטורמיש איבערגעריסן די אַרבעט, האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אויסגערופן: „גענוג, איך קאָן מער ניט, קומט אַרויס״. איך האָב אים געוואָרנט, אַז אויף דער גאַס איז איצט ניט געמיטלעך. עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט און עס רעגנט. דאָס האָט אים אָבער ניט אָפּגעהאַלטן. מיר האָבן אָנגעטאָן אונדזערע רעגן־מאַנטלען און אַרויס אויף דער גאַס, וואָס האָט געטראָגן ביאַליקס נאָמען.

עטלעכע טריט פון זיין הויז האָבן מיר אָנגעטראָפן צוויי פּינפּיאָריקע ייִנגעלעך, וואָס זענען געגאַנגען פון דער שול אַהיים. ביאַליק האָט זיי אָפּגעשטעלט, איינעם פון זיי ליבלעך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן אויף העברעאיש: „בחורל, ווייסטו וואָס איז אַזוינס ביאַליק?" משונהדיק האָט אויסגעזען די פראַגע, אָבערביידע קינדער האָבן זיך ניט פאַרלאָרן. זיי האָבן געקוקט איינער אויפן צווייטן, און איינער פון זיי האָט געזאָגט: „יאָ איך ווייס. ביאַליק איז דאָס שיינע בוך, וואָס די לערערקע האָט אונדז געהאַט געלייענט. דאָס צווייטע ייִנגל איז מיט אים ניט מסכים געווען. „ניין — האָט ער געזאָגט — ביאַליק איז די גאַס, אויף וועלכער מיר גייען איצט.

ביאַליק האָט אַרומגענומען ביידע קינדער מיט אַן אומעטיקן שמייכל אויף זיינע ליפּן און האָט זיי געלאָזן גיין.

— יאָ, — האָט ער באַלד צוגעגעבן — ביאַליק איז אַ בוך, ביאַליק איז אַ גאַס, אָבער אַז ביאַליק ליידט שרעקלעכע יסורים אין די נירן, דאָס ווייס קיינער ניט!

און זיין שעפערישער גייסט האָט זיך געראַנגלט מיטן קראַנקן גוף, און די קראַנקייט האָט אים באַזיגט...

*

און די שעה איז אַ שעה פון תוהו ובוהו,
אַ שעה פון גרענעץ־מישונג צווישן ענד און אָנהייב,
צווישן ברעכן און בויען, צווישן אַלטקייט און יונגקייט...

(ביאַליק צו אחד העמ׳ען, 1902)

די קלאָרע און אויסגעהאַלטענע געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס פאַרמירן און באַשטימען די געשטאַלט פון יעדער מענטשלעכער שאַפונג, אַנטפּלעקן זיך מיט אַ באַזונדער קלאָרקייט אין די ווערק פון די גרויסע נאַציאָנאַלע שרייבער און דיכטער.

יעדער נאַציאָנאַלער שרייבער און דיכטער ברענגט צום אויסדרוק, אָפטמאָל אַפילו אומבאַווּסטזיניק, די געזעלשאַפטלעכע קאַמפן און וואַק־לענישן פון זיין סביבה און די איבערלעבענישן פון דעם יחיד, וואָס ווערט באַווירקט דורך די געשעענישן פון זיין צייט.

און הגם די זעלבע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און איבערלעבע־נישן קומען אויף ביי די פאַרשידענע פעלקער און קלאַסן אין באַשטימטע פּעריאָדן פון זייער געשיכטלעכן לעבן, זיינען אָבער די פאָרמען פון אויס־דרוק און אַנטפּלעקונג אַנדערע ביי יעדן פאָלק. זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט אין משך פון דורות אַדאַנק די באַזונדערע באַדינגונגען, ביי וועלכע עס האָט גע־לעבט און זיך אַנטוויקלט דאָס דאָזיקע פאָלק.

די טאָג־טעגלעכעווירקלעכקייט, אין וועלכער עס האָבן געלעבט, גע־שאַפן און זיך געראַנגלט די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד, אוקראַינע און פּוילן, בילדעט דעם גייסטיקן קלימאַט, אין וועלכן עס האָט אויפגעשפּראָצט און זיך געצייטיקט חיים נחמן ביאַליקס פּאָעטישע שאַפונג.

זינט זיין ערשטן אויפקום איז ביאַליק באַשאַנקען געוואָרן מיט אַלע גייסטיקע אייגנשאַפטן, וועלכע עס קאָן פאַרמאָגן אַ נאַציאָנאַלער שרייבער און דיכטער. ער איז אַרויסגעקומען פון דער גרונט־שיכט פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, האָט געלעבט און מיטגעלעבט מיטן פאָלק און האָט געזען פון אינעווייניק דיליידן און פריידן פון דעם יידישן מענטשן. ער איז געווען אין דער היים ביי דער יידישער עלנט, אָרעמקייט און רעכטלאָזיקייט. ער איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין זיין סביבה.

פון אונטער די אָרעמע און פאַרגליווערטע לעבנס־פאָרמען, פון אונ־טער דער דיקער שיכט פון אָבערגלויבן און אָפּגעשטאַנענקייט האָט ער אָבער אַנטפּלעקט מיט דער קראַפט פון זיין אינספּיראַציע די לעבעדיקע קוואַלן פונעם פאָלקס־שטייגער, וועלכע שפּרודלען פון דור צו דור, און ער האָט מיט זייער זאַפטיקן חיות דערוועקט, דערפרישט און דערהויבן דאָס געזונקענע גייסטיקע לעבן. ער הויבט אויף זיין שטורמישן, וועקנ־דיקן לייבן־קול אין דער שטילער יידישער גאַס; זיין ליד אָטעמט מיט נאַטור און נאַטירלעכקייט; עס הערן זיך אין אים אָפּקלאַנגען פון אַ ווייטער

פאַרגאַנגענהייט און פון אַ געגאַרטער צוקונפט, צווישן וועלכע ער באַמיט זיך דורכצולייגן גייסטיקע בריקן.

ביי דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערישקייט פון זיינע יוגנט־לידער בלייבט ער אָבער שטאַרק באַהעפט צו דער סביבה פון יידישן מיטלשטאַנד, פון וועלכן ער האָט אָפּגעשטאַמט. די האָריזאָנטן פון דעם מאָרגנדיקן טאָג אין דער געשיכטע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן פון צאַרישן רוסלאַנד, פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בכלל, זיינען פאַר אים געבליבן אומקלאָר און פאַרנעפּלט. ער האָט געטרוימט, געבענקט, זיך געצויגן און זיך אָנגעשטויסן אויף וואָלקנס מיט די פליגלען פון זיין פּאָעטישער שאַפונג.

הגם ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אוקראַאינישן דאָרף מיט זיין רייכער נאַטור און האָט געלעבט אין שכנישן יידישן שטעטל, איז אָבער געבליבן אַ מחיצה און אַן אָפּגרונט צווישן אים און דעם פאַרוואָרצלטן, פּראָדוקטיוון פּויערים־קלאַס. זיינע פינגער האָבן ניט באַרירט דעם פרוכטבאַרן באָדן פון די ברויט־געבנדיקע פעלדער און די פרוכט־טראָגנדיקע גערטנער. ער איז געווען אַ זון פון יידישן פּאַכטער־ און שענקער־קלאַס, וועלכער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום אונטערגאַנג מיטן אָנקומען פון קאַפּיטאַליזם.

ער האָט אמת ליב די נאַטור, ער שטייט אַ באַצויבערטער, אַ פאַרכישופטער פאַר דער אויסטערלישקייט פון אירע פאַרבן און פאַר דער פילזייטיקייט פון אירע דערשיינונגען. אָבער זיין ליבע איז אַן אַבסטראַקטע, אַ ליבע פון אַ זייטיקן, פון אַ פרעמדן, פון אַ דערווייטערטן און אָפּגעריסענעם זון פון דער נאַטור, פון אַ שטיפקינד אירן.

> ווי אַן אָרעמאַן שטיי איך פאַר דער פּראַכט פון די קאָרן,
> דער לייכטענדער, דער פריידיקער,
> ערשט איצט שפּיר איך ווי גרויס איז מיין אָרעמקייט.
> וויי מיר, ערשט איצט זע איך זי!
>
> נישט מיין האַנט האָט געמייסטערט די זאַנגען,
> נישט מיין האַנט האָט זייער ווּקס געצוואָגט...

ניִשט טראָפּנס פון מיין שוויס האָבן די הויפּנס
פון אייער שוואַרצער ערד באַטריפט...

און פון דעמאָלט אָן האָט אַ געפיל פון געפאַלנקייט און אָפּגעריסנקייט שטענדיק געהאָט באַגלייט ביאַליקן יעדעס מאָל, ווען ער האָט געוואַנדערט איבער די שטעגן פון פעלדער, גערטנער און וועלדער אין אוקראַיִנע און פוילן: פון איין זייט — אַ הערלאַיש געזאַנג איבער די מאַיעסטעטישע אַנטפּלעקונגען פון דער נאַטור אין איר שיינקייט און פּראַכט, און פון דער אַנדערער זייט — אַ שטילער, טיפער אומעט פון באַדנלאָזיקייט, אָפּגעריסנקייט, דאָס געפיל פון אַ מחיצה, וואָס שטייט צווישן אים און דער נאַטור.

דער גרעסטער דיכטער קען ניט און טאָר ניט ,אַוועקגיין פון דערווירקלעכקייט פון זיין צייט. ער שפּיגלט זי אָפּ מיט איר גאַנצער פּראָבלעמאַטיק, און וואָס גרעסער עס איז זיין טאַלאַנט, אַלץ פאַרטיפטער איז די אָפּשפּיגלונג.

פון הינטער דעם אויסטערלישן און אומעטיקן געוועב פון חיים נחמן ביאַליקס יוגנט־לידער קוקט אַרויס דער לעבנס־שטייגער פון אַן עקאָנאָמיש באָדנלאָזן קלאַס, וואָס וואַנדערט צווישן דאָרף און שטעטל און וואָס איז זיין וואַנדער־וועג ווערן אכזריותדיק צעשטערט און פאַרשוועכט אַזוי פיל פרעכטיקע נאַטור־אידיליעס.

זיינע עלטערן געהערן אָן צו די עקאָנאָמיש־פאַראורטיילטע יורדים, צו די „זיידענע אָרעמעלייט". זיין פאָטער, וואָס איז אַרויסגעשלאָגן געוואָרן פון זיין מעמד איז אויסגעקומען:

צו שפּרייזן אין די שטאַנגען פון זיין יאָך...
שפּרייזן פאַרפּינצטערט, פירן דעם שלעפּ־וואָגן פון זיין לעבן...
זיין שטערן — אויסגעאַקערט פון זאָרגן,
אין די אויגן — ברונעמס פון טרויער,
בלאָנדזשען אָן אַ וועלכער ניִשט איז האָפענונג.

(„אבי")

און אין זיין מוטערס אָרעמען שטיבל:
ווערט געבענטשט אויף אַ ריינעם טישטעך
אַן דעם מינדסטן שטיקל חלה...

(„אמי זכרונה לברכה")

די עלנט און נויט פון דעם פּאַראורטיילטן פּאַרמיטלער־קלאַס האָבן אַרויסגעריסן די וואָרצלען פון זיין יוגנט, פּאַרגיפטעט די קוואַלן פון נאַטירלעכער ליבע און פרייד. און שוין ביים ערשטן אויפשפּראָצן פון זיין פּאָעטישן שאַפן פרעגט ער זיך אַליין אומעטיק און נאַאיוו:

מען זאָגט יוגנט איז דאָ אין דער וועלט,
ווּ איז מיין יוגנט?
מען זאָגט ליבע איז דאָ אין דער וועלט,
וואָס באַדייט ליבע?.

(„הכניסיני תחת כנפך")

אין אָנהייב פון זיין יוגנטלעכן דיכטער־וועג האָט ער, ווי זיינע עלטערן, געזוכט אַנטרינונג און טרייסט אין דעם רעשט פון רעליגיעזן גלויבן. ניט איינמאָל ווענדט ער זיך אין זיינע יוגנט־לידער צו גאָט אַלס קוואַל פון טרייסט און רחמים. און ערשט אין זיינע „שטורעם־לידער" („שירי הזעם") ווען, באַזוכנדיק קישיניעוו נאָכן ערשטן פּאָגראָם (1903), האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן די שרעקלעכקייט פון דער מאַסן־שחיטה, משפּט ער זיך אַן אויפגעברויזטער מיט גאָט און דערוועקט אַ צווייפל אין זיין עצם עקזיסטענץ:

הימלען בעט רחמים אויף מיר,
אויב ס'איז דאָ אין אייך גאָט
און אויב גאָט האָט אויף אייך אַ וועג,
וועלכן איך האָב ניט געפונען...

(„על השחיטה")

ער לויפט זוכן איצט טרייסט און האָפענונג אין טעמפּל פון גערעכט־טיקייט. ער האָט ניט קיין געדולד זי אויסצוקעמפן אין די פינצטערע טעג פון צאַריזם. ער גייט זיך ניט שטעלן אידייאיש אין די רייען פון די רעוואָ־לוציאָנערע קעמפער, ווערן זייער וואָרטזאָגער און טראָגן די פאָנען פון געזעלשאַפטלעכער באַנייאונג. ער האָט ניט קיין געדולד דערצו שטייענ־דיק מיטן פנים צו דער „שחיטה־שטאָט", אַ באַעוולטער און צעבראָכענער:

...און אויב עס איז דאָ גערעכטיקייט,
זאָל זי אָנקומען באַלד!
אויב אָבער ערשט נאָך מיין פאַרטיליקט ווערן
פון אונטערן הימל וועט די גערעכטיקייט דערשיינען,
זאָל איר טראָן צעשמעטערט ווערן אויף אייביק...
(„על השחיטה")

און נישט בלויז בשעת זיין איינזאַמען שטיין אַנטקעגן די מיט בלוט־באַטריפטע חורבות פון קישיניעוו פעלט דעם דיכטער מוט און דרייסטקייט צום סאָציאַלן קאַמף קעגן דעם שלעכטס, נאָר אויך, ווען ער טרעט אַרויס אַלס „דיריגענט איבער די טענץ", ווען דער שטורמישער טאַנץ צעפלאַ־קערט זיך און צעשטורעמט זיך, זעט ער נישט אין אים די באַהעפטונג פון באַגייסטערטע שאַפנדיקע מענטשן, נאָר פאַרקערט — עס שטעלט זיך אים פאָר, ווי:

...אין שטורעם פון טאַנץ און אין ברומען פון געזאַנג
ווערן אייערע קעפּ צעבראָכן אָן די שטיינער פון די מויערן...
(„למנצח על המחולות")

די קעפּ ווערן צעבראָכן אָן די שטיינער פון די ווענט און נישט די ווענט ווערן צעשמעטערט אונטער דעם שטורמישן אָנגריף פון אויפשטיי־ענדיקן פאָלק.

דער דיכטער באַזיצט אַ שטורמישע קראַפט און האַלט אַ מעכטיקן האַמער אין זיין האַנט, אָבער:

...מיין האַמער האָט ניט געפונען פאַר זיך קיין קלאַץ,
מיין האַק איז אַריין אין אַ צעפוילטן האָלץ...
(„חוזה לך ברח לך")

דער דאָזיקער מאָטיוו פון הילפלאָזיקייט און אָפּהענטיקייט חזרט זיך איבער אין אַנדערע פאָרמען און וואַריאַנטן אין פיל אַנדערע לידער, דער־הויפּט אין די לידער „אכן חציר העם" און „כוכב נדח".

ער שטייט „אויפן שוועל פון בית מדרש", אָנגעלאָדן מיט היסטאָריש טיף־פאַרוואָרצלטע געדאַנקען און איבערלעבענישן. ער געפינט אָבער ניט דאָס פעלד, ווו זיי צו זייען. ער געפינט ניט אין זיך — ניט געקוקט אויף דעם גאַנצן ברען פון זיינע אַרויסזאָגונגען — קיין דרייסטקייט צו שטעלן זיך אַקטיוו אין די רייען פון די, וואָס ווילן עקאָנאָמיש און סאָציאַל איבער־בויען און געזונט מאַכן דאָס יידישע לעבן.

די מעכטיקע פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען די מאַסן פון רוסישן יידנטום, צוזאַמען מיט די פעלקער־מאַסן פון דער גרויסער מדינה, אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט, האָט געהאַט פאַרטיפט די קראַפט פון ביאַליקס פּאָעטישע וויזיעס און האָט פאַרברייטערט די וועלט־האָריזאָנטן פון זיין דיכטונג, אָבער זיינע זעאונגען זיינען פאַרהילט אין אַ שלייער פון סימבאָליסטישע און אוטאָפּיסטישע נעפּלען און ער בלייבט פרעמד און ווייט פון יעדן רעאַלן געזעלשאַפטלעכן אַריינבליק אין די סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישע טרייב־קרעפטן פון זיין גרויסער צייט מיט אירע דע־צידירנדיקע דורכבראָכן אין לעבן פון יידישן פאָלק און פון דער מענטשהייט.

דאָס איז דער סוד פון דער „שטומער סטרונע", וועלכע איז געבליבן פאַרבאַהאַלטן אין זיין נשמה:

...און אַלע סטרונעס מאַכן רעדנדיק זיין האַנט,
איין סוד נאָר האָט ער אין זיך פאַרטייעט,

אויסמיידנדיק אים זיינען זיינע פינגער געשפרונגען,
איין סטרונע איז שטום געבליבן,
שטום געבליבן ביז אויף היינט...

(„אחרי מות")

און ווען אַרום אים פלאַטערן אויפשטאַנדישע פאַנען און עס בויען זיך באַריקאַדן, און פון דער אָרעמער יידישער גאַס ציען זיך געשלאָסענע רייען פון קעמפער, וואָס לעכצן דורכצולייגן וועגן צו פרייהייט און פאָלקס־גליק, צעוויקלט ביאַליק אין זיין פאַטעטישער דיכטונג „די פייער־דיקע מגילה" („מגילת האש"). ער מאָלט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן נשמה־ברען פרעכטיקע וויזיעס, אַנגעזאַפּטע מיט אַ רייכער קלאַסישער שיינקייט, אָבער ער פירט נישט אַרויס זיין העלד אויסער דער גרענעץ פון אויסטערלישע געטרוימטע דעמערונגען. ער לאָזט אים פאַרזינקען אין גליענדיקע עקזאָטישע טרוימען, צווישן די שאָטנס פון דער אָוועקגייענ־דיקער נאַכט און דער ערשטער אויפשטראַלונג פון אַן אומקלאָרן פרימאָרגן:

...דען דעם קרעפטיקן זונען־שיין האָט דער יוגנטלעכער געטראָגן
אין זיין האַרצן און פאַראייניס אויך די פינצטערניש פון דער
נאַכט און אירע סודות. זיינע אויגן זיינען אָבער געווען דורשטיק.
נאָר צום פרימאָרגן, און דער אויפשיין פון טאָג איז געוואָרן זיין
נשמה־שטעמפל, און די דעמערונג פון פרימאָרגן — זיין לעבנס־ליד.

(„מגילת האש")

אַזוי איז געווען די עיקר־ריכטונג פון חיים נחמן ביאַליקס גאַנצער דיכטונג. דאָס איז געווען די דיכטונג פון אַ גרויסן פאַרטאָג, פון אַן ערב זונען־אויפשיין, ווען אין דעם דיכטערס עמאָציעס ראַנגלען זיך שאָטנס פון דער נאַכט מיט ערשטע שטראַלן פון אַ ניט געזעענער, ניט אַנטפּלעק־טער זון. דאָס איז די דיכטונג פון אַ צייט, פון אַ תקופה, אין וועלכער עס

ביטן זיך די וואַכטן, ווען עס ווערן צעשמעטערט נעכטיקע הערשנדיקע קלאַסן, ווען עס קומען אויף נייע, פונעם דיכטער געשפּירטע, אָבער נאָך נישט געגוי־קלאָרע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס זאָגן אָן אויפלעבונג, קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פרייהייט, פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע פון די ברייטע מענטשן־מאַסן, פאַר אַ נייער וועלט פון באַפרייטער און באַפרייענדיקער אַרבעט.

אין זיין פּרעכטיקן, טיפזיניקן פּאַמפלעט „הלכה ואגדה" באַטראַכט ער דעם דינאַמישן, דיאַלעקטיש־פּליסנדיקן אומאויפהערלעכן שטראָם פון גייסטיקע שאַפונגען פון פאָלק אין משך פון דורות, וועלכע דריקן זיך אויס אין דער געשטאַלט פון דער אייביקלעבעדיקער אגדה. אָבער זיין האַרץ ציט זיך, זיין אינטעלעקט גאַרט נאָך פעסטע, באַשטענדיקע, אויסגעפורעמטע געשטאַלטן פון שאַפונגען, נאָך קאָנקרעטע דערגרייכונגען, נאָך דער הלכה:

„זאָלן אונדז געגעבן ווערן פאָרמען אויף אויסצוגיסן אין זיי אונדזער פליסנדיקן, באַוועגלעכן ווילן אין פעסטע, סטאַבילע מטבעות, מיר לעכצן נאָך קאָנקרעטע טואונגען..."

אין גאַנג פון זיין אויפשטייג אויפן דערנער־וועג פון זיין צייט „האָט זיך זיין לעבנס־דיכטונג אין מיטן איבערגעריסן". ער איז אַוועק פון אונדז שטייענדיק אויפן גרויסן שיידוועג צווישן זיינע טרוימען אוןווירקלעכ־קייט, אויפן גרויסן וועג, דעם אייביקן וועג — פון דער אגדה צו דער הלכה.

*

חיים נחמן ביאַליקס וועג צו דער אגדה ווי צו דער הלכה, וועלכן ער האָט פּיאָנעריש דורכגעלייגט אין זיין לעבנס־אַרבעט, ווערט ווייטער אויס־געטראָטן דורך די קולטור־שאַפנדיקע כוחות אין ישראל און אין דער וועלט. די היסטאָרישע לעגענדעס, וועלכע ער האָט געהאַט אויסגעטייטשט אין זיין „ספר האגדה" און פאַנטאַסטיש ווייטער געוועבט אין זיין פלאַמי־קער „מגילת האש" — האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין היינטצייטיקע וויזיעס פון אונדזער ווירקלעכקייט. אין האַרבער טאָג־טעגלעכער פּראָזאַ, אין לאַנגע

וויכוחיב און פאַרטייאישע שטרייטיקייטן וועבט זיך, ווי אין אונדזערע פאַר־
צייטיקע גרויסע לערנשולן, די הלכה פון אונדזער צייט — און הלוואי זאָל
מכריע זיין די הלכה פון אמת, שלום און ווילשטאַנד פון פאָלק און פון
דער וועלט.



מאַקסים גאָרקי

זינט זיין ערשטן אויפטריט אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט מאַקסים גאָרקי געווירקט דורך דעם טיפן רעאַליזם פון זיין שרייבן, דורך זיין שטאַרקער פאַרוואָרצלטקייט אין דעם לעבנס־שטייגער פון די דאָרפישע און שטאָטישע פאָלקס־מאַסן, דורך זיין אוממיטלבאַרער ווירקונג אויף די ברייטע קרייזן פון זיינע לייענער און באַזונדער אויף דער פאָלקס־אינטע־ליגענץ, אויף דעם אַקטיוו פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

יעדער, וועלכער איז נאָר געווען געטריי דעם פאָלק, וואָס האָט געליטן און געשטרעבט אַרויסצוראַטעווען אים פון דער פינצטערניש און עלנט, צו עפענען פאַר אים וועגן צו פרייהייט, צום שאַפן, צום ווילשטאַנד, האָט דערפילט אין מאַקסים גאָרקין זיין פאָנען־טרעגער, זיין ברודער און פריינד.

זיין טיפע קענטעניש פונעם פאָלק, זיין באַהאַוונטקייט אין אַלע שטריכן און ניואַנסן פון פאָלקס־כאַראַקטער און פאָלקלאָר, האָבן געווירקט דערציִעריש, האָבן געלערנט, ווי מען דאַרף פשוט און נאַטירלעך צוגיין צום פאָלקס־לעבן, אַראָפּנידערן אין זיינע טיפענישן, כדי צו באַקענען זיך מיט זיין עלנט, און דערהויבן אים, און דערהויבן זיך מיט אים אין די הויכענישן פון שאַפן.

מאַקסים גאָרקיס ווירקונג האָט זיך ניט באַגרעניצט מיט דער רוסישער ליטעראַטור אַליין. ער האָט באַשטראַלט און געשפּייזט אויך אַלע אַנדערע ליטעראַטורן, וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון דער רוסישער פּראָגרע־סיווער געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור.

גאַנץ באַדייטנדיק איז געווען מאַקסים גאָרקיס השפעה אויך אויף דער העברעאישער און באַזונדער יידישער ליטעראַטור פון זיין תקופה.

מאַקסים גאָרקי שטייט אויפן שיידוועג פון דער גרויסער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור פון די 60ער און 80ער יאָרן און איז דער געטרייער אָנזאָגער פון נייע געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס שפּראָצן אַרויס פון דער רוסישער ווירקלעכקייט. זיין וועג פירט פון דאָרף אין שטאָט, פונעם פעלד אין די שטאָטישע וואַרשטאַטן און פאַבריקן, פון דעם אונטערשטן „דעק" פון לעבן צו די הויכענישן פונעם קאַמף פאַר פרייהייט.

אויך דער עלטערער דור פון הײנטצייטיקע העברעאישע און יידישע שרייבער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער קלאַסישער רוסישער לי־טעראַטור. דער חילוק איז נאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס די רוסישע קלאַסיקער האָבן געשילדערט דעם דאָרף, און די יידישע, ווי מענדעלע מוכר ספרים און יעקב דינעזאָן, האָבן געשילדערט דאָס שטעטל, ווייל אין דעם באַשטייט די קראַפט פון ליטעראַרישן רעאַליזם, מיט וועלכן עס זיינען געווען באַשענקט די קלאַסיקער פון אַלע ליטעראַטורן — צו זען און אויסצולעבן דאָס געלעבטע טעגלעכע אַרומיקע לעבן פון זייער צייט און סביבה, צו שילדערן עס סאָציאַל ריכטיק און קינסטלעריש.

אָבער דאָס, וואָס פאַר די קלאַסיקער פון דער רוסישער און יידישער ליטעראַטור זיינען נאָך געווען סטאַטישע דערשיינונגען, לעבנס־פאָרמען פעסטע, געבויטע אויף אַלטע אָבער פונדאַמענטאַלע יסודות — איז שפּעטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטראָם פון גרינטלעכע ענדערונגען. דער

פאַנאַנדערפאַל פון דער פעאָדאַלער און פון דער פרי־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָט אויפגערודערט דאָס פאַרגליווערטע לעבן אין רוסישן דאָרף און אויך אין יידישן שטעטל. עס איז אָנגעקומען די נייע גרויסע צייט פון דינאַמישן, רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. עס האָט זיך געענדיקט די צייט פון שטילער, הכנעהדיקער אָרעמקייט, עס האָבן זיך פאַרשאַרפט די סאָציאַלע קאָנפליקטן.

עס איז אָנגעקומען די תקופה פון דער נאָכקלאַסישער ליטעראַטור, די תקופה פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דערוואַכונג, די תקופה פון קלאַסן־דיפערענצירונג פון דער געזעלשאַפט, און ווי אין דער רוסישער אַזוי אויך אין דער יידישער ליטעראַטור פון דער ניי־אָנגעקומענער תקופה, שפּאַלט זיך און שפּליטערט זיך אויך די פריער איינהייטלעכע און מאָנומענטאַלע קלאַסישע ליטעראַטור.

פאַראַן בלאָנדזשענדיקע, זוכנדיקע שרייבער, וואָס שלאָגן זיך אַרום צעמישטע איבער די נאָך ניט קלאָרע וועגן, וואָס אָריענטירן זיך נאָך ניט און ווייסן ניט וווּהין זיי פירן. פאַראַן שרייבער, דערשראָקענע און פאַר־לוירענע, וואָס ווילן בלייבן שטעקן אין דער אַלטער, חרובער וועלט, באַ־שיינען און באַפּוצן זי מיט אומדערפילבאַרע טרוימען און אילוזיעס, וואָס רופן אַהין דעם לייענער און שלעפּערן אים איין מיט זיסע ניט־געשטוי־גענע, ניט־געפלויגענע מעשיות.

עס שפּאַרט זיך אָבער דורך דעם וועג אין דעם זון־אויפגאַנג פון דער נייער תקופה אַ פּיאָנערישע גרופּע פון שרייבער, — און אין די ערשטע רייען זייערע מאַרשירט דער זון פון געפייניקטן, פאַרהונגערטן אַרבעטס־פאָלק, מאַקסים גאָרקי.

ער קומט אַרויס פון די אָפּגרונטן, ווו עס ראַנגלען זיך מענטשן, ווו לעבנס ווערן דערשטיקט אין נויט און עלנט; פון יענע טיפענישן פון צער און צאָרן שעפּט ער אַרויס די קערנדיקע פּערל פון פאָלקס־שאַפן, פאָלקלאָר און פאָלקס־געזאַנג; מיט זיינע ליפּן רעדט דאָס פאָלק, וואָס ווערט גע־שליידערט אין קעסל פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, עס רעדט דער דעקלאַסירטער פויער, דער שטרייקנדיקער אַרבעטער — מיט אַרבעט־שווייס און מיטן רויך פון פאַבריקן זיינען אָנגעזאַפּט זיינע שאַפונגען, און דער

צער פון פאָלקס־לעבן ווערט באַשטראַלט און באַלויכטן מיט דעם ליכט פון גרויסן קאַמף און גרויסע האָפענונגען. אויף זיין גרויסן רעאַליסטישן וועג האָט ער באַגלייט דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט אין טורמעס און קאַטאָרגע, אויף באַריקאַדן און אויפשטאַנדן און מיט אים האָט ער ווייטער געלעבט און ווייטער געדיכטעט אין די גרויסע טעג פון דורכברוך, פון סאָציאַליסטישע דערגרייכונגען און אויפבוי.

זיין שאַפן, וואָס איז ביז צום דינסטן, קלענסטן שטריך דורכגעדרונגען מיטן כאַראַקטער, פאָלקלאָר און לעבנס־שטייגער פון דעם רוסישן פאָלקס־מענטש, פון דעם רוסישן האָרעפּאַשניק און אַרבעטער, איז נאַציאָנאַל לויט זיין פאָרם אָבער טיף סאָציאַל לויט זיין אינהאַלט. ער האָט באַגלייט צו די ברעגן פון סאָציאַלער לייזונג די מעכטיקע שיף פון סאָציאַלע זוכונגען, וועלכע עס האָבן אָנגעפירט די פריערדיקע פאָלקס־קאַפּיטאַנען, ווי הערצען, טאָלסטאָי און טשעכאָוו.

אַ דאַנק דעם גרויסן רעאַליזם, וואָס באַשטראַלט זיין שאַפן, האָט ער מער פון אַנדערע רוסישע היינטצייטיקע שרייבער באַווירקט די ליטעראַטור פון אַנדערע פעלקער, אין דעם כלל אויך די העברעאישע און יידישע. ער האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרטרייבן פון אונדזער ליטעראַטור דעם דמיון און סענטימענטאַלקייט, צו זעען טיף, קלאָר און פשוט דאָס פאָלקס־לעבן און ריידן צום פאָלק און מיטן פאָלק אין דער שפּראַך פון זיין אַלטעגלעכקייט, מאָלן זי אין אירע נאַטירלעכע פאַרבן. אַזוי האָט ער דערוואָרבן דעם בכבודיקן אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור פון אונדזער צייט.



ד״ר טעאָדאָר הערצל

דער פאַרליבטער

דאָס איז געווען אין האַרבסט פון יאָר 1909. עס איז פאָרגעשטאַנען דער 9טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל. די עסטרייכישע און דייטשישע באַנען האָבן געפירט צו די גרעניצן פון דער שווייץ פיל צענדליקער דעלעגאַטן און געסט, וואָס נענטער די באַנען זיינען געקומען צו זייער ציל, האָט זיך בולטער געלאָזט מערקן צווישן די פּאַסאַזשירן אַ פייערלעכע שטימונג. עס האָבן זיך געלאָזט דערקענען ווער פון זיי פאָרט צום קאָנגרעס.

אין דער צווייטער קלאַס פון איינער פון יענע באַנען בין איך געפאָרן קיין באַזעל. איך האָב אַרויסגענומען פון מיין טאַש אַ מגן־דוד אויף אַ בלאָ־ווייסן בענדל און האָב אים צוגעשטאָכן אויף מיין רעקל און דאָס זעלבע האָבן געטאָן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל אויך אַנדערע אומבאַקאַנטע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך אויף דעם אופן אידענטיפיצירט, ווי איך, אַלס יידן און אַלס ציוניסטן.

פון די אַלע פּאַסאַזשירן אין אונדזער וואַגאָן האָט אויף זיך צוגעצויגן אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט אַ נאָבעל־געזיכטיקער זקן מיט טיפע גוטע אויגן און אַ געפלעגטן ווייסן באָרד. ער איז געווען יום־טובדיק אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ צילינדער־הוט, אויפן שטייגער פון די דייטשישע פּראָפעסאָרן און אָפּשטאַמיקע אַריסטאָקראַטן. זיין פּנים, וואָס איז געווען באַשטראַלט און באַגייסטיקט, איז געווען פאַרטיפט אין אַ צייטונג, וואָס ער האָט געהאַלטן איןביידע הענט, וואָס האָבן אַנטפּלעקט קלאָר־ווייסע מאַנקעטן פון זיין ראָק.

ווען מיר, די אַנדערע פּאַסאַזשירן, האָבן באַפּוצט אונדזערע מלבושים מיטן בלאָ־ווייסן באַנד און מגן־דוד, האָט באַזונדער זיך צעשטראַלט דאָס געזיכט פון דעם נאָבעלן זקן, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין שום סימן פון יידישן אָפּשטאַם. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַרויסגענומען פון זיין טעקע אַ בלאָ־ווייסן באַנד מיט אַ מגן־דוד און מיט אַ געפיל פון הייליקער געריִרטקייט אים צוגעשפּיליעט צו זיין ברוסט אין שוואַרצן ראָק.

מיר דעלעגאַטן און געסט זיינען אין יענעם מאָמענט צוגעגאַנגען מיט נייגעריקייט, מיט כבוד און ערע, און אים האַרציק באַגריסט. איבער זיין פּנים האָט זיך צעשפּרייט אַ ליבער שמייכל, מיר האָבן דערפילט, אַז דער זקן איז באַהערשט פון טיפע איבערלעבענישן און זכרונות, וועלכע ער האָט געהאַט אַ באַגער אַרויסצוברענגען. מיר האָבן זיך אַרום אים פאַרזאַמלט אין אַן ענגן קרייז, און ער האָט אונדז דערציילט מיט אַ שטילער איינגעהאַלטענער שטים:

— אויך איך פאָר, פּונקט ווי איר, צום ציוניסטישן קאָנגרעס. איך בין

ניט קיין ייד, אָבער איך בין איינער פון די עלטסטע פריינט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך רעפּרעזענטיר דעם ענגן און ווירקזאַמען קרייז פון די קריסטן־ציוניסטן. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו קענען פּערזענלעך און שטאַרק ליב קריגן דעם אַזוי פרי פאַרשטאָרבענעם פירער פון דער באַוועגונג, ד״ר טעאָדאָר הערצל. מיין נאָמען איז פּראָפ. הייכלער. איך בין אין די 90ער יאָרן געווען דער דערציער אין קעניגלעכן העסישן הויף און איך דערמאָן מיט אַ געפיל פון גליק, ווי איך האָב דעם ד״ר הערצל געהאָלפן צו פאַרבינדן באַציאונגען מיט די איינפלוסרייכע קרייזן פון העסישן הויף. איך טראָג מיין טיפן צער צוליבן פריצייטיקן טויט פון מיין אומפאַרגעסלעכן פריינד.

— איך בין פון פאַך אַן אַרכעאָלאָג און אָריענט־פאַרשער. איך בין אַן איבערגעגעבענער פריינד פון אייער יידישן פאָלק און פון ארץ־ישראל (ער האָט ניט געזאָגט „פּאַלעסטינע״, נאָר „ארץ־ישראל״). איך באַזוך דאָס שיינע און נאָך, ליידער, חרובע היימלאַנד פון אייער פאָלק צוליב מיינע וויסנשאַפטלעכע פאַרשונגען יעדעס יאָר, און איך נעם יעדעס מאָל מיט אויף מיין צוריקרייזע אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד און פאַרבייפאָרנדיק ווין קום איך מיט ליבע און טרויער אויפן דעבלינגער פרידהאָף און באַשיט מיט ארץ־ישראל־ערד הערצלס קבר. — זיין פּנים האָט זיך נערוועז פאַר־ציטערט. אַ טרער האָט געגלאַנצט אין זיינע אויגן הינטער די ברילן, און ער האָט פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— ווער האָט באַשאָטן מיט ארץ־ישראל־ערד ד״ר הערצלס קבר — איך, איין גוי!

די אזכרה נאָך ד״ר טעאָדאָר הערצל אין מאָסקווע

דאָס איז געווען זומער 1924 אין מאָסקווע. עס האָט זיך דענענטערט כ׳ תמוז, דער צוואַנציקסטער יאָרצייט נאָך ד״ר הערצלען. טויזנטער מאָס־קווער יידן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, מענער און פרויען, דער לעצטער רעשט פון יידישע שרייבער, סטודענטן און סתם יוגנט האָבן גע־

טראָגן, פאַרבאָרגן אין זייערע הערצער, די געשטאַלט פון דעם פרי־פאַר־שטאָרבענעם גרינדער און פירער פון דער באַוועגונג, וועלכע איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און פיל אויסגעפונענע מיטגלידער פון וועלכער זיינען געווען פאַרשפאַרט אין די לאַגערן און טורמעס. עס איז אַבסאָלוט געווען אוממעגלעך צו ברענגען צו אַן אָפענעם געזעלשאַפטלעכן אויסדרוק די געפילן פון טרויער און טרייקייט, וואָס האָבן געשלאָגן אין די הערצער.

און דאָ איז געקומען די ניט־דערוואַרטע און אייגנאַרטיקע אָנטפּלעקונג, וואָס האָט שטיל באַהערשט הונדערטער און הונדערטער טרעגער פון דערשטיקטע געפילן.

דער איניציאַטאָר פון דעם געדאַנק איז געווען דער פּלאַמיקער ייד און פּאַטריאָט פון ארץ־ישראל, וועלכער איז מיט דריי יאָר שפּעטער עולה געווען קיין ארץ־ישראל — פּראָפ. דוד שאָר. ער איז געווען שטאַרק פּאָ־פּולער אין די קרייזן פון דער מאָסקווער רוסישער און יידישער אינטע־ליגענץ, איז געווען אַ פּערזענלעכער פריינד פון סאָוויעטישן בילדונג־קאָמיסאַר לונאַטשאַרסקי, פון דעם גרויסן רוסישן שרייבער מאַקסים גאָרקי און פון דעם באַרימטן רוסישן זינגער פיאָדאָר שאַליאַפּין. ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַלטער און טאַלענטירטער פּראָפעסאָר פאַר קלאַוויר־מוזיק און האָט פאַרנומען דעם אַמט פון דירעקטאָר פון דער מאָסקווער קאָנסער־וואַטאָריע אויף דער ניקיטסקאַ־גאַס.

זיין ליבע און טרייקייט צום אָנדענק פון ד״ר טעאָדאָר הערצל האָט ביי אים אַרויסגערופן דעם פעסטן ווילן צו ברעכן אַלע שטערונגען און אָפּהאַלטן פון עקזיסטירנדיקן רעזשים.

מיט אַ וואָך פאַר דער היסטאָרישער דאַטע פון כ׳ תמוז, וואָס איז אויסגעפאַלן אַ דינסטיק פון חודש יולי, האָט מען אָנגעזאָגט אויסנווייניק פון מענטש צו מענטש, פון ייד צו ייד, פון מויל צו אויער, אַז דעם באַ־שטימטן דינסטיק, פינף אַ זייגער אָוונט, זאָלן זיך אַלע צונויפקומען אויף אַ ספּעציעלער מוזיקאַלישער פאַרוויילונג אין גרויסן זאַל פון דער קאָנ־סערוואַטאָריע.

אין דער באַשטימטער שעה איז דער גרויסער זאַל געווען איבערפולט פון מענטשן. פּראָפ. דוד שאָר האָט זיך געזעצט צום קלאַוויר און ביי אַן אַבסאָלוטער שטילקייט פון פילקעפּיקן עולם, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און געבויגן זייערע קעפּ, האָט ער געשפּילט דעם רעקוויעם, דעם טרויער־מאַרש פון שאָפּען. אין דער פאַרנאַכטיקער מאָסקווער לופט, ניט ווייט פון קרעמל און רויטן פּלאַץ, האָבן זיך מעלאָדיש געטראָגן די טרויער־אַקאָרדן.

לאַנג און טרויעריק זיינען געשטאַנען די מאָסקווער יידן אין זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע.

אָן ווערטער, אָן דערקלערונגען, האָט געקלונגען דער טרויער־מאַרש. מיר האָבן , אַלע ביז איינעם, געוווּסט און טיף געפילט אויף וועמען עס האָט אין יענעם זומער־אָוונט געטרויערט דער יידישער קאָלעקטיוו אין מאָסקווע.

*

יענעם טרויער האָבן געטראָגן און טראָגן עד היום טיף פאַרגראָבן אין זייערע הערצער טויזנטער יידן אין מאָסקווע און אין פיל שטעט און שטעטלעך אין ראַטן־פאַרבאַנד.

דאָס איז אַ טרויער, וואָס איז באַהעפט מיט אַן ערנסטן, פון דרויסן געצוימטן, בענקען נאָך אַ באַנייטן פּולקרעפטיקן און זעלבשטענדיקן יידישן לעבן, נאָך אַ יידישער היים, צו וועלכער עס האָט דורכגעלייגט די ערשטע וועגן ד״ר טעאָדאָר הערצל.

און וואָס ווייטער און פּלייסיקער עס אַנטוויקלט זיך דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער אויפבוי פון ישראל, וואָס פּלאַ־מיקער די ישראל־יוגנט שטעלט זיך צו פאַרטיידיקן מיט וואָפן אין האַנט די עקזיסטענץ און זעלבשטענדיקייט פון ישראל־לאַנד, אַלץ מער וואַקסט דער ווילן פון די יידישע מענטשן אין ראַטן־פאַרבאַנד צו קומען אין אַ

פרייער פאַרבינדונג מיט זייערע ברידער אין ישראל. אין די שטורמישע טענץ און פאָלקס־געזאַנגען פון טויזנטער יידישע יוגנטלעכע אום שמחת־תורה ביי דער מאָסקווער שול, קומט דער דאָזיקער ווילן צו זיין סטיכישן אויסדרוק.



שאול רפאל לאַנדאַו

ביי די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומשטענדן, וואָס האָבן געהערשט אין גאַליציע אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט מען באמת באַדאַרפט זיין באַשענקט מיט אַ פיאָנערישן גייסט און מיט אַ רעוואָלוציאָנערן כאַ־ראַקטער, כדי אַרויסצוהייבן זיך איבער דער אָפּגעשטאנענער אַלטעגלעכקייט און פונאַנדערוויקלען צוערשט די פאָן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אידייע.

אַזאַ איז געווען ד״ר שאול רפאל לאַנדאַו, וועלכער איז דערשינען אין דער עפנטלעכקייט בשעתן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. צו־ערשט איז ער דערשינען ווי ד״ר טעאָדאָר הערצלס אַ מיטאַרבעטער און אַלס צייטווייליקער רעדאַקטאָר פון „דער וועלט״.

לויט זיין הסכם מיט הערצלען האָט ער פּאַרגענומען אַ פּראָדוקטיווע פאָרשונגס־רייזע צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין קאָנגרעס־פּוילן און אין גאַליציע און האָט אונטערגעפירט דעם סך־הכל פון זיין פאָרשונג אין אַ ריי אַרטיקלען אין „דער וועלט". דערנאָך האָט ער די דאָזיקע אַרטיקלען פאַר־עפנטלעכט אין אַ באַזונדער בוך אויף דייטש: „צווישן יידישע פּראָלעטאַ־ריער", וואָס איז דערנאָך דערשינען אויך אין אַ רוסישער איבערזעצונג.

„איך האָב איצט אויסגעפירט — שרייבט ער אין דעם דערמאָנטן בוך — דאָס לאַנג געגאַרטע פּראָגראַם צו זען דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט ווי ער לעבט אין זיינע אָרעמע היימען. פּונקט ווי פריער, לעבט אויך איצט דער מאַסנהאַפטער יידישער פּראָלעטאַריאַט קאָנצענטרירט אין די יידישע געטאָס פון גאַליציע, פּוילן און רוסלאַנד. דאָס זיינען געוועזן לופט־מענטשן, וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט קיין עקזיסטענץ־מיטלען בכלל און וואָס האָבן באַפרידיקט זייערע אָרעמע באַדערפענישן אַלס טרעגער, פאַרמיטלער, קאַראַבעלניקעס אָדער שוין אַלס אַרבעטער, וועלכע האָבן — לויט פער־דינאַנד לאַסאַלס אייזערנעם געזעץ וועגן געהאַלט — געדינט אַלס מאַטעריאַל פון עקספּלואַטאַציע מצד געוויסנלאָזע אַרבעטגעבער און זיינען געווען געצוווּנגען צו אָפּפערן אַ טייל פון זייער לעבן פאַר זייער נידעריקן געהאַלט. זעלטן ווען עס פלעגן דערגיין צו אונדז ידיעות וועגן די דאָזיקע אָרעמע מענטשן, די אָרעמסטע צווישן אַלע פּראָלעטאַריער, ווען זיי פלעגן זיך אָנכאַפּן אָן אַ שטרייק אַלס כלי־זיין פון פאַרצווייפלונג. דאַן האָבן צו אונדז דערגרייכט פּרטים וועגן די יידישע שוועבל־אַרבעטער אין קאָלמייע, וועגן די יידישע אַרבעטער אין די גרובנס אין באָריסלאַוו און אין די סיגאַרעטן־פאַבריקן אין ביאַליסטאָק".

ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען דאַרף הייבן דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון די יידישע אַרבעטער און אַז מען דאַרף זיי אָרגאַניזירן אין באַזונדערע פאַראיינען.

צו דעם צוועק האָט ד"ר שאול רפאל לאַנדאַו געגרינדעט אין יאָר 1898 זיין צייטונג „דער יידישער אַרבעטער" אין דער דייטשישער שפּראַך.

נאָך פאַרן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווו ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס

קעמפער פאַר פּראָלעטאַרישע יסודות אין ציוניזם, איז אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו באַגרינדן און צו פאָרמולירן זיינע אָנשויאונגען.

לויטן פאַרלאַנג פון דעם מיטגליד פון ציוניסטישן אויספיר־קאָמיטעט ד״ר יעקב בערנשטיין־כהן, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אין שפּיץ פון ציוניסטישן פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ אין רוסלאַנד, האָט ד״ר לאַנדאַו פאַרפאַסט אַ מעמאָראַנדום, ווו ער האָט צווישן אַנדערע ענינים געהאַט געשריבן:

„...אויסער די טעאָרעטישע היסטאָרישע יסודות האָט נאָך דער ציוניזם אויך פּראַקטישע סאָציאַלע אַרגומענטן. דער ציוניזם איז אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אָבער פון אַן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַלער באַפאַרבונג... די מערהייט פון יידנטום לעבט אין שרעקלעכער מאַטעריעלער נויט. עס באַשטייט, אמת, אַן איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אָפּצושאַפן די דאָזיקע נויט, דאָס איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אָבער זי אַליין איז נאָך ניט קיין רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, נאָר זי שטייט אויפן באָדן פון רואיקער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, און דאָס קען נאָך אָנהאַלטן אַ לענגערע צייט. אמת, דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט קען בלייבן באַשטיין, דען ער ווערט פּאַרטיידיקט דורך די מיטלען פון סאָציאַלער געזעצגעבונג און געשטאַרקט דורכן קלאַסנקאַמף, אָבער די ברייטע יידישע פאָלקס־שיכטן, וועלכע בילדן קודם־כל דעם קלאַס פון קליינע קרעמער, ווערן דערשטיקט דורך דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, זיי בילדן אַ לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז פאַראורטיילט אויף הונגער. און הגם מיין וועלט־אַנשויאונג איז אַ סאָציאַליסטישע און לויט מיין איבערצייגונג וועט די דערלייזונג פון דער מענטשהייט קומען בלויז אויפן וועג פון דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען, האַלט איך פאַר נייטיק טאָן עפּעס פאַר אונדזערע אַידער מאַסן איידער עס וועט דערגרייכט ווערן דער דאָזיקער ענדציל״.

צום סוף פון זיין בוך ווייזט ער אָן אויף דער פאָרשטעלונג וועגן דעם כלומרשטן תהום, וואָס ליגט צווישן דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליזם און צווישן דער יידישער פראַגע, וואָס זעט אויס ווי יענער תהום, וואָס די משכילים האָבן איינגעזען צווישן יידנטום און מענטשנטום.

צוטרעטנדיק אָבער צו פאָרמולירן וואָס מען דאַרף, לויט זיין מיינונג,

טאָן, ווייזט ער שוין אָן אויף וועגן, וואָס זענען אויסגעקומען אין זיין צייט צו רעוואָלוציאָנער פאַר דער דעמלטיקער ציוניסטישער באַוועגונג.

אין יאָר 1898, אין די פּרילינג־יאָרן פונעם פּאָליטישן ציוניזם, האָט זיך די באַוועגונג אין גאַנצן אָפּגעהאַלטן פון פּראַקטישער אַרבעט, נאָך מער פון אַ ברייטער סאָציאַלער אַרבעט סיי אין דער יידישער סביבה אין רוס־לאַנד און פּוילן און סיי אין ארץ־ישראל.

די ציוניסטישע וועלט האָט געוואַרט אויף ד״ר הערצלס דיפּלאָמאַטישע דערגרייכונגען, וואָס האָבן באַדאַרפט שאַפן דעם באָדן פאַר אַ מאַסן־איינוואַנ־דערונג אין לאַנד, און היות מען האָט געהאָפט אויף אַזעלכע דערגרייכונגען אין דער נאָענטסטער צייט, האָט די באַוועגונג זיך באַצויגן גלייכגילטיק און אַפילו נעגאַטיוו צו יעדער קעגנוואַרט־אַרבעט אויף די ערטער.

ד״ר לאַנדאַו דאַקעגן האָט אָנגעצייכנט אין זיין מעמאָראַנדום צום ד״ר בערנשטיין־כהן פּראַקטישע וועגן צו באַלדיקער אַרבעט אויף ביידע פראָנטן: פון איין זייט, האָט ער פאָרגעלייגט „צו גרינדן אַ צוגאָב־צאָל פון לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל און אין סיריע און צו קאָנצענטרירן אין די דאָזיקע לענדער אַ פּראָדוקטיוון מענטשן־עלעמענט״. פון דער צווייטער זייט, „מאָראַליש און קולטורעל אויפהייבן דעם מצב פון די יידישע מאַסן אין דער וועלט און אַנטוויקלען אַן עקאָנאָמישע אַרבעט דורך גרינדן פּרנסה־פּערסאָנעלע פאַראיינען, אַרבעט־קאָאָפּעראַטיוון, קרעדיט־קאַסעס פאַר אַרבעטער און האַנטווערקער... דורך לערנען מלאכה און ערד־אַרבעט און דורך אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטערשאַפט״.

אין די חדשים פאַרן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס, פרילינג און זומער פון יאָר 1898, האָט זיך שוין לויט דער איניציאַטיוו פון ד״ר שאול רפאל לאַנדאַו אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט צווישן יידישע אַרבעטער, האַנטווערקער און אָנגעשטעלטע אין עסטרייך, איבערהויפּט אין ווין און אין גאַליציע. אַרויסטרעטנדיק דעם 28סטן אויגוסט אַלס דעלעגאַט אויפן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט ער שוין דערקלערט, אַז ער טרעט אַרויס אין נאָמען פון דער ווינער געזעלשאַפט פאַר קולטור און קעגנזייטיקער הילף צווישן יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע „אחוה״, אין

נאָמען פון דער געזעלשאַפט פון יידישע אָנגעשטעלטע „עבריה" אין לעמ־בערג און פון יידישן אַרבעטער־פאַראיין אין דראָהאָביטש.

ריידנדיק פון דער קאָנגרעס־טריבונע וועגן דער באַלדיקער אינטענ־סיווער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל, איז ער געווען כמעט דער ערשטער — אפשר נאָך פריער ווי ד״ר נחמן סירקין — וואָס האָט אַרויס־געבראַכט פאַרן קאָנגרעס דעם פאָרשלאַג וועגן אַ קאָלעקטיווער, קיבוצישער, אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. שפּעטער, ווען דער קאָנגרעס איז צוגעטראָטן צו די וואַלן פון אַ קאָמיסיע פאַר קאָלאָניזאַציע־פראַגן, האָט ד״ר לאַנדאַו פאָר־געלייגט אַלס מיטגליד פון דער קאָמיסיע נחמן סירקינען אַלס פאַרטרעטער פונעם פּרינציפּ פון קיבוצישער קאָלאָניזאַציע.

זיין אַרויסטרעטונג אויפן קאָנגרעס איז געווען אַ שאַרפע און אָפּאָזי־ציאָנעלע. ער האָט ניט גענומען אין אַכט דעם דורכויס בירגערלעכן צוזאַ־מענשטעל פון קאָנגרעס, אויף וועלכן נחמן סירקין, בערנאַרד לאַזאַר, יוסף אייזנשטאַדט, לייב בערגער און אברהם קונין זיינען געווען כמעט די איינ־ציקע וואָרטזאָגער פון אַרבעטנדיקע עלעמענטן. דער קאָנגרעס איז לחלוטין ניט געווען גרייט אויפצונעמען דעם אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן דער יידישער פראַגע און דער אַלגעמיינער סאָציאַלער פראַגע אין אייראָפּע און אין דער וועלט. און ווען ד״ר ש. ר. לאַנדאַו האָט גענוג שאַרף אונטער־געשטראָכן אין זיין רעדע דעם סאָציאַלן מאָמענט פון דער יידישער פראַגע האָט אים ד״ר טעאָדאָר הערצל אין נאָמען פון פּרעזידיום איבערגעשלאָגן מיט דער באַמערקונג: „מיר זיינען גרייט צו אָפּפערן די גאַנצע נאַכט אויף צו ריידן וועגן ציוניזם, אָבער ווען מיר וועלן זיין וואַך די גאַנצע נאַכט, וועלן מיר ניט לייזן די סאָציאַלע פראַגע".

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן מיר וויינִיק וואָס געהערט פון שאול רפאל לאַנדאַוס געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

אויף אַ נאַטירלעכן אופן איז דער שווערפּונקט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין די יידישע מאַסן־צענטרען אין רוסלאַנד און פוילן, ווו זי איז אַרויס אויף אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַרענע. מיט אַ קורצער צייט שפּע־טער האָבן זיך אָנגעהויבן רעאַליזירן אויך די פּיאָנערישע אָנהייבן פון

דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. עס זיינען אויפגעקומען די ערשטע אַרבעטער־חלוצים פון דער צווייטער עליה.

ד״ר לאַנדאַוס שטים האָבן מיר דערביי ניט געהערט.

דאָס פּאַרקלענערט אָבער ניט זיין באַדייטונג אַלס אָנהייבער, וועגוויי־זער און קעמפער פאַר דער אָרגאַניזירונג פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און פאַר דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט ביי די באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין מערב־ און מיטל־אייראָפּע ביים סוף פון די 90ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט.

אָן אויספירלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון שאול רפאל לאַנדאַו (1870 — 1945) איז געבראַכט געוואָרן אויף העברעאיש אין זאַמלבוך „אספות״, קבצים לתולדות תנועת העבודה בישראל, אויסגאַבע פונעם ארכיון ומוזיאון של תנועת־העבודה, תל־אביב, כסלו תש״ד, 1959, עמ׳ 87—97, דורך מ. אייזלנד — „ראשיתה של עיתונות־הפועלים הציונית״. „אָנהויב פון ציוניסטישער אַרבעטער־פּרעסע״.



יעקב בן ישעיהו מזאה

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און פּרעסע האָבן אָפּגעמערקט דעם אָנדענק פון העסלעכסטן עלילת־דם־פּראָצעס אין צאַרישן רוסלאַנד. דער זינקנדיקער, צעפוילטער צאַריזם האָט מאָביליזירט אַלע פינצטערע כּוחות, האָט אויפגעהעצט די אָפּגעשטאַנענע מאַסן קעגן די יידן און האָט אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק דעם יידישן פאָלקס־מענטש מענדל בייליס משפּטנדיק אין זיין פּערזאָן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

דאָס איז געווען אַ ברוטאַלער אַרויסרוף דער יידישער און דער אַלגע־מיינער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס איז מיט שטאָלץ און ערע און מיט אַ רעוואָלוציאָנערן ברען אויפגענומען געוואָרן דורך די ברייטע מאַסן און אינטעליגענץ, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דעם פינצטערן

באַשולדיקער אין אַ באַשולדיקטן. די פּעאיקסטע יידישע און רוסישע אַד־וואָקאַטן מיטן באַקאַנטן אָסקאַר גרוזענבערג בראש זיינען אַרויסגעטראָטן אַלס פּאַרטיידיקער פון דעם קרבן פון צאַרישן אַנטיסעמיטיזם מיט די טיפסטע אַרגומענטן פון לאָגיק, יושר און הומאַניזם.

דער שונא פון פעלקער און פון יידישן פאָלק האָט זיך אָבער ניט באַ־גנוגנט מיט דער געלעגנהייט פון מאָרד פון אַ רוסישן יינגל און מיט דער מאָביליזאַציע פון געקויפטע פאַלשע עדות פון דער אונטערוועלט. ער האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט דער פאַלשער אָנקלאַגע קעגן אַן איינציקן צופעליקן יידן. ער האָט געוואָלט אָפּווענדן דעם וואַקסנדיקן רעוואָלוציאָנערן שטורעם דורך אַ מיאוסער רכילות אויפן גאַנצן יידישן קאָלעקטיוו און ער האָט מאָבי־ליזירט די כלומרשטע וויסנשאַפט, כדי צו באַגרינדן היסטאָריש, וויסנשאַפט־לעך די העסלעכע באַשולדיקונג אין דעם בלוט־בלבול קעגן יידישן כלל אויפן שטייגער פון פינצטערן מיטלאַלטער. די צאַרישע באַשולדיקונג האָט אַרויסגעפּונען דעם „געלערנטן" גלח פּראַנייטיס, וועלכער האָט באַדאַרפט מיט היסטאָרישע און כלומרשט למדנישע באַווייזן באַגרינדן די קאָלעקטיווע שולד פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער אמונה.

קעגן דעם געדונגענעם גלח און פעלשער פון דער געשיכטע לויטן שטייגער פון דעם אַמאָליקן „געלערנטן" אַנטיסעמיט לוטאָסטאַנסקי, איז אַרויסגעטראָטן מיט שטאָלץ, מיט טיפן שכל, פילזייטיקער קענטעניש, מיט נביאישן גייסט און אַ בייסנדיקן סאַרקאַזם דער מאָסקווער ראַבינער יעקב בן ישעיהו מזאה. מיט זיין פלאַמיקער און גלייכצייטיק קלוגער רעדע, מיט זיין טיפער ערודיציע און גרינטלעכער קענטעניש פון דער יידישער גע־שיכטע און ליטעראַטור פון יידישן פאָלק, האָט ער באַגייסטערט דעם טויזנט־קעפּיקן עולם, וואָס האָט פאַרפולט דעם געריכט־זאַל און די גאַס אין דרויסן, האָט דערוועקט דאָס געוויסן פון די געשווירענע ריכטער — און צוזאַמען מיט די פאַרטיידיקער האָט ער אַרויסגעבראַכט די פולע באַ־פרייאונג פון דעם געפייניקטן צאַרישן קרבן און די דערהויבונג פון כבוד פון אונדזער פאָלק. זיין נאָמען איז באַרימט געוואָרן זינט דאַן אין דער יידישער און אין גאָר דער פּראָגרעסיווער וועלט.

איך האָב אים גוט געקענט פּערזענלעך און וויל דערציילן אין קורצן אייניקע עפּיזאָדן פון זיין לעבן און שאַפן.

יעקב בן ישעיהו מזאה האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פּילזייטיקע און העכסט אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען אין זיין אַרט אַ רעוואָלוציאָנער און קעגנער פון צאַרישן רעזשים. עס איז אים אויסגעקומען אָנצופירן דאָס יידישע קהילה־לעבן מיט זיינע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּראָבלעמען אין דעם מאָסקווער מלוכה־צענטער אין די לעצטע 23 יאָר פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט (1894—1917) און די ערשטע זעקס יאָר נאָך דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (1917—1923).

אין יאָר 1893 האָט דער יונגער, קלוגער און רעפּרעזענטאַטיווער יעקב מזאה געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל דעם יוריסטישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. ער איז געווען אַ זון פון דער יידישער מאַסע אין אַ ווייסרוסיש שטעטל, געווען אַ למדן און אַן אויסגעצייכנטער סטיליסט און האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די משכילישע קרייזן מיט זיין זאַפטיקער שפּראַכרייכער פּובליציסטיק, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט וועלטלעכע פּראָגרעסיווע אידייען און דורך וועלכער ער האָט זיך קונה שם געווען אין דער העברעאישער פּרעסע. דערצו איז ער געווען אַ גלענצנדער רעדנער אין העברעאיש, יידיש און רוסיש, אַ פאָלקס־טריבון און אַ פּאַרלאַמענטאַריער און אַ פעאיקער יוריסט. אין יענער שווערער צייט האָט ער געזוכט אַ מעגלעכקייט זיך געזעלשאַפטלעך אויסצולעבן, צו האָבן קאָנטאַקטן מיט די יידישע מאַסן און אינטעליגענץ, אָפּגעבן זיינע פעאיקייטן אויף אויסצוקעמפן רעכט אויף עקאָנאָמישער עקזיסטענץ און בילדונג פאַר די גערודפטע און רעכטלאָזע יידן פון צאַרישן רוסלאַנד.

אין יענעם יאָר, 1893, ווען ער האָט געהאַט געענדיקט דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג די גזירה, אַז ביי אַלע יידן זאָל אָפּגענומען ווערן דאָס וווינרעכט אין מאָסקווע, און הונדערטער משפחות וואָס זיינען געווען איינגעוואָרצלט אין דער אָרטיקער עקאָנאָמיק און קולטור־לעבן האָבן זיך געמוזט נעמען פאַרן וואַנ־

דערשטאָק, אויסדריקנדיק אויף פאַרשיידענע אופנים זייער האַס און צאָרן קעגן דער צאַרישער רעגירונג.

דער ענערגישער דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכקייט האָט שוין אין יאָר 1894 כאָטש טיילווייז צעבראָכן די גזירה: עס איז דערלויבט געוואָרן יידן מיט העכערער בילדונג, גרויסע סוחרים און האַנטווערקער ווידער צו לעבן אין מאָסקווע. די אַלטע הויפּטשטאָט האָט ווידער באַקומען אַ יידישע באַפעלקערונג, וועלכע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און האָט זיך איינגעגלידערט אין דעם פּאָליטישן עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פון דעם גרויסן רוסישן מלוכה־צענטער.

די יידישע קהילה האָט באַדאַרפט האָבן אַן אָפיציעלן געזעלשאַפטלעכן אָנפירער, און יעקב בן ישעיהו מזאה, מיט זיין בילדונג, לומדות, קלוגשאַפט און רעדנערישן טאַלאַנט איז געווען אַ העכסט געלונגענער קאַנדידאַט אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן. די מאָסקווער יידישע קהילה האָט אים אויסגעוויילט פאַר איר ראַבינער. ער האָט זיך גוט געפּאַסט פאַר דעם צוזאַמענשטעל פון דער געמיינדע מיט אירע וועלטלעכע און געבילדעטע יידישע מענטשן. עס האָט זיך אָבער געפאָדערט אַ באַשטעטיקונג מצד דער צאַרישער מאַכט, דאָס הייסט — מצד דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מאָסקווע, דעם פעטער פון ניקאָליי דעם צווייטן און דעם באַקאַנטן צורר היהודים, דעם גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער איז מיט אַ צייט שפּעטער, דעם 4טן פעברואַר 1905, דערהרגעט געוואָרן דורכן רעוואָלוציאָנער קאַלאַיעוו. יעקב מזאה האָט באַדאַרפט צו דעם צוועק זיך פּערזענלעך מעלדן ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר אין זיין פּאַלאַץ. וועגן דעם דאָזיקן וויזיט האָט מיר בשעתו דערציילט יעקב מזאה צווישן זיינע אַנדערע אינטערעסאַנטע זכרונות.

— אין יענע טעג, ווען די ווונדן פון דער באַליידיקטער און רואינירטער יידישע קהילה זיינען געווען נאָך אַזוי פריש, איז מיר אויסגעפאַלן צו גיין ממש אין לייבנגרוב און שטעלן זיך פנים־אל־פנים מיט דעם טיראַנישן הערשער פון דער אַלטער הויפּטשטאָט.

אין איין פרימאָרגן, ווען עס איז געווען באַשטימט דער קבלת־פנים ביים גרויספירשט, בין איך, געקליידט אין שוואַרצן, מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ, אָנגעקומען אין גרויספירשטלעכן פּאַלאַץ אויף דער באַשטימטער אויפנאַמע.

מיט אַ געפּיל פון באַהאַלטענעם צאָרן און מיט אַ שווער געמיט בין איך אַריינגעגאַנגען נאָך אַ קורצן וואַרטן אין דעם פּרעכטיקן, מיט שווערע מעבל אויסגעשטאַטעטן קאַבינעט פון דעם גרויספּירשט. דער הויך געוויקסיקער, שטרענג־פּנימדיקער הערשער איז מיר געגאַנגען אַנטקעגן מיט אַ פּאָר צו־ריקגעהאַלטענע אָפיציעלע טריט, האָט מיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ שטעכעדיקן בליק, האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ שפּיץ פון אַ קאַלטער ביוראָקראַטישער האַנט, האָט זיך מאַיעסטעטיש אַוועקגעזעצט טיף אין זיין שווערן שטול ביים גרויסן שרייבטיש און האָט מיך מיט אַ האַלב־שטומען ווינק איינגעלאַדן זעצן זיך אין אַ שטול אַנטקעגן. ער האָט מיט מיר גע־פּרוווט פּאַרפירן אַ געשפּרעך, וואָס האָט באַדאַרפט באַדייטן אַ מין „אינטע־ליגענץ־פּרווו״.

— איך געדענק ניט — האָט מיר ווייטער דערציילט דער ראַבינער מזאה — ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז נאָך דעם גרויספּירשטס טרו־קענע אָפּגעריסענע פראַגן וועגן מיין בילדונג, איז די איניציאַטיוו פון געשפּרעך אַריבער צו מיר און איך האָב מאָביליזירט אין זיך אַלע גייסטיקע כוחות כדי צו שלאָגן דעם הויכגעשטעלטן צאַרישן ביוראָקראַט מיט דעם נאָבעלן כלי־זיין פון וויסנשאַפט. דאָס איז שוין ניט געווען מער קיין אָפיציע־לער געשפּרעך. דאָס איז געווען שוין כמעט אַ וויסנשאַפטלעכער רעפעראַט מיט ערודיציע און בקיאות. איך בין אַרויס אויפן גרויסן שליאַך פון דער יידישער און אַלגעמיינער פילאָסאָפיע. ענטפערנדיק אויף דעם גרויספּירשטס פראַגן און רעפּליקעס, האָב איך ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר אים די השקפות פון יידישע פילאָסאָפן און דענקער אויף מענטש און וועלט און בין אַריבער פון שפּעטן מיטלאַלטער צו אונדזער היינטיקער צייט.

— דעם גרויפירשטס פּנים איז אין משך פון אונדזער געשפּרעך געוואָרן אַלץ ווייכער און באַלעבטער. ער האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און פון צייט צו צייט אַפילו געשמייכלט מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל.

ניט באַמערקט, האָט דער אָפיציעלער וויזיט, וואָס דאַרף זיין געוויינ־לעך קורץ, זיך פאַרצויגן ביז 40 מינוט.

— זייער אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט — האָט דער גרויס־פּירשט צום סוף באַמערקט, וועלנדיק רעזומירן און פאַרענדיקן אונדזער

געשפרעך. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ. איך בין תיכף אויפ־געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטענער אויפרעגונג און בין געבליבן שטיין, ווי איינער וואָס וואַרט אויף זיין אורטייל.

טראַכטנדיק אַ ביסל האָט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט:

— איך האָב אייך געהערט מיט פאַרגעניגן. איר זענט באמת אַ גע־בילדעטער און דענקנדיקער מענטש... הייסט דאָס, אַז איר ווילט זיין דער ראַבינער פון דער מאָסקווער יידישער געמיינדע?!... יאָ, איר ווייסט אָבער... איר האָט אַ גרויסן חסרון, וואָס פּאַסט גאָר ניט פאַר קיין ראַבינער — איר זענט צו יונג...

— דאָס איז געווען אַן אומגעריכטער קאַלטער ביוראָקראַטישער שלאַג איבער מיין קאָפּ — האָט ווייטער דערציילט מזאה — איך האָב זיך אָבער ניט פאַרלאָרן פון דעם גרויספירשטס באַמערקונג. איך האָב מיך אויסגע־צויגן אין מיין גאַנצן וווקס, האָב באַשיידן געבויגן מיין קאָפּ, אַראָפּלאָזנ־דיק די רעכטע האַנט און האַלטנדיק דעם צילינדער מיט אַ באַהאַלטענער נערוועזיטעט אין דער לינקער, און מיט אַ שטילער אָבער זיכערער שטים האָב איך געזאָגט:

— יאָ, אייער הויך־עקסצעלענס, איך מוז אויפריכטיק מודה זיין, אַז דאָס איז אַ חסרון, אָבער דער דאָזיקער חסרון האָט די באַזונדערע אייגנ־שאַפט, וואָס ער ווערט מיט יעדן יאָר אַלץ קלענער!

דער גרויספירשט האָט איינגעהאַלטן אַ שמייכל געטאָן, האָט מיר אויסגעשטרעקט די האַנט צום געזעגענען זיך און קורץ געזאָגט:

— איך באַשטעטיק אייך אויף אייער פּאָסטן אַלס ראַבינער פון דער מאָסקווער יידישער געמיינדע.

און דער ראַבינער יעקב בן ישעיהו מזאה האָט אויפגענומען זיין חשובע אַרבעט, איז געשטאַנען מיט ערע אויף זיין פּאָסטן אַלס וואָרטזאָגער און פאַרטיידיקער פון די יידישע פאָלקס־אינטערעסן מיט אַ וועלטלעכן זין און אין פּראָגרעסיוון גייסט. אין די שווערע צאַרישע צייטן האָט ער פאַר־וואַנדלט די בימה פון דער גרעסטער סינאַגאָגע אין אַ טריבונע, פון וועל־כער ער פלעגט אין די שבתים האַלטן ביי אַ פולגעפּאַקטער אודיטאָריע פון אינטעליגענץ, יוגנט, בירגער און אַרבעטער זיינע קלוגע אויפקלערערישע

און דערציִענדיקע רעדעס. זיינע רעדעס פלעגט ער האַלטן אַמאָל אין העב־רעאיש, אַמאָל אין יידיש און אַ מאָל אין רוסיש — און איז געווען באַליבט און געשעצט אין די ברייטע קרייזן פון דער יידישער און רוסישער באַ־פעלקערונג.

ער האָט איבערגעלעבט נישט נאָר יענעם גרויסהאַלטערישן צאַרישן טיראַן, וואָס האָט אים באַשטעטיקט אויפן ראַבינער־פּאָסטן, ער האָט אויך איבערגעלעבט דעם גאַנצן צאַרישן רעזשים, וועלכן ער האָט טיף געהאַסט, און האָט זוכה געווען צו לעבן אויף דער עלטער די ערשטע זעקס יאָר פון נייעם סאָציאַליסטישן סדר, טראָגנדיק די גאַנצע צייט מיט ערע און פאַר־שטענדעניש די פאַן פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט, קולטור און בילדונג.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן — ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1923 — האָט ער צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער געמיינדע אין מאָסקווע איבערגעלעבט די תקופה פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס און הונגער, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

איך געדענק אים קלאָר ווי ער איז אין יענע טעג געזעסן אַ האַלב־הונגעריקער און געפרוירענער אין זיין פאָטערשטול אין דעם ניט געהייצטן צימער פון זיין דירה, איינגעוויקלט אין זיין פוטער־מאַנטל אין יענער פּאָזע, אין וועלכער עס האָט אים געמאָלט דער יידישער מאָלער פּאַסטערנאַק.

די פאַרמעגלעכע שיכט פון מאָסקווער יידן האָט דעמאָלט מאַסנהאַפט פאַרלאָזן מאָסקווע און די קאַסע פון דער יידישער געמיינדע־פאַרוואַלטונג איז געווען אויסגעליידיקט. עס איז אוממעגלעך געוואָרן דער קהילה צו צאָלן די רעגולערע שכירות איר חשובן רעפּרעזענטאַנט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעפונען אין יענער צייט אין מאָסקווע אַ גרויסער יידישער פּאַטריאָט און אַ איבערגעגעבענער פריינד, וואָס האָט געזאָרגט פאַר דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ פונעם ראַבינער יעקב מזאה, און האָט אים גלייכצייטיק אויך דערוועקט צו דערציילן די אינטערעסאַנטע זכרונות פון זיין אינהאַלטרייכן געזעלשאַפטלעכן לעבן, לאָזן זיי פאַרשרייבן און אַרויסגעבן אין אַ באַזונדער וואָגיק בוך. ערשט נאָך דעם טויט פון יעקב מזאה איז דאָס בוך דערשינען אין ארץ־ישראל און דערוועקט אינטערעס מיט זיין דאָקומענטאַרישן איב־

האַלט און מיט דעם פּיינעם הומאָר פונעם מחבר; עס גילט אַלס נאָבעלע גייסטיקע מצבה דעם פאַרשטאָרבענעם.

איך האָב געהאַט דעם זכות אים צו הערן דערציילן זיינע זכרונות און פון זיין מויל זיי צו פאַרשרייבן. איך זע אים נאָך עד היום מיט מיינע גייסטיקע אויגן ווי ער זיצט מיט אַ פאַרטראַכטן געזיכט אין קאַלטן צימער, מיט די הענט פאַררוקט אין די ברייטע אַרבל פון זיין פּעלץ און ווי פון זיין מויל פליסן מעשיות פון זיין לעבן, וואָס באַהעפטן זיך אין קאַפּיטלעך פון יידישער געשיכטע אין רוסלאַנד.

מיר זיינען געווען לאַנגיאָריקע פריינד, כמעט לאַנדסלייט, ער האָט שטאַרק געשעצט מיין מיטאַרבעט און איך האָב אים געהאָלפן ווי ווייט איך האָב געקענט.

דאָס סאָוויעטישע קולטור־ און בילדונגס־מיניסטעריום פלעגט אין יענער צייט נאַציאָנאַליזירן אַלע פּריוואַטע ביבליאָטעקן אויסער די, וועלכע זיינען געווען נייטיק זייערע אייגנטימער צו זייער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט.

אַלס אָנפירער פון דער העברעאיש־יידישער אָפּטיילונג אין דער צענט־ראַלער מלוכה־ביבליאָטעק, בין איך געווען אויך דער באַגלויביקטער עקס־פּערט פאַר העברעאישע און יידישע ביבליאָטעקן. אַלס אַזעלכער האָב איך באַשטעטיקט, אַז יעקב מזאה נייטיקט זיך אין זיין גרויסער ביבליאָטעק אַלס ראַבינער און רעליגיעזער פירער, און אויף דעם סמך האָט דאָס מיניס־טעריום אים אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן שוץ־בריוו און די ביבליאָטעק און דער ביבליאָטעק־צימער זיינען געבליבן אין זיין רשות דעם גאַנצן לעבן.

הרב אברהם יצחק הכהן קוק

35 יאָר זיינען אַריבער זינט עס האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון אַ גרויסער יידישער פערזענלעכקייט, וואָס איז געשטאַנען אין משך פון יאָרן אין מיטלפונקט פון ארץ־ישראלדיקן גייסטיקן לעבן. זייענדיק געקליידט אין אַ לבוש פון אַ רעליגיעזן פירער האָט ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק, דער לאַנגיאָריקער פרעזידענט פון דעם הויפּט־ראַבינאַט אין ירושלים, געפלאַנצט אין די ברייטע מאַסן פון ישוב וועלטלעכקייט, טאָלעראַנץ, מענטשן־ליבע, פרייהייט פון גייסט און דערהויבענע אידייען וועגן מענטש און וועלט.

מיט די ברייטע האָריזאָנטן, וועלכע ער האָט געעפנט, מיט דעם אייגנאַרטיקן און אינהאַלטרייכן פאַרנעם פון זיינע מחשבות האָט ער זיך

בכלל ניט געלאָזט אַריינלייגן אין די ראַמען פון דער רבנישער וועלט און האָט אַרויסגערופן צו זיך אַן אָפּאָזיציע אין די עקסטרעמע רעליגיעזע קרייזן, וועלכע איז יעדעס מאָל צעבראָכן געוואָרן אָן דעם גייסטיקן פעלז פון זיין פערזענלעכקייט.

ער האָט זיך ניט געקענט פאַרשליסן אין דער וועלט פון ספרים, אין וועלכער ער איז געווען פאַרוואָרצלט. אין אים האָט געשפּרודלט אַ לעבע־דיקער קוואַל פון פּראָגרעסיווע געדאַנקען, פון פּאַרטיפּטער פילאָזאָפישער אויפגעקלערטקייט, מיט וועלכע ער האָט געשטרעבט צו באַפרוכפּערן און צו באַנייען די וועלט פון דער פאַרגליווערטער טראַדיציע. זייענדיק שטאַרק טעטיק ליטעראַריש, האָט ער אַפילו ניט געשריבן אין דעם באַקאַנטן רבנישן נוסח. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער סטיליסט און זיין שרייב־אַרט איז געווען העכסט היינטצייטיק. און אַנשטאָט צו שטיצן זיך, ווי דאָס רוב רבנישע שרייבער, אויף פּסוקים און מאמרים פון תלמוד, אַנשטאָט איבער־חזרן און ציטירן אַלטע, שוין לאַנג געזאָגטע געדאַנקען, האָט ער געקליידט דעם נייעם אינהאַלט פון זיין דענקען אין פאָרמען פון דער נייער, פון דער בעסערער פּובליציסטיק פון זיין צייט.

ער איז ניט געווען קיין געבוירענער אין ירושלים, ער איז אַהערגעקומען פון מערב־רוסלאַנד, פון לעטלאַנד, מיט זיינע אָפענע טירן און פענצטער צו ליטווישער לומדות פון איין זייט און צו דער מערב־אייראָפּעאישער וויסנשאַפט פון דער אַנדערער. ער האָט גוט סינטעזירט דעם פּאַרטיפן חסידישן טעמפּעראַמענט פון זיין עלטער־זיידן רבי יצחק מיט דעם ראַציאָ־ליסטישן שטייגער פון לערנען אין וואָלאָזשין ביי דעם באַרימטן רבי נפתלי צבי יהודה בערלין (דעם נציב) און מיט דער מערבדיקער השכלה.

אָנקומענדיק קיין יפו און ירושלים אין יאָר 1905 האָט ער מיט דער קראַפט פון זיין גייסטרייכער פערזענלעכקייט באַלד באַצויבערט און באַ־לויכטן די פאַרשלאָפענע סביבה, האָט געצווונגען אָפּטרעטן אָן אַ זייט די ענגהאַרציקע פאַנאַטיקער און האָט דווקא צווישן פרייזיניקע דערוואָרבן אין אַלע צייטן פיל פריינד און פאַרערער. חיים נחמן ביאַליק האָט שטאַרק באַוווּנדערט זיין סטיל, זיין געפליגלטע רעאַלע מחשבה און האָט אים כאַ־ראַקטעריזירט אַלס אַ צווייטן אחד־העם אין רבנישער קליידונג.

בשעת עס איז אַנטשטאַנען נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג אין ארץ־ישראל די אסיפת־הנבחרים (די אויסדערוויילטע פאָרזאַמלונג) אַלס נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע פאָרטרעטונג פון ישוב, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך אַלגעמיינע וואַלן, האָט זיך הרב אברהם יצחק קוק אָפן און דרייסט אַרויסגעזאָגט פאַר וואַל־רעכט פאַר פרויען, צו וועלכער דער פרומער ישוב האָט זיך גוואַלדיק אַנטקעגנגעשטעלט.

און ווען מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז אויסגעוואַקסן אין ירושלים אַ גרויסע און אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט זיך אויסגעלעבט אויף אַ פּרייזיניקן און וועלטלעכן שטייגער און האָט כלל ניט אָפּגעהיט דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן שבת, איז הרב קוק אַרויסגעטראָטן שאַרף און אַנטשיידן קעגן די אויפגעברויזטע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן דאַן אַזוי ווי איצט, געשטרעבט אַרויפצוצווינגען די שבת־רו אויפן ישוב מיט כלערליי־געוואַלט־מיטלען. זיי האָבן זיך געווענדט צו הרב קוק, ווי צו דער העכסטער רעליגיעזער אינסטאַנץ, ער זאָל זיך אַריינמישן און אָפּהאַלטן די אַרבעטער־מאַסן פון חילול־שבת. זיי זיינען אָבער געווען אַנטוישט ווען הרב קוק האָט ניט אויפגענומען זייערע טענות און האָט זיך אָפּגעזאָגט אַריינצומישן זיך אין דעם ענין.

עס ווערט דערציילט, אַז איין מאָל זיינען מיט שטורם און קולות אַריינגעקומען אין זיין אַרבעט־צימער די ירושלימער „נטורי קרתא” און צאָרניק צו אים אויסגערופן:

— רבי, גוואַלד רבי, איר מוזט זיך אַריינמישן. די אַרבעטער, די שקצים, די אַפּיקורסים, פאָרן אום שבת אַרויס אויף פערד און וואָגן צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער אויף די גאַסן פון ירושלים, זיינען מחלל שבת בפרהסיא — רבי, גוואַלד, מישט זיך אַריין!

הרב קוק איז געבליבן אָבער געלאַסן און פאַרקלערט, און האָט גאַנץ אומגעריכט פאַר די עקסטרעמע קלעריקאַלן געזאָגט זיין ניי און שטאַרק וואָרט:

— איר זאָלט מיר ניט ריידן קיין שלעכט וואָרט אויף יידישע אַרבעטער, זיי בויען ארץ־ישראל. זייט וויסן, קינדער, אַז אַן אַרבעטער שטייט העכער פון אַ כהן גדול!

די נטורי־קרתא זיינען שטאַרק אויפגעציטערט געוואָרן פון די נייע און משונהדיקע ווערטער פון דעם הויפּט־רב.

— רבי טייערער, פון אייער הייליקן מויל אַזעלכע משונהדיקע ווערטער? גוואַלד, רבי.

— יאָ, קינדער, איר האָט דאָך געלערנט, איר ווייסט דאָך, אַז דער כהן גדול פלעגט מעגן אַריינגיין אין קדשי־קדשים מיט ציטערדיקע טריט און מיט אַ קרבן אין האַנט נאָר איין מאָל אין יאָר אום יום־כיפּור. אָבער ווען מען פלעגט דאַרפן מאַכן רעמאָנט אין קדשי־קדשים, פלעגן די אַרבעטער, ווי עס ווערט דערציילט אין משניות, אַריינקומען פריי אין קדשי־קדשים יעדן טאָג. רעדט ניט אויף יידישע אַרבעטער — האָט שטאַרק באַטאָנט הרב קוק. — זיי שטייען העכער פון אַ כהן גדול!

*

הרב קוק איז געווען אַ פלאַמיקער אָנהענגער פון פיזישער אַרבעט בכלל און פון ערד־אַרבעט בפרט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער באַזוכט די קאָלאָניעס, גערופן די יוגנט צו אייגנהענטיקער פּראָדוקטיווער אַרבעט. אין זיינע האַרציקע רעדעס האָט ער שטענדיק געבראַכט היסטאָרישע מוס־טערן פון די געלערנטע און פאָלקס־פירער, וואָס זיינען געווען פון פאַך האַנטווערקער און וועלכע האָבן באַטראַכט די פּראָדוקטיווע מענטשלעכע אַרבעט אַלס דעם יסוד פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין איינער פון זיינע פּרעדיקונגען צו אחדות און צו שלום האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט, אַז „דער שלום אויף דער וועלט וועט גראָד קומען דורך דער האַרמאָנישער פאַראייניקונג פון די פאַרשיידענע מאָראַלישע פאָדע־רונגען וועלכע שפּראָצן אַרויס פון דעם מענטשלעכן האַרצן".

און נביאיש און שטימונגספול האָט ער אין זיינס אַן אַרטיקל געשריבן: „עס וועט זיך אַנטוויקלען דער ישוב אין אונדזער לאַנד. עס וועט אויפגע־בויט ווערן אונדזער היים. מיט אַ טיפער נאַטירלעכקייט וועט דאָס פאָלק דערקענען זיין אייגנאַרט. מיט דער פולער קראַפט וועט ער איינשטעלן זיין לעבנס־אָרדענונג. זיין אינעווייניקסטע אויפריכטונג וועט קומען פון דעם

טיפן אמת, וואָס שטעקט אין זיין לעבנס־ליכט און מען דאַרף כלל ניט האָבן קיין צער דערפון, וואָס עס שטאַרקן זיך די שטורעמס פון דעם נאַטירלעכן פאָלקס־גייסט. אַפילו די שטרויכלונגען, וואָס קומען פאַר אויף זיין וועג וועלן סוף כל סוף פירן צום אויפבוי און דערלייזונג".

אין זיינע פילאָזאָפישע אַרטיקלען האָט ער גערופן דאָס פאָלק צו אָפּטימיזם און בטחון אין פריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן און פאַר אַלעם אין דער פיינלעך שווערער אויפבוי־אַרבעט פון לאַנד.

צום סוף אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד, וואָס טראָגט טיילווייז אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער: הרב קוק האָט גוט געוווסט, אַז איך געהער ניט צום אָרטאָדאָקסישן לאַגער און אַז איך פאַרנעם זיך מיט ריין וועלטלעכער פּראָגרעסיווער וויסנשאַפט. פון דעסטוועגן, ווען ער איז איינמאָל געוואָר געוואָרן, אַז איך קלייב זיך פאָרן וועגן אַ וויסנשאַפטלעכן ענין קיין אייראָפּע, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיך, געלאָזט די פּאַרטיפּטע תלמידים־לערנער אין מיטן דעם שיעור, אַריינגעפירט מיך מיט אַ פאָטערלעכער האַנט אין זיין באַשיידענעם אַרבעט־צימער, אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און מיט אַ ליכטיקן שמייכל געזאָגט: „אַזוי פאַרט מען ניט אין דער גרויסער פרעמדער וועלט אַריין". דערביי האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, און נאָך אַ געוויסער פויזע האָט ער מיר דערלאַנגט צוויי נאָבעלע, האַרציקע רעקאָמענדאַציע־בריוו. און, דריקנדיק וואַרעם צום געזעגענען זיך מיין האַנט, האָט ער געזאָגט: „איר וועט זיך דאָך טרעפן מיט מענטשן אין דער פרעמד און אייך וועט כלל ניט באַקוועם זיין אַרומצוריידן אייער וויסנשאַפטלעכע אַרבעט און חלילה צו באַרימען זי. זאָלן מיינע בריוו ריידן פאַר אייך".

און נאָך אַן עפּיזאָד פון הרב קוקס לעבן, וועלכער זאָגט ווידער עדות אויף זיין טיף מאָראַלישער געשטאַלט און אויף זיין טאָלעראַנטן, קלוגן און דערציערישן צוגאַנג צו דער יוגנט. איין מאָל האָבן זיך צו אים געווענדט די פאָרשטייער פון דער פּתח־תקוהער רעליגיעזער קהילה און האָבן זיך שטאַרק געקלאָגט אויף די אָרטיקע בחורים, וואָס פאָרן אַרויס שבת רייטנדיק אויף די פערד און זיינען מחלל שבת בפרהסיא.

— ווען איך וועל, אם ירצה השם, ביי אַ געלעגנהייט באַזוכן פתח־תקוה, וועל איך אויסרעדן די בחורים פאַר זייער שלעכטער פירונג.

אַזאַ געלעגנהייט איז מיט דער צייט געקומען. דער גרויסער הויפּט־רב פון ארץ־ישראל האָט פאַרבראַכט אַ זומערדיקן שבת אין פתח תקוה. די רעליגיעזע קהילה האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און שבת פאַרנאַכט איז פאַר אים אָפּגעריכט געוואָרן אויף דער אָפענער טעראַסע פון דעם קהילה־לאָקאַל אַ געמיטלעכע מלווה־מלכה־סעודה מיט געזאַנג פון רעליגיעזע לידער.

די יוגנט פון פתח־תקוה האָט זיך מאַסנהאַפט אויפגעקליבן אַרום דער טעראַסע און האָט זיך צוגעהערט צום שטורמישן געזאַנג.

— רבי, איצט איז די ריכטיקע צייט — האָבן געזאָגט די גבאים צום הרב קוק, — אַז איר זאָלט זיי אויסשייגעצן פאַר זייער חילול שבת.

זיי האָבן געהאָפט, אַז דער גרויסער רעליגיעזער מנהיג וועט זיך ווענדן צו דער יוגנט מיט שטרענגע שטראָפנדיקע רייד. אַנדערש האָט אויסגעזען אָבער דעם הויפּט־רבס וואָרט צו דער יוגנט.

— טייערע קינדער — האָט הרב קוק געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו דער פאַרזאַמלטער יוגנט — ווי איר ווייסט, פירן זיך איצט גרויסע מלחמות אין דער וועלט און אויך אין ארץ־ישראל קומט אונדז אויס צו פירן אַ שווערן קאַמף פאַר אונדזער לאַנד. דאָס איז נאָך אָבער ניט יענע גרויסע מלחמת גוג ומגוג, וועלכע וועט אויסברעכן ווען משיח וועט דאַרפן קומען. יענע מלחמה וועט זיין אַ מלחמת־מצווה, אַ מלחמה פאַר דער גאולה פון ישראל. דאַן, זאָגן אונדזערע חכמים, וועט דערלויבט זיין מלחמה צו פירן אויך אום שבת, אַפילו אום יום כיפור, וואָס וועט אויספאַלן שבת.

זאָלן מיר זוכה זיין צו יענעם גרויסן טאָג, קינדער, וועל איך מיט אייך צוזאַמען אַרויספאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד אום שבת און אפילו אום שבת יום־כיפור. ביז דאַן אָבער, קינדער, דאַרפן מיר געטריי אָפּהיטן און הייליקן דעם שבת.

לודוויג זאַמענהאָף

עספּעראַנטאָ און איר דערפינדער

כדי מענטשן פון גאָר דער וועלט זאָלן זיך קאָנען חברן איינע מיט די אַנדערע און העלפן איינע די אַנדערע אין זייערע נויטן, אין דער לייזונג פון זייערע לעבנס־פראַגן, דאַרפן זיי קאָנען אויפרעדן זיך איינע מיט די אַנדערע, פאַרשטאַנען ווערן איינע פון די אַנדערע. זיי באַדאַרפן האָבן אַ שותּפישע שפּראַך. רעדן דאָך אָבער מענטשן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, לעבן זיך אויס אָפט אין די גרענעצן פון זייער לאַנד־שפּראַך אַליין, און קאָנען ניט קומען אין פאַרבינדונג מיט שכנים, וואָס לעבן אויף יענער זייט גרעניץ פון זייער פאָטערלאַנד. אַזוי וואַקסן אויס ווענט פון שווייגן און פון אומפאַרשטענדע־

ניש צווישן מענטש און מענטש. באַזונדערס פילט זיך די דאָזיקע אָפּגעזונ־דערטקייט פון מענטשן דאָרטן, ווו אויף קליינע געאָגראַפישע שטחים ציען זיך פאַרשיידענע לאַנד־גרעניצן מיט פאַרשיידענע שפּראַכן, ווי אין צפון־מערב־אייראָפּע: פיניש, שוועדיש, נאָרוועגיש, דעניש, האָלענדיש.

עס זיינען, אמת, דאָ שפּראַכן פון גרויסע קולטור־פעלקער, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון זייערע היימישע גרעניצן און זיך פאַרשפּרייט ברייט איבער דער וועלט, אָבער זיי האָבן דווקא דעם גרויסן חסרון, וואָס צוזאַמען מיט דער דערנעענטערונג וואָס זיי ברענגען, דריקן זיי אויף פעלקער און לענדער, גראָבן אונטער און צעשטערן די יסודות פון אָרטיקן פאָלקס־שטייגער און קולטור און אָפּט אויך די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט און פּאָלי־טישע אומאָפּהענגיקייט פון די לענדער.

די מענטשהייט וואָלט געקאָנט בעסער געהאָלפן ווערן, די פעלקער וואָלטן זיך בעסער און פריינטלעכער געקאָנט דערנעענטערן און פאַרברידערן, ווען עס וואָלט געשאַפן און אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ נייע, לייכטע פאַרביג־דונג־שפּראַך, אין וועלכער עס זאָלן זיך, אמת, דורכפלעכטן עלעמענטן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, נאָר זי זאָל זיין ניט מיינע און ניט דיינע, נאָר אַ שותפישע שפּראַך, וואָס לערנענדיק זי לייכט פּאַראַלעל מיט זיין מוטער־שפּראַך זאָל יעדער מענטש באַקומען אַ שליסל צו פאַרבינדן זיך מיט אַלע לענדער און פעלקער, ווו די דאָזיקע ניי־געשאַפענע שפּראַך זאָל אויך געלערנט ווערן פּאַראַלעל מיט דער דאָרטיקער.

די דאָזיקע דערהויבענע אידייע פון מענטשן־סאָלידאַריטעט און שפּראַכן־דערנעענטערונג האָט געטראָגן, געצייטיקט און פאַרשפּרייט דער יידישער געלערנטער, פּעדאַגאָג און קולטור־טוער, דער אויגן־דאָקטאָר אליעזר לודוויג זאַמענהאָף.

די דאָזיקע אידייע פון אַ וועלט־שפּראַך איז פאַר זאַמענהאָפן געווען ניט נאָר אַן אַבסטראַקטער, און ניט סתם אַ פרומער ווונטש. ער האָט אין אַלע פּרטים אויסגעאַרבעט אַזאַ לייכטע, פּשוטע, פון פאַרשיידענע שפּראַך־קוועלן צוזאַמענגעשטעלטע וועלט־שפּראַך, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן — די שפּראַך פון האָפענונג — עספּעראַנטאָ.

עס איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט ד״ר זאַמענהאָף איז געבוירן געוואָרן, — אין ביאַליסטאָק, אין דעם דעמאָלט צאַרישן רוסלאַנד.

די גרעסטע קענטעניש פון שפּראַכן און די פּעדאַגאָגישע פעיקייטן זיי צו לערנען און פאַרשפּרייטן זיינען געווען פון לאַנגע דורות איינגעוואָרצלט אין דער פאַמיליע פון די זאַמענהאָפס. ער, זיין פאָטער און זיידע זיינען געווען לערערס פון אייראָפּאישע שפּראַכן. דער זיידע, פאַביאַן זאַמענהאָף, איז געווען איינער פון די ערשטע פּיאָנערן פון וועלטלעכער קולטור און וויסנשאַפט בכלל אין דער ביאַליסטאָקער יידישער סביבה און ער האָט די דאָזיקע קולטור־ירושה, די שפּראַכלעכע אוניווערסאַלקייט איבערגעגעבן זיינע קינדער און אייניקלעך.

לודוויג זאַמענהאָף איז אָבער אַוועקגעגאַנגען אַן אַ שיעור ווייטער. אויפן גרונט פון זיינע שפּראַך־קענטענישן האָט ער ניט נאָר דערפונדן און אויס־געאַרבעט אַ נייע שפּראַך, אַ וועלט־שפּראַך, נאָר ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ליב און לעבן זי צו פאַרשפּרייטן אין דער וועלט, מאַכן זי פאַר אַן אמתער בריק צווישן פעלקער, ברענגען מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער און קאָנטינענטן צום לערנען איר לייכטע גראַמאַטיק און לייכטן ווערטער־צוזאַמענשטעל און דערגיין צו אַזאַ מדרגה, אַז אַלע זאָלן זיי זיך קאָנען צונויפרעדן און צונויפשרייבן אויף דער נייער וועלט־שפּראַך, וואָס זאָל זיין זייער שותּפישער קולטור־פאַרמעגן.

אין יאָר 1878 האָט זאַמענהאָף די עספּעראַנטאָ־שפּראַך דערפונדן. אין יאָר 1887 האָט ער פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן לערנבוך פאַר עספּעראַנטאָ, וואָס האָט איבערראַשט די וועלט און אַרויסגערופן דעם אינטערעס פון דער אינטעליגענץ און לערן־יוגנט אין פאַרשיידענע לענדער. עס האָבן זיך אָנגע־הויבן באַלד גרינדן קלובן און געזעלשאַפטן אויף לערנען און רעדן עספּע־ראַנטאָ אין דייטשלאַנד, שוועדן און רוסלאַנד, און מיט 10 יאָר שפּעטער — אין פראַנקרייך, דערנאָך אין בעלגיע. גאַנץ גיך האָט די עספּעראַנטאָ־באַוועגונג אַריבערגעשפּריזט דעם אָקעאַן און געפונען אירע אָנהענגער אין ענגלאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אין קאַנאַדע, אויס־טראַליע און אַפילו אין יאַפּאַן. עס האָבן זיך אומעטום ניט נאָר געגרינדעט קלובן און געזעלשאַפטן, עס זיינען צונויפגערופן געוואָרן אינטערנאַציאָנאַלע

קאָנגרעסן, אַרויסגעגעבן געוואָרן בראָשורן און צייטונגען. עס זיינען איבער־געזעצט געוואָרן אין עספּעראַנטאָ ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון די קלאַסיקער, און קודם כל די ביבל. די צאָל ביכער און בראָשורן וואָס זיינען דערשינען ביז אַהער איז העכער פיר טויזנט. עס דערשיינען אויף איר איבער 100 צייטונגען און זשורנאַלן, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט אין די פאַרשיידענע לענדער, אויף אַלע קאָנטינענטן און דערנעענטערן פאָלק צו פאָלק און מענטש צו מענטש.

די גראַמאַטיק פון עספּעראַנטאָ, וועלכע עס האָט פאַרפאַסט ד״ר זאַמענהאָף, איז אַ זעלטן־לייכטע. זי באַשטייט פון געציילטע געזעצן, זי ווייס ניט פון קיין אויסנאַמעס, און יעדערער קאָן זי גרינטלעך אויסלערנען פאַר איין האַלבער שעה. דאָס האָט פאַרלייכטערט איר לערנען דורך ברייטערע מאַסן פון אַלע לענדער.

שוין די פעלקער־ליגע האָט רעקאָמענדירט אַלע פעלקער צו לערנען עספּעראַנטאָ אומעטום אין די שולן, אַלס פאַרבינדונג־שפּראַך. ביי היינטיקן טאָג ווערט זי ווירקלעך געלערנט אין פאַרשיידענע לענדער. זי איז איינגעפירט אַלס אַן אָבליגאַטאָרישע שפּראַך אין די האַנדל־שולן פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. אין איבער 50 ראַדיאָ־סטאַציעס אין דער וועלט ווערן איבער־געגעבן רעגולערע פּראָגראַמען אין עספּעראַנטאָ. זיי ווערן געהערט און פאַרשטאַנען פון טויזנטער מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער. טויזנטער מענטשן פון גאַר דער וועלט באַטייליקן זיך אין די יערלעכע קאָנגרעסן פון עספּעראַנטיסטן.

אַזוי זיינען געבראָכן געוואָרן די גרעניצן און די אומפאַרשטענדעניש צווישן מענטשן אין גאַר דער וועלט.

שמעון דובנאָוו

א

עס איז ניט פון די גרינגע זאַכן צו שרייבן די געשיכטע פון אַ פֿאָלק און בפרט די דורות־לאַנגע, פאַרצווייגטע און קאָמפּליצירטע געשיכטע פון אונדזער פֿאָלק, וואָס באַקומט טיילמאָל דעם פאַרנעם פון אַ וועלט־געשיכטע.

אַן ערנסטער היסטאָריקער מוז לערנען, איידער ער טרעט צו צו שרייבן די געשיכטע פון אַ פֿאָלק, די גרונט־קוועלן פון זיין ליטעראַטור אין אַלע תקופות פון זיין עקזיסטענץ און אַנאַליזירן זיי אָביעקטיוו און אָנפּניותדיק. ער באַדאַרף זיי זאַמלען, אויפקלערן, אויסטייטשן, רייניקן פון גרייזן און אָפטמאָל אַפילו ערשט אַנטדעקן. די אַרבעט פון דעם היסטאָריקער איז

פֿאַרבונדן אויך מיט שפּראַך־פֿאָרשונג, מיט דער פֿאָרשונג פֿון מאַטעריעלע און גראַפֿישע אַלטערטימלעכקייטן און מיטן שטודירן פֿון פֿאָלקס־שטייגער, וואָס היט אין זיך אָפּ געטרײַ פֿאַרשידענע היסטאָרישע פֿאַקטן.

און אויב די זאַך איז אַזוי ביי אַנדערע, ייִנגערע פֿעלקער, ווי אונדזער פֿאָלק, איז דאָס אַלץ נאָך וויכטיקער לגבי דעם שרייבן די געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס ציט זיך אויף אַ צייט־שטח פֿון פֿיר טויזנט יאָר, וואָס לאָזט זיך ניט איינשליסן אין דעם געאָגראַפֿישן שטח פֿון זיין היסטאָרישן היימלאַנד, נאָר צעשפּרייט זיך און פֿאַרצווייגט זיך איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פֿונעם ערדקיילעך און איז אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיטן היס־טאָרישן לעבן פֿון אַנדערע פֿעלקער און איז באַווירקט פֿון כלערליי עקאָנאָ־מישע און פּאָליטישע רעזשימען און קולטורן.

די פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער געשיכטע איז דערצו נאָך פֿאַרבונדן מיט באַזונדערע שוועריקייטן. די באַזונדערע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען אונדזער פֿאָלק אין משך פֿון פֿיל דורות האָט אַרויסגערופֿן אַ באַזונדער שווערן צוגאַנג צו זיין געשיכטע. אַנשטאָט צו דערשיינען אין דער געשטאַלט פֿון אַן אָפֿענער פּאָליטישער געמיינדע, האָט זיך אונדזער פֿאָלק אויסגעלעבט אַלס אַ רעליגיעזע געמיינדע, און איר עקאָנאָמיש און פּאָליטיש לעבן, איר וועלטלעך לעבן בכלל, איז געווען באַהאַלטן אונטערן צודעק פֿון דער אמונה.

דערצו נאָך זיינען די בלעטער פֿון אונדזער פֿאָלקס־געשיכטע אַזוי פֿיל אָנגעלאָדן מיט ליידן, מיט גזירות און רדיפֿות און מיט שילדערונגען פֿון מאָסן־אומקום, וואָס רופֿן אַרויס ביי אונדזערע היסטאָריקער, אַלס געטרייע זין פֿון פֿאָלק, רחמנות און ליבע צום כלל, און ווענדן זיי אָפּטמאָל אָפּ פֿון דער רעאַלער, אָביעקטיווער שילדערונג פֿון די היסטאָרישע פֿאַקטן. זיי ווערן אָפֿט עקסטרעמע פּאַטריאָטן און אַפּאָלאָגעטיקער. אַלס פּאַרטיי־דיקער פֿון שווער־געליטענעם פֿאָלק פֿעלשן זיי, ניט ווילנדיק, געשיכטלע־כע פֿאַקטן.

אַ גאַנץ באַזונדער וויכטיק אָרט אין דער היסטאָריאָגראַפֿיע בכלל און אין דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע בפֿרט פֿאַרנעמט די וועלט־השקפֿה פֿון דעם היסטאָריקער און די מעטאָדיק פֿון זיין אויסטייטשן די געשעע־

נישן. דער היסטאָריקער איז ניט קיין כראָניקער, וואָס ברענגט אַרויס פאַרן לייענער טאַטזאַכן. די מענטשלעכע געשיכטע איז ניט סתם קיין לאַגער פון דורותלאַנגגן אָנגעוואָרפענעם אַלטוואַרג. זי איז אַ לאָגישע, אָרגאַניש־געבונדענע און צילבאַוווּסטע קייט פון געשעענישן, ווו עס שפּיגלט זיך אָפּ דער לעבנס־גאַנג פונעם פאָלקס־קאָלעקטיוו אין אַ באַשטימטער תקופה און צייכנט זיך אָן זיין ווייטערדיקן וועג אין דער צוקונפט.

און די געהעריקע וועלט־השקפה און מעטאָדיק קומט ניט אויס דעם יידישן היסטאָריקער אויסצודיכטן אָדער אויסצוזייגן פון פינגער. די אוניווערסאַלע היסטאָריאָגראַפיע האָט שוין דורכגעמאַכט אַ גרויסן וועג אין איר אַנטוויקלונג און עס קענען דורכן יידישן היסטאָריקער שוין דרייסט אָפּגעוואָרפן ווערן געפּסלטע השקפות און מעטאָדן. ער קען און דאַרף שוין גרינטלעך לערנען פון די דערגרייכונגען פון דער וועלט־וויסנשאַפט און בויען אויף זיי מיט דערפאָלג זיינע פאָרשונגען אויפן געביט פון דער יידישער געשיכטע.

ב

אין ליכט פון די דאָזיקע געדאַנקען און הנחות וועלן מיר קענען באַטראַכטן מיט מער קלאָרקייט און גאַנצקייט דאָס שאַפן פון שמעון דובנאָוו אַלס היסטאָריקער פון יידישן פאָלק.

שמעון דובנאָוו איז געווען דער ערשטער יידישער היסטאָריקער, וואָס איז אויפגעקומען אויפן באָדן פון רוסישן יידנטום. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1861 אין דער אויפבלי־צייט פון דער השכלה־באַוועגונג, אין דער שטאָט אַמטשיסלאַוו אין ליטע. ער האָט אין דער יוגנט גרינטלעך שטודירט די קוועלן פון דער יידישער ליטעראַטור און געשיכטע, האָט געלערנט תורה, תלמוד און די מיטלאַלטערלעכע ליטעראַטור. זיינע עלטערן האָבן אים געגרייט צו רבנות, אָבער שוין גאַנץ פרי האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער השכלה־באַוועגונג און האָט שאַרף געענדערט זיין לעבנסוועג. ער האָט פאַרלאָזן זיין היימיש שטעטל, איז אַריבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג, האָט זיך פאַרשאַפן אַ גרינטלעכע אַלגעמיינע בילדונג און האָט פאַרבונדן באַקאַנטשאַפט אין די קרייזן פון שרייבער און געלערנטע.

דאָ האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן זיין נייגונג צו געשיכטע־פאָרשונג בכלל און עס האָט זיך געצייטיקט זיין באַשלוס אָפּצוגעבן זיך דער פאָר־שונג פון יידישער געשיכטע בפרט.

שוין צו 21 יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע אַרבעט „די הויפּט־מאָמענטן אין דער געשיכטע פון יידישן דענקען". צוערשט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דער פראַנקיסטישער באַוועגונג און אַ ביסל שפּעטער — מיט דעם סאָציאַל־היסטאָרישן אַנאַליז פון חסידיזם און זיין פאַרצווייגונג און אַנטוויקלונג, און האָט באמת געגעבן זיין וואָגיקן בייטראָג צו דער געשיכטע פון חסידות.

עס האָט צוערשט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז שמעון דובנאָוו קלייבט זיך צו פאַרטיפן און פאַרברייטערן זיינע היסטאָרישע פאָרשונגען און קאָנ־צענטרירן זיך אויף דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע אין די לעצטע יאָרהונדערטן. דאָס איז אים באמת געווען אויך צום האַרצן, ווייל פון זיין נאַטור איז ער ניט געווען קיין קאַבינעט־היסטאָריקער און איז געווען וואָך און פּרינציפּיעל איינגעשטעלט צום געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן אין אַנהייב פון די אַכציקער יאָרן. און בעת זיין עלטערער ברודער שמשון איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער ביל"ו־באַוועגונג, איז געקומען קיין ארץ־ישראל און געווען איינער פון די גרינדער פון דער געזעלשאַפט שה"ו („שיבת החרש והמסגר") פאַר פּראָדוקטיווער אַרבעט — איז דער ייִנגערער ברודער שמעון געווען אַן אָנהענגער פון „עם עולם", וואָס האָט געפּרעדיקט די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע פון יידן אין אַמעריקע.

היינטצייטיקע יידישע געשיכטע און געזעלשאַפטלעכקייט, האָבן ביי שמעון דובנאָוון בעצם באַדאַרפט גיין האַנט ביי האַנט.

עס איז אָבער געשען אַזוי, אַז אין יענער צייט האָט זיך געצייטיקט די הצטרכות אין אַן אַלגעמיינער געשיכטע פון יידישן פאָלק, וואָס זאָל זיין געשריבן אויף וועלטלעכע, היינטצייטיקע יסודות. די אַלגעמיינע יידישע געשיכטע פון ד"ר צבי הירש גרעץ מיט איר סענטימענטאַל־ראָמאַנטישן און אָרטאָדאָקסאַלן צוגאַנג צו די היסטאָרישע געשעענישן איז פאַרעלטערט געוואָרן און די ערנסטע צוגאָב־באַמערקונגען פון אברהם אליהו הרכבי און

שאול פנחס ראַבינאָוויטש האָבן ניט געקענט אָפּשטעלן איר לאַנגזאַמע ירידה. שמעון דובנאָוו האָט זיך דעריבער פאַרמאָסטן צו שרייבן אַן אַלגע־מיינע געשיכטע פון יידישן פאָלק זינט די עלטסטע צייטן ביז צו אונדזער דור — אויף נייע וועלטלעכע און רעאַליסטישע יסודות.

דאָס איז ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. ער איז דערצויגן געוואָרן נאָך אויפן טעאָלאָגישן צוגאַנג צו דער אַלטער יידישער געשיכטע, פון וועלכער אים איז אויסגעקומען לאַנגזאַם זיך צו באַפרייען. אין זיין אַלגע־מיינער אַקאַדעמישער בילדונג איז ער ווייט געווען פון די קלאַסיקער פון דער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער שולע. ער איז געווען אַ תלמיד פון דער רוסישער רעאַליסטישער שולע פון קאַראַמזין, קליוטשעווסקי און קאַרעיעוו, און ערשט שפּעטער, אין מיטן זיין שרייבן די יידישע געשיכטע איז ער טיילווייז באַווירקט געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע רוסישע דענ־קער און היסטאָריקער, ווי דאָבראָליובאָוו, הערצען און טשערנישעווסקי. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָלט די גאַנצע צייט אין זוכן דעם ריכטיקן וועג ווי צו פאַרבינדן די געשעענישן פון יידישן לעבן אין יעדער צייט מיט די געשעענישן פון זייער וועלט־סביבה. די דאָזיקע פאַרבינדונג זעט אויס ערטערווייז צו זיין אַ ריין טעכנישע. בעיקר אָבער האַלט ער זיך געטריי ביים מעטאָד פון היסטאָרישן פּראַגמאַטיזם, זוכט אויס די וואָרצלען פון יעדער היסטאָרישער דערשיינונג און דערקלערט דעם פּועל־יוצא, צו וועלכן זי האָט געבראַכט און וואָס איז דערנאָך אויסגעוואַקסן אין אַ וויטערדיקער גרונטדערשיינונג. אַזוי בויט ער די דורותלאַנגע יידישע געשיכטע שיכט נאָך שיכט.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט איז שמעון דובנאָוו באַווירקט געוואָרן פון דעם געזעלשאַפטלעכן קלימאַט פון רוסישן יידנטום און פון זיין דינאַ־מישקייט. ער מייסטערט אין די לעצטע בענדער פון זיין יידישער וועלט־געשיכטע אויף אַ ריכטיקן סאָציאַלן אופן די אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלקס־לעבן. ער טרעט צו, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, צו די געשעע־נישן מיט אַ „סאָציאָלאָגישער פאַרשטענדעניש״; אַנדערש איז דאָס אָבער אין די ערשטע בענדער, וווּ ער באַהאַנדלט די אַלטע יידישע געשיכטע און די מיטלאַלטערלעכע תקופה, וווּ עס זענען פאַרלייגט געוואָרן די פונדאַ־

מענטן פון פאָלקס־לעבן און ווו אונדזערע מאַסן זײַנען צוערשט אַרײַנגעטראָטן אין זײער עקאָנאָמישן און קולטורעלן געראַנגל אויף פרעמדער ערד. דאָס אַנטפּלעקט ערטערווײַז זײַן פעלער אַלס אַ גלות־היסטאָריקער, ער ווערט באַווירקט דורך דער אַלטער טעאָלאָגישער שולע, ער פאַלט אַרײַן אין דער אַלטער אַפּאָלאָגעטיק, וועלכע זעט דאָס יידישע פאָלק אַלס אַן אײגנאַרטיקן היסטאָרישן פענאָמען, אַן אײביקן און אַנדערשדיקן, וואָס לעבט און אַנטוויקלט זיך נאָך אַנדערע עקזיסטענץ־געזעצן ווי די איבעריקע פעלקער. אַזוי, אַ שטײגער, זעט בײַ אים אויס די ווײַטגײיענדיקע סאָציאַלע רעפאָרם פון דער צײַט פון קעניג יאָשיהו בלויז ווי „אַ קערן פון אַ רעליגיעזער געזעצגעבונג".

שמעון דובנאָוו איז ניט אומפּאַרטײַאיש און במילא אויך ניט אָביעקטיוו אין זײַנע היסטאָרישע באַשרײַבונגען. ער איז אַן אויטאָנאָמיסט. ער זעט אין דער אויטאָנאָמישער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די יידישע קהילות אין דער וועלט דעם שליסל צו דער לײזונג פון יידישן פּראָבלעם. ער איז אָבער ניט דרײסט צו קריטיקירן און אָפּוואַרפן די טעריטאָריאַלע לײזונג פון דער יידן־פראַגע. ער ברענגט סכעמאַטישע שורות וועגן דער טעטיקײט פון די ציוניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונגען און וועגן דער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. ער דערשײַנט דאָ מער אַלס כראָניקער ווי אַלס היסטאָריקער. ער שרײַבט ניט מיט דער נײטיקער אויספירלעכקײט וועגן דעם איבערגאַנג פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג צום פּאָליטישן ציוניזם, וועגן דער געשטאַלטונג און אַנטוויקלונג פון אַרבעטער־ציוניזם און וועגן די פּראָצעסן פון קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל בכלל און אין די קיבוצים בפרט. סײַ אין זײַן גרויס געשיכטע־ווערק, וואָס נעמט אַרום אַלע תּקופות פון דער יידישער געשיכטע, און סײַ אין זײַנע „בריוו וועגן דעם אַלטן און נײַעם יידנטום", בלײַבט ער געטרײַ דעם תּלמודישן שפּריכוואָרט, וואָס ער האָט אויסגעקליבן אַלס מאָטאָ פאַר זײַן אויטאָנאָמיסטישער אײַנשטעלונג: "צדקה עשה הקדוש ברוך הוא לישראל שפיזרם בין האומות" („אַ חסד האָט גאָט געטאָן מיטן ישראל־פאָלק, וואָס ער האָט אים צעשפּרײט צווישן די פעלקער").

ניט געקוקט אויף דער פילזײַטיקער געראַכטער און ניט־געראַכטער

קריטיק, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין משך פון יאָרן אויף דובנאָווס פאָרשונג־שיטה און אויף זיין צוגאַנג צו די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע באַוועגונגען אין פאָלק אין דער אַלטער און נייער צייט, זעען מיר אים, אַלע אָן אויסנאַם, אַלס די צענטראַלע פיגור און אַלס דעם גרויסן גרונטלייגער פון דער היינטצייטיקער וועלטלעכער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. מען קען פון אים פיל לערנען, און אויף די פונדאַמענטן, וואָס ער האָט פאַרלייגט, לאָזט זיך ווייטער בויען און אויסבויען אַ פילזייטיקע, פאַרטיפטע און שלימותדיקע געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

אַלס היסטאָריקער — באַשענקט מיט אַ טיפן פּראָגנאָז־געפיל — אַלס ליבעראַלער דענקער און גרויסער יידישער פּאַטריאָט, האָט שמעון דובנאָוו פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט צווישן די קעמפער פאַרן גליק און וווילשטאַנד און פאַרן קולטור־אויפבלי פון אונדזער פאָלק, ווי אויך פאַרן שלום און וווילשטאַנד אין דער גאַנצער וועלט.

שוין אין אָנהייב פון אויפקום פון פאַרשאָלטענעם היטלעריזם, האָט ער געשריבן אין זיינס אַ בריוו פון בערלין צום באַקאַנטן יידישן שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו: „מיר ליידן איצט צוזאַמען מיט די דייטשן און עס איז מעגלעך, אַז מיר וועלן נאָך ליידן פון די דייטשן". — דאָס איז געווען אַ ביטערע, טראַגישע נבואה, וואָס איז אין אַ קורצער צייט אַרום מקוים געוואָרן, און אונדזער היסטאָריקער איז געווען איינער פון די בלוטיקע קרבנות, פון די קדושים פון אונדזער פאָלק.

ער האָט פאָרויסגעזען די גרויסע לעבנס־געפאַר פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער מענטשהייט און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער גערופן צו קעמפן קעגן דער דאָזיקער געפאַר.

אין יאָר 1938 שרייבט ער אין זיין אַרטיקל אין דער ניו־יאָרקער „צוקונפט": „אין פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע וואַקסן אויס פאַר אונדזערע אויגן פאָלקס־פראָנטן, פאַראייניקונגען פון די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע כוחות. מיר יידן נייטיקן זיך אין אַזאַ פאָלקס־פראָנט צום קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און דער וועלט־רעאַקציע".

און דעם 4טן מאַי 1939 שרייבט דובנאָוו צו זיין תלמיד דעם היסטאָריקער אליהו טשעריקאָווער: „וואָס טוט מען? אין פאַל פון אַ מלחמה דאַרף

מען מאָביליזירן אין אונדזער סביבה פּריוויליקע אין די אַנטי־היטלע־ריסטישע אַרמייען... אָדער מיר וועלן עקזיסטירן, אָדער מיר וועלן פאַרניכטעט ווערן צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטשהייט".

ער איז געבליבן דינאַמיש, גייסטיק וואַך, פּרינציפּיעל און קעמפעריש און פּרוכטבאַר אין זיין פאַרשערישער אַרבעט ביז די מנוולים האָבן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן אָפּגעשטעלט זיין לעבן.

אין אָנהייב פון דער שרעקלעכער תקופה האָבן אים אייניקע פון זיינע פריינד און תלמידים געראָטן אַריבערצופאָרן קיין ארץ־ישראל און קאָנצענטרירן זיך אין שרייבן ווייטער זיינע פּרוכטבאַרע און אינטערעסאַנטע זכרונות, מיט וועלכע ער האָט זיך לעצטנס פאַרנומען. ווען ער וואָלט זיך אָפּגערופן אויף דעם דאָזיקן באַצייטנס געקומענעם רוף, וואָלט ער ניט נאָר געראַטעוועט זיין לעבן פון די טמאהדיקע מערדערישע הענט, ער וואָלט אַחוץ דעם געהאַט דעם זכות צוצוקוקן זיך פון דער נאָענט צו דעם אויפקומענדיקן נייעם לעבן אין ארץ־ישראל און וואָלט אפשר נאָך אויך געהאַט די געלעגנהייט צו רעווידירן און גרונטיק צו ענדערן זיין צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע און דעם כאַראַקטער פון זיינע פאָרשונגען.

נאָך דעם ווי עס האָט זיך איינגעשטעלט דער נאַצי־רעזשים אין דייטשלאַנד, האָט דער אַלטער יידישער היסטאָריקער פאַרלאָזן בערלין און האָט געפונען אַן אַזיל אין ריגע, דער הויפּטשטאָט פון לאַטוויע, זיך באַזעצט אין דער זומער־וווינונג פון קייזערוואַלד, אין שכנות פון ריגע, און האָט פאָרגעזעצט שרייבן זיינע זכרונות. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָ וועט ער אויסמיידן די בלוטיקע האַנט פון די פאָלקס־מערדער. פון דאַנען איז ער אָבער באַלד אַרויסגעפירט געוואָרן דורך די נאַצישע באַנדיטן און געבראַכט געוואָרן אין ריגער געטאָ, ווו ער האָט זיך געפייניקט צוזאַמען מיט די מאַסן פון אונדזער פאָלק.

אין זיין ענגן צימער אין געטאָ האָט ער מיט טרויער און יסורים ווייטער געשריבן זיינע זכרונות, וואָס זיינען זיך פונאַנדערגעוואַקסן און אָנגעקליידט אין לבוש פון גייסטרייכע קאַפּיטלעך פון היינטצייטיקער יידישער געשיכטע. חוץ דעם איז ער צוגעטראָטן זאַמלען און באַאַרבעטן דאָקומענטן וועגן דער געשיכטע פון געטאָ.

פונקט ווי זיין אויסגעצייכנטער און פלייסיקער תלמיד ד״ר עמנואל רינגעלבלום, האָט אויך שמעון דובנאָוו אויסבאַהאַלטן זיינע כתבים אין אַ זייטיק ווינקל פון געטאָ. ליידער, זיינען זיי ניט אָפּגעפונען געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג. אין דער אַרבעט פון פאַרבאַהאַלטן די כתבים, האָט דובנאָוון צוגעהאָלפן זיין געטרייער פריינד שמעון וויטענבערג, וועלכער איז מיט אים צוזאַמען געווען אין געטאָ און האָט זיך צו אים שטאַרק צוגעבונדן. עס איז אים אויך אויסגעפאַלן צו באַגלייטן דעם אַלטן יידישן היסטאָריקער אויף זיין לעצטן וועג, דעם 30סטן נאָוועמבער 1941. ער אַליין האָט אָבער ניט פיל איבערגעלעבט זיין אומגעקומענעם פריינד. ער איז דורך די דייטשישע רוצחים פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד און דאָרט אומגעקומען. אַזוי אַרום בלייבט ביזן היינטיקן טאָג ניט באַקאַנט דאָס אָרט, ווו עס זיינען באַגראָבן געוואָרן דובנאָווס לעצטע כתבים.

אברהם שפּאַנגען, איינער פון די וויניקע געראַטעוועטע פון ריגער געטאָ, דערציילט, אַז כל־זמן דער אַלטער היסטאָריקער איז געווען אין געטאָ האָט ער מיט דער יוגנט געפירט שמועסן, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון אָפּטימיזם און סאָציאַלן פּראָגרעס. ער האָט זיי אויך אין אַלע געשפּרעכן אָנגעוויזן, אויפן יסוד פון היסטאָרישע ביישפּילן, אַז אין ענד פון אַלע גזירות און עינויים וועט שטענדיק זיגן דאָס לעבן, די פרייהייט און דער פּראָגרעס. ער האָט אויך אונטערגעשטראָכן אין זיינע געשפּרעכן, אַז אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דער ביז איצטיקער געשיכטע, איז ניט מער ווי אַ טראָפּן אין ים און אַז די יידישע געשיכטע הייבט זיך בעצם ערשט אָן ביים היינטיקן טאָג. און ווען ער איז געפירט געוואָרן אויף זיין לעצטן וועג האָט ער אויסגעשריען ווי אַ מין צוואה צום פאָלק: „יידן, פאַרגעסט ניט, פאַרשרייבט!״

דאָס פאָלק פאַרגעסט טאַקע ניט און שרייבט זיין היינטצייטיקע געשיכטע, די געשיכטע פון גבורה און קרבנות, פון קאַמף און פון אויפבוי מיט אותיות פון גאָלד און פון בלוט, און אַלס געהייליקט קאַפּיטל אין דער געשיכטע שטראַלט אויף די געשטאַלט פון דעם שעפערישן היסטאָריקער, דעם נאַציאָנאַלן העלד און קרבן — דעם קדוש שמעון דובנאָוו.

ער שטייט פאַר מיינע גייסטיקע אויגן ווי אַ לעבעדיקער, ווי איך האָב

אים געזען אין פּעטערבורג ערב דעם ערשטן וועלט־קריג אין דער אויפבלי־צייט פון זיין וויסנשאַפטלעכער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איך האָבן געהאַט דעם זכות מיט אים מיטצואַרבעטן אין דער פון אים געגרינ־דעטער יידישער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט און אין דער „יידישער ענציקלאָפּעדיע״ פון בראָקהויז־עפראָן, ווו ער האָט רעדאַקטירט די היסטאָרישע אָפּטיילונג. דעריבער טראָג איך אַלע יאָרן אַ טאָפּלטן צער און טרויער אויף דעם, וואָס זיין פּראָדוקטיוו גרויס לעבן איז אַזוי אַכזריות־דיק פאַרשניטן געוואָרן דורך די בלוטיקע רשעים.



יוסף קלויזנער

זאַט מיט יאָרן און מיט פּראָדוקטיווער פאָרשונגס־אַרבעט איז דעם 27סטן אָקטאָבער 1959 געשטאָרבן אין תל־אביב אין עלטער פון 85 יאָר דער פּאָפּולערער ישראלדיקער היסטאָריקער און ליטעראַטור־פאָרשער פּראָפ. יוסף קלויזנער. העכער 60 יאָר איז ער געווען טעטיק אין דער העברעאישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט און ביז זיין אַריבערפאָרן פון אָדעס קיין ירושלים — אויך אין דער רוסיש־יידישער ליטעראַטור.

ניט געקוקט אויף זיין ענג־נאַציאָנאַליסטישן צוגאַנג צו היסטאָרישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון יידנטום, איז ער געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ וועלטלעכער און סיסטעמאַטישער מאָדערנער פאָרשונג פון דער אַלטער יידישער געשיכטע,

באַזונדערס פון דער גריכיש־רוימישער תקופה. אין דעם פּרט איז ער באַזונדער געווען באַאיינפלוסט פון די גרינטלעכע פאָרשונגען פונעם דייטשישן געלערנטן פּראָפ. עמיל שירער. ער האָט גוט און פלייסיק באַ־אַרבעט און פּאָפּולאַריזירט די גרונט־קוואַלן, וואָס שירער האָט צוזאַ־מענגעבראַכט.

ער האָט זיך אָבער מיט דער צייט דערהויבן צו אַ באַזונדערס הויכער מדרגה און האָט זיך קונה געווען אַ נאָמען אין דער וועלט־וויסנשאַפט מיט זיינע צוויי אָריגינעלע פאָרשונג־אַרבעטן: „ישו הנוצרי" און „מישו עד פּאַולוס", ווו ער האָט באַלויכטן — אויפן גרונט פון רעאַלע היסטאָרישע מאַטעריאַלן — די פּערזענלעכקייט און דעם נאַציאָנאַלן או אוניווערסאַלן כאַראַקטער פון יעזוס און פון זיינע תלמידים. ער האָט געזען אָפּצושיידן דעם מיטאָלאָגישן עלעמענט אין דער קריסטוס־לעגענדע פון די היסטאָ־ריש־באַגלויבטע פאַקטן, און אַלס פריידענקנדיקער ניט־קריסטלעכער היס־טאָריקער האָט ער געפּרוווט אויסבויען וויסנשאַפטלעך איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען פון דער יידישער געשיכטע.

זיינע צוויי דערמאָנטע ווערק זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פיל מערבדיקע און מזרחדיקע שפּראַכן. זיינע לערנביכער און האַנטביכער איבער אַלטער יידישע געשיכטע האָבן זוכה געווען צו אַ גרויסער פאַר־שפּרייטונג.

אינטערעסאַנט איז אָבער דער פאַקט, אַז דער העברעאישער אוני־ווערסיטעט אין ירושלים, פון וועלכן ער איז געווען איינער פון די ער־שטע טרוימער און פּראָפעסאָרן, האָט אים ניט פאַרטרויט די קאַטעדרע פון אַלטער יידישער געשיכטע און אויך ניט פון דער אַלטער העברעאי־שער ליטעראַטור. זיין צוגאַנג צוביידע קוועלן פון פאָרשונג איז געווען אַ צו־מאָדערנער און וועלטלעכער. אין משך פון די 30 יאָר, אין וועלכע דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַקאַדעמיש טעטיק אין דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט ער מיט אַן אויסערגעוויינלעכן פלייס פאַרנומען זיך מיט פאָרשונגען און פּעדאַגאָגישער אַרבעט אויף אַ געביט, וואָס איז בכלל ניט געווען אויסגעפאָרשט און באַאַרבעט — אויפן געביט פון דער געשיכטע פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון דער

פריִעסטער השכלה־צייט. זיינע וואָגיקע, סיסטעמאַטיש און אויספּירלעך באַאַרבעטע בענדער פון דער „געשיכטע פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור" האָבן זיך אַרויסגערוקט מיט דער צייט אין צענטער פון זיין פּראָדוקטיווער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

ניט ווייניקער איז פּראָפ. יוסף קלויזנער געווען טעטיק אויפן געביט פון דער העברעאישער שפּראַך־וויסנשאַפט. שוין איינע פון זיינע ערשטע יוגנט־אַרבעטן „שפה עברית — שפה חיה" איז אַ חשובער ביטראַג צו דער פאָרשונג און אַ וויכטיקער אָנהאַלט צו דער באַנייאונג און אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך. ער איז אַרויס פון די ענגע גרעניצן פון גראַמאַטישער, פילאָלאָגישער פאָרשונג און האָט געפּרוווט אויפדעקן דעם גייסט און די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דער שפּראַך זינט דער ביבלישער און תלמודישער תקופה. ער האָט דאָס שפּעטער געטאָן אין אַ גרויסער סעריע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטן, דערהויפּט אין דער ירושלימער תקופה פון זיין אַרבעט.

שוין אין די לעצטע יאָרן פון זיין רוסלענדישער לעבנס־תקופה, ווען ער האָט לאַנגע יאָרן רעדאַקטירט דעם העברעאישן חודש־זשורנאַל „השלוח", האָט ער פאַרעפנטלעכט שפּראַך־ביילאַגעס מיט וויכטיקע אַרטיקלען פון געלערנטע און שרייבער אונטערן נאָמען „שפתנו" („אונדזער שפּראַך").

אָנקומענדיק קיין ירושלים אין יאָר 1919, האָט ער נאָך דעם טויט פון אליעזר בן יהודה, דעם פלייסיקן פּיאָנער פון דער העברעאישער שפּראַך־אויפלעבונג, איבערגענומען דעם פּאָסטן פון וויסנשאַפטלעכן סעקרעטאַר פון העברעאישן שפּראַך־קאָמיטעט („ועד הלשון העברית"), האָט געהאַלטן רעפעראַטן וועגן שפּראַך־פּראַגן און האָט רעדאַגירט די זאַמלביכער פון דעם שפּראַך־קאָמיטעט. שפּעטער האָט דער קאָמיטעט אויך אַרויסגעבן זיין ניי־באַאַרבעט בוך „שפה עברית — שפה חיה" (די העברעאישע שפּראַך — אַ לעבעדיקע שפּראַך"). זינט דעם יאָר 1926 איז ער געוואָרן דערווײלט — צוזאַמען מיט דוד ילין, חיים נחמן ביאַליק און ד"ר אהרן מאיר מזיא — אַלס פּרעזידענט פון העברעאישן שפּראַך־

קאָמיטעט, שפּעטער, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן, אין יאָר 1953, די העברעאישע שפּראַך־אַקאַדעמיע, איז ער צוזאַמען מיט פּראָפ. נפתלי הערץ טור־סיני (טאָרטשינער) דערווײלט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע, וועלכע דערפילט איצט מלוכה־פונקציעס אויפן געביט פון דער שפּראַך.

פּראָפ. קלויזנער איז געווען אַ שטענדיקער מיטגליד פון אַלערליי פאַך־קאָמיסיעס, וואָס האָבן אין משך פון די יאָרן אויסגעאַרבעט די נייטיקע טערמינאָלאָגיע פאַר די פאַרשיידענע געביטן פון וויסנשאַפט און פּראַקטישן געברויך, ווי למשל, מאַטעמאַטיק, אַנאַטאָמיע, כעמיע, היגיענע, סטאָלעריי, שלאָסעריי, שמידעריי, שטיינהאַקעריי, בוך־וועזן און אַנדערע. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע טערמינען איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון גערעדטן אַלטעגלעכן העברעאיש און פון דער שול־בילדונג .

באַזונדער שטאָלץ איז פּראָפ. קלויזנער געווען מיט זיינע שפּראַך־פאָרשלאָגן, וואָס ער האָט געמאַכט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, אין די יוגנט־טעג פון גערעדטן העברעאיש, און וועלכע זיינען שוין לאַנג אַריין אין בלוט און פלייש פון דער שפּראַך, אַזוי אַז מען קען זיך ניט פאָרשטעלן, ווי איז מען אַמאָל אויסגעקומען אָן זיי. ער איז געוואָרן — צווישן אַנדערע אויסדרוקן — דער פאָטער פון די ווערטער „שעון" (אַ זייגער), „עפרון" (אַ בליישטיפט) און „עתון" (אַ צייטונג).

ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 85 יאָר, און ביז די לעצטע חדשים פאַר זיין טויט איז ער געווען גייסטיק פריש און אַרבעטס־פעאיק. ער האָט די לעצטע יאָרן אויפסניי רעדאַקטירט זיינע פריערדיקע כתבים און געשריבן נייע. ער האָט אויך דערפילט די פונקציעס פון אַ הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער גרויסער העברעאישער ענציקלאָפּעדיע.

זיין וויסנשאַפטלעכער פלייס און זיין אַרבעטספעאיקייט קענען דינען אַלס באַלערנדיקער ביישפּיל און מוסטער פאַר געלערנטע און שרייבער אין ישראל און אין גאָר דער וועלט.

פעטער (פסח) מאַרעק

אין אַ האַרבסט־טאָג פונעם יאָר 1919 איז אין אַ קליין רוסיש שטעטל ביי דער וואָלגע, אין שווערע יסורים, געשטאָרבן דער יידישער היסטאָריקער און פאָלקלאָר־פאָרשער פעטער (פסח) מאַרעק. שטיל און ערנסט האָט ער געלעבט, שטיל און ערנסט האָט ער געשאַפן און אין דער שטיל איז ער געשטאָרבן ווייט פון די פאַר וועמען ער האָט געלעבט און געשאַפן. פעטער מאַרעק האָט געהערט צו יענע פערזענלעכקייטן, וועלכע זענען ניט באַקאַנט אין די ברייטע קרייזן נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען דאָס גאַנצע לעבן געווען צו ערנסט און באַשיידן, האָבן זיך אָפּגעגעבן מער מיט פאָרשן ווי מיט שרייבן און זיינען זעלטן ווען אַרויסגעטראָטן מיט עפנטלעכע רעפעראַטן.

ער איז געווען אַ זון פון יידישן תחום, אַן אָפּשטאַמיקער פון קאָוונער גובערניע. ער האָט פערזענלעך איבערגעלעבט די השכלה־צייט מיט אירע זוכענישן און געזעלשאַפטלעכן גערעאַנגל. יענע תקופה האָט אים איבערגעלאָזט בירושה פיל וויסן און פיל איבערלעבנישן. ער האָט זי אָבער איבערוואונדן, אויסגעלעבט און איז צוגעגאַנגען צו זיינע פאָרשונגען פון אַן אָביעקטיווער היסטאָרישער פערספּעקטיוו.

ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ לעבנס־אויפגאַבע צו פאַרנעמען זיך מיט דער פאָרשונג פון דער היינטצייטיקער אַנטוויקלונג פון עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן פון רוסישן יידנטום און האָט זיך אָפּגעגעבן קודם כל מיטן זאַמלען צו דעם צוועק כלערליי מאַטעריאַלן, ווי, למשל, רעגירונגס־באַפעלן, פּנקסים פון יידישן קהילות, זכרונות, בריוו און אַנדערע דאָקומענטן, אין וועלכע עס געפינט וויפל ניט איז איר אויסדרוק די עקאָנאָמיק און קולטור פון יידישן כלל.

אין דער אַטמאָספער פון פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט אין צאַרישן רוסלאַנד און מיט באַגרעניצטע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן האָט ער פליי־סיק געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר זיין פּריוואַטן אַרכיוו. צו דעם צוועק האָט ער געפירט אַן אַקטועלע קאָרעספּאָנדענץ מיט פיל מענטשן, איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, האָט אויסגעזוכט אַלטע פּנקסים פון קהילות און חברות, אַלטע אויפ־שריפטן אויף מצבות, נאָטיצן און פּריוואַטע בריוו פון מלוכה־באַאַמטע און כלל־טוער, שול־אַרכיוון אאַז״וו. — אין אַלעם האָט ער געפונען אַן אינהאַלט. אַלץ האָט ער געזאַמלט און ניט נאָר געזאַמלט, נאָר אין לאַנגע אָוונט־שעהען ביז שפּעט אין דער נאַכט סיסטעמאַטיזירט און באַאַרבעט.

פּעטער מאַרעק איז געווען בעצם אַ קולטור־היסטאָריקער. ער האָט געהאַט אַ באַזונדער זין און געשמאַק, אַ באַזונדער גייסטיקע נטיה צו דער פאָרשונג פון דער היינטצייטיקער יידישער קולטור. ער האָט אָבער געוווּסט דעם טיפן צוזאַמענהאַנג צווישן קולטור און עקאָנאָמיק און האָט שטענדיק געוווּסט אַרויסצוגעפינען די ווירטשאַפטלעכע סיבות, וואָס האָבן געווירקט אויף דעם קולטור־צושטאַנד פון די מאַסן. אויך אין זיינע פאָר־שונגען פון דער השכלה־באַוועגונג באַמיט ער זיך אויפצודעקן דעם עקאָ־נאָמישן און איבערהויפּט פּאָליטישן יסוד אירן.

אויסער זיינע פילצאָליקע אַרטיקלען, וועלכע זיינען צעזייט אין פאַר־שידענע רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך אויף רוסיש א. ג. „קאַפּיטלעך פון דער בילדונגס־געשיכטע פון די רוס־לענדישע יידן״, וואָס ער האָט שפּעטער משלים געווען דורך זיין לעצט בוך, וואָס ער האָט פאַרענדיקט שרייבן אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט א. נ. „גע־שיכטע פון דער יידישער אינטעליגענץ״, און אויף וויפל איך ווייס, איז עס געבליבן עד היום אין כתב־יד.

פיל איז געשריבן געוואָרן וועגן דער השכלה־צייט, פון פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן זיינען באַלויכטן געוואָרן די איינצלנע עפּיזאָדן און די ליטע־ראַרישע שאַפונגען פון דער דאָזיקער תקופה, אָבער ערשט פּעטער מאַרק און זיין נאָענטסטער פריינד און חבר שאול גינזבורג זיינען געווען די ער־שטע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער זייט פון דער השכלה־באַוועגונג. זיי אַליין זיינען שוין ניט מער משכילים, וואָס

שטעקן נאָך אַלץ אין דער השכלה־צייט און ווערן פאַרשלונגען דורך דער משכילישער פראַזעאָלאָגיע און ראָמאַנטיק. פּעטער מאַרעק איז תופס די תקופה אַלס אָביעקטיווער היסטאָריקער און סאָציאָלאָג. דאָס איז פאַר אים לגמרי ניט בלויז אַ ליטעראַרישע און פּובליציסטישע ריכטונג, וואָס האָט איר אָרט אין דער קולטור־ און ליטעראַטור־געשיכטע, נאָר דאָס איז אַ סאָציאַל־היסטאָרישע תקופה אין לעבן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. אין דער השכלה־באַוועגונג האָבן געווירקט, ווי פּעטער מאַרעק קלייבט זיך אויספירלעך פונאַנדער, דריי סאָציאַלע כוחות: 1) די רוסישע מלוכה, וועלכע האָט זיך געמיט צוליב אירע אינטערעסן אָפּצושוואַכן די רעליגיעזע געפילן פון די יידישע מאַסן, עוקר זיין די תלמודישע בילדונג און אויפרייבן און אַסימילירן די יידן דורך פאַרשפּרייטונג פון פרעמדער וועלטלעכער בילדונג. 2) אַלס קעגנקראַפט האָט געווירקט אין דער השכלה־צייט די יידישע מאַסע, וועלכע, פילנדיק די געפאַר, וואָס דראָט דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַראייניקט אירע רייען, וואָס זיינען פריער צעשפּאָלטן געוואָרן דורך דער חסידישער באַוועגונג, און האָט געבילדעט אַ שותפישן פראָנט צום קאַמף ניט קעגן וועלטלעכע קענטענישן און בילדונג בכלל, נאָר קעגן דעם פּאָליטישן פאַרמעסט צו טויטן די יידישע טראַדיציע דורך בילדונג, אַרויסרייסן דעם יידישן גייסט און איינהאַלט דורך פרעמדע רוסיפיקאַטאָרישע שולן. דעם דריטן כוח אין דער השכלה־באַוועגונג האָט געבילדעט די יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט געשטרעבט צו געפינען אַ סינטעז צווישן די אינטערעסן פון פאָלק און די טענדענצן פון דער רעגירונג.

אין זיינע יוגנט־יאָרן, אין די 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז פּעטער מאַרעק געווען איינער פון די, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער מאָסקווער סטודענטישער איניציאַטיוו־גרופּע פון די „בני־ציון", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך מנחם אוסישקין, יחיאל טשלענאָוו, יעקב מזאה, יחיאל יוסף לעוואָנטין און אַנדערע. ער איז אָבער ניט געגאַנגען מיט זיי צו ווייט, איז ניט געווען צו עקסטרעם. אין דער האָפענונג אויף אַ בעסערער און זיכערער צוקונפט האָט ער זיך ניט אָפּגעריסן פון דער קעגנוואַרט. ער איז געווען דער ברייטהאַרציקער סינטעטיקער. מסתמא שוין דאַן האָט ער

פאַרטראַכט צוצוגרייטן צוזאַמען מיט שאול גינזבורגן די גרעסערע זאַמלונג פון „יידישע פאָלקסלידער אין רוסלאַנד״ (1901).

אַלע נאַציאָנאַלע גיטער אָן אונטערשיד זענען, ווי עס האָט אויפגעפאַסט פעטער מאַרעק, די גייסטיקע כלי־זיין פון פאָלק אין זיין דויערנדיקן עקזיסטענץ־קאַמף. ער שמידט און מייסטערט זיי אין משך פון דורות, און דער חוש פון קיום זאָגט אים שטענדיק אונטער ער זאָל גיין אין זיין היסטאָרישן וועג אַ סאָציאַל און קולטורעל גוט־באַוואָפנטער און ער זאָל ניט אָפּזאָגן זיך פון איין כלי־זיין ביז ער האָט ניט אויסגעשמידט בינתיים אַ בעסערן, אַ זיכערערן.

צו די דאָזיקע גייסטיקע כלי־זיין פונעם פאָלק געהערט אויך די אמונה און די שפּראַך. ווי די השכלה האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט אַרויסרייסן לחלוטין די רעליגיעזע טראַדיציע, אַזוי קען אויך העברעאיש אַלס שפּראַך ניט אַרויסרייסן יידיש און ניט, פאַרקערט, יידיש — העברעאיש. ווי אין פריערדיקן דור האָט מען באַדאַרפט געפינען אַ סינטעז צווישן תורה און השכלה, וועט איצט נאָך לייכטער זיין צו געפינען אַ סינטעז צווישן העברעאיש און יידיש, ווייל פריער האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם קערנדיקן אינהאַלט פון דער פאָלקס־קולטור און דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן איר שפּראַכלעכן לבוש.

דעם דאָזיקן סינטעטישן שטאַנדפּונקט האָט פעטער מאַרעק פאַרטראַטן בשעת זיין מעריאַריקער אַרבעט אין דער מאָסקווער אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט „מפיצי השכלה״ און שפּעטער — אין דער מאָסקווער קהילה. אין זיין האַרץ האָט זיך געפונען גענוג ליבע און רעספּעקט צוביידע שפּראַכן, ווי ביים פאָלק גופא, וואָס האָט דעם דאָזיקן שפּראַך־צווילינג געשאַפן.

פיל איז מאַרעק אַרומגעפאָרן איבערן „תחום״ אין די שול־ענינים פון „מפיצי השכלה״. ער האָט ערנסט אויסגעפאָרשט די לאַגע פון יעדער שולע, פון יעדער תלמוד־תורה, פון יעדער ביבליאָטעק, און בעת מעשה זיך צוגעקוקט צום יידישן לעבן, צו די אייגנטימלעכע געזעצן פון זיין אַנטוויקלונג, וואָס עס מוז שטודירן דער היסטאָריקער.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער, צוליב זיין שוואַכן געזונט־

צושטאַנד, מער געווען צוגעבונדן צו זיין מאָסקווער היים און האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט דער אַקאַדעמישער און פֿאָרשערישער אַרבעט.

ער האָט זייער ערנסט געטראַכט וועגן גרינדן אַ יידישן היסטאָרישן זשורנאַל אין מאָסקווע.

אין יאָר 1917 האָט ער געלייענט אין שאַניאַווסקיס באַקאַנטער ליבע־ראַלער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט פֿאַר אַ באַדייטנדיקער צאָל צוהערער זיין קורס וועגן דער געשיכטע פֿון יידן אין פּוילן און ליטע. דער קורס האָט געהאַט גרויס דערפֿאָלג און האָט אים דערוועקט ווייטער צו אַנטוויקלען זיין אַקאַדעמישע טעטיקייט אין ראַם פֿון דער ניי־געגרינדעטער יידישער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט. די אויסגעבראָכענע שטורמישע כוואַליעס פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן אָפּגעשטעלט די פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַלע פּלענער.

נאָך אין יאָר 1918 האָבן מיר, אַ גרופּע יידישע געלערנטע און שריי־בער אין מאָסקווע, געגרינדעט, לויט מיין איניציאַטיוו, אַ יידיש היסטאָרישן קרייזל מיט דער קולטור־טוערין סאָפיאַ קצין אַלס סעקרעטאַרין. דאָס קרייזל פֿלעגט זיך פֿאַרזאַמלען ביי אים אין זיין דירה און האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ קאָלעקטיווע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט, וואָס האָט זיך אָבער איבערגעריסן צוליב מאַרעקס קראַנקייט, צוליב דער געענדערטער פּאָ־ליטישער קאָניונקטור און צוליב דער עצם־אָפּשוואַכונג פֿון די טראַדיציעס פֿון דער וויסנשאַפֿט, מיט וועלכער די רעוואָלוציע האָט זיך פֿאַרגעבן.

פּעטער מאַרעק איז געבליבן געטריי דער יידישער וויסנשאַפֿט ביז צו זיין טויט. איינפּאַקנדיק זיינע ניט־פֿאַרענדיקטע מאַנוסקריפּטן און זיינע נאָך ניט אויסגענוצטע אַרכיוו־ און צייטונגס־מאַטעריאַלן, איז ער אַוועק־געפֿאָרן שוין אָן ערנסט קראַנקער, נאָך אַן אָפּעראַציע, אין דער שטילער וואָלגאַ־פּראָווינץ, כדי דאָרט צו פֿירן ווייטער זיין וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט. דאָרטן, ביי דער אַרבעט, איז ער געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ניט געדרוקטע גרעסערע אַרבעט וועגן דער געשיכטע פֿון דער יידישער איג־טעליגענץ. דער גורל פֿון דער דאָזיקער אַרבעט און פֿון זיינע אַנדערע מאַנוסקריפּטן איז מיר ניט באַקאַנט.

פּעטער מאַרק איז געשטאָרבן, אָבער זיין ווערט פֿאַר דער יידישער

היסטאָרישער וויסנשאַפט בלייבט דויערהאַפטיק אויף לאַנגע דורות. ווען זיינע מאַנוסקריפטן, וואָס געפינען זיך מן הסתם אין די סאָוויעטישע מלוכה־אַרכיוון, וועלן ווערן אויסגעפאָרשט און פאַרעפנטלעכט, וועט ער בעסער אָפּגעשאַצט ווערן דורך דער יידישער און אַלגעמיינער היסטאָרי־שער וויסנשאַפט.



בער באָראָכאָוו

איך האָב בער באָראָכאָוון פּערזענלעך ניט געקענט. איך בין אָבער מיט אים געשטאַנען אין גייסטיקן קאָנטאַקט סיי אידייאיש און סיי וויסנ־שאַפטלעך.

אידייאיש איז ער מיר געווען באַקאַנט און נאָענט אַלס פּאַרטיי־חבר פון מיין פאָטער יוסף, וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין רוסלאַנד אין יאָר 1898. בער באָראָכאָוו איז גע־קומען אין דער באַוועגונג מיט פינף יאָר שפּעטער ווי מיין פאָטער. זיין אַרבעט־צענטער איז געווען בעיקר אוקראַינע, בעת מיין פאָטער האָט מיט אַ צייט פריער מיט זיין געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט און רעדנער־

טאַלאַנט אָפּגעהאַלטן גרויסע דערפאָלגן אין זיין פּאַרטיי־ אַרבעט אין ווייס־רוסלאַנד און ליטע און שפּעטער אויך אין פּוילן.

שפּראַך־וויסנשאַפטלעך האָבן מיר זיך באַקענט אויך ניט פּערזענלעך, נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון מיין פריינד און חבר, דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער שמואל ניגער, ביי וועמען באָראָכאָוו האָט אָנגעפרעגט וועגן מיין גרעסערער אַרבעט „די געאָגראַפישע גרעניצן פון אונדזער שפּראַך און אירע אויסשפּראַכן", וועלכע ער און א. ווייטער האָבן פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1908 אין די דורך זיי רעדאַגירטע „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן".

פון זיין נאַטורדרייכער אוקראַיִנישער געבוירנשטאָט זאָלאָטאָנאָשאַ, פון זיין משכּיליש־אינטעליגענטישן עלטערן־הויז איז בער באָראָכאָוו צוערשט געקומען קיין פּאָלטאַווע לערנען אין דער דאָרטיקער רוסישער מיטלשול און גאַנץ פרי האָט זיך אַנטפּלעקט זיין גרויסע אויפנעם־קראַפט און זיין נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַקטיווקייט.

ווי באָראָכאָוו דערציילט אין זיינע זכרונות, האָט ער זיך צוערשט אָנגעשלאָסן אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָבער באַזיצנדיק שוין פון אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע וועלט־השקפה, האָט ער געלייענט שוין אין די יאָרן 1900—1901 אין פּראָלעטאַרישן יוגנט־קלוב אין יעקאַטערינאָסלאַוו פאָרלעזונגען וועגן ציוניסטישן סאָציאַליזם.

אין יאָר 1904 בשעתן גרויסן אוגאַנדאַ־קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער שטאַרקער טעריטאָריאַליסטישער אָפּנייגונג, רופט זיך באָראָכאָוו אָפּ אויפן רוף פון די „ציוני־ציון" מיט מנחם אוסישקין בראש און פאַרנעמט זיך מיט אַ גרונטיק אַרגומענטירטער פּראָפּאַגאַנדע פאַרן פּאַלעסטיניזם. ער ווערט שטאַרק באַאיינפלוסט דורך דעם אויפרוף פון ארץ־ישראלדיקן לערער יוסף וויטקין, וואָס יענער האָט פאַרעפנטלעכט אין נאָמען פון אַ „גרופּע ארץ־ישראל־יוגנט" אין יאָר 1905. אָבער שוין אין דעם זעלביקן יאָר — אונטערן איינפלוס פון דער אַלגעמיינער און יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — שליסט ער זיך אָן אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, פריער דער לאָקאַלער און באַלד דער אוקראַיִנישער קרייז־באַ־

ווענונג, און אין משך פון געציילטע חדשים וואַקסט ער אויס, אַ דאַנק זיינע גאונישע פעיקייטן, שנעלער תפיסה, אַקטיווקייט, נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אָריענטאַציע, אַלס דער פירער און טעאָרעטיקער פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג.

אינעם זעלביקן יאָר דערשיינט אויף רוסיש זיין ערשטע אַרבעט „די קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע".

דאָס איז געווען דער ערשטער וואָגיקער טריט אויפן וועג צו באַגרינדן וויסנשאַפטלעך, היסטאָריש־מאַטעריאַליסטיש און מאַרקסיסטיש דאָס יידישע פּראָבלעם, וואָס איז פריער באַהאַנדלט געוואָרן אין די פּראָלעטאַרישע קרייזן אויבנאויפיק און איינזייטיק אין דעם „בלאָען ביכל" פון די מינסקער „פּועלי־ציון" אָדער „אינטעליגענטיש" און פאַרשידנזייטיק אין די זאַמלביכער „וואָזראָזשדיעניע" פון די „סיימיסטן"..

באַלד נאָך דער פּאָלטאַווער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „פּועלי־ציון, דעצעמבער 1905, אויף וועלכער בער באָראָכאָוו איז דערשינען אַלס דער אָנערקענטער גייסטיקער לערער און פירער פון דער באַוועגונג, איז דערשינען זיין „אונדזער פּלאַטפאָרם", פריער אין רוסישן אָריגינאַל און שפּעטער אין זלמן רובאַשאָווס יידישן נוסח. דאָס איז געווען אַ גוט־באַגרינדעט פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, אין וועלכער „עס זיינען געגעבן געוואָרן צו פאַרשטיין די סיבות און פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אין דער יידישער געשיכטע און אַרויסגעפירט די געהעריקע מסקנות לגבי דעם ראַדיקאַלן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע דורך דעם אויפבוי פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער מדינה אין ארץ־ישראל".*

נאָך אַ לענגערע צייט פלעגט באָראָכאָוו שרייבן זיינע אַרטיקלען אויף רוסיש, אָבער גלייך נאָך דער פּאָלטאַווער קאָנפערענץ האָט זיך דער צענטער פון דער באַוועגונג אַריבערגעטראָגן פון אוקראַינע קיין ליטע, ווייסרוסלאַנד און פּוילן מיט זייער יידיש־ריידנדיקן מאַסן־יידנטום, און באָראָכאָווס „אונדזער פּלאַטפאָרם" אין יידיש איז געוואָרן דאָס גרונטבוך פון דער באַוועגונג און די באַזע פון איר טעאָרעטישן פונדאַמענט.

* זרובבל — „געשטאַלטן". י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1967, זייט 23.

בער באָראָכאָוו אַליין האָט זיך „פאַריידישט". ער האָט אָנגעהויבן שרייבן און האַלטן זיינע פאָרלעזונגען אויף יידיש און האָט ניט נאָר פּראַק־טיש באַהערשט אויף אַ גרונטיקן אופן די יידישע שפּראַך, נאָר האָט זיך מיט זיין גאוֹנישקייט דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון אַן ערשטן גרונטיקן פאָרשער פון יידישן לשון.

מיט אַ מאַרקסיסטישער געדאַנקען־קלאָרקייט האָט באָראָכאָוו נאָך אויסגעדריקט זיך אין אַ געשפּרעך מיט א. טשעריקאָווערן: „איך בין צו דעם געקומען דורך מיין פּועלי־ציוניזם. בכדי צו אַרבעטן פאַר דער פאָלקס־מאַסע דאַרף מען קענען איר שפּראַך".

פון באָראָכאָווס טיפן און קלאָרן אינטעלעקט, פון זיין געזעלשאַפט־לעכן באַוווּסטזיין זיינען אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן און זיך געלאָזט גלייכ־צייטיק מעטאָדאָלאָגיש באַאַרבעטן צוויי זעלבשטענדיקע דיסציפּלינען: די דיאַלעקטישע באַגרינדונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך.

ביידע דיסציפּלינען זיינען געווען ניי, ניט דערפאָרשט און ניט פאָר־מולירט וויסנשאַפטלעך. די פאָרשונגען פון דער יידישער שפּראַך האָבן זיך פאַר זיין צייט געפירט טיילווייז אַקאַדעמיש דורך יידישע און ניט־יידישע פאַך־געלערנטע אין מערב־אייראָפּע, אָבער עס האָט אין זיי געפעלט דער מינדסטער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיטן גערעדטן יידישן לשון פון די מאַסן.

נאָך לאַנגע שטודיר־יאָרן האָט זיך בער באָראָכאָוו דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ פּיאָנערישן און אינהאַלטרייכן פאָרשער פון דער יידי־שער שפּראַך. די אַלע, וואָס האָבן שפּעטער געאַרבעט און אַרבעטן נאָך ביזן היינטיקן טאָג ווייטער אויף דעם דאָזיקן געביט, מוזן בויען זייערע פאָרשונגען אויף די יסודות, וואָס עס האָט פאַרלייגט בער באָראָכאָוו.

זיין שפּראַך־פאָרשונג איז געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין וועלט־השקפה און מיט זיין פאָלקס־אַרבעט. דאָס איז אין קיין פאַל ניט געווען קיין קאַבי־נעטישע גריבלעריי אין די אותיות פון דער שפּראַך.

שוין אין זיין ערשטער אַרבעט, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „פנקס" אין יאָר 1913, זאָגט ער קלאָר:

„...פון אַלע וויסנשאַפטן שפּילט די פילאָלאָגיע די גרעסטע ראָל אין

דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון אונטערדריקטע פעלקער. פילאָלאָגיע איז מער ווי לינגוויסטיק. זי איז ניט קיין הוילע טעאָריע פאַר לומדים, פאַר „יושבי־אוהל", נאָר טאַקע אַ פּראַקטישער וועגווייזער פאַרן פאָלק... כל זמן דאָס פאָלק בלייבט „אַנאַלפאַבעטיש אין זיין אייגענער שפּראַך, קען מען ניט ריידן וועגן אַ נאַציאָנאַלער קולטור".

„ביי אַלע קולטור־פעלקער — שרייבט באָראָכאָוו — ווערט הויך גע־שעצט די נאַציאָנאַלע פילאָלאָגיע. יעדעס פאָלק ציילט צווישן זיינע נאַ־ציאָנאַלע העלדן ניט נאָר די פּאָליטישע באַפרייאונגס־קעמפער, ניט נאָר די גרויסע פאָלקס־דיכטער און דענקער, נאָר אויך יענע פילאָלאָגן, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט די ערשטע גרונטשטיינער אינעם בנין פון דער נאַציאָ־נאַלער שפּראַך־וויסנשאַפט".

צוזעענדיק די עלנטקייט און פאַרלאָזנקייט פון דער זייער חשובער פאָרשונגס־אַרבעט פון דער יידישער שפּראַך, האָט ער זיך באַלד אָפּגעגעבן איר מיט פולן מוט און ענערגיע און — ווי עס שטרייכט אונטער זיין יאָרנלאַנגער חבר און מיטאַרבעטער יעקב זרובבל — איז עס באַשטאַנען אין נאַציאָנאַליזירן די יידישע שפּראַך דורך רייניקן און באַרייכערן זי, אַז זי זאָל קענען אויסדריקן אַלע דערשיינונגען פונעם יידישן שאַפן און הומאַניזירן זי דורך מאַכן פון איר אַ כּלי־זיין אויף אַריינצונעמען אינעם רשות פון יידישן פאָלק אַלע קולטור־ווערטן פון דער מאָדערנער אַלמענטשלעכער אַנטוויק־לונג.

כדי צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע קאָמפּליצירטע און נייע אויפגאַבע איז באָראָכאָוו, וועלכער איז פון זיין פריער יוגנט פאַרפרעמדט געווען צום לעבעדיקן גערעדטן יידיש, אויסגעקומען אָפּצוגעבן זיך מיט פיל התמדה און פלייס זיין פאַרטיפטער שטודיר־אַרבעט אין די גרויסע וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעקן פון די מלוכה־צענטערס, ווו עס האָבן אים געפירט זיינע וואַנ־דערונגען אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט. ער האָט מיט דערפאָלג באַנוצט און באַאַרבעט די רייכע שפּראַך־מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט געפונען אין דער ווינער מלוכה־ביבליאָטעק, אין בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן, אין די שווייצאַרישע און איטאַליענישע ביבליאָטעקן, און אין זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן — אין אַמעריקע.

אַ יסודותדיקע לעבנס־אַרבעט האָט געמאַכט דער שטאַרק פּאָפּולערער ליטעראַטור־היסטאָריקער, דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער נחמן מייזיל מיט דעם, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט אין איין וואָגיקן באַנד און פאַר־עפנטלעכט אין יאָר 1966 אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב בער באַראָ־כאָווס „שפּראַך־פאָרשונג און ליטעראַטור־געשיכטע". ווער עס וויל זיך נענטער באַקענען מיט דער גרונטיקער שפּראַך־פאָרשונג באַראָכאָווס און מיט איר פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג מצד מומחים, וועט געפינען פאַר זיך קאָנצענטרירט דעם קוועלן־מאַטעריאַל מיט די צוויי גרונט־אַרבעטן „די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע" און די „ביבליאָטעק פונעם יידישן פילאָלאָג" בראש, וואָס באַראָכאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אַלס וואָגיקע התחלה־אַרבעטן אין „פּנקס" — יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטע־ראַטור און שפּראַך" אין יאָר 1913 אין ב. קלעצקינס ווילנער פאַרלאַג אונ־טער ש. ניגערס רעדאַקציע.

אין דער ראַם פון מיין כאַראַקטעריסטיק לאָזט זיך ניט באַהאַנדלען אויספירלעך באַראָכאָווס גאונישע און ליידער פרי איבערגעריסענע פאָר־שונג־אַרבעט. דאָס איז די גרויסע אויפגאבע פון אונדזערע פילאָלאָגן און אַ שטודיע־מאַטעריאַל פאַר סטודענטן.

איך וויל נאָר ציען די אויפמערקזאַמקייט פון מיינע לייענער אויף דער געזעלשאַפטלעכער טרייבקראַפט, וואָס האָט באַוויגן אַן אַקטיוון אַרבעטער־פירער און אידייאישן טעאָרעטיקער ווי באַראָכאָוו אָפּצוגעבן אַזוי פיל פאָר־שונגס־פלייס און ליבע דעם געשיכטלעכן פונאַנדערבוי פון דער יידישער שפּראַך.

באַראָכאָוו — דער סאָציאַלער טוער און קעמפער און באַראָכאָוו — דער שפּראַך־פאָרשער, באַהעפטן זיך אָרגאַניש אין זיין קרעדאָ:

די ערשטע אויפגאַבע פאַר יעדן אויפוואַכנדיקן פאָלק איז: ווערן אַ האַר פון זיין אייגענער שפּראַך, כדי וואָס בעסער, וואָס ברייטער, וואָס פּראָדוקטיווער זי אויסניצן אינעם נאַציאָנאַלן שאַפן.

און ווייטער:

דער עיקר־צוועק פון דער אַרבעט: מיר זאָלן האָבן דרך־ארץ פאַר אונדזער שפּראַך.

נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו פאַרלאָזן אַמעריקע און אומצוקערן זיך אין די רייען פון די אַרבעטער־מאַסן, מיט וועלכע און פאַר וועלכע ער האָט געאַרבעט און געקעמפט.

דאָ האָט אים אָבער דער טויט אַזוי פרי געטראָפן. ער איז געשטאָרבן אין קיעוו דעם 17טן דעצעמבער 1917.

וואָלט דער טויט אים ניט געטראָפן אַזוי אַכזריותדיק אין מיטן פון זיין שעפערישן לעבן, אין זיין 36סטן לעבנס־יאָר, אין די ערשטע חדשים פון דער נייער גרויסער תקופה אין רוסלאַנד, וואָלט זיין פּראָדוקטיווער און פיל־זייטיקער וויסנשאַפטלעכער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער שאַפן זיך ערשט צעבליט און שעפעריש פאַרצווייגט. ער וואָלט זיך אידייאיש אויסגעלעבט, פאַרברייטערט זיינע שפּראַכלעכע און סאָציאַל־היסטאָרישע פאָרשונגען און וואָלט זיכער געגרייכט צו קומען באַצייטנס קיין ארץ־ישראל און פאַרנעמען דעם בכבודיקן אָרט אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט זיין אונבאַטריטענער וואָגיקער אויטאָריטעט וואָלט ער אפשר אויך גרינט־לעך געווירקט אויף דעם מעמד פון דער יידישער שפּראַך אין ארץ־ישראל און וואָלט געדינט אַלס פעלדז, אָן וועלכן עס וואָלטן זיך צעבראָכן די פיילן פון די שפּראַך־קעגנער.

גייסטיק טריי, פריש און דאָקומענטאַריש זיינען יעקב זרובבלס איבער־לעבונגען און איינדרוקן פון באָרכאָווס טויט:

„אין אַ פראָסטיקן ווינטער־פרימאָרגן, דעם 18טן דעצעמבער 1917, בין איך אַריינגעקומען אין דער אַרבעטער־מלוכה, און גלייך האָט מיך אין פעטראָגראַד אָנגעיאָגט די בשורה, אַז באָראָכאָוו איז געשטאָרבן...

„קיין קיעוו האָב איך זיך דערשלעפּט אויפן פינפטן טאָג... אָנגעקומען געגנוי צו דער טרויער־פאַרזאַמלונג, צו שבעה נאָך באָראָכאָוון. דער זאַל פון דער „סוחרים־פאַראייניקונג" איז פול געפּראַפּט. דער טרויער איז אַן אַל־געמיינער... עס איז אין אבלות די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט, די יידישע אויפגעוואַכטע קולטור. עס איז נסתלק געוואָרן דער גייסטיקער ריז פון דער

יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דער גרונטלייגער פון דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט, דער פאָרשער, דער קעמפער. און אין מיר וויינט דאָס האַרץ... איך בין אַ יתום".*

---

* יעקב זרובבל — געשטאַלטן, פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1967, עמ' 40—41.



נחמן סירקין

פון משה העס׳ „רוים און ירושלים״ פירט אַ פּאַרטיפּטער גערדאַנקען־וועג צו נחמן סירקינס „די יידן־פראַגע און די יידישע סאָציאַליסטישע מדינה״.

עס איז געווען פיל ענלעכקייט צווישן דיביידע פּיאָנערישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן ענדע 19טן יאָרהונדערט דערוועקט און באַפרוכפּערט דאָס סאָציאַלע לעבן פון יידישן פאָלק און פאַרלייגט יסודות פאַר אַ ראַדיקאַלער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די וואָרצלען פון ביידנס לעבן האָבן געצויגן זייער חיונה פון דעם מאַסן־יידנטום אין מזרח־אייראָפּע און ביידע האָבן זיך איינגעבירגערט אין דער געדאַנקען־וועלט און דער קולטור־

סביבה פון מערב־אייראָפּע, פאַרלירנדיק ס׳רוב דעם אָרגאַנישן אויפבונד מיט די מאַסן פון זייער פאָלק.

דער גרונט־חילוק צווישן נחמן סירקין און משה העס באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס נחמן סירקין האָט פון דעם עצם־אָנהייב פון זיין געזעל־שאַפטלעכן דענקען און קאַמף זיך געשטעלט אויפן באָדן פון יידישן לעבן, וואָס ער האָט שטענדיק אָבסערווירט די אינטערנאַציאָנאַלע ווירקלעכקייט פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון זיין אייגן פאָלק, בעת משה העס האָט די ערשטע גרעסטע העלפט פון זיין לעבן פאַרטראָטן די אינטערעסן פון דייטשישן פאָלק און דייטשישן אַרבעטער־קלאַס.

די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פון נחמן סירקינס פערזענלעכקייט גיט בערל קאַצענעלסאָן אין זיין אַריינפיר צום ערשטן העבערעאישן באַנד פון סירקינס כתבים:

„ער איז געבוירן געוואָרן ביי אַ פאָטער אַ למדן און ביי אַ העלדישער מוטער. אַן אָפּשטאַמיקער פון דעם ב״ח.* זיין היימשטאָט איז מאָהילעוו, פון וועלכער עס זיינען אַרויסגעקומען באַרימטע רעוואָלוציאָנערן (אליעזר צור־קערמאַן, פּ. אַקסעלראָד, מ. אַראָנסאָן און אַנדערע), פון איר זיינען אַרויס קיין ארץ־ישראל די ערשטע בילו״יצעס: ישראל בעלקינד מיט זיינע ברידער און שוועסטער. אַן אויפשטענדישער גייסט האָט זיך אין אים דערוועקט זינט דער יוגנט. אַלס שילער אין דער מינסקער גימנאַזיע שלאָגט ער זיך שוין אַרום צווישן די „חובבי־ציון״־קרייזן און צווישן די אומלעגאַלע רעוואָלו־ציאָנערע קרייזלעך. ער ווערט אַרעסטירט און באַפרייט, פאָרט אַרויס קיין לאָנדאָן, לעבט דאָרט און הונגערט אין ווייטשעפּל. צו 20 יאָר קומט ער אָן קיין בערלין, פאַרטיפט זיך אין לערנען, שטודירט אָבער ניט קיין ספּעציעל פאַך, נאָר מיט גייסטיקן דורשט לערנט ער פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָ־לאָגיע, עקאָנאָמיק, נאַטורוויסנשאַפט און יודאיק, „חכמת ישראל״.

„ער האָט גייסטיק געלעבט אין דער וועלט פון די נביאים, פון די אוטאָפּיסטן און פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערן. ער איז געווען אַ ברודער

---

* „בית חדש״, הויפּט־ווערק פון באַרימטן רב ר׳ יואל סירקיש, לויט וועלכן ער האָט געהייסן אָפּגעקירצט ב״ח.

און חבר פון די מאַקסימאַליסטן. היינע, לאַסאַל, מאַרקס, סען סימאָן, פּרודאָן, הערצען און טאָלסטאָי און פיל, פיל אַנדערע זיינען פאַר אים אָפן, ער באַזוכט פאַרזאַמלונגען פון די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, לערנט אַלץ צו דערקענען פון דער נאָענט, — נאָר דאָס אַלץ באַרואיקט אים ניט, אויף קיין זאַך פאַראַנקערט ער זיך נאָך ניט".

ערשט אין די יאָרן 1897—1898 הייבט זיך אָן די קריסטאַליזירונג פון זיין געדאַנקען־וועלט.

זיין געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט איז געקומען צום ערשטן מאָל צום אויסדרוק אויפן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל (28—31 אויגוסט 1898), ווו ער האָט זיך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט און בשעת וועלכן ער האָט געפּרוווט אידייאיש ווירקן און פאָרצונעמען וועלכע ניט איז אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט.

ער האָט שאַרף קריטיקירט דעם צופעליקן און כמעט בירגערלעכן צוזאַמענשטעל פון קאָנגרעס און האָט פון אים ניט דערוואַרט קיין גינסטיקע און פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אָבער, הגם ער האָט פאַרמאָגט צו ריידן בלויז אין נאָמען פון גאַנץ ווייניקע דעמאָקראַטיש אָדער סאָציאַליסטיש געזינטע דעלעגאַטן, האָט ער געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוזאָגן זיך — אין צוזאַמענהאַנג מיט דוד וואָלפסאָנס רעפעראַט וועגן דער גרינדונג פון אַ קאָלאָניאַל־באַנק — מיט פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען ניי און אַנדערשדיק: „אין גרונט פון דער באַנק — האָט סירקין געזאָגט — ליגט אַ פּרינציפּ, וואָס שטייט אין פולן קעגנזאַץ צו די דערהויבענע געדאַנקען פון אַ מינדערהייט, וואָס איז דאָ פאַרטראָטן. מיר ווילן, אַז די קאָלאָניזאַציע און די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אין אונדזער אַלטן פאָטערלאַנד זאָלן געבויט ווערן אויף נייע ווירטשאַפטלעכע פּרינציפּן — אויפן פּרינציפּ פון דער קבוצה. אויב אין אייער איצטיקן פאָרשלאָג וועט געבראַכט ווערן אין באַטראַכט דער קיבוצישער פּרינציפּ, וועלן מיר אייך אויסשטרעקן אונדזער האַנט און איר וועט האָבן אַ גרויסן פאַרדינסט פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט".

דער קאָנגרעס האָט ניט רעאַגירט אויף סירקינס פאָרשלאָג, אָבער דערמיט איז נאָך ניט געהאַמעוועט געוואָרן זיין אָפּאָזיציע, און אין אַ שריפט־

לעכן פאַרשלאַג, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם פּרעזידיום פונעם קאָנגרעס אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון בערנאַרד לאַזאַר (פּאַריז), ל. פאפּערין (פּאַריז), מאיר אבנר (טשערנאָוויץ) און עטלעכע אַנדערע, איז גע־פאָדערט געוואָרן, אַז „דער קאָנגרעס זאָל באַגריסן און שטיצן די גרינדונג פון ציוניסטישע אַרבעטער־פאַראיינען און אַז אַרבעטער־ציוניסטן אין אַלע לענדער זאָלן זיין באַרעכטיקט צו וויילן זייערע פאַרטעטער אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט".*

סירקינס פאַרשטעלונג, אַז ער רעפּרעזענטירט אין אַ וועלכער עס איז מאָס אַן אָרגאַניזירטן טייל פון אַ באַוועגונג איז געווען, דערהויפּט אין יענער צייט, אַ דמיוניש. די פאַרעפנטלעכונג פון זיין פּאַרטיפּטן און אָרי־גינעלן בוך „די יידן־פראַגע און דער סאָציאַליסטישער יידנשטאַט" אין דעם יאָר 1898, מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען ד"ר טעאָדאָר הערצל האָט פאַרעפנטלעכט זיין „יודענשטאַט", האָט אים, אמת, דערהויבן צו דער מדרגה פון אַן אידעאָלאָג פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, אָבער אָרגאַניזאַטאָריש האָט ער גאָרנישט ניט אויפגעטאָן און ניט געקענט אויפטאָן: ער איז געווען און איז געבליבן אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן און ווירקן אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, אַן אָפּגעריסענער פון די מאַסן פון זיין פאָלק, און ער האָט געקענט זאָגן, ענלעך ווי יהודה הלוי: „מיין האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב".

אין זיין דערמאָנטן חיבור שילדערט ער דעם צוקונפטיקן אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל מיט פיל רעאַלקייט און מיט אַ גוטער פאַרשטענדעניש פון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען, וואָס הערשן אין ארץ־ישראל און אין נאָענטן מזרח בכלל, און אַנשטאָט ד"ר הערצלס באַמיאונגען צו באַקומען פון די טערקישע הערשער אַ „טשאַרטער" אויף דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל, לייגט ער פאָר צו שליסן אַ ברודער־בונד מיט די פאַרשקלאַפטע פעלקער פון דער אָטאָ־מאַנישער אימפּעריע. ער צייכנט אָן אין אַלגעמיינע שטריכן די יסודות פון דער סאָציאַליסטישער קאָלאָניזאַציע, פון דער גערעכטער פאַרטיילונג פון

---

* פּראָטאָקאָל פון צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס, דייטשישע אויסגאַבע, זייט 64.

אייגנטום און פון דעם העכסטן אייגנטום פונעם פאָלק אויפן באָדן און אויף די פּראָדוקציע־מיטלען.

דאָס בוך איז דערשינען אויף דייטש און ערשט פיל שפּעטער אויף יידיש (אין אַ שלעכטן יידיש) אין אַמעריקע. אין העברעאיש — טיילווייז ערשט נאָך זיין טויט אונטער דער רעדאַקציע פון ב. קאַצענעלסאָן און יהודה קויפמאַן אין פאַרלאַג „דבר", 1939.

נאָכן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט זיך מיט אַ באַזונדער אַק־טיווקייט אַנטוויקלט נחמן סירקינס פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט צווישן דער יידישער אינטעליגענץ אין מערב־אייראָפּע. ער איז אַרויסגעטראָטן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען אין בערלין, בערן, ציריך און זיך דערוואָרבן אָנ־הענגער פון זיין אידייען־גאַנג. ער האָט זיך אויך באַטייליקט סיסטעמאַטיש אין אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן און האָט געזוכט צו פאַרשפּרייטן אויף דעם וועג זיינע אידייען.

ערשט אין יאָר 1901 האָט זיך אים איינגעגעבן צו גרינדן אין בערלין דעם ערשטן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פאַראיין מיט זייער אַ קנאַפּער צאָל מיטגלידער. ער זוכט אָבער אַריינצודרינגען דורך אַ פאַרעפנטלעכטן אויס־פירלעכן אויפרוף אין ברייטערע קרייזן. ער האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַ געזעלשאַפטלעכער קעגנערשאַפט מצד מעסיקערע און אָרגאַניזאַ־טאָריש פעאיקערע קרייזן מיט חיים ווייצמאַן און לעאָ מאָצקין בראש, וועל־כע האָבן דעם 6טן דעצמבער 1901, בשעתן 5טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, געגרינדעט די „ציוניסטישע דעמאָקראַטישע פראַקציע".

נחמן סירקין שטעלט אָבער ניט אָפּ זיין אַרבעט. ער פאַרבינדט דורכ־אויס אָרגאַניש דעם ציוניזם מיטן סאָציאַליזם און גרינדעט אין דייטשלאַנד, אין דער שווייץ און אין ענגלאַנד אַקאַדעמישע יוגנט־קרייזן מיטן נאָמען „חירות".

די פּראַקטישע אָפּגעריסנקייט פון נחמן סירקין און פון זיינע ענגע אַקאַ־דעמישע קרייזן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און פון דער פאָלקס־אינטעלי־גענץ אין רוסלאַנד און פוילן פאַרנעפּלט און פאַרגרייזט כסדר זיין וועלט־אַנשויאונג און צעטרייסלט לאַנגזאַם אירע פונדאַמענטן. אין די באַשלוסן פון דער „חירות"־קאָנפערענץ אין יאָר 1903, שטייען מיר פאַר אירע צע־

טרייסלטע פונדאַמענטן. אָנשטאָט צו ווירקן אָרגאַניזאַטאָריש, קאָנצענטרירט ער זיך מער צו ווירקן ליטעראַריש. ער טרעט צו אַרויסצוגעבן אַ יידישן זשורנאַל א .ג. „דער המון" און אַ העברעאישן זשורנאַל א. נ. „השחר". דאָס וואָרט „המון" פאַרוואַנדלט זיך ביי אים פון אַן אויסדרוק אין אַ פּרינציפּ. אָנשטאָט צו שטיצן זיך אויפן יידישן פּראָלעטאַריאַט זוכט ער אַן אָנשפּאַר אויף די פון קלאַסן־שטאַנדפּונקט ניט אויסגעשפּראָכענע סתם פאָלקס־מאַסן. ער ווענדט זיך אָפּ פאַריינס ניט נאָר פון דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר ער וואַרפט אָפּ צו ביסלעך יעדע קעגנוואָרט־אַרבעט. זיין פּראָגראַם פאַרוואַנדלט זיך אין אַ בלויזן צוקונפט־פּראָגראַם. ער פאַרלירט די בריקן, וואָס זאָלן פירן צו איר דורך דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט.

נאָך טראַגישער איז אָבער, וואָס ער פאַרלירט דעם עצם קלאָרן ציל, וואָס ער האָט זיך פאָרויס געשטעלט און וואָס ער האָט געשילדערט מיט אַזעלכע אויסגעטרוימטע פאַרבן — דעם אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטישער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל. ער זאָגט זיך ניט אָפּ פון דער עצם טעריטאָריאַלער לייזונג פון דער יידישער פראַגע, ער לאָזט זיך אָבער, פּונקט ווי אַנדערע טעריטאָריאַליסטן, אויף וועלט־וואַנדערונגען צו זוכן ערגיץ ווו אַ טעריטאָריאַלן אָנשפּאַר פאַר זיין פאָלק.

יעדנפאַלס קען מען ביי נחמן סירקינען געפינען אַזוי פיל פּאָזיטיווע, אָריגינעלע און באַלערנדיקע געדאַנקען, וואָס פאַרשאַפן אים אַ בכבודיקן פּלאַץ צווישן די פּיאָנערן פון דער פּראָגרעסיווער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט פון זיין צייט.

ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק י' אלול תרפ"ד — 6טן סעפּטעמבער 1924.



אהרון דוד גאָרדאָן

ווען מיר ווען זיך מיט אַ סאָציאַלן ערנסט און געוויסנהאַפטער קריטיק אַריינטראַכטן אין די דערשיינונגען פון דער ליטעראַטור און געזעלשאַפט־לעכקייט פון אַלע צייטן און פעלקער, וועט זיך אונדז שטענדיק איינגעבן אַרויסצוגעפינען ביי יעדן דענקער און שרייבער דאָס, וואָס עס איז געווען פּאָזיטיוו, פּראָגרעסיוו און ריכטיק אין זיין צייט און אָרט. מיר וועלן אָבער אויך ניט וויניקער קענען אויסגעפינען דאָס ניט־דערזעענע, דאָס ניט־דערטראַכטע, אויפדעקן די פעלערן פון זיין אָנשויאונג, און אַזוי אַרום באַלייכטן אויף אַ ריכטיקן אופן אַ באַשטימטע תקופה, אַ באַשטימטן קאָמ־פּלעקס דערשיינונגען אין דער געזעלשאַפטלעכקייט און ליטעראַטור.

אהרון דוד גאָרדאָן (1856—1922) האָט געשמט אין משך פון פיל יאָרן

אַלס ארץ־ישׂראלדיקער פּאָפּולערער און באַליבטער אַרבעטער־טוער, לע־רער און דענקער. א. ד. גאָרדאָן האָט געהאַט זיין אידעאַליסטישן צוגאַנג צו דער נאַטור, צו דער אַרבעט און צו דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּראָב־לעם.

מיר וועלן דעריבער באַטראַכטן אהרון דוד גאָרדאָנען ווי ער איז געווען, אין די ראַמען פון זיין צייט און אָרט. מיר וועלן אויסגעפינען דאָס שעפערישע און רעוואָלוציאָנערע, וואָס האָט אין יענער תקופה געפונען זיין אויסדרוק און גאָרדאָנס דענקען.

אהרון דוד גאָרדאָן האָט געהאַט צוגעצויגן צו זיך אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַרבעטערשאַפט און יוגנט דורך זיין אייגנאַרטיקער, מאָראַליש־פּאַרטיפּטער און גלייכצייטיק חבריש־פּשוטער פערזענלעכקייט, וואָס האָט פאַרמאָגט (ניט נאָר אין דער אויסערלעכקייט אַליין) אַ גרויסע ענלעכקייט צו לעוו טאָלסטאָי.

ער האָט געשטאַמט פון ווילנע, פון איינער פון די פּאַרוואָרצלטע, יחסנישע משפחות פון לערנער און משכילים. זיין פאָטער אורי און זיין מוטער דבורה זיינען אַריבערגעפאָרן פון ליטע קיין דרום־פּאָדאָליע, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ גרויסן דאָרף, טראָיאַנאַ. אין דעם דאָזיקן דאָרף איז געבוירן געוואָרן און האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן און די ערשטע יוגנט אַהרון דוד גאָרדאָן. קאָנטיק, אַז שוין זיין פאָטער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צום דאָרפישן לעבן אַזוי, אַז ווען די צאַרישע גזירות האָבן דערוויטערט אים און זיין פאַמיליע פון דאָרף, האָט ער זיך באַזעצט אין דעם שטעטל מאָהילנע. צווישן די געדיכטע וועלדער אַזוי, אַז אהרון דוד גאָרדאָן האָט געלעבט יאָרנלאַנג אין שויס פון דער נאַטור און געווען אין איר פאַרוואָרצלט.

עס מוז אָבער צוגעגעבן ווערן, אַז פאַקטיש האָט ער פיזיש קיינמאָל ניט געאַרבעט אויף דער אוקראַינישער ערד. זיין פאָטער איז געווען אַן אַרענדאַר און ער אַליין — צום טייל אַ לערער און קולטור־עסקן און צום טייל אַ וואַלד־אויפזעער.

זייער שפּעט ווערט צייטיק אין זיין לעבן דער דורכברוך. ער איז שוין אַלט 48 יאָר, ווען ער דערשיינט אין יאָר 1904 אין יפו, נעמט מיט אַן

אומגעבראָכענעם ווילן דעם ריגל־אייזן אין זיין האַנט און שליסט זיין לעבנס־בונד מיט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. ער פאַרווירקלעכט זיין לעבנס־פּרינציפּ, בלייבנדיק ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אַ דאָרפישער לוין־אַרבעטער. עס איז וואָך ביי אים אָבער מיט ניט קיין פאַרקלענערטער קראַפט דאָס גייסטיקע, דאָס אידייאישע לעבן, און נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג ברענט אין זיין ווינקל אין אַרבעטס־באַראַק דאָס קליינע נאַפט־לעמפל: ער ברענגט צום אויסדרוק זיינע געדאַנקען וועגן פּראָבלעמען פון מענטש, פאָלק, אַרבעט און אַרבעטער־קלאַס.

די אַרבעט ווערט דורך אים פּראָקלאַמירט אַלס אידעאַל, אַלס מאָראַלישער גרונט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, אַלס דעם מענטשנס באַהעפטונג מיט דער נאַטור, דעם אַלמעכטיקן אוצר פון מענטשלעכן שאַפן. די אַרבעט האָט איר טיפן אינעווייניקסטן ווערט, וואָס איז כלל ניט אָפּהענגיק פון דעם לוין, וואָס דער אַרבעטער קריגט פאַר איר. אויסער די גרענעצן פון דער נאַטור און אַרבעט בלייבט דער מענטש אַן אָפּגעריסענער פון אַלע גיטער פון דער קולטור.

ווען אַהרון דוד גאָרדאָן רעדט וועגן אַרבעט, מיינט ער שטענדיק נאָר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט. ווי אַלע „נאַראָדניקעס" זעט ער פאַר זיך ניט די אויפקומענדיקע ריזיקע קאָלעקטיווע פיגור פון דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט.

אהרון דוד גאָרדאָן האָט בלי ספק זיינע גרויסע פאַרדינסטן, ווען מען זאָל אים באַטראַכטן אין ראַמען פון זיין צייט, ווען קליינע און צעשפּליטערטע גרופּן פון יוגנט, אַרויסגייער פון יידישן מיטלשטאַנד אין רוסלאַנד און פּוילן האָבן זיך, ניט צוגעגרייטע, ניט פאַרהאַרטעוועטע צוערשט גענומען פאַר שווערער אַרבעט אין די יידישע קאָלאָניעס, ביי שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען. ער האָט באַקעמפט דעם פּאַראַזיטיזם, די באָדנלאָזיקייט, ער האָט דערצויגן די יוגנט צו פּראָדוקטיווער אַרבעט ניט דורך אַבסטראַקטע טעאָריעס, נאָר דורך זיין אייגענעם ביישפּיל, דורך דער גרויסער, פעסטער איבערקערעניש, וואָס ער האָט געמאַכט אין זיין אייגענעם לעבנס־שטייגער אויף די עלטערע יאָרן, ווען עס איז שוין אַזוי שווער דעם מענטשן איבערצוגיין צו פיזישער אַרבעט.

און אהרון דוד גאָרדאָן האָט, ווי אַלע אוטאָפּיסטן און אָנהענגער פון דער אידעאַליסטישער שול, געמאַכט האַרבע פעלערן. ער האָט זיך אָפּגע־נייגט פון דער רעאַלער, סאָציאַלער אויפפאַסונג פון דעם אַרבעטס־פּראָב־לעם, פון זיין אָרט אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט.

ווי אַלע דענקער און טוער פון דער פּרי־קאַפּיטאַליסטישער תקופה, ווערט ער פאַרבלענדט פון נאַציאָנאַלער באַגייסטערונג אַזוי, אַז ער זעט ניט דעם אונטערשייד צווישן דער פרייער מענטשלעכער אַרבעט, ווי זי דאַרף זיין, און איר אָרט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וווּ דער אַרבעטער איז געצוווּנגען צו שאַפן עקאָנאָמישע ווערטן פאַר אַנדערע, דינען אַלס ווערקצייג פון עקספּלואַטאַציע און פאַרטונקלען דאָס ליכט פון דעם אַרבעט־אידעאַל דורך נויט, הונגער און אַרבעטלאָזיקייט.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ווען קאַפּיטאַליסטן זוכן אויס ווען זיי קענען בעסער עקספּלואַטירן, לייכטער פאַרהונגערן דעם יידישן אָדער דעם אַראַ־בישן אַרבעטער, קען מען ניט לאָזן פאַרבלענדן דעם קלאַסן־באַוווּסטזיין דורך סתם זינגען לויב־לידער דער אַרבעט, קען מען ניט זאָגן, אַז ביי אַלע באַדינגונגען אַנטדעקט זי „אַ נייעם געשמאַק אין לעבן".

אהרון דוד גאָרדאָן האָט זיך דעריבער טראַגיש אַראָפּגעשלאָגן פון וועג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט שווער פאַרלעצט די סאָלידאַריטעט פונעם אַרבעטער־קלאַס, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן אַרבעט אין אַן אַרבעטער־קאָלעקטיוו אָדער אין אַן אייגענער אַרבעטער־ווירטשאַפט און צווישן דער לוין־אַרבעט.

אהרון דוד גאָרדאָן און זיין גלייכן האָבן פאַרגעסן דעם איינציק ריכ־טיקן וועג פון אָרגאַניזירן גלייכצייטיק די יידישע או אַראַבישע אַרבעטער, כדי צו סאָלידאַריזירן זיי אין קאַמף פאַר אַ פאַסיקן אַרבעט־לוין און פאַר־איייניקן זיי צו אַ בשותפותדיק געזעלשאַפטלעך לעבן אין זייער געמיינזאַמען פאַטערלאַנד.

דער דאָזיקער, מיט אַ האַלבן יאָר הונדערט צוריק שוין באַגאַנגענער פעלער, האָט זיך שווער נוקם געווען אויפן היגן אַרבעטער־קלאַס, האָט פאַרשווערט און פאַרפּלאָנטערט דאָס יידיש־אַראַבישע פּראָבלעם.



חיים זשיטלאָווסקי

איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקין אין אויגוסט 1908, בשעת אונדזער ביידנס אָנטייל אין דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. ער איז געקומען צו דער קאָנפערענץ פון אַמעריקע, וווהין ער איז מיט אַ קורצער צייט פריער אַריבערגעפאָרן פון דער שווייץ, דעם דעמלטיקן צענטער פון דער פּאָליטישער עמיגראַציע פון דער רוסלענדישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. ער איז געווען, ווי איך, אַן אָפּשטאַמיקער פון ווייסרוסלאַנד און האָט גערעדט אַ רייכן זאַפטיקן וויטעבסקער יידיש מיט איר ווייסרוסיש־ליטווישן דיאַלעקט, אַ לומדיש־אָנגעזעטיקטן מיט העברעאישע און ספּעציעל תּלמודישע עלעמענטן. ער האָט געהאַט אַ ברייט פּנים, וואָס איז געווען באַקרוינט מיט אַ

שפּיציק בערדל און אַ הויכן געוועלבטן שטערן פון אַ דענקער, פון אַ פֿאַרהאַרטעוועטן קעמפער פאַר זיין לעבנס־אידייע. ער האָט גערעדט מיט אַ טיפן שפּראַך־טעמבער, אין וועלכן עס האָט זיך געפילט אַ האַרמאָנישע פֿאַרבינדונג פון ווייכקייט, קלוגשאַפט, איבערצייגונג און גלויבן.

אין יענע פּיאָנערישע יאָרן פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג איז ער שוין געווען טיף פאַרוואָרצלט אין קולטור־קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך, פאַר איר אָנערקענונג, גלייכבאַרעכטיקונג און אויפבוי, אַלס שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט אָבער, צוזאַמען מיט יצחק לייבוש פּרצן, נישט געהערט צו די עקסטרעמע אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפֿע־רענץ, וואָס האָבן באַטראַכט יידיש אַלס דעם געזעצלעכן יורש פון דעם כלומרשט אָפּגעלעבטן העברעאיש און וואָס האָבן געשטרעבט, פאַרלירנדיק יעדע פּיעטעט און יעדן היסטאָרישן חוש, צו קרוינען יידיש אַלס די איינ־ציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק.

ווי באַקאַנט, זיינען צו אונדז ניט דערגאַנגען די פולע פּראָטאָקאָלן פון יענער היסטאָרישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ און עס קומט אונדז אויס צו רעסטאַוורירן און אויפצולעבן איר אינהאַלט לויט לויפנדיקע נאָטיצן און זכרונות. עס זיינען פאַרבליבן אין פאַרלויף פון די 60 יאָר, וואָס זיינען פון דאַן אַריבער, אין מיין זכרון אויך די גרונט־שטריכן פון חיים זשיטלאָווסקיס דערפענונגס־רעדע אויף דער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ וואַרעמער אָפּשאַצונג פון דעם היסטאָרישן און נאַציאָנאַלן ווערט פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור און איז באַלד אַריבער מיט ניט קיין קלענערער וואַרעמקייט צו דער אָפּשאַצונג פון דעם קולטור־היסטאָרישן, פאָלקיש־פּאָליטישן און פּראַקטישן טאָג־טעג־לעכן ווערט פון יידיש.

בשעת ער האָט גערעדט וועגן העברעאיש, האָבן אים די איינגעלאַ־דענע געסט פון ציוניסטישן לאַגער שטורמיש אַפּלאָדירט. בשעת ער איז אָבער אַריבער צו רעדן וועגן דער חשיבות פון יידיש, האָבן זיי געמאַכט אַן אָפענע אָבסטרוקציע און האָבן געפייפט. מיט אַ מערקווירדיקער איינגע־האַלטנקייט האָט דער קלוגער און פיל געפּרוווטער פאָלקס־מענטש און רע־וואָלוציאָנער ד״ר זשיטלאָווסקי, אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן מיטן האַמער

און מיט אַ שמייכל אויף זיין פּנים פּאַראַדירט דעם תלמודישן שפּריכוואָרט, ווי עס ווערט געזאָגט דער בין „לא מעוקצך ולא מדובשך!״ — „איך וויל ניט דיין ביס און ניט דיין האָניק״, און ער האָט אויסגעשריען צו די ענגהאַרציקע געסט אויף דער גאַלעריע: ״לא מפּאַטשך ולא מפּייפך״.

ביז יענעם אויגוסט פון יאָר 1908 האָט שוין ד״ר חיים זשיטלאָווסקי געהאַט דורכגעמאַכט אַ גרויסע גייסטיקע פּיאָנערישע אַנטוויקלונג. גאַנץ פרי האָט ער אָפּגעשטעלט זיין אַקטיווע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין דער ראַם פון דער אַלגעמיינער רוסלענדישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַר־טיי, האָט זיך אומגעקערט אין דער פולער מאָס צו זיין פאָלק, האָט זיך קאָנצענטרירט אויף יידיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און האָט געזוכט פאַר זיי אַ ראַדיקאַלע לייזונג.

ער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערס שטאַרקן אינטערעס צום קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, וואָס עס האָבן שוין ענדע פון 19טן י״ה אָנגעהויבן פירן די פאַרשיידענע באַעוולטע פעלקער פון דער עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע. ער איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון די אינהאַלטרייכע און מוטיקע אַרטיקלען אין דעם „פאָרבאָטע״, דעם אָרגאַן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ווו עס האָט גע־הייסן, אַז „די זעלבשטענדיקייט פון אַ פאָלק באַדייט, אַז דאָס פאָלק געהערט צו זיך אַליין״ און אַז „דער פאַרבאַדינג פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבע־טער־באַוועגונג איז די פולע און פרייע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציע״.

נאָך מער האָבן געפעסטיקט און צעמענטירט זיין באַוווסטזיין אָטאָ באַוערס און ענגעלבערט פּערנסטאָרפערס אָפּהאַנדלונגען וועגן פּאָזיטיוון סאָציאַלן מהות פון אַ באַפרייטער נאַציע, און גאַנץ באַזונדערס — וויקטאָר אַדלערס אויסגעצייכנטע רעדע אויפן פערטן קאָנגרעס פון צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל, ווו ער האָט אויפגעוויזן, אַז די עקזיסטירנדיקע נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט פון יעדן פאָלק איז די פּרוכטבאַרע באַזע אויפן וועג צום סאָציאַליזם. מיט דעם דאָזיקן נייעם גייסט האָט אויך געאָטעמט די עצם־רעזאָלוציע פון קאָנגרעס, ווו עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז „דער קאָנגרעס שטיצט די רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג פון אַלע פעלקער״.

דאָס דאַרף חל זיין אויך אויפן יידישן פאָלק — האָט אויפגעוויזן שוין אין יאָר 1899 מיט טיפער לאָגיק און מיט וואַרעמער פאָלקסטימלעכקייט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אין זיין אויספירלעכן אַרטיקל אין דער דייטשי־שער סאָציאַליסטישער צייטשריפט.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אָפּגעוואָרפן קאַטעגאָריש דעם טויט־אורטייל, וואָס עס האָט אַרויסגעטראָגן קאַרל קאַוטסקי אויפן יידישן פאָלק, ווו עס הייסט, אַז „כל זמן דאָס יידנטום לעבט זיינען מיר ניט אַרויס פון מיטלאַלטער, און אַז וואָס שנעלער עס וועט זיך דערנענטערן זיין ענדע וועט עס טאָן גוט פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און פאַר די יידן גופא.״

ד״ר זשיטלאָווסקי האָט ניט אָנגענומען דעם רעצעפּט פון נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד, וואָס עס האָט פאָרגעלייגט דער בכבודיקער דייטשישער סאָציאַליסטישער פירער, און איז אַרויסגעטראָטן אין אַנטשיידענעם קאַמף פאַרן אָרט פון יידישן פאָלק אין דער וועלט און פאַר זיין אויטאָנאָמען מעמד אין דער סאָציאַליסטישער וועלט־באַוועגונג.

שוין אין אָנהייב פון זיין אַרויסטריט אויף דער אַרענע פון סאָציאַלן געראַנגל פאַר דער אויטאָנאָמער עקזיסטענץ פון זיין פאָלק און קעגן די פרעדיקער פון אַסימילאַציע און קאָסמאָפּאָליטיזם, באַגעגנט ער זיך מיט אַ צווייטן באַגייסטערטן פּיאָנערישן קעמפער פאַר די רעכט פון יידישן פאָלק — ד״ר נחמן סירקין. ניט קוקנדיק אָבער אויף זייער אידייאישער נאָענטקייט, איז אַנטשטאַנען אַ תהומיקער אונטערשייד אין זיין אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. בעת ד״ר נחמן סריקין האָט באַטראַכט די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון יעדן איינצלנעם פאָלק בלויז אַלס פאַריבערגיי־ענדיקע היסטאָרישע קאַטעגאָריע, און איז געווען איבערצייגט, אַז ערשט דער קאָסמאָפּאָליטיזם וועט גילטן אַלס אַן אידעאַלע תקופה פון פולער און ניצלעכער צונויפשמעלצונג פון די איינצלנע פעלקער, וואַרפט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי לחלוטין אָפּ דעם שעדלעכן געדאַנק פון קאָסמאָפּאָליטיזם און הייבט אַרויס אין קעגנזאַץ צו אים דעם לעבנספעאיקן און רעאַלן אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָרום, ווי ער דריקט זיך אויס: „די מענטשהייט איז כלל ניט קיין געמיש פון יחידים אָדער אַ מעכאַנישע צונויפמישונג פון פאַרשיידענע פעלקער, נאָר אַן ענג פאַרבונדענע און ברידערלעכע פעלקער־

משפחה, ווו יעדעס פאָלק איז אַ רעאַלער חבר". ער פאַראורטיילט שטרענג דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, ווייל ער נעמט צו די פּראָדוקטיווע אינעווייניקסטע פרייהייט, זעלבשטענדיקייט און אייגנאַרטיקייט פון דער נאַציע, אַלס אַ סאָציאַלע אויטאָנאָמע קערפּערשאַפט.

נאָך דעם ווי ער האָט אַנטוויקלט אין זיין ווערק די אויפפאַסונג פון יידישן פאָלק, אַלס אַ זעלבשטענדיק אָרגאַניזירטע און אייגנאַרטיקע קערפּערשאַפט אין דער ראַם פון דער פעלקער־משפחה, האָט ער במשך פון זיין גאַנץ לעבן אָן אויפהער געמייסטערט זיין סאָציאַליסטישן צוגאַנג צו די איינצלנע דערשיינונגען אין יידישן לעבן, צו דער עקאָנאָמיק, קולטור, רעליגיע און דערציאונג. עס איז ביי אים געווען שטאַרק אַנטוויקלט דער היסטאָריזם, דער היסטאָרישער צוגאַנג צום יידישן פּראָבלעם.

נאָך פאַר זיין אַריבערפאָרן קיין אַמעריקע און ערב זיין אָנטייל אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין וואָגיקן אַרטיקל וועגן „דובנאָווס גייסטיקן נאַציאָנאַליזם", ווו ער וואַרפט לחלוטין אָפּ דובנאָווס טעאָריע וועגן אַ נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס זאָל זיך צעלייגן ווי אַ גייסטיקע בריק איבער די אָפּגרונטן פון דעם צע־שפּליטערטן וועלט־יידנטום און ער עצהט דעם יונגן יידישן היסטאָריקער איבערצוגיין פון דעם אין דער לופטן שוועבנדיקן באַגריף פון אַ נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע צו אַ טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע.

פילזייטיק און זיגזאַגן־רייך איז געווען ד"ר זשיטלאָווסקיס ליטעראַרישע שאַפונג און זיין קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין דער אַמעריקאַנער תקופה פון זיין לעבן. ער האָט אַריינגעבראַכט זיין גרויסן צושטייער צו דער יידישער סאָציאַלער וויסנשאַפט, דער יידישער שפּראַך און דעם פּראָגרעסיוון יידישן שול־וועזן. ער האָט זיך קונה־שם געווען אַלס נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דערציער פון דער יידישער יוגנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די שענסטע גייסטיקע מצבה, וואָס עס האָבן אים געשטעלט מיט צען יאָר צוריק זיינע פריינד, חברים, פאַרערער און תלמידים, די געטרייע פריינד און אונטערשטיצער פון דער יידישער וועלטלעכער דערציאונג אין אַמעריקע, איז די ניצלעכע און פּראָדוקטיווע קולטור־אַנשטאַלט — די

„ד״ר חיים זשיטלאָווסקי־פונדאַציע״, וואָס האָט אָפּגעמערקט דעם 12טן יאַנואַר 1969 די 25סטע יאָרצייט פון גרויסן פאָלקס־דערציער און קעמפער.

עס האָט מיך דעריבער פריידיק איבערראַשט דער באַשלוס פון דער זשיטלאָווסקי־פונדאַציע צוצוטיילן מיר דאָס יאָר דעם ד״ר זשיט־לאָווסקי־פרייז, דעם פלאַקעט, וואָס פאַרקערפּערט די געשטאַלט פון דעם גרויסן קולטור־טוער און פאָלקס־מענטש. איך וועל אים היטן מיט דאַנק און ערע און ער וועט מיך טאָג־טעגלעך דערמאָנען אָן אים און מאָראַליש פאַרפליכטן מיט נייע כוחות און מיט אַ ניט־דערשעפּלעכער געטרייקייט דינען ביז צום לעצטן לעבנס־טאָג אונדזער פאָלק און קעמפן פאַר זיין נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט, ווי דאָס האָט געטאָן דער אומפאַרגעסלעכער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.



ש. אַנסקי

שלמה ראַפּאָפּאָרט (ש. אַנסקי) און חיים זשיטלאָווסקי, ביידע שעפּערישע געשטאַלטן אין דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור און אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן, זיינען געווען אָפּשטאַמיקע פון וויטעבסק; ביידע זיינען געשטאַנען אויפן שיידוועג צווישן חסידות און מתנגדות, צווישן דער וועלט שכולו געפיל און דער וועלט שכולו שכל. ווען אָבער ביי חיים זשיטלאָווסקי האָט מכריע געווען מער דאָס שכלדיקע, דאָס רעאַלע, האָט ביי אַנסקין מכריע געווען מער דאָס געפילפולע, דאָס דמיונישע, דאָס סימ־באָלישע. מ׳האָט געקענט זאָגן — באַנוצנדיק אַנסקיס באַליבט פאָלקלאָ־ריסטיש לשון — זיין נשמה איז געווען אַ גלגול פון אַ פאַרצייטישן מקובל. דער פריערדיקער משכיל, רוסישער „נאַראָדניק" און דער שפּעטערדיקער

פאָלקלאָר־פאָרשער, דער יידישער שרייבער און קולטור־טוער, האָט זיך אויסגעלעבט אין אַ רייכער וועלט פון מיסטישע געשטאַלטן, סימבאָלן און אַלעגאָריעס.

דאָס גאַנצע און קעגנזייטיק אַנדערשדיקע, וואָס האָט געלעבט אין זיין יוגנט־פריינד ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, האָט זיי ביידן באַהעפט גייסטיק אויפן גאַנצן לעבן. זיינע דערציילונגען „פון אייביקן קוואַל״ ווידמעט אַנסקי זשיטלאָווסקין און באַגלייט זיין ווידמונג מיט די וואַרעמסטע ווערטער:
„דיר, מיין טייערסטער פריינד און חבר פון גאַנצן לעבן ד״ר חיים ב״ר יוסף זשיטלאָווסקי, ווידמע איך דאָס שענסטע און הייליקסטע פון מיין גייסטיק לעבן. אַלץ, וואָס איך האָב פאַר די פערציק יאָר פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט געשאַפן אין אונדזער שפּראַך. נעם צו מיין ווידמונג ווי אַ שוואַכן אויסדרוק פון מיין ברידערלעכער ליבע און טיפסטער אַכטונג צו דיר״.

דעם טעם פון לומדות, השכלה און פיזישער אַרבעט האָט ער געוווסט זינט דער פריער יוגנט. ער האָט זיך פאַרנומען מיט שמידעריי און מיט אייַנבינדעריי אַלס פאָרמען פון פּראָדוקטיווער אַרבעט און אַלס בולטער קעגנזאַץ צו דער פאַרמיטלעריי פון זיינע עלטערן. אין גרונט גענומען האָט ער אָבער געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענע נטיה צום שרייבן, צו דראַמאַטור־גיע און צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט געהאַט אין זיין בלוט אַ חסידישן ברען, אַ מיסטישע פאַרקלערטקייט, אַ פונק פון פאַרצייטיקע מקובלים און אַ שטאַרקן ווילן צו „גיין צום פאָלק״, צו באַהעפטן זיך מיט דער פאָלקס־מאַסע. דער וועג צום אייגענעם פאָלק איז אים אָבער געווען פאַרשטעלט דורך וואָלקנס פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און אַבערגלויבן. אונ־טער דער השפעה פון זיין רוסישער בילדונג און דער ראַדיקאַלער רוסי־שער ליטעראַטור, האָט ער זיך אָפּגעריסן פון דער יידישער סביבה און איז צוגעשטאַנען אין פעטערבורג צום קרייז פון די רוסישע „נאַראָדניקעס״, איז געווען טעטיק אַלס דער סעקרעטאַר פון באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער פּעטער לאַווראָוו, האָט דאָס רוב געשריבן רוסיש, אָבער זיין טעמאַטיק איז געווען אַ יידישע, ער האָט זיך אַליין איבערגעזעצט פון רוסיש אויף יידיש, און איז לאַנגזאַם געקומען צוריק צו דער יידישער סביבה און צו דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט יידישע לעגענ־

דעס און מיט חסידישע מעשיות. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט כלערליי אַנטפּלעקונגען פון יידישן פאָלקלאָר, איז צוגעשטאַנען אַלס אַקטיוועך טוער צו דער פּעטערבורגער יידישער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אונטערן פאָרזיץ פון שמעון דובנאָוו און האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער יידישער עטנאָגראַפישער קאָמיסיע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון די מיטלען פון באַראָן גינצבורג און האָט זיך מיט ליבע און אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן דער פאָרשונג פון יידישן פאָלקלאָר און לעבנס־שטייגער אין רוסישן דרום.

אויפן געביט פון דער יידישער דראַמאַטורגיע האָט ער זיך געשאַפן אַ וועלט־נאָמען מיט זיין מיסטישער דראַמע „דער דיבוק", וואָס איז צו־ערשט אויפגעפירט געוואָרן דורך דער „ווילנער טרופּע" און איז איבער־געזעצט געוואָרן אין אַ שפּרודלדיקן העברעאיש דורך דעם שפּראַך־מייסטער, דעם דיכטער חיים נחמן ביאַליק.

אַנסקיס „דער דיבוק" האָט געהאַט זיין גורלדיקע געשיכטע. בשעת ער איז געלייענט געוואָרן דורך אַנסקין אין יאָר 1916 אין יידישן אָריגינאַל פאַר חיים נחמן ביאַליקן און פאַר אַ קרייז אַנדערע יידישע שרייבער אין אָדעס האָט ער וויניק־וואָס אויסגענומען. אָפּשאַצנדיק אָבער אַנסקיס אַרבעט אויפן געביט פון יידישן פאָלקלאָר און וועלנדיק אים ליטעראַריש אַרויס־העלפן, האָט ביאַליק געזוכט פאַרן „דיבוק" אַן איבערזעצער אין העברעאיש.

ווינטער 1917, בשעת ביאַליק און אַנסקי האָבן זיך געטראָפן אין העב־רעאישן שרייבער־קרייז אין מאָסקווע, אין הויז פונעם באַקאַנטן כלל־טוער און מעצענאַט הלל זלאַטאָפּאָלסקי (אויך איך האָב זיך באַטייליקט אין יענעם צוזאמענטרעף) און אַנסקי האָט ווידער פאָרגעלייענט זיין „דיבוק", האָט הלל זלאַטאָפּאָלסקי געמאָלדן, אַז ער האָט דערוואָרבן ביים מחבר די רעכט אויף דער דראַמע, כדי זי צו שטעלן אין העברעאישן טעאַטער „הבימה" מיט דעם תנאי, אַז זי זאָל איבערגעזעצט ווערן אויף העברעאיש דורך ביאַליקן.

מיט אַ שווערער האַרץ האָט ביאַליק גענומען אויף זיך די אויפגאַבע און האָט זי מיט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג אויסגעפירט. „וואָס זאָל איך אייך זאָגן? האָט וועגן דעם געשריבן אַנסקי צו ביאַליקן אין זיין העב־

רעאַישן בריוו פון 23סטן מערץ 1918 — בעת איך האָב געלייענט די אי־בערזעצונג האָבן טרערן געגרונען פון מיינע אויגן פון פיל פרייד. אַזאַ ווונ־דערלעכע, צאַרטע און פּאָעטישע איבערזעצונג, וואָס האָט דערצו פּאַרבע־סערט מיט איר מוזיקאַלישקייט די גאַנצע דראַמע".*

ס'דערגייט זיך, אַז ניט אַזוי לייכט האָט ביאַליק גענומען אויף זיך די אַרבעט. צומאָרגנס נאָך דער מאָסקווער באַגעגעניש האָט אים דער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי שטאַרק געבעטן וועגן דעם אין זיינעם אַ ספּעציעלן בריוו. נאָך מער האָט דאָס פון אים פאַרלאַנגט דער באַקאַנטער העברעאי־שער שרייבער דוד פרישמאַן, וועלכער איז סוף 1917 צוגעטראָטן רעדאַגירן דעם גרויסן העברעאישן חודש־זשורנאַל „התקופה", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין מאָסקווע אין פאַרלאַג פון באַקאַנטן מעצעאַנט אברהם יוסף שטיבעל, און האָט אומבאַדינגט געוואָלט פאַרעפנטלעכן די דראַמע אין ביאַליקס איבערזעצונג אין ערשטן בוך.

דאָס איז אָבער אַ צייטלאַנג פאַרהאַלטן געוואָרן צוליב אַ ווייטערדיקן טרויעריקן עפּיזאָד: נאָך דעם, ווי ביאַליק האָט פאַרענדיקט די העברעאישע איבערזעצונג און אומגעקערט אַנסקין דעם איינציקן יידישן מאַנוסקריפּט, איז דער לעצטער ביי אַנסקין פאַרלוירן געגאַנגען און ביאַליקן איז אויס־געקומען אויפסניי אויפצושטעלן דעם יידישן אָריגינאַל־טעקסט לויט זיין העברעאישער איבערזעצונג.

מיט אַנסקין האָב איך זיך געטראָפן אין מאָסקווע אָנהייב 1918 בשעת מען האָט אָנגעהויבן די פלייסיקע רעפּעטיציעס פון די „הדיבוק"־פאָר־שטעלונגען אין דער „הבימה". זיין באַגייסטערונג און טרוימערישקייט האָט ניט געהאַט קיין גרעניץ, אָבער ווען מען האָט צום ערשטן מאָל גע־שפּילט דעם „דיבוק" פאַר אַן איבערפולטן טעאַטער אין דער אָנוועזנהייט

---

* די בריוו צווישן אַנסקין און ביאַליקן ווערן אָפּגעהיט אין ביאַליק־אַרכיוו אין „בית ביאַליק" אין תל־אביב און זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „גאָלדע־נער קייט" אין תל־אביב. דער גאַנצער עפּיזאָד מיט דער העברעאישער איבערזע־צונג איז אויספירלעך באַשריבן געוואָרן דורכן דירעקטאָר פון ביאַליק־הויז אין תל־אביב מ. אונגערפעלד אין 15טן באַנד „מאזנים", אָרגאַן פון העברעאישן שרייבער־פאַרבאַנד, אין צוזאמענהאַנג מיטן 40יאָריקן יובל פון „הדיבוק".

פון דער דעמאָלט וואַגיקער יידישער געזעלשאַפט און אין אַנוועזנהייט פון באַרימטע יידישע און רוסישע שרייבער, אַרטיסטן און קולטור־טוער אָנהייב אַפּריל 1921, איז שוין דער מחבר פון „דיבוק" געווען טויט פינף חדשים.

חודש נאָך חודש, יאָר נאָך יאָר, האָט מען דעם „הדיבוק" געשפּילט ביי פולע זאַלן; און איבער די מאָסקווער גאַסן, ווו אַנסקי האָט אַ פּאַר־טרוימטער און פאַרזאָרגטער ניט איין מאָל געוואַנדערט, האָבן מיט גרויסע רוסישע אותיות געשטראַלט די „הבימה"־אַפישן וועגן די פאָרשטעלונגען פון „הדיבוק". ער האָט ניט געזען מער די פּרוכט פון זיין דראַמאַטישער שאַפונג אויף דער יידישער בינע אין גאָר דער וועלט און אין העברע־אישן טעאַטער אין ארץ־ישראל.

אַנסקיס „דיבוק" איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויך אויף דייטש און ענגליש און איז געשפּילט געוואָרן אין ענגלישן טעאַטער. דער איטאַליענישער קאָמפּאָזיטאָר ל. רוקע האָט דעם „דיבוק" איבערגעאַרבעט אין אַן אָפּערע. דאָס אַלץ האָט אַנסקי ניט זוכה געווען צו זען. אין מיטן פון זיינע וואַנדערונגען איבער די יידישע ישובים און זיינע שפּעריקישע אויפ־טוען האָט ער זיך אויסגעלעבט און איז אַוועק פון דער וועלט אַ מידער פון זיין פּילזייטיקער שעפערישקייט, פון די שווערע אַרבעט־אומשטענדן און אַ דערשלאָגענער פון די יידישע ליידן און חורבן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און וועלכע ער האָט מיטן בלוט פון זיין האַרצן באַשריבן אין זיין דרייבענדיקן „חורבן גאַליציע" (איבער־געזעצט אויף העברעאיש דורך ש. ל. ציטראָן).

כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנסקיס סימבאָלישער און אַלעגאָרישער אויפ־פאַסונג פון די געשעענישן איז, אַז בשעת זיינע טרויעריקע אָבסערוואַציעס איבער די חרובע גאַליצישע שטעט, וואָס זיינען פּאָגראָמירט געוואָרן דורך די קאָזאַקן, האָט זיך זיין טיף־שפּירזאַם אויג אָפּגעשטעלט אויף אַ צעבראָ־כענעם מאַרמאָרנעם טאָוול מיט די צוויי לוחות, וואָס די וואַנדאַלן האָבן אַראָפּגעשליידערט פון איבערן אָרון־קודש אין איינער פון די סינאַגאָגעס און פון וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן אַלע ווערטער „לא" פון „לא

תרצח", „לא תגנב", אַזוי אַז עס איז מקוים געוואָרן די באַרבאַרישע סימ־באַליק — „תרצח, תגנב".

רייך איז אַנסקיס ליטעראַרישע ירושה און זי איז נאָך ניט אין גאַנצן אויפגעזאַמלט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן. ער האָט געשריבן דערציילונגען, נאָוועלן, דראַמען, הומאָרעסקעס, זכרונות און לידער. ער האָט זיך גע־שטעלט אַן אומשטערבלעכן פּאָליטיש־היסטאָרישן מאָנומענט מיט זיין ליד, די נייע בונדישע שבועה, וואָס איז יאָרנלאַנג געזונגען געוואָרן מיט האַרץ און רעוואָלוציאָנערן ברען דורך צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטס־מענטשן און אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ די ליידנדיקע נשמה פון ש. אַנסקין, מער ווי מיט קעמפערישקייט און פּאָליטישקייט, וואָס פּאַדערט זיך פון אַ פּאַרטיי־הימן. די 4 לעצטע שורות זעען אויס דורכויס אַנדערשדיק, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט, אַז אַנסקי איז ניט געווען קיין בונדיסט און אַפילו ניט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַט בכלל.

אַזוי קלינגט אַנסקיס „די שבועה":

אין זאַלציקן ים פון די מענטשלעכע טרערן
געפינט זיך אַ שרעקלעכער תהום;
ער קען שוין ניט טיפער, ניט פינצטערער ווערן,
אים צייכנט אַ בלוטיקער שטראָם.

דעם תהום האָבן טויזנטער יאָרן געגראָבן
— אמונה און שנאה און פיין.
און טויזנטער יאָרן, טראָפּן נאָך טראָפּן
עס גיסן זיך טרערן אַריין.

און פול איז דער תהום... ס'זיינען יידישע טרערן,
נאָר האָט ניט קיין טעות אין זיי:
אַ בלוטיקע טרער טוט דעם קבצן געהערן,

דעם נגיד — אַ ווייסע ווי שניי.
דער אַרבעטער וועט די וועלט באַפרייען און היילן,
וועט גרייכן דעם תהום ביזן גרונד.
זאָל לעבן פון רוסלאַנד און ליטע און פּוילן
דער יידישער אַרבעטער־בונד!

זיין נאָענטקייט צום יידישן אַרבעטער־קלאַס, צו וועלכן ער האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין די יוגנט־יאָרן אויס ליבע צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, געפינט איר אויסדרוק אין דעם שטייגעריש־קלינגענדיקן קליינעם פאָלקס־ליד „דער שניידער":

דער שניידער נייט,
די נאָדל גייט,
דער מוח דרייט,
ס'איז גרויס די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט.

די לעצטע יאָרן זיינע (1919—1920) האָט ער פאַרבראַכט אין וואַרשע, ווו עס זיינען דערשינען זיינע ווערק אין 15 בענדער. ער איז געשטאָרבן דעם 8טן נאָוועמבער 1920 און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויף אַ בכבוד־דיקן אופן אין שכנות פון די קברים פון י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן. אײַבער אַלע דריי קברים איז אין יאָר 1925 אויפגעשטעלט געוואָרן דער „אוהל פּרץ".

אַזוי האָט דער טויט געבראַכט אַנסקין דעם וואַנדערער אין אייביקער שכנות מיט צוויי גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור — יצחק לייבוש פּרץ און יעקב דינעזאָן.

ער איז געשטאָרבן ערב דעם גרויסן דערפאָלג פון זיין דראַמאַטישן שאַפן. ער האָט ניט זוכה געווען צו זען און מיטצולעבן די טעאַטער־פּאַר־

שטעלונג פון זיין „דיבוק״ אין יידישן אָריגינאַל און אין מוסטערהאַפטער העברעאישער ביאַליקס איבערזעצונג, ווי אויך איר איבערזעצונג און אויפֿ־פירונג אין אַנדערע וועלט־שפּראַכן.



מאַרטין בובער

עס איז אין אַ גוטן עלטער אַוועק פון אונדז איינער פון די טיפע און אייגנאַרטיקע יידישע דענקער פון אונדזער צייט: פּראָפ. מאַרטין בובער.

די גרונט־אויסצייכענונג מאַרטין בובערס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זייענדיק אַ רעליגיע־פאָרשער און פילאָזאָף פון באַרוף, מיט אַ יסו־דותדיקער קענטעניש פון דער אַלטער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור, איז ער געווען גלייכצייטיק טיף פאַרוואָרצלט אין דער מערב־אייראָ־פּעאישער וויסנשאַפט און אין דער פּאָליטישער און קולטור־געזעלשאַפט־לעכערווירקלעכקייט פון זיין צייט. און דער עיקר איז, וואָס ביי דעם אַלעם האָט ער געהאַט זיין אייגענעם אומאָפּהענגיקן צוגאַנג צו די יידישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע היינטיקע פּראָבלעמען.

אין מאַרטין בובערס למדניש פאַרטיפטן אינטעלעקט האָבן זיך גע־ראַנגלט דער טעאָלאָג און דער סאָציאָלאָג. ער האָט זיך געמיט, ווי עס האָבן אויף אַ געלונגענעם אופן זיך אויסגעדריקט זיינע קריטיקער, אַראָפּ־צוברענגען גאָט אויף דער ערד און צו פירן מיט אים אַ פריינטלעכן און היימישן וויכוח. אַ רודף־שלומניק לויט זיין נאַטור און כאַראַקטער, האָט ער מיט אַלע זיינע כוחות געשטרעבט צו מאַכן שלום צווישן גאָט און דער וועלט. ער האָט געוואָלט באַגרינדן די אידייע פון וועלט־שלום אויף רע־ליגיעז־פילאָזאָפישע יסודות, מאַכן אַ פערמאַנענטן און אפשר אייביקן שלום צווישן די אמונות און צווישן די פעלקער.

ער האָט געשעפּט זיינע מאָראַלישע און הומאַניסטישע אידייען פון די ביבלישע קוועלן. ער האָט די ביבל מיט גייסט און טעמפּעראַמענט, מיט אַ מוסטערהאַפטער סטיליסטישער פיינקייט איבערגעזעצט אין מאָדערנעם דייטש און מיט ליבע און טרייקייט געמיט זיך אויסצובויען אויף איר אַ הומאַניסטישן אידייען־פּראָגראַם פאַרן מערב־אייראָפּעאישן דענקענדיקן מענטשן.

ברייטער און אייגנאַרטיקער האָט ער אָבער געעפנט די טיר פון זיין געדאַנקען־וועלט פאַר דער חסידישער באַוועגונג, און דאָ איז ער אויס־געוואַקסן אין אַ ווירקלעכן גייסטיקן פאַרמיטלער צווישן דעם אינטע־לעקטואַליסטישן מערב און דעם פאָלקסטימלעכן, דעמאָקראַטישן מזרח. ער איז צוגעגאַנגען האַרט צו די מאַסן פון זיין אייגענעם פאָלק, פון וועמענס שורש ער האָט געצויגן זיין יניקה פון די ערשטע קינדער־יאָרן. אין אַ גרויסער ריי ווערק, געשריבענע אין דייטש, אין דערציילטע און געליי־טערטע חסידישע מעשיות האָט ער פאַרשפּרייט דעמאָקראַטישע און הומאַ־ניסטישע געדאַנקען. די מערב־אייראָפּעאישע פּראָגרעסיווע קולטור־וועלט האָט אים אויפגענומען אַלס איינעם פון אירע אויסגעצייכנטע פּרעדיקער פון הומאַניזם און פעלקער־פאַרברידערונג.

מאַרטין בובער איז אויף זיין אייגנאַרטיקן וועג דערגאַנגען ביז צו די גרויסע אַלמעכטיקע טויערן פון דער סאָציאַליסטישער וועלט. ער האָט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט געהאַט פיל פריינט און סימפּאַטיקער. ער האָט אָבער נישט געגרייכט איבערצוגיין דעם רוביקאָן פון דיאַלעקטיק

און מושווה צו ווערן מיט קאַרל מאַרקסן. עפּעס מיסטישעס, גייסטיקעס און אַבסטראַקטעס האָבן געשאַפֿן אַ טיפֿע מחיצה צווישן אים און דעם גרויסן לאַגער פֿון היינטצייטיקן סאָציאַליזם און קאָמוניזם. ער האָט זיך צופֿרידנגעשטעלט מיט דער לעצטנס פּאָפּולער געוואָרענער הנחה, אַז מיט פּילע און פֿאַרשיידענע וועגן לאָזט מען זיך קומען צו אַ נייער וועלט פֿון גלייכקייט, ברודערשאַפֿט און שלום.

זייענדיק אַזוי שטאַרק פֿאַרוואָרצלט אין דער יידישער געשיכטע, וויסנשאַפֿט און קולטור, איז ער במילא פֿון זיין ערשטער יוגנט אָן און ביז צום לעצטן אָטעם פֿון זיין לעבן געווען אַ געטרייער זון און אַ פֿלאַמיקער פּאַטריאָט פֿון זיין פֿאָלק, ער איז אָבער אויך אין דעם פּרט געגאַנגען זיין אייגענעם וועג און געבליבן שטיין ערגעץ אין דער מיט צווישן דער פֿאַרגייסטיקטער מדינה פֿון אחד־העם און דעם פֿאָלקס־דעמאָקראַטישן קאָ־לעקטיוו פֿון אהרן דוד גאָרדאָן.

אין וועלט־זאַכן האָט ער מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט זיין אַ רעאַלער פּאָליטיקער. ער האָט זיך באַנוצט מיט זיין וואַקסנדיקער פּאָפּולאַריטעט אין דער וועלט, כדי צו רופֿן די פֿעלקער, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זייע־רע אָפֿיציעלע פֿירער אָפּצושטעלן דאָס מיליטערישע פֿיבער־געיעג, פֿאַר־באָטן דאָס אַטאָמישע געווער. ער האָט אָבער ניט פֿאַרשטאַנען צו דערגיין צום תוך פֿון דער וועלט־טראַגעדיע. אין דעם פּרט איז ער געווען גוטמוטיק ווי אַ צדיק און נאַאיוו ווי אַ קינד.

נאָך איידער זיין באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל אין די דרייסיקער יאָרן, איז ער געווען איינער פֿון די גרונט־זיילן פֿון דער אינטעלעקטואַ־ליסטישער גרופּע „ברית־שלום" („פֿריינטשאַפֿט־בונד"), וועלכע האָט פֿלאַמיק געפּרעדיקט דעם שלום צווישן יידן און אַראַבער און וועלכע האָט פֿאַרבונדן פֿריינטלעכע קולטור־קאָנטאַקטן מיט דער היגער אַראַבישער אינטעליגענץ. צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן געהערט: ד"ר י. ל. מאַגנעס, ד"ר יוסף לוריא, ב. ראַדלער (ר' בנימין), פּראָפֿ. הוגאָ בערגמאַן, מיין זעליגע פֿרוי ראָזאַ און אַנדערע.

פֿון דאַן אָן און ביז צו זיין לעצטן לעבנס־טאָג האָט פּראָפֿ. מאַרטין בובער, ניט געקוקט אויף אַלע בלאָנדזשענישן און טרויעריקע אָפּנייגונגען

און העצעס, געריפן אַלע יאָרן געוויסנהאַפט און ערלעך צו קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש און פרידלעכער פאַרברידערונג צווישן יידישן און אַראַ־בישן פאָלק און צו אַ גאַנץ נייער אָריענטאַציע פון דער ישראל־רעגירונג אין דער אַראַבישער פראַגע.

וואָס שייך דעם דייטשן פּראָבלעם, האָט ער, דער מערב־מענטש לויט זיין דערציאונג, דער טיף־פאַרוואָרצלטער אין דער דייטשישער וויסנשאַפט און קולטור, דער מאַן, וואָס האָט אַזויפיל און שעפעריש געווירקט אויף דער אויסבילדונג פון דער בעסערער דייטשישער אינטעליגענץ, איבער־געלעבט זינט דעם דערשיינען פון היטלעריזם אַן אויסערגעוויינלעכע, דערשיטערנדיקע טראַגעדיע. זיין פילבאַרע נשמה איז געווען שטערבלעך פאַרוווּנדעט. זיינע הייליקייטן זיינען געווען ברוטאַל פאַרשוועכט. זיין גרויסער גלויבן אין מענטשן איז געווען גרויזאַם געבראָכן .ער האָט אָבער געמאַכט אויסערגעוויינלעכע און איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, כדי ניט צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז דער היטלער־באַרבאַריזם און בלוט־מבול זאָלן האָבן אָפּגעווישט און פאַרניכטעט די דערהויבענע און שעפערישע דערגרייכונגען פו ןדער גרויסער קלאַסישער דייטשישער וויסנשאַפט און קולטור, זאָלן האָבן אָפּגעטאָן דעם צלם אלהים פון דעם דייטשישן מענטשן. אָפּט האָט ער אַפילו מגזם געווען אין זיין פאַרגעבערישקייט און האָט אַרויסגערופן אַ טיפן צער און צאָרן אויך אין די פּראָגרעסיווע יידישע קרייזן, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט די הייליקע לאָזונג פון „ניט פאַרגעבן, ניט פאַגעסן" און וואָס האָט פאַרלאַנגט און פאַרלאַנגען פון דעם דייטשישן פאָלק אַ געוויסנהאַפטע חרטה, סאָציאַלע איבערשטעלונג און איבער־דערציאונג פון דער יוגנט.

נאָכן צווייטן וועלט־קריג האָט פראָפ. מאַרטין בובער צוריק אויפ־געשטעלט זיינע קאָנטאַקטן מיט דער דייטשישער קולטור־וועלט. ער האָט באַנייט זיינע באַציאונגען מיט די דייטשישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, זשורנאַלן און פאַרלאַגן, איז אַרויסגעפאָרן אויף פאַרלעזונגען, און האָט כלל ניט ריכטיק אָריענטירט זיך אין קולטור־לעבן פון דעם נאָכמלחמה־דיקן דייטשלאַנד. ער איז געבליבן, ווי אַנדערע ניט־סאָציאַליסטישע גע־לערנטע און שרייבער, פאַרבלענדט, ניט וויסנדיק ווו עס הייבט זיך אָן

געאָגראַפיש און אידייאיש דאָס אמת־נייע און פאַרגעשריטענע אַנטי־היטלערישע דייטשלאַנד און ווו עס לעבט נאָך אָפּט פאַרשטעלט און פאַרמאַסקירט דער נעאָ־היטלעריזם און רעוואַנזשיזם, וועלכע טראָגן אַריין ניט באַמערקט זייער גיפט פון מענטשן־שנאה און דיסקרימינאַציע אין די כלומרשט באַנייטע קולטור־אַנשטאַלטן אויף דער דייטשישער ערד.

זיין לעבן און שאַפן לאָזן זיך גוט איינטיילן אין צוויי תקופות: די דייטשישע און די ארץ־ישראלדיקע.

וועגן דער ערשטער קאָן געזאָגט ווערן דאָס יהודה הלוישע וואָרט: „אני במערב ולבי בסוף מזרח" — איך בין אין מערב און מיין האַרץ איז אין עק מזרח. וועגן דער צווייטער קאָן געזאָגט ווערן דאָס פאַרקערטע: איך בין אין מזרח, אָבער מיין האַרץ (אָדער ריכטיקער מיין אינטעלעקט, מיין קולטור־לעבן) איז אין מערב.

אין דער ערשטער תקופה איז ער געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער דייטשישער קולטור־וועלט. —ער האָט אַלע זיינע ווערק, זיינע ביכער און פאַמפלעטן געשריבן אין דייטש. אָבער מיט זיין האַרצן האָט ער דורכויס געהערט צו דעם יידישן פאָלק און צו ארץ־ישראל. שוין אין יאָר 1902 האָט ער צוזאַמען מיט בערטאָלד פייוולען אַרויסגעגעבן אַ בראָשור וועגן אַ העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים און האָט פּלאַנירט איר אויסבוי. צוזאַמען מיט בערטאָלד פייוולען האָט ער פאַרלייגט יסודות פאַרן „יידישן פאַרלאַג" אין בערלין, האָט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן זינט דעם יאָר 1916 זיין אינטערעסאַנטן חודש־בלאַט „דער יודע" און האָט פאַרפאַסט און אַרויסגעגעבן גרונטיקע ווערק, וואָס האָבן געצילט צו פאַרשפּרייטן זיינע פאַרשונגען אויפן געביט פון חסידות צווישן דייטשישע יידן און אין דער מערבדיקער וועלט בכלל. עס האָבן זיך אויסגעצייכנט זיינע „מעשיות פון רבי נחמן פון בראַסלאַוו" און „די אגדה פון בעל שם טוב". צוזאַמען מיט פראַנץ ראָזענצווייגן האָט ער איבערגעזעצט די ביבל אין אַ מוסטערהאַפטן קלאַסישן דייטש. ער האָט דאָצירט יידישע פילאָסאָפיע און רעליגיע אין דער אוניווערסיטעט פון פראַנקפורט אין די יאָרן 1923—1933.

זיין ארץ־ישראל־תקופה האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1937. דאָ האָט

ער זיך איינגעוואָרצלט אין לעבעדיקן העברעאיש, האָט געדעדט העברעאיש און האָט אין העברעאיש געהאַלטן זיינע פאָרלעזונגען איבער סאָציאָלאָגיע און רעליגיע. דאָ האָט דער שאָקען־פאַרלאַג אויך אַרויסגעגעבן זיינע העב־רעאישע כתבים, צווישן וועלכע עס האָבן פאַרנומען אַ באַזונדער אָרט „המגיד הגדול", „האור הגנוז", „משה" און „תורת הנביאים".

ווי מיר האָבן געזען האָט ער פיל צייט און האַרץ אויך אָפּגעגעבן דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און האָט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן געגאַרט נאָך אַ וועלט פון פעלקער־שלום און פון לייזונג פון יידיש־אַראַבישן פּראָבלעם.

האַוולעט דזשאָנסאָן

עס איז געפֿאַלן אַ גײַסטיקער ריז, אַ רעוואָלוציאָנערער ברעכער פֿון די אָפּגעשטאַנענסטע ציטאַדעלן פֿון קלעריקאַליזם און רעאַקציע, אַ מאַן, וועלכער האָט אַרײַנגעטראָגן דאָס גײַסטע און הומאַנישסטע אין די פּאַרגליווערטסטע און קאָנסערוואַטיווסטע קרײַזן פֿון אײראָפּעאישן מערב.

עס איז געשטאָרבן זאַט מיט יאָרן און רײַך מיט קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע מעשים דער „רויטער דעקאַן" פֿון קענטערבורי האַוולעט דזשאָנסאָן, וואָס האָט אַרויסגעהאָנגען שטאָלץ און אָפֿנהאַרציק די פֿאָן פֿון מענטשלעכן פּראָגרעס, וועלט־שלום און פֿעלקער־ברידערשאַפֿט איבער די בריטישע קירכעס און קלויסטערס און איבער די ברייטע קרײַזן פֿון דער ענגלישער געזעלשאַפֿט.

נאָך גאָר ניט לאַנג האָבן מיר געזען זײַן מאַסיווע ריזיקע פֿיגור, מיטן בלויזן דענקער־קאָפּ, אָפֿענעם בראַוון געזיכט און מיט דעם זילבערנעם קרייץ אויף דער נאַקעטער ברוסט, אויף די וועלט־קאָנגרעסן פֿון דער שלום־באַוועגונג.

ער איז געווען און איז געבליבן ביז זײַן לעצטן לעבנס־טאָג אַ טיף גלויביקער קריסט, וואָס האָט זיך גענומען אָפּרײַניקן מיט אַ געוואַגטער שטאַרקער האַנט זײַן קריסטנטום פֿון מיטלאַלטערלעכן שימל, סכאָלאַסטיק און פֿינצטערע פֿאַראורטיילן. מיט אַ טיפֿער אינספּיראַציע און גלויבן האָט ער די גאַנצע יאָרן זיך געמיט דורכצולייגן אידייאישע ווענן צווישן אוראַלטן קריסטנטום און דער רעוואָלוציאָנערער הײַנטצײַטיקייט, אויפֿשמעלצן און האַרמאָניש פֿאַרבינדן דעם קריסטלעכן גלויבן מיט דער אידייע פֿון וועלט־שלום און פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט. ער האָט דאָס געטאָן דרייסט אין זײַנע ביכער, רעדעס און קירכלעכע פּריידיקן.

איך האָב געהאַט דאָס גליק אים פּערזענלעך צו קענען, געטראָפן זיך מיט אים אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן, געהאַט אַ מאָראַלישן גענוס פון די שמועסן מיט אים, געווען טיף גערירט פון זיין אויסערגעוויינלעכער פריינטלעכקייט, באַשיידנקייט און האַרציקייט.

גאַנץ באַזונדערס געדענק איך זיין אָנטייל (דעצעמבער 1951) אין דעם וועלט־קאָנגרעס פון דער שלום־באַוועגונג אין וואַרשע און זיינע באַגייס־טערטע ווערטער, באַגלייט מיט זודיקע טרערן, ביים דענקמאָל אין געטאָ.

עס איז געווען אַ לופטיקער האַרבסטיקער טאָג. אין די מיטאָג־שעהן האָט זיך די זון דורכגעריסן דורך די בלייענע וואָלקנס, וואָס האָבן געלויערט אויפן וואַרשעווער הימל, ווען עס איז דערקלערט געוואָרן אַן איבעררייס אין די אָנגעשטרענגטע פאַרהאַנדלונגען פון קאָנגרעס, און פון דער קאָנגרעס־טריבונע איז איבערגעגעבן געוואָרן די מעלדונג, אַז די ענגליש־אַמעריקאַ־נישע אָנטיילנעמער פון קאָנגרעס גייען אַרויס פון דער קאָנגרעס־געביידע אויף אַ באַזוך אין געוועזענעם געטאָ.

גלייך ביים אַריינגאַנג אויף דער ברייטער אָפענער גאַס האָבן זיך אָנ־געהויבן אויסשטעלן אין געשלאָסענע פריינטלעכע רייען, צו פינף מענטשן אין אַ ריי, מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, פון אַלע הויט־קאָלירן; דאָ זיינען געווען דעלעגאַטן און געסט, קאָרעספּאָנדענטן און רעפּאָרטערן; אין באַזונדער ענג־געשלאָסענע רייען האָבן זיך באַהעפט די מיטגלידער פון דער צאָלרייכער אַמעריקאַנישער דעלעגאַציע. אין געשלאָסענע אָרעמס האָבן מאַרשירט ווייסע און שוואַרצע אַמעריקאַנער שלום־קעמפער — און אין סאַמע שפּיץ פון דעם געשלאָסענעם פעלקער־מאַרש, אַלס וועגווייזער און פירער, האָט מיט זיין דערהויבענער פיגור מאַרשירט דער דעקאַן פון קענטערבורי — האָולעט דזשאָנסאָן.

ווי כוואַליעס פון אַ ים האָבן זיך געצויגן די רייען פון אַריינגעטראַכטע, טיף־פילנדיקע שלום־קעמפער, און וואָס נענטער צום געטאָ, אַלץ באַוועג־לעכער און רירעוודיקער האָבן זיך געשפּירט די מענער און פרויען אין די מאַרשירנדיקע רייען, און דער „רויטער דעקאַן" אין דער שפּיץ פון מאַרש איז געוואָרן באַזונדערס פאַרקלערט און אויפגעשטורעמט.

און אָט קומט אָן דער מאַרש אויף דער טעריטאָריע פון געטאָ, ער

דערנענטערט זיך, ער קומט אָן צום געטאָ־דענקמאָל, צו וועלכן עס זיינען איצט מיט שטילן טרויער און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ געווענדט די אויגן פון אַלע מאַרשירער.

דער ערשטער איז אָנגעקומען האַרט צום דענקמאָל דער דעקאַן האַוולעט דזשאָנסאָן, און נאָך אים, אין ענגע געשלאָסענע רייען, אין אַ פאָרמירטן האַלב־קרייז האָבן זיך אויסגעשטעלט אַלע מאַרשירער.

און דאָ איז געשען דאָס נאַטירלעכע, דאָס ריכטיקע, דער גרויסער געבאָט פון דעם מאָמענט. דער ריזיקער, טיף־אויפגעשטורעמטער מאַן אין געוואַנט פון עוואַנגעלישן גייסטלעכן, מיטן בלויז קאָפּ און אָפענער ברוסט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני אויף די טרעפּ פון געטאָ־מאָנומענט, האָט געקושט מיט די ליפּן די ערד און אויפשטייענדיק מיט אַ פאַרקלערטן געזיכט, האָט ער זיך געווענדט צו דעם געשלאָסענעם קרייז מענער און פרויען און אַן אויפגעברויזטער, אָבער מיט אַ הילכיקער שטים האָט ער געזאָגט:

— טייערע שוועסטער און ברידער! מיר שטייען איצט צוזאַמען אויף דעם הייליקסטן אָרט פון דער מענטשהייט, אויף דעם אָרט פון די גרעסטע באַרבאַרישע פאַרברעכנס און מאַסן־מאָרד פון די ווילדע נאַציסטן קעגן יידישן פאָלק; אויף דעם אָרט פון אַנטפּלעקטער, איבערמענטשלעכער גבורה און העלדישקייט פון די יידישע זין און טעכטער. לאָמיר, שוועסטער און ברידער, שווערן אויף דעם דאָזיקן הייליקן אָרט. נאָך אַמאָל אונדזער שבועה ניט צו פאַרגעסן און ניט צו פאַרגעבן און צו קעמפן קעגן די פינצטערע כוחות פון היטלעריזם ביז זייער פולן אונטערגאַנג, ביז ס׳וועט קומען דער פולער פעלקער־שלום אויף דער וועלט.

און דער דעקאַן פון קענטערבורי האָט זיך צעוויינט, און מיט אים האָט שטיל מיטגעוויינט די גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אַרמיי פון שלום־קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ.

יענע הייסע קושן פון קאַלטן שטיין, יענער קאָלעקטיווער געוויין פון די שלום־קעמפער, יענע טרערן, וואָס זיינען געפאַלן אויפן געהייליקטן באָדן פון וואַרשעווער געטאָ לאָזן זיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

עס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן די פאַרגייסטיקטע געשטאַלט פון דעם ענגלישן פראָגרעסיוון דענקער און קעמפער אין פריסטערלעכן לבוש, וועלכער האָט זיך אויפן האַרציקסטן אופן סאָלידאַריזירט מיטן גורל פון יידישן פאָלק און וועלכער האָט, שטייענדיק אויפן בלוטיקן באָדן פון וואַרשעווער געטאָ, פייערלעך געשווירן און באַשווירן די גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע עדה פון די שלום־קעמפער ניט צו פאַרגעסן און ניט צו פאַרגעבן די טויטלעכע זינד, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אונדזער פאָלק.



ראובן ברײנין

שוין פֿון אָנהײב פֿון זײַן ליטעראַרישן װעג האָט ראובן ברײנין אַרײַנגעטראָגן אַ נײַעם, אָפּפֿרישנדיקן גײסט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער איז געװען אײנער פֿון די, װאָס האָבן פֿאַרלײגט די פֿונדאַמענטן פֿאַר דער מאָדערנער נײַער ריכטונג אין דער ליטעראַטור, װאָס האָט זיך אַרױסגעריסן פֿון דעם גײַסטיקן געטאָ, פֿון די גרעניצן פֿון דעם קלײנשטעטלדיקן שטײגער און האָט געעפֿנט אַ פֿענצטער צו די אוניװערסאַלע װײטענישן, צו אַ װעלטלעכן לעבן און דענקען, צו װעלטלעכער װיסנשאַפֿט און קונסט.

פּלאַנמעסיק, לאַנגזאַם און קאָנסעקװענט איז ראובן ברײנין געגאַנגען דעם שװין פֿרײ־באַטראָטענעם װעג. שוין אין די 90ער יאָרן האָט ער זיך אַרױסגעריסן פֿון די שאַבלאָנישע ענגע ראַמען פֿון דער העברעאישער לי־

טעראַטור און אָנגעהויבן ברעכן אַ וואַנט נאָך אַ וואַנט, ראַנגלען זיך מיט די קעגנזאַצן און אַלטע טראַדיציעס פון זיין סביבה און איבערווינדן זיי טריט ביי טריט. ער איז געווען דער איינאַפּייער צווישן די העברעאישע שרייבער, ענלעך צו דוד פרישמאַן. ער איז אָבער אַוועק פיל ווייטער פון פרישמאַנען. ער האָט ענדגילטיק צעבראָכן די מחיצה צווישן העברעאיש און יידיש, צווישן ייד און מענטש — ער האָט געעפנט פאַר זיין גייסטיקן שאַפן יידיש־פאָלקסטימלעכע און גלייכצייטיק אוניווערסאַלע, כלל־מענטשלעכע האָריזאָנטן.

שוין אין יאָר 1896, צוטרעטנדיק אַרויסצוגעבן אין ווין זיין העברעאישן חודש־בלאַט „ממזרח וממערב" („פון מזרח און פון מערב"), האָט ער געשריבן אין זיין פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל: „...עס האָט אַ טעות און עס פאַרפירט אויך אַנדערע. ווער עס זאָגט, אַז די העברעאישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט, פאַרברייטערט און באַרייכערט אין משך פון די לעצטע יאָרן. כדי די העברעאישע ליטעראַטור זאָל זיך אויפבויען פון איר חורבן, איז נייטיק אַ גרויסע און אומאויפהערלעכע אַרבעט, ניט אָפּגעשוואַכטע אַרבעט פון פיל דורות... צו דעם איז נייטיק עס זאָלן פאָרקומען קאָלאָסאַלע ענדערונגען אין לעבן פון אונדזער פאָלק".

ער האָט זיך באַקלאָגט אויף די ענגע האָריזאָנטן פון דער דעמאָלטיקער העברעאישער ליטעראַטור, אויף איר פאַרשווייגן און ניט רעאַגירן אויף די היינטצייטיקע נייע מיינונגען און פּראָבלעמען, וואָס וואַכן אויף אין דער וועלט און אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ער האָט פאַרלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ מאָדערנער ליטעראַטור־קריטיק, אַן אָביעקטיווער, רעאַליסטישער, אמתדיקער און אָפט אַפילו שאַרפער. ער האָט געשריבן אַ גרויסע רייע מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע דענקער, שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער און איז צו זיי צוגעגאַנגען מיט אַן ערנסטער סאָציאַלער קריטיק.

ער האָט געשריבן: „אויב מיר וועלן ניט באַלייכטן מיטן קריטישן אויג, מיט דעם פאַקל פון וויסן אַלע ווינקלעך פון אונדזער לעבן, זייערע פאַרבאָרגענישן און טונקלקייטן, וועלן מיר אָנטאָן שלעכטס אונדזער פאָלק פיל מער ווי עס טוען דאָס אונדזערע שונאים און פאַרפאָלגער".

אין דעם זעלביקן יאָר 1896 שרייבט ער שוין אין איינעם פון זיינע העברעאישע אַרטיקלען „עמנו וספרותנו" („אונדזער פאָלק און אונדזער ליטעראַטור"), וועגן דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער אויפגאַבע פון דער העברעאישער ליטעראַטור: „מיר זיינען פאַרפליכטעט צו פאַרטיידיקן אונ־דזערע מענטשלעכע רעכט אין אַלע לענדער ווו מיר לעבן, ווייל עס איז אַ מאָראַלישע און פונדאַמענטאַלע פליכט פון יעדן מענטש און פון יעדן פאָלק צו קעמפן פאַר זיינע מענטשלעכע רעכט און צו פאַרטיידיקן זיי. און דער מענטש אָדער דאָס פאָלק, וואָס איז מוחל און מוותר אויף זיינע רעכט — גלויבט ניט מער אין דער צוקונפט פון אַזאַ מענטש אָדער אַזאַ פאָלק".

אין מערב־אייראָפּע, ווו ראובן ברײנין האָט געלעבט ביז צום יאָר 1910, האָט אים אויסגעפעלט לופט צום אָטעמען. עס האָבן אים ניט צוגע־צויגן די ליטעראַרישע סאַלאָנען און די קאַפעהייזער פון בערלין און ווין. ער האָט ניט אויפגעהערט זוכן דעם סינטעז צווישן דעם יידישן און מענטש־לעכן, פאָלקסטימלעכן און אוניווערסאַלן. עס האָט אים ניט געצויגן צוריק אין זיין אַלטער היים אין צאַרישן רוסלאַנד. ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיך קענען ליטעראַריש און געזעלשאַפטלעך פּראָדוקטיוו אויסלעבן צווישן אַמעריקאַנער מאַסן־יידנטום און איז אַוועק קיין אַמעריקע און קאַנאַדע אין יאָר 1910.

אויך דאָ האָט ער אַריינגעטראָגן אַ פרישן, שעפערישן, פּראָגרעסיוון און אמתדיקן שטראָם אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

אָננעמענדיק די רעדאַקציע פון דעם העברעאישן חודש־בלאַט „התורן" („די מאַסט") אין יאָר 1922, האָט ער געשריבן שוין אין זיין פּראָגראַמאַ־טישן אַרטיקל: „די העברעאישע ליטעראַטור דאַרף לאָזן הערן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת, אָן קיין שום שוינונג... דערמיט וועט זי פאָרזעצן די טראַ־דיציע פון די נביאים".

אין קאַנאַדע און צפון־אַמעריקע, אויף דער ברייטער אַרענע פון מאַסן־יידנטום, האָבן זיך פאַר אים געעפנט גרעסערע מעגלעכקייטן. עס האָבן אויך אַרויסגעלויכטן און באַשטראַלט זיין אינטעלעקט די היסטאָרישע גע־

שטאַלטן פֿון די פּיאָנערן פֿון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. דאָ האָבן זיך לחלוטין צעבראָכן די מחיצות צווישן אים און די יידיש־רעדנדיקע מאַסן. ער האָט מער ווי פֿריער אָנגעהויבן שרייבן אויף דעם לעבעדיקן יידישן לשון, אויף דער שפּראַך פֿון זיין היים, פֿון זיין נאַטירלעכן דענקען און פֿילן. ער האָט דאָ אַראָפּגענידערט פֿון דעם אינטעלעקטועלן אָלימפּ פֿון פֿרעמדן מערב־אייראָפּע, געקומען אין טאָג־טעגלעכער באַרירונג מיט דער יידישער גאַס, מיטן יידישן אַרבעטס־מענטש.

זיין באַזוך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אין יאָר 1926 האָט ענדגילטיק צע־בראָכן דעם רעשט פֿון זיינע גייסטיקע אָפּהאַלטן. ער איז געקומען צוריק אַ באַנייטער, אַן אָפּגעפֿרישטער, אַן אויפֿגעברויזטער. עס איז פֿאָרגעקומען אַ גרינטלעכע איבערקערעניש אין זיין דענקען. ער איז אַרויפֿגעקומען אויף אַ נייעם וועג אין זיין געזעלשאַפֿטלעכן און ליטעראַרישן לעבן און באַ־נעמען זיך.

און צוליב דעם נייעם ליכט, וואָס האָט אויפֿגעשטראַלט אין זיין לעבן און שאַפֿן האָבן זיך פֿון אים דערווייטערט די רעאַקציאָנערע וואָרטזאָגער פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור, זיי האָבן אים באָיקאָטירט און געררודפֿט, געפּרוווט דעגראַדירן, איגנאָרירן, אַראָפּנידערן אים פֿון זיין צענטראַלער פּאָזיציע אין דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, פֿאַרטושן און פֿאַרשווייגן זיינע יאָרנלאַנגע דערפֿאָלגן און דערגרייכונגען. זיי האָבן זיך פֿאַרמאָסטן אויפֿן האַרבסטן אופֿן צו באַשטראָפֿן אים פֿאַר זיין גרינט־לעכער איבערשאַצונג פֿון די סאָציאַלע ווערטן. זיי זיינען זיך מיט אים באַגאַנגען אַזוי ווי זיי זיינען זיך באַגאַנגען מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

ער האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן דעם דרוק פֿון דער רעאַקציע. ער האָט שטאָלץ און דרייסט געטראָגן די פֿאַרשאַפֿענע גייסטיקע יסורים, וואָס האָבן זיך שווער אָפּגערופֿן אויף זיין געזונט און רואינירט ביזן סוף זיין מאַטעריעלע עקזיסטענץ. ער האָט געשעפּט קראַפֿט און מוט פֿון דער איבערצייגונג, אַז ער האָט געפֿונען דעם וועג צו דער דערלייזונג פֿון פֿאָלק און מענטש.

זיין טרייקייט צו דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור האָט זיך

ניט אָפּגעשוואַכט. ער איז געבליבן אַ ציוניסט ווי פריער. און אויב ער האָט שפּעטער זיך ווייניקער באַטייליקט אין דער העברעאישער פּרעסע איז דאָס געשען צוליב זיין געזונט־צושטאַנד און צוליב דעם, וואָס די וואָרטזאָגער פון דער העברעאישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק האָבן איצט סיסטעמאַטיש פאַר אים געשלאָסן די טירן צוליב זיינע אָנשויאונגען.

אָבער אַפילו אין די ווייניקע העברעאישע פּובליקאַציעס פון זיינע לעצטע יאָרן איז געקומען צו אַ בולטן אויסדרוק דער גרויסער דורכבראָך אין זיין גייסטיקן לעבן.

אין זיין הקדמה צום צווייטן באַנד פון זיינע העברעאישע שריפטן שרייבט ראובן ברײַנין אין יאָר 1936 : „איך האָב ניט געקענט בלייבן שטיין די גאַנצע צייט אויף אַ פּאַראַליוועטן פּונקט. איך האָב מיך געריהרט פון מיין אָרט — און לחלוטין נייע האָריזאָנטן האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט, אין דער צייט ווען מיינע נעכטיקע חברים — די מערהייט פון העברעאישע שרייבער זיינען געבליבן ווי צוגעשמידט מיט טשוועקעס צו זייערע ער־טער, און עס פאַרשטייט זיך, אַז עס איז גרויס געוואָרן די ווייטקייט צווישן אונדז. טיפע אָפּגרונטן שיידן צווישן אונדז פאַנאַנדער".

מיט דעם דאָזיקן פעסטן גלויבן אין דער נייער וועלט, אין דעם נייעם מענטשן, מיט דעם דאָזיקן גליענדיקן ווילן, אַז דער יידישער מענטש זאָל זיך אין ארץ־ישראל און אין גאָר דער וועלט אַריינגלידערן אַלס אַ גליק־לעכער, אַ גלייכבאַרעכטיקטער אין דעם אויפבוי פון דער גרויסער מענטשלעכער צוקונפט האָט ער אונדז פאַרלאָזן.

ער איז געשטאָרבן דעם 30סטן נאָוועמבער 1940.

אין זיין הקדמה צו ראובן ברײַנינס בוך „פון מיין לעבן" האָט אים מיט אַ טיפער מענטשן־קענטעניש און ביאָגראַפישער שרייבער־באַגאַבטקייט כאַ־ראַקטעריזירט נחמן מייזיל.*

„אין דער צייט ווען דער גרעסטער רוב העברעאישע און אויך יידי־שע שרייבער האָבן זיך שטענדיק געפונען בלויז אין דער יידישער סביבה...

* ראובן ברײַנין — פון מיין לעבן, „איקוף", ניו־יאָרק 1946, עמ' 7—8.

האָט ראובן ברייניִנען געצויגן אין דער ברייטער וועלט. ער האָט אָנגע־קניפּט באַציִאונגען און פריינדשאַפט מיט קינסטלער און דענקער, מיט ריכ־טונגען און אידייען פון דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט... ער איז געגאַנ־גען פונעם ווערק צו דער לעבעדיקער פּערזענלעכקייט, צו די וועלט־קינסט־לער, זיך געטראָפן מיט זיי, זיי געבראַכט נענטער צו דער יידישער וועלט״.

בערל מאַרק

גאָר ניט לאַנג צוריק זײַנען מיר, איך און מײַן פֿרוי, געזעסן מיט אים אין זײַן דירה אויף דער וואַרינסקי־גאַס אין וואַרשע און געמיטלעך פֿאַר־בראַכט, אַרומגערעדט פֿאַרשיידענע יידישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור־פּראָבלעמען, אָנגעצייכנט ברייטע, ווייטגייענדיקע פּלענער פֿאַר דער נאָענטער אַרבעט און צוזאַמענאַרבעט. ער האָט, אמת, שווער געליטן פֿון זײַנע אויגן, האָט כמעט פֿאַרלאָרן אין גאַנצן די ראייה, האָט אָבער מיט זײַן שטענדיקן אָפּטימיזם אויך אין דעם פּרט געהאָפֿט, אַז עס וועט זיך אים אין גיכן נאָך אומקערן דאָס ליכט פֿון דער וועלט. דערווײַל האָט ער זיך געשפּייזט כסדר מיט דעם גרויסן גייסטיקן ליכט, וואָס האָט ניט אויפֿגעהערט צו באַשטראַלן זײַן טיף יידישן און מענטשלעכן אינטעלעקט.

אויף זיין טרייע און געבילדעטע פרוי און חברטע עדאַ האָט אים ניט ווייניק באַלויכטן זיין וועג, געמאַכט אים מעגלעך ווייטער צו שאַפן. זי האָט אים געדינט מיט איר אינטעלעקט, מיט אירע אויגן, מיט איר פעדער, מיט איר טאָגטעגלעכער מיטאַרבעט.

ווי פון אַ קלאָרן שטילן קוואַל זיינען געפלאָסן זיינע געדאַנקען. דער לירישער טעמבער פון זיין קול האָט אָפּגעקלונגען אין דער האַרבסטיקער לופט מיט אַן איינגעהאַלטענעם בענקען און טרויער.

אונדזער שמועס האָט זיך ניט געענדיקט. בערל מאַרק און זיין פרוי זיינען אַרויסגעגאַנגען אונדז באַגלייטן צו דער באַן, און אויפן וועג האָט אונדזער שמועס נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן, און געזעגענענדיק זיך מיט אַ פריינדלעכער וואַרעמקייט, האָט יעדער פון אונדז געהאָפט אויף אַ ווייטערדיקן המשך, אויף ווייטערדיקע, נאָך ענגערע, נאָך אָפטערע, גייסטיקע קאָנטאַקטן צווישן וואַרשע און תל־אביב, אויף אַן אַקטיווער קולטור־געזעלשאַפטלעכער מיטאַרבעט.

דער דאָזיקער געגאַרטער המשך איז אָבער, ליידער, ניט געקומען, און אין טיפן טרויער נאָך דעם גרויסן יידישן דענקער, חבר, פריינד, נאָך דעם יידישן אייגנאַרטיקן געלערנטן, פּאַטריאָט און קאָמוניסטישן טוער, קומט מיר איצט אויס אָנצוואַרפן מיט צער און ווייטיק די ערשטע שטריכן פון זיין אומפאַרגעסלעכער שעפערישער פּערזענלעכקייט.

*

איך האָב געהערט וועגן דעם אויפקומען פון זיין יונגן און אייגנאַרטיקן שאַפן, איך האָב געלייענט זיינע אַרטיקלען, האָב געפילט צו אים אַ באַזונדער גייסטיקע נאָענטקייט נאָך איידער איך האָב געהאַט די גוטע געלעגנהייט מיט אים פּערזענלעך זיך צו באַקענען, צו שליסן דעם גייסטיקן אויפבונד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די לעצטע טעג פון זיין פאַרשניטענעם קורצן לעבן.

איך האָב מיך צוערשט באַקענט מיט בערל מאַרקן אין דעצעמבער 1950, בשעת איך בין געקומען צוזאַמען מיט מיין ישראל־דעלעגאַציע צום

וועלט־קאָנגרעס פאַר שלום אין וואַרשע. וואַרשע, גאַנץ באַזונדער די פריערדיקע יידישע טיילן פון דער פוילישער הויפטשטאָט, איז נאָך צום גרעסטן טייל געלעגן אין חורבות, און פּראָפּ. בערל מאַרק, דער היסטאָ־ריקער פון אומקום און יידישן העלדנטום, האָט זיך שוין אַרויסגעהויבן ווי אַ היינטצייטיקער ירמיהו איבער די מאַסן־קברים און חורבות.

זינט דער ערשטער באַגעגעניש אין יענע טעג האָבן מיר זיך ניט נאָר גייסטיק דערפילט נאָענט, נאָר מיר האָבן ווי דערגענצט איינע די אַנדערע, באַהעפט זיך, דערשפּירט דעם חוב וואָס ליגט אויף אונדז מיטצוהעלפן איינע די אַנדערע ביים אויפבוי פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור און וויסנשאַפט, וואָס האָט געפונען איר גרויסן צענטער אין יידישן היס־טאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, וועלכן פּראָפּ. מאַרק האָט אָנגעפירט. די גרויסע זאַמל־ און אויפקלערונגס־אַרבעט האָט זיך דאַן געניטיקט שטאַרק אין פּיאָנערן פון אַ וועלט־פאַרנעם. מען האָט באַדאַרפט אַקטיוו מיטאַר־בעטן מיט דער טרייער און אויסדערוויילטער קליינער גרופּע פון פאָרשער און זאַמלער, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעשלאָסן אַרום בערל מאַרקן און דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, און איך האָב אויף זיך גענומען די ניט לייכטע אויפגאַבע פון אַ קולטור־פאַרבינדלער צווישן תל־אביב און וואַרשע.

דאָס האָט געהייסן ניט צו פירן אַ פּאָלעמיק איבער קולטור, נאָר דורך פלייסיקער מיטאַרבעט אויסצובויען אַ יידישן פאָלקס־פראָנט און קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס זאָל אויף אַ רעאַלן אופן פאַר־טרייבן און איבערווינדן די אַסימילאַציע, וואָס האָט זיך מאַסקירט און אַנ־געקליידט אין אויסטערלישע געוואַנטן פון קאָסמאָפּאָליטיזם. מיר האָבןביידע געטראָגן אין האַרצן איין גרויסן אמת, וועלכער איז דעמאָלט געווען ווייניק פּאָפּולער, אַז דער היסטאָריזם און די ליבע צום אייגענעם פאָלק און דער פּאָזיטיווער, וועלטלעכער דיאַלעקטישער צוגאַנג צו זיין געשיכטע אין אַלע תקופות און צייטן דאַרפן און מוזן גילטן אַלס דער צעמענטירטער און רעאַלער גרונט פאַר אונדזער אינטערנאַציאָנאַליזם. ער האָט געשעצט און געערט יעדע ערלעכע און געוויסנהאַפטע פאָרשונג.

ער איז געווען דער גרויסער ייד, דער ברייטהאַרציקער כלל־טוער,

דער למדן — די איינציקאַרטיקע פּערזענלעכקייט אין לינקן יידישן לאַגער. ביי זיין טיפער פּרינציפּיעלקייט איז ער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון סעקטאַנטיזם, פון פּאַרטייאישער ענגהאַרציקייט און אייפערזוכט. ער האָט זיך וויסנשאַפטלעך פאַרטיפט אין דער פאָרשונג פון דער אומקום־געשיכטע, פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און פון דעם העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אין אַנדערע געטאָס. ער האָט אָבער שטענדיק געפאָרשט און אַרויסגעבראַכט דעם היסטאָרישן שורש און הינ־טערגרונד פון דעם דורותלאַנגן יידישן עקזיסטענץ־קאַמף.

און דאָס האָט אים געפירט געטריי צו די גרויסע היסטאָרישע אָנהייבן פון דעם דאָזיקן קאַמף אין ארץ־ישראל, ווען דאָס אויפשטענדישע פאָלק האָט מיט אַלע חושים זיך פאַראַנקערט אין זיין פאָטערלאַנד, געקעמפט פאַר זיין פרייהייט מיט לייב־און־לעבן. אים האָט געצויגן קיין ארץ־ישראל. ער האָט באַזוכט דאָס לאַנד און באַהעפט זיך אין אים גייסטיק. ער וואָלט זיכער געקומען לעבן און אויסלעבן זיך ביי אונדז, ווען ניט זיין רשעותדיקע רע־גירונג און דער פריצייטיקער טויט וואָלטן אים ניט אָפּגעשניטן דעם וועג.

סוף 1950 האָב איך געפונען פראָפ. בערל מאַרק אין ברען פון זיין קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט. אין די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ זענען אויסגעפונען געוואָרן רעשטן פון דאָקומענטן און פאַרצייכענונגען. פון פאַרשיידענע עקן לאַנד זענען געפלאָסן אָפּגעראַטעוועטע מאַנוסקריפּטן און ביכער. פּוילישע פויערים פון דער פּראָווינץ האָבן ניט איינמאָל געהאַט געבראַכט געפונענע מאַטעריאַלן. און בערל מאַרק איז געווען שטאָלץ און באַגייסטערט פון יעדן קלענסטן פונק פון אַנטפּלעקטער מענטשלעכקייט.

שוין דאַן האָבן העצער, אייגענע און פרעמדע ניט איינמאָל געהאַט באַשולדיקט אים און דעם היסטאָרישן אינסטיטוט אין כלומרשט פּאַרטיי־אישער ענגהאַרציקייט. ער איז דערפון געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט, און שפּאַצירנדיק מיט מיר איבער די עקספּאָנאַטן פון די חורבן־מאַטעריאַלן אין אינסטיטוט, האָט ער מיר מיט אַן אינעווייניקסטער אויפרעגונג אָנגע־וויזן אויף די אויפרופן פון די פאַרשיידענע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס זיינען געווען אויסגעהאָנגען אין אַ געשלאָסענער

ריי פּלאַקאַטן אין העברעאיש, יידיש און פּויליש פון „הפּועל המזרחי״, „פּועלי־ציון״, „השומר הצעיר״ און פון קאָמוניסטן, וועלכע האָבן מער פון אַלע רייד דערציילט וועגן דער טרויעריקער סאָלידאַריטעט.

די דאָזיקע סאָלידאַריטעט אויף לעבן און טויט האָט בערל מאַרק דעמאָלט אָפּגעמערקט אויך בשעת ער איז מיט מיר געגאַנגען איבער די ענגע זאַלן פון איבערשטן שטאָק פון אינסטיטוט, ווו עס זיינען געווען עקספּאָנירט בילדער פון אומגעקומענע יידישע קינסטלער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע איינשטעלונגען.

ער האָט זעלטן ווען עפּעס דערציילט וועגן די יאָרן פון דער מלחמה־צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ראַטנפאַרבאַנד, אָבער די אויסשטראַ־לונג פון יענער פעלקער־סאָלידאַריטעט האָט אים שטאַרק באַווירקט און פאַרמירט און פאַרטיפט זיין יידישן און מענטשלעכן באַוווסטזיין.

פיל צער האָבן פאַרשאַפן מאַרקן די אויסטראַכטענישן פון די ישראל־דיקע קלעריקאַלן, אַז אין פּוילישן יידנטום ברענגט מען אום די רבנישע ליטעראַטור. אין זיין טעמפּעראַמענטפולן בריוו צו מיר פון 14טן יוני 1951, שרייבט ער: „... די נאָטיץ פון דעם מזרחיסטישן „הצופה״ האָב איך איי־בערגעלייענט און זיך לגמרי ניט אויפגערעגט. מיר זיינען שוין צו דעם געוווינט. יעדעס וואָרט, וואָס זיי שרייבן, איז שקר. מיר האָבן אַ סך ספרים — און ליידער ווייס מען ניט פון וואַנען זיי זיינען — חוץ דער ביבליאָטעק פון אַלעקסאַנדערער רבין. מיר האָבן מיט אַ צייט צוריק געשיקט גאַנצע טראַנספּאָרטן, גאַנצע וואַגאָנען, פאַר דער ביבליאָטעק פון ירושלימער אוני־ווערסיטעט. זייער געשריי, בכן, אַז מיר פעלשן די געשיכטע, איז שוין אַן אַלטער פּזמון...״

צוויי מאָל האָב איך גאַנץ באַזונדערס אַרויסגערופן אַ גוטמוטיקן פאַר־שטענדנישפולן שמייכל אויף זיין פּנים: איין מאָל אין דעצמבער 1950, ווען איך האָב געהאַט געלייענט פאַר די מיטאַרבעטער פון יידישן אינסטי־טוט מיין אויספירלעכן רעפעראַט וועגן אהרון שמואל ליבערמאַן, דעם פאָטער פון העברעאישן סאָציאַליזם און רעדאַקטאָר פון דער ערשטער העב־רעאישער סאָציאַליסטישער צייטשריפט „האמת״, און פיל שפּעטער, אין יאָר 1964, ווען איך האָב געלייענט פאַר די מיטאַרבעטער פון דעם זעלביקן

אינסטיטוט מיין אויספירלעכן רעפעראַט וועגן „משה העס, דעם ייד און מענטש״.

מיר האָבן זיך קיינמאָל גייסטיק ניט געשיידט און זיינען געבליבן נאָענט אין מחשבה און אָפּשאַצונג פון דערווירקלעכקייט.

עס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן זיין אַרויסטריט אין פּאַריז אין יאָר 1955 אויפן צוזאַמענפאָר פון די אַנטינאַצישע קעמפער, ווו עס האָט מיט זיינע ליפּן גערעדט דער היסטאָריקער פון אומקום און גבורה און דער נאָבעלער פאָלקס־טריבון, דער גרויסער גלייבער אין דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק.

אין יאָר 1957 האָבן מיר פּראָפ. בערל מאַרק האַרציק אויפגענומען אין אונדזער הויז אין תל־אביב. די יידישע וועלט־וויסנשאַפט האָט דעמאָלט געגעבן פון זיין שיינעם און אינהאַלטרייכן רעפעראַט אויפן וועלט־קאָנגרעס פאַר יידישער וויסנשאַפט אין ירושלים. ער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיין גרינטלעכקייט, וועלטלעכקייט און הומאַניזם.

עס איז שווער, באַזונדערס אין איצטיקן מאָמענט, אַרומצונעמען און אויספירלעך צו כאַראַקטעריזירן זיין גרויסע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ מתמיד אין טראַדיציאָנעלן זין פון וואָרט. בשעת זיינע, ליידער, זייער אָפטע קראַנקייטן פלעגט ער ליגן אַרומגערינגלט מיט לומדישע ביכער און מיט דער וועלט־ליטעראַטור און פּרעסע. ער איז געווען איינער פון די חשובע זיילן פון דער יידישער פּראָגרעסיווער וויסנשאַפט, דער גוטער פאַרבינדלער צווישן דער יידישער און פּוילישער וויסנשאַפט, פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט און מיטגליד פון דער פּוילישער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפט. אין היסטאָרישן אינסטיטוט פלעגן צו אים קומען צו באַ־קענען זיך און מיטצואַרבעטן פּראָגרעסיווע געלערנטע און קעמפער פון פאַרשיידענע פעלקער און לענדער.

אַזוי פרי, אַזוי פּלוצלונג האָבן מיר פאַרלאָרן אונדזער גרויסן חבר און פריינד, דעם וועלט־ייד און דעם וועלט־מענטש. מיר זיינען שטאַרק פאַר־יתומט געוואָרן. עס האָט זיך געבילדעט אַ ליידיק אָרט אין אונדזערע רייען, וואָס קיינער וועט ניט קענען אים מער אויספילן.



שלמה שילער

אין דעם ענגן קרייז פון אָריגינעלע דענקער און וועגווייזער פון דער ארץ־ישׂראלדיקער פֿאָלקס־אינטעליגענץ און ארץ־ישׂראלדיקן אַרבעטער־קלאַס, האָט פֿאַרנומען אַן אייגנאַרטיק אָרט שלמה בלאַנקענשטיין, דער זון פֿון אַן אָנגעזעענעם קאָצקער חסיד, רבי זעליג, וועלכער האָט אַלס צייכן פֿון איבערגעווײנלעכער פּיעטעט צום באַרימטן דייטשישן דיכטער און דענקער פרידריך שילער אָנגענומען יענעמס פֿאַמיליע־נאָמען — שילער.

ער איז געקומען אין לאַנד אין דער תּקופֿה פֿון דער צווייטער עליה, אָנגעהויכט מיט חלוצישן גייסט, נאָך דעם ווי ער, דער מזרח־אייראָפּעאישער ייִד, האָט ערנסט געהאַט שטודירט די מערבֿ־אייראָפּעאישע קולטור און וויסנשאַפֿט און גרינטלעך דערלערנט דעם מערבֿ־אייראָפּעאישן סאָציאַ־

ליזם. ער האָט אָבער פון דער היים געבראַכט אַ פילזייטיקע יידישע בילדונג, אַ לומדישע און משכילישע, און ער האָט זי שפּעטער געזוכט צו פאַרבינדן און צו סינטעזירן מיט זיינע אין מערב דערוואָרבענע ידיעות און קולטור־גיטער. אין זיין כאַראַקטער און אין זיין גאַנצער גייסטיקער געשטאַלט איז געווען ווירקלעך אַן אייגנאַרטיקער סינטעז פון זיין חסידישן אָפּשטאַם, פון דעם געזעלשאַפטלעכן קלימאַט פון זיינע עלטערנס היים אין רוסלאַנד און פון זיין לאַנגיאָריקער מערב־אייראָפּעאישער אויסבילדונג. פון דרויסן איז ער געווען אַדעליק, אַריסטאָקראַטיש רואיק און איינגעהאַלטן, פון אינע־ווייניק אָבער טעמפּעראַמענטפול, האַרציק, מיט אַ ברייטן און פאַרטיפטן פאַרנעם אין זיינע זוכונגען און ראַנגלענישן, און איז געווען ביז צום העכסטן גראַד אידייאיש געטריי און איבערגעגעבן דער אידייע, וועלכע ער האָט געהאַט אויפגענומען נאָך זיינע זוכונגען און אַנטפּלעקונגען. ער איז געווען אַ גרויסער און אומגעבראָכענער פּרינציפּיאַליסט. ער האָט גע־שטרעבט מיטן גאַנצן ערנסט און נשמה־גאַנצקייט צו אַ וועלט, אין וועלכער עס זאָל זיך קענען גליקלעך אויסלעבן זיין פאָלק, דער יידישער אַרבעטס־מענטש אין ארץ־ישראל און ווו ער זאָל ניט זיין, צו אַ וועלט פון שלום און גליק פאַרן יעדן מענטש. פאַר זיך אַליין האָט ער קיין זאַך ניט פאַר־לאַנגט אַ חוץ דעם טעגלעכן ברויט און דער מעגלעכקייט צו אַרבעטן פאַר די אינטערעסן פון זיין פאָלק, פאַר דער מענטשלעכער קולטור און וויסנ־שאַפט. ער איז געווען, ווי ער האָט זיך אַליין כאַראַקטעריזירט, דער מתמיד, ווי עס האָט אים געשילדערט חיים נחמן ביאַליק. און ווירקלעך — מיט דער זעלביקער התמדה, מיט וועלכער ער האָט אין זיין פריער יוגנט געלערנט תורה און תלמוד, האָט ער זיך שפּעטער אָפּגעגעבן מיט פאַר־טיפטע שטודיען אין דעם קרייז פון יונגע וויסנשאַפטלער און שרייבער. ווי עס דערציילט וועגן אים דער העברעאיש־יידישער שרייבער שלום שטרייט, איז שלמה שילער געווען דאָס האַרץ פון יענעם אינטעלעקטואַליסטן־קרייז.

לויט זיין נאַטור איז שלמה שילער געווען אַ דערציער. זיין אויפ־געבונדנקייט מיט דער העברעאישער שפּראַך האָט זיך ניט באַגרעניצט מיט די שפּראַך־פאָרמען, מיט דער גראַמאַטיק און סטיל. ער איז טיף אַריינגעדרונגען אין די קאָמפּליצירטע קולטור־ווערטן, וועלכע ליגן אין

איר טויזנט־יאָריקער ליטעראַטור. צו די דאָזיקע ווערטן האָט ער פאַרזיכטיק געזוכט נייע צוגענג און באַלויכטונגען.

ער איז אָנגעקומען אין לאַנד אין יענע יאָרן ווען די העברעאישע פאָלקס־שול אין לאַנד האָט געהאַט אויסצושטיין איר שווערן געראַנגל מיט די גייסטיקע אַפּיטרופּסים פון דער דערציאונג, וואָס האָבן אויפגעצוווּנגען אויף דער שול־יוגנט לימודים אין דער דייטשישער און פראַנצויזישער שפּראַך. ער איז געווען איינער פון די אַוואַנגאַרדישע קעמפער פאַר דער העברעאישער פאָלקס־שול, און גענוי אַזוי ווי ער האָט אין די ערשטע יאָרן אין לאַנד געקעמפט קעגן דער גערמאַניזירונג פון דער שול, האָט ער שפּעטער, אין זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן, מיט ניט קיין קלענערער אויסגעהאַלטנקייט געקעמפט קעגן דער אַנגליזירונג פון דער יידישער בילדונג אין לאַנד. אין זיינע פּלאַמיקע און לאָגיש קאָנסטרואירטע פאַר־לעזונגען, אין זיינע צייטונגס־אַרטיקלען און פּערזענלעכע געשפּרעכן האָט ער אָבער דורכאויס אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק, אַז די שפּראַך איז בעצם נאָר דער אינסטרומענט, די גייסטיקע געצייג, דער שליסל צו דער פאָלקס־קולטור און אַז מען מוז זי דעריבער אָנפילן מיט אַ רייכהאַלטיקן אינהאַלט און, קודם כל, גיין מיט דער שפּראַך און קולטור צום פאָלק.

כדי צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן געדאַנק האָט שלמה שילער גע־שטרעבט צו פאַרבינדן און פאַראייניקן אין איין געשלאָסענעם פאָלקס־בונד די לערער און קולטור־טוער. שוין בשעת ער איז נאָך געשטאַנען אין דער שפּיץ פון שול־פאַרבאַנד פון די העברעאישע שולן אין גאַליציע און בוקאָווינע האָט ער געשטרעבט צו פאַרלייגן אַ טיפן קולטור־פונדאַמענט פאַר דעם יידישן שול־וועזן און צו דעם צוועק האָט ער געהאַט געגרינדעט אַ ספּעציעלן לערער־סעמינאַר, דעם אַזוי גערופענעם „פּעדאַגאָגיקום".

לויט זיין נאַטור און כאַראַקטער איז שלמה שילער געווען מער דערציער, וואָס צייכנט אָן קולטורעלע און פּעדאַגאָגישע וועגן פאַר דער שול, ווידער אַ לערער אין געוויינלעכן זין פון וואָרט, וואָס קנעלט און לערנט פון טאָג צו טאָג מיט די קינדער. ער האָט בעסער געפּאַסט פאַר דער ראָל פון אַ סעמינאַר־לערער, וואָס באַהאַנדלט צוזאַמען מיט יונגע

לערער־קאַנדידאַטן וויסנשאַפטלעכע און דידאַקטישע פּראָגן און קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

דעריבער איז לייכט געווען אַזאַ מענטשן ווי שלמה שילער איינצו־גלידערן זיך אין די אָנהייב־יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט אין ארץ־ישראלדיקן קולטור־לעבן און דורכצולייגן וועגן, ווו עס איז נאָך ניט געווען קיין דורכגעטראָטענער וועג. ער האָט באַדאַרפט דערפילן די פונקציעס פון אַ לערער און דערנאָך פון אַ דירעקטאָר פון דער ירושלימער גימנאַזיע און ווידער גלייכצייטיק אַלס לערער און דירעקטאָר צוזאַמען. ווייניקער פון אַלץ האָט אים, דעם דענקער און הומאַניסט, געפּאַסט די אַדמיניסטראַטיווע פונקציע פון אַ דירעקטאָר. אָבער אויך זיינע לימודים מיט די גימנאַ־זיסטן זיינען ניט געווען קיין שאַבלאָניקע. דורך אָנגעשטרענגטער גייסטי־קער אַרבעט און זעלבסט־דערציאונג האָט ער ביי די ארץ־ישראלדיקע אומשטענדן פון יענער צייט אויסגעאַרבעט דעם געבענטשטן טיפּ פון אַ לערער־חבר, וועלכער אונטערהאַלט זיך געמיטלעך מיט זיינע תלמידים, צעברעכט די מחיצות צווישן זיך און זיי און פירט זיי אַריין ווי ייִנגערע ברידער אין אַ וועלט פון געדאַנקען און אידייען.

דעריבער האָט ער ניט געפונען קיין פולע באַפרידיקונג בלויז אין דער שול־אַרבעט. ער האָט זיך ניט ווייניקער — און אפשר אַפילו מער — אויסגעלעבט גייסטיק אין זיינע פאָרלעזונגען, וועלכע ער פלעגט האַלטן דאָס רוב אין זאַל פון דער לעמעל־שול, וואָס האָט אין יענע יאָרן געגאָלטן אַלס קולטור־צענטער פון דער ירושלימער לערערשאַפט און אינטעליגענץ בכלל. דאָס כאַראַקטעריסטישע אין זיינע פאָרלעזונגען איז געווען די הויכע מאָראַלישקייט און האַרציקייט אין דעם צוגאַנג צו פראַגן פון נאַציאָנאַלער און אַלגעמיין־מענטשלעכער דערציאונג. עס האָט אין זיי לחלוטין געפעלט דער עגאָצענטרישער און קאַטעגאָרישער צוגאַנג צו פראַגן. ער האָט ניט צוגעטראָגן זיינע צוהערער — דאָס רוב יונגע לערער, סעמינאַריסטן און עלטערע שול־יוגנט — קיין פאַרטיקע אמתן. דאָס זיינען געווען האַרציקע, חברישע און צוגלייך גרונטיק דורכגעטראַכטע געשפּרעכן, וועלכע האָבן דערנענטערט, אויפגעקלערט, געפירט טריט ביי טריט צו באַשטימטע קאָנ־סעקווענצן. ער האָט זיך דערביי דערווייטערט פון אַבסטראַקטע, נעפּלדיקע

געדאַנקען אָדער פון טעאָריעס מעכאַניש אויפגענומענע פון דרויסן. דאָס זיינען געווען שטענדיק געדאַנקען קלאָרע נאָך זייער פאָרם, מאָראַלישע נאָך זייער אינהאַלט און צילבאַוווסטע לויט זייער פּראָגראַם. ער האָט געפירט זיינע שילער און צוהערער — אָדער ריכטיקער, ער האָט צוזאַמען מיט זיי מאַרשירט — צו די טויערן פון זיין וועלט, דער וועלט פון אַרבעט און דערלייזונג פון פאָלק און מענטש.

זיין עיקר־ציל איז געווען אָנצוצייכענען ריכטיקע וועגן און צילן פאַר דער דערציאונג פון דער יוגנט אין לאַנד. אין זיין פאָרלעזונג דעם 10טן שבט תרפ״א (1922) האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז „דער ציל פון דער יידישער דערציאונג אין ארץ־ישראל איז איינע, וואָס איז אַ טאָפּלטע, אַ ציל אין דער טיף און אַ ציל אין דער ברייט. וואָס באַטייט אין דער טיף? צונויפשמעלצן אַלע פאַרשיידענע יידישע ווערטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין די פאַרשיידענע גלותן. די דערציאונג דאַרף ברענגען צו אַ מאַסנהאַפטער איינגלידערונג פון די איינוואַנדערער אין דעם אָרגאַניזירטן פאָלקסקערפּער. און וואָס באַטייט אין דער ברייט? עס שטייט פאַר אונדז אַ דערהויבענע אויפגאַבע, אַז די יידישע אויפלעבונגס־אַרבעט און שאַפונג זאָלן זיך ניט באַגרענעצן נאָר מיט ארץ־ישראל, נאָר אַז זיי זאָלן זיך אויך אויסברייטערן אויף אַלע מזרח־לענדער. אונדזער ציל איז אויפצולעבן דאָס יידנטום אין אַלע ווינקעלעך, וווהין עס איז פאַרשטויסן געוואָרן״. ער פאַרענדיקט זיין רעדע מיט פלאַמיקע ווערטער: „דאָס איז די דערציאונג, דאָס איז די צוקונפט פון פאָלק, וואָס נאָר קורצזיכטיקע זעען זי ניט״.*

און וואָס איז דער אינהאַלט פון דעם באַגריף „יידנטום״ ביי שלמה שילער? אין זיין ספּעציעלן אַרטיקל „טראַכטונגען וועגן יידנטום״ פאַרמולירט ער דעם באַגריף אין אַן אַלגעמיינער און ריכטיקער פאָרם, בעת ער זאָגט, אַז יידנטום באַטייט „דער סך־הכל פון אַלע גייסטיקע שאַפונגען

* אַלע ציטאַטן פון שלמה שילערס העברעאישע אַרטיקלען ווערן געבראַכט אין יידישער איבערזעצונג פון דער זאַמלונג פון זיינע כתבים, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ירושלים אין יאָר תרפ״ז (1927) דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ארץ־ישראלדיקער לערער־אָרגאַניזאַציע אונטער דער רעדאַקציע פון ר׳ בנימין.

פון יידישן פאָלק אין משך פון זיין היסטאָרישן לעבן". אָבער אין זיינע ווייטערדיקע אַרטיקלען טרעט ער שטאַרק אָפּ פון דעם ברייטן וועג, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט און שמעלערט שטאַרק איין דעם באַגריף „יידנטום". ער אַבסטראַהירט אים און פילט אים אָן מיט אַ מעטאַפיזישן אינהאַלט ביז ער דערקייקלט זיך צו דער דאָגמאַטיק פון אַפּאָלאָגעטישער און טעאָלאָגישער שולע אין מערב־אייראָפּע, וועלכע באַטראַכט דאָס יידנטום אַלס „אַ רעלי־גיעזע וועלט־אַנשויאונג און אַ עטישע לעבנס־באַטראַכטונג". און הגם ער דערקלערט אין איין אָרט ריכטיק, אַז „כדי צו דערקענען דאָס יידנטום אַ פולע און ריכטיקע דערקענונג, מוז מען זיך פאַרטיפן אין די וואָרצלען פון זיינע פאַקטאָרן און טרייב־כוחות", גייט ער ניט צו דינאַמיש און פיל־זייטיק צו דער היינטצייטיקער יידישער געשיכטע בכלל און צו די טרייב־כוחות פון לעבן אין ארץ־ישראל בפרט, וואָס איז אייגנטלעך אַ המשך און אָפּצווייגונג פון קאָלעקטיוון פאָלקס־שאַפן אין דער וועלט. ער טיילט אָפּ דאָס יידישע פאָלק אַלס לעבעדיקן און שאַפנדיקן קאָלעקטיוו פון דער פיקסירטער פילאָזאָפיע פון יידנטום. ער זאָגט: „דאָס יידישע פאָלק וועט זיך באַזעצן אויף דער ערד, וועט אויפלעבן זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, וועט שאַפן אַ נאַציאָנאַלע קולטור און אַ נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק... אָבער צוזאַמען מיט דעם איז מעגלעך, אַז דאָס פּאָזיטיווע יידנטום, דאָס הייסט די וועלט־אַנשויאונג און די לעבנס־באַטראַכטונג זאָלן זיך אָפּשטעלן צו געבוירן, אַז זייער לעבנס־פאָדים זאָל זיך איבעררייסן און אַז זיי זאָלן איבערגיין צו דער געשיכטע".

ביי זיין גאַנצער רעליגיעז־פילאָזאָפישער אויפגעקלערטקייט איז אָבער שלמה שילער פאַר קיין פאַל ניט קיין מיטגייער און מיטבאַטייליקטער פון אַ וועלכער ניט איז רעליגיעזער גרופּע אין יידישן פאָלק. ער זאָגט זיך אַרויס אַנטשיידן קעגן אָננעמען סתם די פאַרשטיינערטע רעליגיעזע ווערטן פון דער פּראַקטישער אמונה, פון דער „דת מעשית" אין זייער טאָג־טעג־לעכער דערשיינונג, און פון דער צווייטער זייט זאָגט ער זיך מיט דער זעלביקער אַנטשידנקייט אַרויס קעגן דער פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט צו רעליגיעזע פּראָבלעמען. ער גלייבט אין דער קראַפט פון דעם גייסטיקן רענעסאַנס און דער אינעווייניקסטער קאָנסאָלידירונג פון דער רעליגיע.

ער זעט „אין די רעליגיעזע געבאָטן און מצוות אַ קאָמפּלעקס פון סימבאָלן, וואָס דאָס פאָלק וועט זיי אַדאָפּטירן מיט דער קראַפט פון זיינע רעליגיעזע געפילן און גלייכצייטיק אויך מיט זיין היינטצייטיקן נאַציאָנאַלן חוש און אַז דאָס וועט געשען אין פּראָצעס פון זיין נייעם און פרייען לעבן. ער וועט אָפּהיטן סימבאָלן, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיינע פאָרגייער און וועט זיך גלייכצייטיק אויך שאַפן נייע סימבאָלן... דער דאָזיקער אויסוואַל פון סימבאָלן וועט ניט געשען מיט אַמאָל, נאָר אין משך פון לאַנגע דורות. עס איז מעגלעך, אַז ער זאָל פאָרקומען אויף אַ פרידלעכן אופן, עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז ער וועט אַרויסרופן אַן אינעווייניקסטע אויפטרייסלונג".

שלמה שילערס הומאַניסטישע און רעליגיעזע וועלט־אויפפאַסונג האָט אים אויף אַ לאָגישן און קאָנסעקווענטן אופן געבראַכט צו אַ פולער פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג פון דער אידייע פון אַרבעט און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און צו זיין סאָלידאַריזירונג מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. ער האָט זיך אין איר אויך פּאַקטיש אָנגעשלאָסן און איז געוואָרן אירס אַ וואָרטזאָגער און אַקטיוויסט, הגם לויט זיין גאַנצער נאַטור און כאַראַקטער איז ער געווען ווייט פון פּראַקטישער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. ער איז באמת אויך דאָ, נאָך זיין וואַרעמען אָנשלוס אין די אַרבעטער־רייען, זיך געגאַנגען ביי דער זייט פון דער אַלטעגלעכקייט. ער דערפילט אין דער ראָם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג גייסטיקע פונקציעס. ער פאַרטיפט זיך אין סאָציאַל־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. אין זיין אינדי־ווידועלער איינזאַמקייט אַלס דענקער, האָט ער געפּרוּווט זוכן זיך אין די רייען פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג אַ וואָרטזאָגער, טוער און דענקער, וועלכער זאָל אים זיין נענטער. ער האָט אייגנטלעך געהאָט געפונען אַ באַזונדערע גייסטיקע נאָענטקייט אין אהרן דוד גאָרדאָן. אָבער אים האָט זיך געדוכט, אַז נענטער איז אים גאָר יוסף טרומפּעלדאָר און על פּי טעות האָט ער אים געמאָלט מיט פאַלשע, אינדיווידואַליסטישע פאַרבן, וועלכע האָבן כלל ניט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. דעם גרויסן קאָמונאַר, וועלכער האָט נאָך זייענדיק אין סיביר געהאַט געגרינדעט די ערש־טע אַרבעטער־קאָמונע און וועלכער איז ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן געווען פאַרנומען מיט טאָג־טעגלעכער פיזישער אַרבעט אַלס חבר פון

קיבוץ אין אילת־השחר, האָט ער געשילדערט מיט פאַרבן, וואָס זיינען געווען אינספּירירט פון זיינע אייגענע פאַרשטעלונגען וועגן מענטש און געזעלשאַפט. ער שרייבט: „ווי די גאַנצע יוגנט פון זיין צייט איז ער (טרומפּעלדאָר) געווען, פאַרשטייט זיך, געטריי דער מאַטעריאַליסטישער אָנשויאונג, און דאָס האָט טייל מאָל געפירט צו אויבערפלעכלעכע מיינונגען... אָבער טיף אין זיין האַרצן איז ער געווען נענטער צו דער אידעאַליסטישער אָנשויאונג, וואָס זעט דעם הויפּט־פאַקטאָר אין לעבן אין דער הערשאַפט פון אידייען און אין זייער געראַנגל. ער איז געווען אַן אינדיווידואַליסט, ניט קוקנדיק אויף זיינע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען".

און דאָך איז שלמה שילער ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער אינדיווידואַליסט, ווי מען קען מיינען. אָנצייכנדיק אַ פּראָגראַם פאַר פּאָליטישער און קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט רעדט ער קלאָר און דייטלעך וועגן דער נייטיקער „צונויפשמעלצונג פון צוויי קאָלעקטיוויסטישע געדאַנקען: דעם נאַציאָנאַלן און דעם סאָציאַלן". ער שטעלט פעסט, אַז „דער נאַציאָנאַלער געדאַנק אַליין איז אַ צו שמאָלע באַזע, וואָס זאָל קענען אויסהאַלטן די אָנשטרענגונגען, וועלכע דערוואַרטן אַן אַלט פאָלק, וואָס קומט באַנייען די יסודות פון זיין עקזיסטענץ. עס איז נייטיק, אַז עס זאָל זיך מיט אים אָנשליסן אַ צווייטער כוח, אַן אַלגעמיין מענטשלעכער. אַזאַ קראַפט־דערגענצנדיקער כוח איז דער סאָציאַלער געדאַנק, דער סאָציאַליזם, די שטרעבונג צו שאַפן אַזאַ געזעלשאַפט, ווו עס זאָל ניט זיין קיין אָרט פאַר געצערטלטע אויס לקוסוס נעבן אַזעלכע, וואָס גייען אויס פון הונגער, עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע. אַזאַ געזעלשאַפט איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער געזעלשאַפטלעכער עטיק. ווען איינער זאָגט, אַז עס איז דאָ אַ מער דערהויבענע געזעלשאַפטלעכע מאָראַל, איז ער ניט מער ווי אַ ליגנער. ווען דער סאָציאַליזם ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקער טרייבקראַפט און ווען ער פאַראייניקט זיך מיטן נאַציאָנאַלן געדאַנק, קען ער אויפטאָן וווּנדער. ער איז אימשטאַנד אַריינצוגיסן ניי בלוט אין די אָדערן פון פאָלק און צוגרייטן אים צו זיינע שווערע אויפגאַבן... דען וואָס שטעלט מיט זיך אייגנטלעך פאַר דער חלוצישער געדאַנק, וואָס רופט אַרויס באַוווּנדערונג מצד די אַלע, וואָס קוקן זיך צו צו דער איבערגעגעבענער אַרבעט,

וואָס ווייס ניט פון קיין מידקייט, ווען ניט די פאַרקערפּערונג פון ביידע געדאַנקען צוזאַמען״.

פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט זעט ער פאָראויס, אַז די יסודות פאַר אַ געזונטער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק וועלן אין קיין פאַל ניט קענען פאַרלייגט ווערן אין לאַנד „דורך אַן אויפשליסונג פון פּריוואַטעווירטשאַפטן אין דער ראַם פון אַ מדינה, נאָר דורך דער אויפשטעלונג פון אַ גרויסער עקאָנאָמישער פאַראייניקונג, וואָס זאָל באַשטיין פון קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, באַהעפטע איינע מיט די אַנדערע״. און דאָ קומט שלמה שילערס סאָציאַלער באַוווסטזיין צום ברענפּונקט פון זיין פּלאַמיקער אַנטפּלעקונג. ער וואַקסט אויס גייסטיק, צעברעכט אַלע זיינע מעטאַפיזישע צודעקן, וואַרפט אָפּ יעדן אינטעלעקטואַליסטישן לבוש און טרעט אַרויס שאַרף קעגן „דעם פּזמון, וואָס איז שוין געזונגען געוואָרן אין טויזנטער וואַריאַנטן: דער סאָציאַליזם איז אַן אוטאָפּיע און אויך ניט קיין שיינע. די גלייכקייט און קאָלעקטיווקייט וועלן דערשטיקן דעם ווילן צום שאַפן. דאָס פּריוואַט־אייגנטום און די קאָנקורענץ, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן, זיינען נייטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק און פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער אַלגעמיינער קולטור״. און ער וואַרפט אָפּ אַבסאָלוט די פאַלשע איינשטעלונג דורך אַ גאַנצער ריי וואָגיקע אַרגומענטן, און ניט דווקא מאַרקסיסטישע, און ער פאַרענדיקט זיינע דערקלערונגען מיט אַ פּלאַמיקן אויספיר: „עס איז, אויב אַזוי, כלל ניט אויסגעשלאָסן, אַז די קינדער פון דעם פאָלק, וואָס איז אין משך פון טויזנטער יאָרן געווען דער פּראָלעטאַריער צווישן די פעלקער, וועלן זיין באַרופן אין דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן לעבן רואיק אין זייער לאַנד און איבערגעלאָזט אין רשות פון זייערע נאַטירלעכע געפילן, אויסצובויען אַ פּרעקטיקן סאָציאַלן בנין״.

אויף שלמה שילערס טיפן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוווסטזיין זאָגט עדות ניט נאָר זיין אָנשליסן זיך אין דער ארץ־ישראלדיקער אַלגעמיינער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, דער הסתדרות, און זיין אַקטיווע באַטייליקונג אין אירע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען, נאָר אויך זיין ליידנשאַפטלעכער ווילן צו פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער פיזישער אַרבעט, צו קומען אין אַ ממשותדיקער באַרירונג מיט דער נאַטור, מיט דער מוטער־ערד, צו פאַר־

נעמען זיך אין די פרייע שעהן נאָך זיין פעדאַגאָגישן אַרבעטס־טאָג כאָטש וויפל ניט איז מיט ערד־אַרבעט.

אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע צו דער טעגלעכער אַרבעטער־צייטונג „דבר" פון 24סטן כסלו תרפ"ה (1924) שילדערט איינער אַ קאָרעספּאָנדענט מ. ק. שלמה שילערס ערשטע פיזישע אַרבעט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אַרום אים האָט זיך גרופּירט אַ קליינער קרייז ירושלימער לערער און אינטעליגענץ בכלל, וואָס האָט געהאַט בדעה צו אַרבעטן פיזיש און צו פאַרנעמען זיך וויפל ניט איז מיט ערד־אַרבעט. יעדן טאָג נאָך מיטאָג אין אַ באַשטימטער שעה, פלעגט ער קומען, שטיין ווי אַ תלמיד פאַר זיין רבין, מיט גרויס ערנסט און מיט אַ תמימותדיקייט פון אַ מענטשן, וועלכער איז גרייט אויספירן יעטוועדע אַרבעט. ער פלעגט העלפן צוגרייטן די בייטן, אויפאַקערן זיי, אַרויסרייסן דאָס ווילדגראָז און פלעגט אַרויסזאָגן דערביי זיין באַדויערונג, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט זיך ביז איצט צו נעמען דעם גראָבאייזן אין האַנט. און מיט אים זיינען געווען איניקע פון זיינע תלמי־דים (אין גימנאַזיע). וואָס פאַר אַ פאָטערלעכע און פריינטלעכע באַציאונג עס האָט זיך פאַרבונדן צווישן אים און זיי! מיט וואָס פאַר אַ דורשטיקייט ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם לעבן, וואָס וועבט זיך אין די אַרבעטער־קרייזן, וועגן דער קבוצה און וועגן די מענטשן, וואָס לעבן זיך אויס אין איר... די געשפּרעכן האָבן זיך געפירט בשעת דער אַרבעט... צווישן איין געשפּרעך און אַנדערן איז ער געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם רוקן, מיט אַן איינגע־האַלטענער התלהבות, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ קאָנצענטרירטן בליק — זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט אונטן, צו דער בייט וואָס ביי זיינע פיס, און דאָס גראָבאייזן וואָס אין זיין האַנט מאַכט ווייך די ערד צווישן די פאַרזייעטע גרינסן".

מער פון אַלע אַנדערע פערזענלעכקייטן, וואָרטזאָגער און שאַפער פון דער העברעאישער ליטעראַטור פון זיין צייט האָט ער געשעצט אחד־העמען. ער האָט אים באַטראַכט ווי אַ „פענאָמען, אַ צענטראַלע פיגור צווישן די שרייבער פון אונדזער דור". און „די סיבה פון זיין גרויסקייט און דער סוד פון זיין ווירקונג איז געלעגן אין זיין מאָראַלישער פערזענלעכקייט... אין דעם, וואָס אין זיין אייגנאַרטיקער גייסטיקער געשטאַלט האָבן זיך צונויפ־

געשמאָלצן אירע דריי הויפּט־כּוחות — דער אינטעלעקט, דאָס געפיל און דער ווילן — אין אַ וווּנדערלעכער האַרמאָניע".

אין זיין באַזונדערן און אויספירלעכן אַרטיקל, וועלכן ער ווידמעט דער לערע פון אחד־העם שוין אין יאָר 1919, פּאַרטיידיקט ער אים שטאָל־און־אייזן קעגן זיינע קעגנער, וועלכע האָבן אים צוגעשריבן די הערשאַפט פון טרוקענעם שכל. שלמה שילער כאַראַקטעריזירט אחד־העמען אַלס „דעם חכם פון לעבן, דעם גרויסן אַנאַליטיקער און אויסגעצייכנטן פּסיכאָלאָג". באַזונדער צייכנט זיך אחד־העם אויס, לויט שילערס מיינונג, „מיט זיין אַריינדרינגען אין די געזעצן, לויט וועלכע עס קאָנסטרואירט זיך די געזעל־שאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע". מיט אַ געפיל פון באַזונדערער התלהבות שטעלט זיך שלמה שילער אָפּ אויף דער אַנאַליזירונג פון אחד העמס דעפיניציע פון דער געדאַנקען־וועלט פון די נביאים. ער באַשולדיקט אים נאָר אין אַ גאַנץ פּאַרזיכטיקער פאָרם אין „אַ וואַקלעניש צווישן צוויי קעגנזעצלעכע עלעמענטן, דעם אידעאָלאָגישן און דעם עוואָלוציאָנעם", — אַ וואַקלעניש, פון וועלכער שילער גופא האָט ניט ווייניק געליטן.

צום סוף פון זיין אַרטיקל וועגן אחד־העמען פאַרנעמט זיך שלמה שילער מיט באַטראַכטונג פון דעם אינעווייניקסטן מהות פון דעם העגעל־יאַנישן און מאַרקסיסטישן געדאַנק וועגן דעם געראַנגל פון כּוחות אַלס דער עיקרדיקער טרייבקראַפט אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און דאָ טרעט שילער פּלוצלונג אָפּ אויף הינטן, ווי עס וואָלט פאַר אים פּלוצלונג זיך געעפנט אַן אָפּגרונט. עס שרעקט אים דער אָנגע־זאָגטער געראַנגל און ער טייטשט אים אויס „ניט ווי אַ ממשותדיקן קאַמף פאַר אַ דעראָבערונג אָדער פאַר אַ באַרייכערונג, ניט קיין קלאַסן־קאַמף, נאָר אַ געראַנגל פון מיינונגען".

אין דעם פּונקט האָט שלמה שילער, וויסנדיק אָדער ניט וויסנדיק, דורכ־געפירט אַ געוויסע אידייאישע גרעניץ צווישן זיך און דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, צו וועלכער ער האָט געהערט זיין גאַנץ לעבן און מיט וועלכער ער האָט זיך סאָלידאַריזירט מער אויס עסטעטישע און הומאַ־ניסטישע מאָטיוון ווידער אויס אַ דיאַלעקטיש דורכגעטראַכטן סאָציאַלן און קלאַסן־שטאַנדפּונקט.

זיין לעבן און זיינע ווערק זיינען ראוי שטודירט צו ווערן דורך די לערער און טעאָרעטיקער און געשיכטע־שרייבער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי זיינען אַ קוואַל פון מאָראַלישע באַטראַכטונגען און סאָציאַלע אָנשויאונגען, וועלכע דאַרפן ערנסט געלערנט ווערן.

עיזשעני קאַטאַן

אַ מילדער, בלאַסער, אַדעליקער פּנים, מיט גוטע מוטערלעכע אויגן, מיט אַ טעמפּעראַמענט פון אַ פראַנצויזישער פאָלקס־פרוי, מיט אַ שפרודל־דיקן דראַנג צום וועלט־שלום און צו פעלקער־פריינטשאַפט, וואָס באַ־שטראַלט און דערוואַרעמט יעדן, וועלכער קומט מיט איר אין באַרירונג — אַזאַ איז עיזשעני קאַטאַן, די פירערין פון דער דעמאָקראַטישער פרויען־באַוועגונג אין גאַר דער וועלט.

אַלס אַזאַ האָב איך זי פערזענלעך דערקענט, דריקנדיק האַרציק איר האַנט בשעת דעם פעלקער־קאָנגרעס אין ווין אין יאָר 1953 און שפּאַצירנ־דיק מיט איר שפּעטער, אין יאָר 1955, אין אַ צפונדיקער ווייסער צויבער־נאַכט, בשעת דעם העלסינקער שלום־קאָנגרעס, איבער די שלאָפנדיקע גאַסן פון דער פינלענדישער הויפּטשטאָט.

„די שרעקלעכע פּאַסירונגען פון דעם צווייטן וועלט־קריג — האָט געזאָגט עיזשעני קאַטאַן, — וואָס איך האָב איבערגעלעבט צוזאַמען מיט מיינע ליבע און דער אומגליק פון מיין פאָטערלאַנד פראַנקרייך, האָבן מיך געמאַכט פאַר אַן אַנטשלאָסענער קעמפערין פאַרן שלום".

דאָס איז געווען איר ערשטער קאַמף־קרעדאָ (אני מאמין), און אַזאַ איז זי געבליבן שטיין געטריי און אַקטיוו אין קאַמף פאַרן וועלט־שלום די גאַנצע יאָרן. איר פלאַמיקע ענערגיע און אַקטיווקייט, איר אָפּפערגרייט־קייט און ליבלעך חבריש צונויפרעדן זיך מיט פאָלקס־מענטשן פון די פאַרשיידענע פעלקער האָבן זי שנעל אַרויסגערוקט אויף די פאָדערשטע פאָזיציעס פון דער גרויסער וועלט־באַוועגונג, פון וועלכער זי איז געווען איינע פון די ערשטע איניציאַטאָרן.

פיל יאָרן איז זי שוין אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון וועלט־ראַט פון דער שלום־באַוועגונג און אַ מיטגליד פון נאַציאָנאַלן ראַט פון דער פראַנ־צויזישער שלום־באַוועגונג. זי איז אויך איינע פון די גרינדערינס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער דעמאָקראַטישער פרויען־באַוועגונג און איר שטענדיקע פאָרזיצערין. זי איז איינע פון די אַלטעגלעכע אַקטיוויסטינס פוןביידע פאַרברידערטע באַוועגונגען און איינע פון די אומפאַרמיידלעכע באַצוי־בערנדיקע פיגורן אויף די קאָנגרעסן פון ביידע באַוועגונגען, וועלכע דער־וועקן שטאָלץ און ערע אין האַרצן פון אַלע קעמפער פאַר שלום און דעמאָ־קראַטיע אין גאַר דער וועלט. זי איז די מאַמע פון די מעכטיק אויסגעוואַק־סענע באַטאַליאָנען פון די דעמאָקראַטישע פרויען אין אַלע לענדער.

לויט איר נאַטור און פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג איז עיזשעני קאָטאָן אַ דערציערין און לערערין, אַ פּראָפעסאָרין פון פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן. זי האָט באַקומען איר וויסנשאַפטלעכע און אַלגעמיין־גייסטיקע אויסבילדונג אונטער דער פּערזענלעכער ווירקונג און דערציערישער מיטהילף פון דער באַרימטער מאַרי קיורי. מעגלעך, אַז די גרויסע, וועלט־באַרימטע פאָרשערין און געלערנטע האָט געדינט אַלס לייכט־טורעם פאַר עיזשעני קאָטאָן און האָט אין איר דערוועקט יענעם גרויסן חשק צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און צו איר אומאויפהערלעכן רוף צו די פראַנצויזישע פרויען און צו די פרויען פון גאַר דער וועלט, וועלכע זיינען אין משך פון דורות געווען פאַריאָגט און הינטערשטעליק אויף אַלע געביטן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, אַז זיי זאָלן זיך איינגלידערן און ענערגיש אָנטיילנעמען אין די בילדונגס־ און פאָרשונגס־אַנשטאַלטן פון זייערע לענדער און מיטהעלפן אויפצובויען די מאָדערנע וויסנשאַפט. צום גליק און פאָרשריט פון דער מענטשהייט און צום זיג פון דעם וועלט־שלום.

די פרוי פון אונדזער גרויסן און סאָציאַל־פאַראַנטוואָרטלעכן דור קען זיך אָבער ניט באַנוגענען מיט איר איינגלידערונג אין דער אַרמיי פון לערער און פאָרשער. זי איז אויך באַרופן צו שטעלן זיך אין די רייען פון דער אַרמיי פון קעמפער פאַרן וועלט־שלום. און די האַרציקע און פאָלקסטימלעכע עיזשעני קאָטאָן גייט אַרויס פון איר היים, פון די קינדער־צימערן, וועלכע זי באַשטראַלט מיט איר מוטערלעכער ליבע. זי שטעלט

אָפּ אויף פיל שעהן פון איר אַרבעטס־טאָג איר ערנסטע אַרבעט אַלס לע־רערין און לאַבאָראַטאָרישע פאָרשערין און שליסט זיך אָן אָן דער אויפ־קומענדיקער וועלט־באַוועגונג פאַר שלום.

זי טרעט אַרויס אויף פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, אויף קאָנ־גרעסן פון דער פראַנצויזישער און פון דער אַלוועלטלעכער שלום־באַוועגונג. זי רעדט צום האַרצן פון דער יוגנט און פון דערוואַקסענע. דערהויפּט אָבער איז איר בליק געווענדט צו די פרויען פון דער גאַנצער וועלט.

זי רעדט צו זיי ווי אַ פרוי צו פרויען, ווי אַ שוועסטער צו שוועסטער, ווי אַ מאַמע צו מאַמעס. זי רופט און וועקט זיי, שטעקט זיי אָן מיט איר גליענדיקן גלויבן, מיט איר טיפער איבערצייגונג, אַז די פרוי איז מחויב צו שטעלן זיך אין די ערשטע רייען פון די אַקטיווע קעמפער פאַר שלום, ווייל זי איז דער ערשטער קרבן בשעת עס צעפלאַקערט זיך דאָס טייוולאָנישע פייער פון מלחמה, וואָס רייסט זיך אַריין אין דער פאַמיליע און קינדער־צימער.

און ניט נאָר דאָס אַליין. עיזשעני קאָטאָן איז טיף איבערצייגט, אַז די פרוי מיט איר נאָבעלן רוף, מיט איר אימפּאָנירנדיקער ווייבלעכקייט איז מסוגל צו צעברעכן די אכזריותדיקייט פון די מלחמה־העצער, אַרויסרייסן די אַטאָם־באָמבע און אַלע אַנדערע געפערלעכע כלי־זיין פון די הענט פון די מלחמה־אונטערצינדער און ברענגען אויף דער וועלט דעם לאַנג־גע־גאַרטן שלום.

דער געאייניקטער ווילן פון די מוטערס און פרויען פון גאַר דער וועלט דאַרף אויסלעשן דיליידנשאַפטן פון מיליטאַריסטישע העצער און טיראַנען, וואָס מיען זיך אָנצוצינדן אויפסניי די פייערן, וואָס האָבן שוין געהאַט אומגעבראַכט אַזוי פיל מיליאָנען עופעלעך און קינדער.

דאָס איז געווען און בלייבט דער פלאַמיקער רוף פון עיזשעני קאָטאָן, וועלכער האָט אָפּגעהילכט אין די הערצער פון טויזנטער און טויזנטער פרויען און האָט זיי געבראַכט אונטער די פאָנען פון דער אַרויסגעוואַק־סענער שלום־באַוועגונג און אונטער די פאָנען פון דער דעמאָקראַטישער פרויען־אָרגאַניזאַציע.

עיזשעני קאָטאָן איז איצט אַלט געוואָרן 80 יאָר, אָבער זי איז נאָך

ווי שטענדיק יונג אין גייסט און שפּרודלט מיט אַקטיווקייט אין אַ וועלט־פּאַרנעם. זי טראָגט זיך ווי די שלום־טויב פון איין עק ערדקיילעך צום צווייטן און באַטייליקט זיך אין די וועלט־קאָנגרעסן פון דער שלום־באַוועגונג און אין די זיצונגען פון וועלט־ראַט אין אייראָפּע און אַזיע.

לאָמיר אַלע איר ווינטשן נאָך לאַנגע און פּראָדוקטיווע יאָרן פון קאַמף און אַרבעט לטובת דעם וועלט־שלום און פאַרן קולטור־אויפשטייג פון די פרויען פון גאָר דער וועלט און זאָל זי זיך אויסלעבן אין פריידיקער טעטיקייט און דערגרייכן דעם גרויסן טאָג, ווען אַלע פעלקער וועלן זיך באַהעפטן אין איין ברידערלעכן צונויפבונד און די מענטשהייט וועט שטיין אַן אַנטוואָפנטע און באַרויקטע, אַ גרייטע צום פייערלעכן אויפבוי פון מענטשלעכן גליק אין אַלע ווינקעלעך פון דער ערד.

יהודה לייב מאַגנעס

איך האָב מיך מיט אים באַקענט צוערשט אין מיטן פון די צוואַנציקער יאָרן, אין די ערשטע יאָרן פון זיין אָנקום קיין ירושלים און די התחלה־יאָרן פון זיינע פּאַרטיפּטע טראַכטונגען און שטילער הומאַניסטישער אַרבעט אין לאַנד, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשלאָגן אַן אינעווייניקסטער נשמה־פייער.

ער איז געקומען צו לעבן און אידייאיש צו ווירקן אין דעם דאַן אָרעמען און אָפּגעשטאַנענעם ירושלים, אָן עלעקטריש ליכט און אָן וואַסערלייטונג, אין ירשלים פון תהומותדיקע קעגנזאַצן און קאָנפליקטן צווישן דעם אַלטן, איינגעוואָרצלטן יידישן ישוב און צווישן די לערער, שרייבער און קולטור־טוער, וואָס האָבן מיט ליבע און פליס פאַרלייגט יסודות צום נייעם ירושלים.

ער איז געקומען אין ירושלים, ווו צוויי איזאָלירטע ברידער־פעלקער, די יידן און אַראַבער, ניט איינפאַרשטאַנענע איינע דורך די אַנדערע, האָבן גע־לעבט אין זייערע אָפּגעזונדערטע געמיינדעס, צווישן וועלכע די הערשנדיקע ענגלישע מאַנדאַט־רעגירונג האָט, לויטן שטייגער פון די פּאַרצייטיקע רוימישע קאָלאָניאַליסטן, געזייט שנאה און געמאַכט דעם באָדן גינסטיק פאַר בלוטיקע קאָנפליקטן.

יהודה לייב מאַגנעס איז ניט געקומען קיין ירושלים, כדי פערזענלעך לייכט אויסצולעבן זיך, הגם ער איז באַערט געוואָרן מיט אַ בכבודיקן און גוט באַצאָלטן אַמט פונעם ערשטן קאַנצלער פון דער ניי־געגרינדעטער ירו־שלימער אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים. ער האָט זיין אַמט ריכטיק באַטראַכט ווי אַ פּיאָנערישע קולטור־אַרבעט, וועלכע האָט באַדאַרפט גוט האַרמאָנירן מיט זיינע הומאַניסטישע אידייען.

ער איז געווען באַשאַנקען מיט, אַזוי צו זאָגן, סינטעטישן כאַראַקטער, וואָס איז אים זיכער געקומען פון זיין אָפּשטאַם. זיין פאָטער איז געווען אַ רוסיש־פּוילישער ייד, די מוטער אַ טאָכטער פון אַ יידישער משפחה אין דייטשלאַנד. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, האָט פאַרמאָגט אַ גוטע יידישע און וועלטלעכע בילדונג. צו 17 יאָר האָט ער שוין פאַרענדיקט די ניו־יאָרקער הויכשול פאַר יידישע לימודים. דערנאָך האָט ער שטודירט אין בערלין און היידלבערג און באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פאַר פילאָזאָפיע. ער האָט גרינטלעך געלערנט די יידישע שפּראַך, כדי צו האָבן קאָנטאַקטן מיט די מאַסן פון אונדזער פאָלק. ביזן יאָר 1910 האָט ער אַמטירט אַלס רעפאָרם־ראַבינער אין עמנואל־טעמפּל אין ניו־יאָרק. בשעתן ערשטן וועלט־קריג איז ער אָפן און שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן דער באַטייליקונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין וועלט־קריג, וואָס עס האָט אונטערגעגראָבן די יסודות פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין אַמעריקע.

יהודה לייב מאַגנעס איז געווען פון דער נאַטור אַ ווידערשפעניקער, אַ רעוואָלוציאָנער און שוין אין דער תקופה פון זיין לעבן און ווירקן אין אַמעריקע און נאָך אָפענער און ברייטער אין זיין ירושלימער לעבנס־תקופה האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט אַלס אַן אַקטיווער קעמפער פאַר שלום, פעל־קער־פאַרברידערונג און קעגנער פון יעדער מאַסן־דיסקרימינאַציע.

דער אָפּענער אַרויסטירט פאַר דער שלום־אידייע און פעלקער־גלייכ־הייט האָט אים פאַרטריבן פון אַמעריקע און געבראַכט קיין ירושלים. עס איז פאַר אים ניט געווען קיין לייכטע זאַך איינצולעבן זיך אין יענעם ירוש־לים, אין דער לופט פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און נאַציאָנאַל־פּאָליטישער העצע מצד די אַגענטן פון בריטישן קאָלאָניאַליזם.

אין אַזאַ אַטמאָספער און ביי דעם פאַראַנטוואָרטלעכן קאַנצלער־פּאָסטן אין דער העברעאישער אוניווערסיטעט איז ער געבליבן געטריי דער אידייע פון שלום און פעלקער־פאַרברידערונג. ער האָט געפונען דעם ריכטיקן באָדן, ווו זי צו פּרעדיקן און פלאַנצן. זיין קענטעניש פון יידישער געשיכטע און זיין וועלטלעכע בילדונג האָבן אים שטאַרק אַרויסגעהאָלפן. ער האָט אַרויסגעפונען ווי די שלום־אידייע ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם אין דער יידישער און אַראַבישער ליטעראַטור, און ער איז אַקטיוו און פלאַמיק צוגעטראָטן צו זיין אַרבעט אין דער ראָם פון דער געגרינדעטער באַוועגונג פון „ברית־שלום", דער באַוועגונג פאַר יידיש־אַראַבישער פאַרברידערונג און שלום. די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין קרייז פון יידישע און אַראַ־בישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע פלעגן זיך פאַרזאַמלען און גייסטיק דער־נעענטערן איינע צו די אַנדערע. דער קרייז האָט פאַרעפנטלעכט זיינע שלום־געדאַנקען אין ספּעציעלע בראָשורן אויף העברעאיש און אַראַביש. ד"ר יהודה לייב מאַגנעס האָט אין זיין אייגענעם נאָמען פאַרעפנטלעכט אַרטיק־לען און אין אַ ספּעציעלער זאַמלונג געדאַנקען וועגן דער פראַגע פון שלום און פריינטשאַפט בכלל און צווישן יידן און אַראַבער בפרט, און האָט די דאָזיקע אין העברעאיש געשריבענע זאַמלונג באַקרוינט מיטן נאָמען „ככל הגויים" („ווי אַלע פעלקער").

אָבער ד"ר יהודה לייב מאַגנעס און זיינע יידישע און אַראַבישע פריינד און אינטעלעקטואַלן זיינען, ביי זייער ערנסטן און גוטן ווילן, געבליבן, ווי אַלע אַנדערע הומאַניסטן, אָנמעכטיק קעגן דער מאַכט פון די קאָלאָניאַליסטן און זייער העצערישער פּאָליטיק, וואָס האָט ניט דערלאָזן קיין דערנענ־טערונג און פאַרברידערונג צווישןביידע פעלקער פון לאַנד.

און דאָס איז געווען דער טרויעריקער גרונט־פעלער פון ד"ר יהודה לייב מאַגנעס און זיינע יידישע און אַראַבישע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן

פריידיקנדיק שלום און פעלקער־פאַרברידערונג, ניט פאַרמאָגט די קראַפט צו דערהייבן זיך צו דער מדרגה פון רעוואָלוציאָנערן און אויפשטענדלער. זיי האָבן ניט פאַרמאָגט דעם כוח צו גיין דרייסט און קעמפעריש־אויפקלע־רעריש צו די פאָלקס־מאַסן פון יידע פעלקער, דערנענטערן זיי און אָרגאַ־ניזירן זיי צו אַ בשותפותדיקן מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַ פרייער און זעלבשטענדיקער צוויי־פעלקער־מדינה. פאַר וועלכער זיי האָבן זיך חבריש אַרויסגעזאָגט אין זייערע אינטעלעקטועלע קרייזן. זיי האָבן ניט אויסגעמיטן דעם תוהו ובוהו, וואָס האָט זיך געשאַפן אין לאַנד נאָך דער עוואַקואַציע פון די בריטישע הערשער.

דאָס איז געווען זייער טעות און זייער טראַגעדיע, וועלכע האָט זיך פאַרטיפט און קאָמפּליצירט און געבראַכט צו די שווערע קאָנפליקטן און בלוטיקע אומפאַרשטענדענישן פון אונדזערע טעג.

יעדנפאַלס דאַרף טייער און הייליק געהאַלטן און געערט ווערן דער פלאַמיקער און ערנסטער ווילן פון דעם פאַרשטאָרבענעם ד״ר יהודה לייב מאַגנעס און דעם באַשיידענעם קרייז פון יידישע און אַראַבישע אינטע־לעקטואַלן, וואָס האָט זיך אין זיין צייט מיט אים באַהעפט.



ר׳ בנימין (יהושע ראַדלער־פעלדמאַן)

מיט אַ פילאָזאָפישער רואיקייט און מיט אַ פאַרבאָרגענעם צער און צאָרן האָט זיך אָפּגעשיידט פונעם לעבן דער גרוי־אַלטער העברעאיעשר שרייבער און דענקער יהושע ראַדלער־פעלדמאַן, וועלכער איז געווען פּאָפּולער אין לאַנד אונטער זיין ליטעראַרישן פּסעוודאָנים ר׳ בנימין.

אין פלוג איז ער געווען אַ טיפּישער גאַליצישער משכיל, וואָס האָט פאַראייניקט, סינטעזירט אין זיין געשטאַלט תורה און השכלה, לומדות און מערב־אייראָפּעאישע בילדונג, אָבער ער איז ניט געגאַנגען בלינד אין די אַלטע, אויסגעטראָטענע וועגן. ער האָט באַלויכטן מיט אַ נייעם ליכט די פאַרגליווערטע קולטור־גיטער פון רעליגיעזן יידנטום, צו וועלכן ער האָט געהערט, האָט זיי באַפרייט פון פאַנאַטישער ענגהאַרציקייט און נאַציאָנאַלן

שאָוויניזם, און האָט זיי אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די אינטערנאַציאָנאַלע אידייען פון אונדזער צייט, מיט דער ברידערלעכער ליבע צו מענטשן און פעלקער.

און דאָס איז ניט געווען בלויז אַן אַבסטראַקטע טעאָרעטישע ליבע, וואָס קאָן געפינען איר אויסדרוק אין פילאָזאָפישע טראַקטאַטן, אין צייטונגס־אַרטיקלען, נאָר אַ קאָנקרעטע, טאָגטעגלעכע, דורכן פּראַקטישן לעבן גע־פאָדערטע ליבע צו די מאַסן פון שכנישן, אַראַבישן פאָלק, אַ מיטגעפיל צו זייער אָרימקייט, צו זייערעליידן און רעכטלאָזיקייט, און שטענדיק אַ גוטער הייס־גליענדיקער ווילן צו דערנענטערן זיך צו זיי און דערנענטערן זיי צו זיך, צו פאַרטיידיקן זיי קעגן אוממענטשלעכע ענגהאַרציקייט פון שאָוויניסטישע יידישע קרייזן.

דעם שלום מיט די אַראַבישע פעלקער אַלס באַזיס פון יידישער קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך אין משך פון די יאָרן ביי ר׳ בנימינען פאַרוואַנדלט אין אַ לעבנס־פּראָגראַם, וועלכע ער האָט מיט אַ רעליגיעזן הומאַניסטישן ברען געפּרעדיקט, דאָס רוב אין געשריבענעם וואָרט, אין די ליטעראַרישע זאַמלביכער און צייטשריפטן, אין בריוו און אין פּערזענלעכע שמועסן. די לעצטע האָט ער געהאַלטן פאַר דעם בעסטן, ווירקזאַמען מיטל צו פלאַנצן פאַרשטענדעניש און פריינטשאַפט.

ער איז געקומען אין לאַנד מיט 50 יאָר צוריק, אַלס לערער און גייס־טיקער פּיאָנער, האָט געלעבט די ערשטע יאָרן אין אַן אַרבעטער־קאָלעקטיוו, האָט פאַרבונדן זיך אידעאָלאָגיש מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט זיך באַקאָנט אין ירדן־טאָל און אין יזרעאל־טאָל מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פון דעם אַראַבישן פעלאַך און אַרבעטער, און איז אין די 20ער יאָרן געקו־מען קיין ירושלים, אָנגעלאָדן מיט רייכע דערפאַרונגען און מיט אַ קלאָרן בליק אויף די יידיש־אַראַבישע באַציאונגען.

דאָס זיינען געווען די ערשטע יאָרן פון דער בריטישער מאַנדאַט־הער־שאַפט אין ארץ־ישראל, ווען די בריטישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן איר בלוטיקן שפּיל צו העצן דיביידע פעלקער פון לאַנד איינעם אַנטקעגן דעם אַנדערן, ווען עס זיינען פאָרגעקומען די ערשטע אָרגאַניזירטע פּאָגראָמען און

ווען עס איז געפאַלן צווישן אַנדערע אַלס קרבן דער נאָענטסטער פריינט ר׳ בנימינס, דער שרייבער יוסף חיים ברענער.

עס איז אָנגעקומען אַ צייט, ווען מען האָט באַדאַרפט ערנסט און איילִיק טראַכטן, ווי צו רייניקן די פאַרפעסטעטע לופט, אין וועלכער שנאה און שאָוויניזם האָבן זיך געטראָגן ווי אַ מגפה.

די בעסערע, פאָרגעשריטענע קרייזן פון דער אינטעליגענץ, קליינע אָבער באַוווסטזיניקע און גייסטיק־פאַרטיפטע, האָבן זיך אויפגעשלאָסן אין אַן אַקטיוו, אין אַן אידייאישער גרופּע, אין דער אַזוי־גערופענער „ברית־שלום״ („פרידנס־בונד״), וועלכע האָט געפּרוווט אויפשטעלן קאָנטאַקטן מיט אַראַבישע בירגער און מיט די פאַרטרעטער (מוכטאַרן) פון די דערפער, און אויסבויען אין לאַנד אַ באַוועגונג פאַר פאַרשטענדעניש און שלום, פאַר פרידלעכן מיטלעבן און מיטאַרבעט מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

און ר׳ בנימין איז געווען איינער פון די גרינדער, פון די אַקטיוויסטן און פון די פּרעדיקער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, פון די שרייבער, וועלכע האָבן פאַר איר געזוכט אַ קלאָרן אויסדרוק, וועלכע האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט זייער גייסטיקן שטעמפּל.

אין יאָר 1925 נעמט אָן די „ברית־שלום״־באַוועגונג אירע ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. דער קרייז איז אַ קליינער, אַ פּיאָנערישער, אינטעליגענטישער, ער איז אָבער אַן אינטימער און באַשטראַלטער מיט אַ באַזונדער חן פון מענטשן־ליבע און שלום. צו אים געהערן ד״ר יהודה לייב מאַגנעס, ד״ר ה. בערגמאַן, ד״ר ל. סענאַטאָר, פּרוי ראַזאַ אייזענשטאַדט, ד״ר יוסף לוריא, חיים מרגלית־קאַלוואַריסקי, מאַרטין בובער, א. סימאָן, ר׳ בנימין און אַנדערע. מען פאַרזאַמלט זיך אין פּריוואַטע הייזער, מען שלייפט אויס אַ פּראָגראַם, מען רופט זיך וואָרעם אָפּ אויף יעדער געשעעניש, מען נעמט אונטערן שוץ יעדן באַעוולטן, מ׳קעמפט קעגן מענטשן־האַס און דיסקרימינאַציע קעגן דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

ירושלים פון יענע יאָרן איז געווען אַ פעסטונג פון קלעריקאַליזם און שאָוויניזם פון איין זייט און פון בריטישן ביוראָקראַטיזם פון דער אַנדערער זייט. ביי זייער אויסערלעכער פאַרשידנקייט האָבן די קלעריקאַלן, שאָוויניסטן

און ביוראָקראַטן מיטגעהאָלפן איינע די אַנדערע אויפצוהעצן דעם אַנטאַגאָ־ניזם צווישןביידע פעלקער פונעם לאַנד.

דער „ברית־שלום״־קרייז איז געווען אַ טיף הומאַניסטישע דערשיינונג אויף דער פאָן פון דער ירושלימער ווירקלעכקייט, ווו דער נידעריקער לעבנס־סטאַנדאַרט פון דעם אַראַבישן פויער און אַרבעטס־מענטש איז שווער עקספּלואַטירט געוואָרן דורך דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, ווו צווישן דער יידישער און אַראַבישער אינטעליגענץ איז געלעגן אַ טיפער תהום פון פרעמדקייט, ווו מאַמעס פלעגן איינשלעפערן די קינדער מיט דער דראָאונג: „שלאָף, אַז ניט וועט דיך דער אַראַבער צונעמען!״.

דער „ברית־שלום״־קרייז האָט ניט נאָר געפּרעדיקט פעלקער־ברודער־שאַפט און פאַרשטענדעניש. עס איז — אמת אין אַ באַגרענעצטער מאָס — אים געלונגען צו פאַרבינדן פערזענלעכע באַציאונגען מיט פירנדיקע קרייזן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, אויפדעקן שותּפישע אידייען אין דער יידישער און אַראַבישער קולטור־געשיכטע, באַלויכטן די וועגן צו שותּפי־שער אויפבוי־אַרבעט אין לאַנד, וועלכע איז דרייסט און מוטיק געשילדערט געוואָרן אין די „ברית־שלום״־טרעפונגען און אין דער ליטעראַטור ווי אַ שותּפיש פאָטערלאַנד פון ביידע פעלקער פון לאַנד.

אין יענע צייטן — און צום גרעסטן טייל אויך איצט — איז די דאָזיקע ערלעכע און בראַווע איינשטעלונג באַטראַכט געוואָרן אַלס אַפּיקורסות און נאַציאָנאַלער פאַרראַט. די שאָוויניסטן פון ביידע פעלקער האָבן געוואָלט אַרויסשטויסן איינע די אַנדערע און בלייבן אַליין די איינוווינער פון לאַנד.

דער גרויסער זכות פון דעם „ברית־שלום״־קרייז און דערנאָך פון דער „ליגע פאַר יידיש־אַראַבישער דערנעענטערונג און בשותּפותדיקער טעטי־קייט״ ווי אויך פון דער איצט עקזיסטירנדיקער „איחוד״־באַוועגונג איז דער, וואָס באַשטייענדיק פון בירגער פון פאַרשיידענע אָנשויאונגען און געזעל־שאַפטלעכע קרייזן, האָבן זיי אין דעם אָפּגעשטאַנענעם געזעלשאַפטלעכן קלימאַט פון ירושלים אויפגעהויבן די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַליזם און פעלקער־ברודערשאַפט.

ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן איז ר׳ בנימין געווען דער פּרע־דיקער פון די אידייען פון „ברית־שלום״. ער האָט זיי אָפט אָנגעטאָן אין אַ

רעליגיעזן לבוש. ער האָט פאַר זיי געפונען פעסטע אָנהאַלט־פונקטן אין דער דורות־לאַנגער, וואָגיקער ליטעראַטור, אָנהויבנדיק פונעם תנ״ך און תלמוד און ענדיקנדיק מיט דער קבלה און חסידות. ער האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מיט אידייאישע פריינט און האָט אין די ברייטערע קרייזן פאַרשפּרייט זיינע געדאַנקען אין זיינע אַרטיקלען אין זשורנאַל „בעיות״. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די זאַמלביכער „על פרשת דרכינו״, „דרכינו״, האָט מוטיק און מיט אַ בלוטיקנדיק האַרץ געקעמפט באַזונדער אין דעם אויפרוף אין זאַמלבוך „נגד הטירור״ — קעגן די טעראָר־אַקטן אין דעם אַראַבישן דאָרף דיר־יאַסין, און האָט פאַרשפּרייט זיינע געדאַנקען אין ברייטערע קרייזן דורך דער פּעריאָדישער אויסגאַבע פון „הנר״, דעם רעליגיעז־הומאַניסטישן אָרגאַן, וועלכן ער האָט רעדאַקטירט אין משך פון פיל יאָרן.

דער טויט פון ר׳ בנימין איז אַן אמת גרויסער פאַרלוסט פאַר דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין ישראל. זיין לעבן און ווירקן דאַרפן אָן אויפהער רופן און דערמאָנען, אַז אין די ברייטע רייען פון ביידע פעלקער פון לאַנד זיינען נאָך באַהאַלטן פיל ניט־אַנטפּלעקטע, ניט אויסגענוצטע מעגלעכקייטן פאַר פריינטשאַפט און יידיש־אַראַבישער דערנעענטערונג, אַז עס גליען ניט־אויפגעבלאָזענע פונקען, און אַז ווען די דאָזיקע פונקען וועלן פונאַנדערפלאַקערן זיך אין אַ פייער פון אַ פאָלקס־באַוועגונג וועט ישראל מונטער און זיכער לייזן אירע שווערע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועט אַרויסגיין אויפן ברייטן זוניקן שליאַך פון אויפבלי, אין ענגן פריינטלעכן צונויפשלוס מיטן אַראַבישן פאָלק, מיט אַלע שלום־ליבנדיקע פעלקער פון אַזיע און פון גאָר דער וועלט.

מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט דאַרפן ר׳ בנימינס כתבים און זיין עצם אייגנאַרטיקער פּיאָנערישער לעבנס־וועג שטודירט ווערן דורך די רעליגיעזע קרייזן אין ישראל, צווישן וועלכע עס הערשט פון איין זייט אַן ענגהאַרציקער און עקסטרעמער רעליגיעז געפאַרבטער שאָוויניזם און פון דער צווייטער זייט אַ שטאַרקע גלייכגילטיקייט צו פּאָליטישע פּראָבלעמען.

ר׳ בנימין האָט מיט דערפאָלג דורכגעלייגט בריקן אָדער האָט אָנט־

פלעקט אַלטע היסטאָרישע בריקן צווישן דער פּערזענלעכער טיפער רעלי־גיעזיטעט און צווישן דער וועלטלעכער און הומאַניסטישער לייזונג פונעם יידיש־אַראַבישן פּראָבלעם.

ער איז געווען גייסטיק נאָענט צו די פּראָגרעסיווע וואָרטזאָגער פון דער יונג־העברעאישער ליטעראַטור; מיט אַ באַזונדער האַרציקייט האָט זיך אויסגעצייכנט זיין פריינדשאַפט מיט ברענערן און זיין באַטייליקונג אין זיין „המעורר״.

ביז זיין אַריבערפאָר אין דער ניי־געגרינדעטער שטאָט תל־אביב און קיין ירושלים האָט ער געלעבט אין כנרת און דגניה, אין דער קיבוצישער לופט און אין איר סאָציאַלער געדאַנקען־וועלט, וועלכע האָט געווירקט אויף זיין גייסטיקן לעבן.



שמואל יבנאלי

1

75 יאָר האַלט שוין אָן די מאַסן־איינוואַנדערונג פון דעם געבענטשטן תימנישן שבט יידן, די יידן פון די דרום־אַראַבישע לענדער, קיין ארץ־ישראל. דאָס איז אַן איינוואַנדערונג פון געשלאָסענע, אַרבעטספעאיקע און אַרבעט־ליבנדיקע פאָלקס־משפחות, אַן איינוואַנדערונג, וואָס ווייסט ניט דעם ווידער־טעם פון אויסוואַנדערונג און וואָס האָט פאַרלייגט פעסטע עקאָנאָמישע פונדאַמענטן פאַר גאַנצע דערפער, שטעטלעך און פאָרשטעט פון באַשיידענע האָרעפּאַשנע משפחות פון האַנטווערקער און פויערים. דאָס איז אַ ישוב פון פלייסיקע פאָלקס־מענטשן, אָנגעזאַפּטע מיט אַן אייגנאַרטיקער

אָריענטאַלישער קולטור און באַשענקטע מיט אַן אייגנאַרטיקן היסטאָריש פּאַרוואָרצלטן פֿאָלקס־שטייגער, פֿאָלקלאָר און לעבנס־נוסח.

וויסטע באַרגיקע ווייטענישן און מדבריות אויפֿן שטח פֿון פֿיל טויזנ־טער קילאָמעטער שיידן אָפּ ארץ־ישׂראל פֿון דעם ווייטן פּרימיטיוון אַראַ־בישן קאַנט יעמען (תּימן) מיט זײַנע קליינע, אָרעמע און צעשפּליטערטע יידישע ישובֿים. דורות־לאַנג האָבן דאָרט יידישע מאַסן, וועלכע האָבן אָנגע־הויבן, ווי מען גלייבט, אַריינצוּוואַנדערן פֿון ארץ־ישׂראל נאָך אין דער גריכיש־רוימישער תּקופֿה, געלעבט אין אָפּגעזונדערטע שטאָטישע און דאָרפֿישע געמיינדעס, צעזייט איבער די בערג און טאָלן פֿון דעם ווייטן און גרויסן לאַנד. פֿון פֿאַרצייטן ביזן היינטיקן טאָג האָט דאָס לאַנד ניט פֿאַרמאָגט קיין באַנען און קיין דורכגעלייגטע שאָסייען. די קאָמוניקאַציע־מיטלען זײַנען דאָרט עד היום אָפּגעשטאַנענע, און נאָר רייטנדיק אויפֿן אייזל אָדער קעמל קענען מענטשן פֿון פֿאַרשידענע שטעטלעך און דערפֿער קומען צווישן זיך אין פֿאַרבינדונג.

די תּימנישע יידן האָבן פֿון פֿאַרצייטן געבילדעט אַ קלאַס פֿון פּראָפֿע־סיאָנעל־אויסגעבילדעטע האַנטווערקער, ווי, למשל, גאָלדמאַכער, יוועלירן, מילנער, שטעפּער, שוסטער, וועבער, טעפּיכער־וועבער, שניידער, קעכער און בוי־ספּעציאַליסטן. זיי זײַנען נאָר אין אַ קליינער צאָל געווען ערד־אַר־בעטער, וואָס עס האָט זיך געלאָזט דערקלערן דורך דעם פֿעאָדאַלן כאַראַק־טער פֿון דער יעמעניטישער ערד־אַרבעט.

לאַנגע דורות האָט געהערשט אַ פֿולער שלום און אַ פּראָדוקטיווע עקאָנאָמישע און קולטורעלע צוזאַמענאַרבעט צווישן דער אָרטיקער באַ־פֿעלקערונג און די יידישע געמיינדעס אין לאַנד. אויפֿן דאָזיקן באָדן האָבן זיך אויך אויסגעוועבט פֿאַרשידענע לעגענדעס, דערונטער אויך די לעגענ־דע וועגן דעם יידישן קעניג שלמה און דער מלכּת שבֿא, פֿון סאַבייען־לאַנד, ווי יעמען האָט פֿאַרצייטנס געהייסן.

אָבער זינט דעם 6טן נאָכקריסטלעכן יאָרהונדערט האָבן דאָס לאַנד איינגענומען די קריסטלעכע עטיאָפּישע אָקופּאַנטן, שפּעטער די פּערסן און נאָך שפּעטער די טערקן, און ווי אַלע פֿרעמדע הערשער האָבן זיי געזוכט צו מאַכן פּראָפֿיט דורך העצן די פֿעלקער איינע אויף די אַנדערע. דאָס האָט

זיך שווער אָפּגערופן אויפן מצב פון די יידן אין לאַנד, וועלכע האָבן גע־לעבט אין אָרעמקייט און נויט און האָבן זיך פאַרשלאָסן אין זייערע קליינע רעליגיעזע געמיינדעס, געהאַלטן זיך נאָענט איינער מיטן אַנדערן, אַנטוויקלט אַ מוסטערהאַפטן אַרבעטער־ און פאַמיליע־לעבן.

וועגן דער באַנייטער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן די ברייטע יידישע מאַסן אין תימן כמעט גאָרניט ניט געוווּסט. אין זייערעליידן האָבן זיי זיך געשטאַרקט מיט דעם טיף־איינגעוואָרצלטן גלויבן, אַז עס וועט נאָך ווען עס איז קומען משיח און וועט זיי דורך ים און מדבר פירן דערלייזטע קיין ארץ־ישראל.

2

אַנדערש האָט אָבער געטראַכט דער חלוץ פון דער צווייטער עליה שמואל יבנאלי, וועלכער איז געקומען פון כערסאָן (אוקראַינע) דעם ערשטן טאָג חנוכה תרס״ו (1905). אין רוסלאַנד האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער פועלי־ציון־באַוועגונג און האָט זיך באַטייליקט אין דער יידישער זעלבשוץ בשעת די צאַרישע פּאָגראָמען.

ווי אַלע חלוצים האָט ער זיך גלייך נאָכן אָנקומען אין לאַנד אָפּגעגעבן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין בן־שמן און אין די קאָלאָניעס פון יהודה און גליל.

אין ראשון־לציון און רחובות האָט ער זיך באַפריינדעט מיט די עטלעכע צענדליק תימנישע יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען אין לאַנד אין יאָר 1904, און בשעת דער בשותפותדיקער אַרבעט האָט ער זיך נאָענט באַקענט מיט זייערע אויסגעצייכנטע מידות, מיט זייער באַשיידנקייט און פלייסיקייט און מיט זייער געפיל פון גליק, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו לעבן אַן אַרבעטער־לעבן אין ארץ־ישראל.

שמואל יבנאלי האָט באַשלאָסן פאָרן קיין תימן און פירן דאָרט אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די יידן פאַר אַ מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל.

ער, דער סאָציאַליסט, האָט זיך אָנגעטאָן אין אָריענטאַלישע קליידער, האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד און פיאות, פאַרזאָרגט זיך מיט בריוו און רע־קאָמענדאַציעס פון ארץ־ישראלדיקע רבנים און עסקנים צו די תימנישע

רבנים און קהל־פירער און האָט זיך געלאָזט ט״ו כסלו תרע״א (נאָוועמבער 1911) אויף זיין חדשים־לאַנגן וועג צו די יידישע מאַסן אין תימן. נאָך פיל שוועריקייטן איז ער אַהין אָנגעקומען און געפאָרן פון שטעטל צו שטעטל, פון דאָרף צו דאָרף, פון באַרג אין טאָל און פון טאָל ווידער אין באַרג, האָט אויסגעזוכט די קלענסטע צעשפּליטערטע געמיינדעס, געהאַלטן דרשות אין זייערע שולן, געשמועסט אויף אַראַביש מיט יונג און אַלט, מיט ווייבער און קינדער. ער האָט דערציילט וועגן דער אויפבוי־אַרבעט וואָס גייט אָן אין ארץ־ישראל און האָט גערופן אין לאַנד אַריין יעדע אַרבעטספעאיקע יידישע משפחה פון די אָפּגעלעגנסטע דערפער, פון די שטעטלעך, ווו עס האָט זיך צעפלאָקערט די אויפגעהעצטע שנאה צו די שפּליטערס פון אַלטן יידישן שבט. ער האָט אָרגאַניזירט גרעסערע אויסוואַנדער־גרופּן, פאַר די נויט־באַדערפטיקע האָט ער געשאַפן די נייטיקע רייזע־הוצאות.



און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־וואַנדערונג פון די תימנישע יידן קיין ארץ־ישראל. אין משך פון עטלעכע חדשים האָבן זיך געלאָזט אַראָפּ־נידערן פון די דרום־אַראַבישע הויכענישן קיין אַדען, צו די ברעגן פון רויטן ים אַרום זעקס הונדערט יידישע משפחות, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם הייסן ברודערלעכן רוף פון שמואל יבנאלי, און יעדן טאָג האָבן זיך געצויגן פרישע קאַראַוואַנען. די תימנישע יידן האָבן מיט ווייב און

קינד, מיט רעליגיעזע לידער אויף די ליפּן און מיט אַ פעסטן ווילן צו פירן אַ פלייסיק לעבן פון אַרבעט אין די דערפער און קאָלאָניעס פון ארץ־ישראל — אָנגעפילט די שיפן, וואָס זיינען געגאַנגען דורך פּאָרט־סאַאיד קיין יפו.

פיל יאָרן זיינען אַריבער זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן יענע מאַסן־וואַנדערונג פון תימן קיין ארץ־ישראל, זינט אויסגעדאַרטע און אויסגע־הונגערטע משפחות, גערודפטע דורכן רעליגיעזן פאַנאַטיזם, פאַרפּאַלגטע דורך פאַרשידענע הערשערישע דינאַסטיעס, האָבן זיך מיט אויפגעשטראַלטע בליקן און מיט אַ גליענדיקן ווילן צו אַ כשר אַרבעטער־לעבן, אָנגעהויבן ציען צו די ברעגן פון לאַנד, וועגן וועלכן זיין האָבן געטרוימט, וועלכן זיי האָבן אויסגעבעטן אין זייערע דורות־לאַנגע תפילות.

במשך פון די דאָזיקע יאָרן האָט זיך זייער צאָל פיל געמערט. זיי האָבן זיך איינגעגלידערט און איינגעבירגערט אין לאַנד. זיי זיינען געוואָרן איינער פון די פּראָדוקטיווסטע, פעיקסטע, מיט גייסט און טראַדיציע באַהויכטע עלעמענטן פון יידישן ישוב. זיי האָבן אויך געבילדעט יענע חשובע געזעל־שאַפטלעכע שיכט, וואָס האָט אויפגעבויט איר עקזיסטענץ דורך פלייסיקער און ערלעכער אַרבעט. זיי האָבן געבילדעט יענעם פאָלקס־עלעמענט, וועלכן עס וועט נאָך אויספּאָלן די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע צו דינען אַלס פעסטע און זיכערע קולטור־בריק צווישן דער יידישער און דער אַראַבי־שער קולטור־וועלט. עס האָבן זיך פונאַנדערגעבויט שטעט און דערפער מיט אַ סאָציאַל־געזונטער און העכסט ניצלעכער תימנישער באַפעלקערונג. די תימנישע יידן האָבן פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אויף אַלע געביטן פוןווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. זיי האָבן זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַריינגעפלאָכטן אין משפחות פון אייראָפּעאישע יידן. זיי האָבן פאַרלייגט וויכטיקע גרונט־שטיינער פאַרן אויפבוי פון לאַנד, פאַר זיין קולטור־אויפשטייג און פאַר זיין פאַרטיידיקונג.

מיט אַ געפיל פון באַפרידיקונג, מיט אמתן שטאָלץ און כבוד האָט געקענט פאַרמאַכן זיינע אויגן שמואל יבנאלי, דער פאָטער און פּיאָנער פון דער תימנישער איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל.

איך ווייס ניט צי געדענקט דער נייער דור תימנישע יידן אין ישראל די פּיאָנערישע דערלייזנדיקע טואונג פון שמואל יבנאלי, צי ווערט ווען איר דערציילט דורך אונדזערע לערער זייערע תלמידים אין די פּאָלקשולן און מיטלשולן.

אַזאַ דערציילונג קאָן און דאַרף גילטן אַלס דער בעסטער דערציערי־שער ביישפּיל פון אַקטיווער און בראַווער אַרבעט פאַרן פאָלק און לאַנד.

מתתיהו מיזעס

ס׳איז פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן באַדייט און חוב צו דערמאָנען מיט ערע און טרייקייט די זעלטענע פּערזענלעכקייט פון מתתיהו מיזעס, דעם גרויסן גאַליצישן למדן, געלערנטן, דענקער און פאָלקס־מענטש, וועלכער האָט זיך געשטעלט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין איבערצייגונג און ערודיציע, מיט וואָרט און שריפט צום דרייסטן קאַמף פאַר די רעכט פון יידישן לשון.

איך האָב געהאַט דאָס גליק מיט אים זיך פּערזענלעך צו באַקענען אין די גרויסע טעג פון דער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ. ער האָט געשטראַלט מיט זיין אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט, מיט דער טיפער

ליבשאַפט צו אונדזער פאָלקס־שפּראַך און מיט זיין ערנסטן צוגאַנג צו אונדזער שפּראַך־פּראָבלעם.

אויסער זיינע ערנסטע אַרבעטן איבער יידישער געשיכטע, אַרכעאָלאָגיע און אַלגעמיינער שפּראַך־וויסנשאַפט, דערהויפּט אין העברעאיש, האָט ער פיל געשריבן אין העברעאיש, יידיש און צום טייל אין דייטש וועגן אונדזער יידישער שפּראַך.

דאָס זיינען אין קיין פאַל ניט געווען קיין אויבערפלעכלעכע פּובליציסטישע פּאַמפלעטן, נאָר וויסנשאַפטלעך־באַגרינדעטע און גייסטרייכע אַרטיקלען. באַזירנדיק זיך אויף פילאָלאָגישע און סאָציאַל־היסטאָרישע פאַרגלייכונגען מיט אַלטע און נייע אייראָפּעאישע שפּראַכן, האָט ער אויפגעוויזן דעם גרויסן פּאָזיטיוון און נאַציאָנאַלן ווערט פון יידיש אַלס לעבעדיקע, קוואַליקע קולטור־שפּראַך, אַלס גייסטיקער אוצר פון אונדזער מאַסן־לעבן. אַ באַוואָפנטער מיט בילדונג און טאַלאַנט, האָט ער טיכטיק גע־פאָרשט דעם שפּראַכלעכן, גראַמאַטישן בוי פון יידישן לשון און זיין טריאומ־פאַלן גאַנג דורך דער היינטצייטיקער יידישער געשיכטע.

דאָס איז געווען אין די אָנהייב־יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, אין דער צייט פון דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער, נאַציאָנאַלער און פּאָליטישער דערוואַכונג אין מזרח־אייראָפּע בכלל און אין דער עסטרייך־אונגאַרישער נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה בפרט.

נאָך דער תקופה פון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן” איז די יידישע פאָלקס־שפּראַך אין רוסלאַנד, ליטע און פוילן אַרויס אויף ברייטע שליאַכן, זי האָט געצייטיקט אירע ערשטע גרויסע קלאַסיקער. זי האָט זיך מאָביליזירט צום פּאָליטישן און קולטורעלן קאַמף. זי איז געוואָרן אַן אַקטיווער כלי־זיין אין די הענט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און פון די פּיאָנערן פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ קעגן די רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצן פון דער צאַרישער רעגירונג און יידישער בורזשואַזיע.

די פולע עפנטלעכע רעכט פאַר דער יידישער שפּראַך האָט געפאָדערט מתתיהו מיזעס אומעטום אָפן און דרייסט. ער פלעגט אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען, אויף קאָנפערענצן און אין דער פּרעסע און מיט פיל וואָגיקייט באַגרינדן זיינע אָנשויאונגען און פאָדערונגען. אין 1907 פאַרעפנטלעכט

ער אין דעם העברעאישן וואָכנבלאַט „העולם" אַן אַרטיקל „בזכות השפה היהודית" („פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך"), ווו ער פירט אַ העפטיקע פּרינציפּיעלע דיסקוסיע מיטן עקסטרעמען העברעאיזם פון נחום סאָקאָלאָוו און מנחם אוסישקין. אין זיין אויספירלעכן וויסנשאַפטלעך־אַר־גומענטירטן אַרטיקל „לשאלת הלשון היהודית" („צו דער פראַגע פון דער יידישער שפּראַך") אין דעם פערטן באַנד פון דעם בערלינער זאַמלבוך „העתיד" (1910) פאַרגלייכט ער די באַציאונג פון אַנדערע פעלקער צו זייערע גערעדטע פאָלקס־שפּראַכן מיט דער באַציאונג, וואָס הערשט ביי אונדז צו יידיש, און באַווייזט באַשיינפּערלעך, אַז נאָר אין זיין גערעדטער פאָלקס־שפּראַך איז אַ פאָלק מסוגל אויסצודריקן אין אַ פולער מאָס זיין גייסט, זיין קולטור און זיינע לעבנס־אינטערעסן.

אויב יידיש איז אַפילו געווען אַמאָל, ווי אַנדערע מיינען, זאָגט מתתיהו מיזעס — בלויז אַ דיאַלעקט, האָט זי זיך מיט דער קראַפט פון דער מאַסן־ווירקלעכקייט דערהויבן צו דער מדרגה פון אונדזער פאָלקס־און ליטעראַ־רישער שפּראַך.

אַלע זיינע אַרטיקלען בויט מתתיהו מיזעס אויף פּילזייטיקע פילאָלאָגישע און היסטאָרישע פאָרשונגען און פאַרגלייכונגען מיט אַנדערע שפּראַכן און ער דערקלערט אין זיי קאַטעגאָריש, אַז די גלייכגילטיקע אָדער נעגאַטיווע באַציאונג צו יידיש באַדייט „אָפּצושניידן אַ גרויס שטיק פון אונדזער פאָלקס־אייגנטום". ער דערגייט צו דער העכסטער אָקטאַווע פון זיינע שפּרו־דלדיקע דערקלערונגען, באַהויפּטנדיק, אַז „אויב מענטשן, וואָס האָבן ליב זייער פאָלק, האַלטן טייער זייער פאַרגאַנגענהייט און קעמפן פאַר זייער צו־קונפט, טרעטן אַרויס קעגן דער יידישער שפּראַך און נעמען דערמיט צו ביים יידישן פאָלק זיין לעבנס־שפּראַך, טאָר מען זיי דאָס ניט פאַרשווייגן"...

פון די היינטצייטיקע יידישע שרייבער און שפּראַך־פאָרשער איז ער געווען איינער פון די וויניקע, וואָס האָט גרינטלעך געקענט די העברע־אישע שפּראַך און ליטעראַטור, און איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געשריבן אין דער העברעאישער פעריאָדישער ליטעראַטור ערנסטע אַר־טיקלען וועגן דער יידישער שפּראַך, איר קוואַליטעט און גרויסן נאַציאָנאַלן ווערט. ער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די עקסטרעמע העב־

רעאישע לייענער־קרייזן, האָט דערוועקט זיי צו אַ גרינטלעכער איבערשאַצונג פון זייער צוגאַנג צו יידיש.

נאָך אַ לאַנג, שעפעריש, נאָך ניט גענוג אויסגעפּאָרשט לעבן, איז דער אײדעלער תלמיד־חכם און פאָלקסמענטש געפּייניקט געוואָרן דורך די נאַצישע אומברענגער און איז פון אָנמאַכט געשטאָרבן אין טויט־לאַגער אין יאַנואַר 1945.*

* וועגן לעבן און אומקום פון מתתיהו מיזעס שרייבט ד״ר א. מנצ׳ר אין העברעאישן „ספר פשמישל״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1964 דורכן ארגון יוצאי פשמישל בישראל, עמ׳ 324—327.



שמעון פרוג

די איינע האָבן אים פאַרגעסן, די אַנדערע האָבן אים שלעכט פאַר־שטאַנען, ער האָט אויך קיין מזל ניט געהאַט צו אַ ביאָגראַף. זיין כמעט איינ־ציקער ביאָגראַף איז געווען ראובן ברײנין, וואָס האָט געשריבן דעם אַריינפיר צו יעקב קאַפּלאַנס העברעאישער איבערזעצונג פון פרוגס לידער אין יאָר 1899 און צו דער צווייבענדיקער אַמעריקאַנער יידישער אויס־גאַבע פון דער „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" פון יאָר 1910. ער האָט דעם פאָלקס־דיכטער פאַרשטאַנען איינזייטיק. ער האָט אין אים געזען קודם־כל דעם פאָלקס־באַקלאָגער, דעם ירמיהו פון אונדזער צייט, דעם פּאָגראָם־דיכטער פון די 80ער יאָרן און פונעם אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. ער האָט אים דערצו געשטעמפּלט אַלס פּעסימיסט, וואָס

האָט ווייניק וואָס געזען די שיין פון אויפריכטונג פון אונדזער פאָלק, פון זיין נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דערלייזונג.

אַ פּאָגראָם־דיכטער איז, אמת, שמעון פרוג געווען און ניט נאָר אַ סתם־דיכטער. ווי שפּעטער ח. נ. ביאַליק, האָט ער אַרויסגעבראַכט פון דער טיף פון דער פאָלקס־נשמה די האַרציקע טענער, די ערשטע און אָפּטמאָל פּרימיטיווע, פון דער אומקום־פּאָעזיע; און אין זיינע ברייטסטע מאָסן האָט זיי דאָס פאָלק געזונגען, טרויערנדיק און וויטיקנדיק, און דערמיט געקרוינט שמעון פרוגן אַלס זיין פאָלקס־דיכטער.

אין הערצער פון פיל פון אונדז קלינגען נאָך די אַקאָרדן פון זיין „האָט רחמנות!״:

הערצער טויזנט — און איין וויטיק,
טויזנט הייזער — און איין טיר.
אַלע, אַלע איין פאַרקלאָגטער
קראַנקער יתום זיינען מיר.

ברידער, שוועסטער — האָט רחמנות!
גרויס און שרעקלעך איז די נויט,
גיט די טויטע אויף תכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט!

און ווען ער גיט צו:

שלאַף איז אונדזער האַנט צו שטרייטן,
שטאַרק און שווער איז אונדזער שמערץ.

דאַרף דאָס בשום אופן ניט אויסגעטייטשט ווערן אַלס רעזיגנאַציע און פאַרצווייפלונג, וואָרום אין אַ צווייט ליד פון יענער תקופה „די מצבה״ רופט ער צום אַקטיוון קאַמף קעגן די רוצחים און אומברענגער:

ניטאָ, ניטאָ קיין צייט צו קלאָגן
אויף אייער בלוט, אויף אייער לייד,

קרבנות הייליקע און ריינע
פאַר אונדזער פרייהייט, גליק און פרייד.

עס קלאַפּט די פּויק, די שופרות שאַלן.
עס ווייט און פלאַטערט אונדזער פאָן.
דער קאַמף דער שרעקלעכער, דער גרויסער
ער גייט נאָך ערשט, ער הייבט זיך אָן!

פאַר שמעון פרוגס פּאָעטישן שאַפן איז כאַראַקטעריסטיש זיין אָפּשטאַם און זיין לעבנס־וועג. ער איז אַרויסגעקומען ניט פון שטאָטישן בירגערלעכן קלאַס, ניט פון די יידישע שיכטן, וואָס זיינען געוויינלעך אָפּגעשניטן פון דער ערד און פון פיזישער אַרבעט. ער איז אַ זון פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער יידישער קאָלאָניע באָבראָווי קוט אין דער כערסאָנער גובערניע אין אוקראַינע. פון זיין געבוירנטאָג אָן איז ער געווען איינגעגלידערט אין דער שיינער נאַטור פון דרום־רוסלאַנד מיט אירע אוצרות. אַרבעט, טראַדיציע און בילדונג זיינען געווען האַרמאָניש פאַרבונדן און זיך סינטעטיזירט אין זיין דערציאונג. פון דער היימישער קאָלאָניע איז ער אַוועק אין דער נאָענטסטער גובערניע־שטאָט כערסאָן, האָט זיך צוגעלאָזן צו די קוואַלן פון בילדונג, און פון דאָרטן איז ער נאָך אַ קורצער צייט אַריבערגעפאָרן קיין פעטערבורג און זיך איינגעגלידערט אין דער פּלעיאַדע פון דער יונג־רוסישער ליטעראַטור און פּאָעזיע. ער נעמט אויף מיט ליבע און התפעלות די שעפערישע השפעות פון די רוסישע ליטעראַטור־קלאַסיקער. עס זיינען אים גייסטיק נאָענט גאַנץ באַזונדערס פּושקין, לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו. ער ווערט שטאַרק באַווירקט פון דער טיפער פאָלקסטימלעכקייט און סענטימענטאַלישקייט פון די גרויסע שעפער. פון די יינגערע איז אים האַרציק נאָענט נאַדסאָן.

שמעון פרוג הייבט אָן צוערשט שרייבן זיינע לידער אין רוסיש און פאַרנעמט באַלד אַ געהעריקע פּאָזיציע אין דער יונג־רוסישער דיכטונג. אָבער שוין אין זיין רוסישער פּאָעזיע טראָגט ער אַריין די יידישע טעמאַטיק און זיינע רוסיש־געשריבענע לידער מיט זייער פאָלקסטימלעכקייט

און וואַרעמען קלאַנג ווערן שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער יוגנט, ווערן דעקלאַמירט און געזונגען.

אין שמעון פרוגס יידישער טעמאַטיק הייבן זיך אַרויס צוויי גרונט־מאָטיוון: דער טרויער און צער פון זיין רעכטלאָז און פאַרפאָלגט פאָלק, וואָס לעבט איבער די צאַרישע פּאָגראָמען, און דער גרויסער גלויבן אין אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר אַלע פעלקער פון פאַרקנעכטעטן רוסלאַנד.

אָבער אַפילו זיינע טרויער־לידער זיינען ווייט פון פּעסימיזם. עס עפענען זיך אין זיי כסדר, אָפט אין דער געשטאַלט פון לעגענדעס און היסטאָרישע דערינערונגען, די קוואַלן פון יידישן אויסדויער, בטחון און האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

*

ניט קוקנדיק אויפן אויפשפּראָצן פון זיין פּאָעטישער באַגאַבטקייט, האָט שמעון פרוג ניט געקענט ברייט אויסשפּרייטן זיינע פליגל אַלס פאָלקס־דיכטער כל זמן ער האָט ניט געזונגען פאַר זיין פאָלק אין זיין אייגענער יידישער שפּראַך. „ערשט אין יידיש — זאָגט מיט רעכט זיין ביאָגראַף ראובן ברײַנין — איז שמעון פרוג געקומען צום גאַנצן פאָלק".

דאָס איז געשען אין יאָר 1885. אין יענעם יאָר האָבן זיך פאַר אים געעפנט די אוצרות פון דער פאָלקס־שפּראַך, וואָס איז געווען אויך די שפּראַך פון זיין לעבן און אַרבעט אין שויס פון דער נאַטור. די נאַטור האָט צו אים גערעדט יידיש, דער נאָך ווייניק ליטעראַריש געשליפטער שפּראַך פון ערשטן דור יידישע ערד־אַרבעטער.

אין זיין ליד „פרילינג" רופט די אויפלעבנדיקע שיינע נאַטור אין איר שויס דעם באַדנלאָזן פאַרטרויערטן יידן:

צו מיר, צו מיר, איר קרומע רוקנס,
פאַרווייניטע אויגן, קראַנקעס הערץ.
איך וועל פאַריאָגן אייער טרויער,
איך וועל פאַרהיילן אייער שמערץ.

זיין יידיש איז צוגלייך פֿאָלקסטימלעך און פּרימיטיוו, דאָרפֿיש. זיין טעמאַטיק איז שטאַרק אָנגעלאָדן מיט בילדער פֿון דער ווייטער יידישער געשיכטע און פֿון דער טראַדיציאָנעלער סביבה פֿון זיין דאָרפֿישער היים. ער איז אָבער גלייכצייטיק — וואָס מען האָט, לײַדער, ביז איצט ניט אַרויס־געבראַכט, — איינער פֿון די ערשטע יידישע פֿאָלקס־דיכטער אין רוס־לאַנד, וועלכע, ניט זייענדיק אַוועקגעריסן, ווי די דיכטער־קעמפֿער פֿון זיין צייט, ווי מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפֿעלד, דוד עדעלשטאַט און אַנדערע, דורך דעם שטראָם פֿון מאַסן־עמיגראַציע, האָט אין זיינע לידער גערופֿן צו פֿרייהייט, צו פֿרייזיניקייט, צו אַרבעט. ער האָט זיך באַהאָפֿטן מיטן יונגן אויפֿקומענדיקן יידישן אַרבעטער־קלאַס, באַזונגען זיין ליד, גע־מונטערט צום קאַמף. אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע איז זיין אָרט נעבן ש. אַנסקי און אברהם רייזען.

שוין אין זיין ליד „משה רבינוס קבר״ הייבט ער אַרויס די ביבלישע דערציילונג. דער קבר פֿון משה, וועלכער האָט פֿון פֿעלז אַרויסגעשלאָגן קוועליק וואַסער פֿאַרן דורשטיקן פֿאָלק אין מדבר, איז געבליבן ניט באַ־וווסט, און ער ווענדט זיך צום פֿאָלק און זאָגט:

ניט קיין קבר פֿול מיט שימל,
ניט קיין קאַלטן טויטן שטיין,
נאָר אַ קוואַל, אַ ריינעם, זיסן
און אַ שטאַרקן ווי אַ טייך
האָט ער אייביק, אייביק פֿליסן
אויף דער וועלט געלאָזט פֿאַר אייך.

אין זיינע לידער וועגן אַרבעט און קאַמף, וועלכע זיינען באַזונדערס ניי געווען אין יענע אָנהייב־יאָרן פֿון אונדזער יאָרהונדערט אין דער יידישער ליטעראַטור, שטעלט זיך שמעון פֿרוג לחלוטין אין די פּיאָנע־רישע רייען פֿון די יידישע רעוואָלוציאָנערע און אַרבעטער־דיכטער.

שוין אין זיין ליד „תפילה״ רופֿט ער זיין געליבטע שטעלן זיך אין די קאַמף־רייען:

קום, ליבע, טרייע, קום צו אונדז,
און, ווי די שאַרפֿע פייל פון בויגן,
וועט טאָן אַ שלאָג דיין העלער טאָג
אין די תליינימס בייזע אויגן.

נאָך העלער און קלאָרער אַנטפּלעקט זיך זיין שעפערישע פּערזענ־לעכקייט אין זיין פּאָליטישן קרעדאָ — אַ זאַך, וואָס איז געווען געגוג שווער ביי די צאַרישע לעבנס־באַדינגונגען — אין זיינע צוויי לידער — „ליד דער אַרבעט" און „די פּאָן".

עס איז וויכטיק און באַלערנדיק צו ברענגען צוויי גרעסערע פּראַג־מענטן פון די דאָזיקע לידער.

אין דעם „ליד דער אַרבעט" זינגט ער מיט באַגייסטערונג:

געבענטשט זאָל זיין דער וואַרשטאַט, די שפּינדל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג.
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — אַ שווערער, אַ זומפּיקער וועג.

דער סערפּ איז פון שטאָל, די סאָכע פון אייזן,
קיין צירונג קיין גרויסע זיינען זיי ניט,
אין זיי אָבער ליגט אונדזער קראַפט, אונדזער לעבן,
אָן זיי איז ניט מעגלעך קיין איינציקער טריט.

טאָ לויבט זשע און זינגט זשע דער מי און דער אַרבעט,
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן ליבנד און הייס:
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאָזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווייס.

ניט ווייניקער פאָלקסטימלעך און פיל שטאַרקער קעמפעריש קלינגט

זיין ליד „די פאָן", וואָס ברענגט אַרויס דעם דעמאָלט נייעם און שפּעטער אַזוי באַליבט געוואָרענעם מאָטיוו וועגן דער רויטער פאָן:

ניט פון גאָלד־שטאָף, ניט פון זיידנס
איז די פאָן געמאַכט.
אין אַ שרעקלעכן געוויטער,
אין אַ שטורעם־נאַכט,

האָט געררוישט דאָס אַלטע שפּינראָד,
און די בלייכע נויט
אין אַ פייכטן קעלער־ווינקל
ביי אַ חלב־קנויט,

האָט געוועבט די גרויע פּאָדים
ריין און שטייף און גוט
און געפאַרבט זיי מיט די לעצטע
טראָפּן אייגן בלוט.

אַלע וויטאָקן און ליידן,
אַלץ וואָס יאָרנלאַנג
האָט פאַרגיפטעט די נשמה,
ווי אַ בייזע שלאַנג, —

אַלץ, מיט וואָס געדריקט דעם לעבן
האָט די טיראַניי,
אין געמיט איר גאַל געגאָסן
און אין האַרצן — בליי, —

האָט די פאָלקס־נויט אין די רויטע
פעדים איינגעוועבט...

זעסט, די פאָן זי ווייט און פלאַטערט
און צום הימל שטרעבט.

און די שטערנס ווערן בלייכער,
און עס קרייט דער האָן —
און עס שיינט דער מאָרגנשטערן
אויף דער רויטער פאָן!

שמעון פרוג איז דער דיכטער פון דער ברייט־ און ווייט־אויסגעוואַק־סענער און אידייאיש פאַרטיפטער וועלטלעכער און פּראָגרעסיווער יידישער קולטור־באַוועגונג.

זאָל מיט ערע און טרייקייט אין אַלע אונדזערע צוזאַמענקונפטן, אין אונדזערע קלובן און לייען־קרייזן דערמאָנט ווערן זיין טייערער און גע־הייליקטער נאָמען. זאָלן געלייענט און געזונגען ווערן זיינע לידער און זאָל ווידער אויפוואַכן און געטראָגן ווערן אין דער יוגנט אַריין דער זכרון וועגן זיין שעפערישער און פּיאָנערישער פערזענלעכקייט.



שאול טשערניכאָווסקי

שאול טשערניכאָווסקי איז געווען איינער פון די גרויסע רעאַליסטן אין דער נײַ־העברעאישער ליטעראַטור און דיכטונג.

עס איז אים שווער געווען צו זיין אַ רעאַליסט — אין אַ שפּראַך, וועלכע איז אין זיין צייט נאָך כמעט ניט געווען קיין גערעדטע, ווען דער העברעאי־שער שרייבער האָט מער געצויגן זיין יניקה פון דעם בוך, פון דער אַלטער ליטעראַטור, איידער פון דער טאָג־טעגלעכער סביבה, ווו עס האָט געלעבט אַן אַנדערע שפּראַכיקע יידישע שפּראַך. עס איז געווען דעם דיכטער שווער צו באַפרייען זיך פון דער לאַסט פון אַבסטראַקטע אידייען און מליצות און עס איז אים אויסגעקומען אַראָפּצוּוואַרפן פון דער שפּראַך לבושים נאָך

לבושים און צוקומען צו איר קערנדיקן אינהאַלט, אויסצודריקן אין איר דעם תוך פון לעבן און פון דער נאַטור.

די אייגנאַרט פון שאול טשערניכאָווסקיס טאַלאַנט איזווירקלעך באַ־שטאַנען אין דעם וואָס ער איז צו דער העברעאישער ליטעראַטור ניט געקומען, ווי אַנדערע, פון בית־מדרש אָדער פון יידישן געטאָ, נאָר פונעם רוסישן דרום, מיט זיינע ברייטע סטעפּעס און זוניקע ים־ברעגן. ער האָט אַריינגעאָטעמט אַ פרישע, געזונטע שפּראָציקע לופט אין דער ניי־העברע־אישער ליטעראַטור. ער האָט די ליטעראַטור אַריינגעטראָגן אין שויס פון דער נאַטור, אויסגעדריקט אין איר געזונטע נאַטור־מאָטיוון און עמאָציעס. און ער האָט דאָס געטאָן ניט מיט אַ שווערער האַנט פון אַ גריבלער, נאָר מיט אַ לוסטיקער לייכטקייט און באַוועגלעכקייט און מיט אַ יוגנטלעכער שטיפעריי.

באַזונדער וויכטיק אָבער איז, וואָס שאול טשערניכאָווסקי האָט זיך פאַרהאַלטן צו דער העברעאישער שפּראַך, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגע־זאַפּט און וועלכע ער האָט גרינטלעך אויסגעלערנט ניט ווי אַ קנעכט פון שפּראַך־טראַדיציע און שפּראַך־פאָרמען. ער האָט די שפּראַך געמאַכט אונ־טערטעניק צו זיין שאַפן. ער האָט זי רעוואָלוציאָנעריש געמייסטערט און האָט זי מיט זיין שפּראָציקער עמאָציאָנעלקייט באַרייכערט, באַפרוכפּערט, אַריינגעטראָגן אין איר קלאַנגען פון דער דרום־רוסישער נאַטור און שפּע־טער פון דער צפונדיקער, פינישער קאַלאַוואַלאַ.

זיין נאַטירלעכקייט און רעאַלישקייט האָט אים קודם־כל געטריבן צו אָבסערוואַציעס פון דער נאַטור, צום טיפן דראַנג זיך אין איר איינצולעבן, איינגלידערן, דערגרייכן אַ טיפערע קענטעניש פון אירע געזעצן און דער־שיינונגען.

שאול טשערניכאָווסקי האָט זיך גרינטלעך אָפּגעגעבן מיט נאַטור־וויסנשאַפטן. ניט כדי צו מאַכן זיך אַ קאַריערע האָט ער שטודירט מעדיצין און פּראַקטיצירט פיל יאָרן אַלס אַ דאָקטאָר. ער האָט געשטרעבט וויסנ־שאַפטלעך צו פאָרשן נאַטור און מענטש. ער איז געווען — ווי זיין גרעסטער פריינד און פאַרערער יוסף קלויזנער האָט אים כאַראַקטעריזירט — דער העלעניסט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. דאָס קערפּערלעכע און דאָס

גייסטיקע האָבן זיך ביי אים אָרגאַניש באַהעפט. ווי אַלע אַנדערע גרויסע דיכטער, ווי געטע אַ שטייגער, האָט ער זיך פאַרטיפט אין דער נאַטור און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אויפן געביט פון באָטאַניק, ביאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע, און גלייכצייטיק אויך שפּראַך און פילאָזאָפיע. ער איז געגאַנגען אין די וועגן פון ד״ר בנימין שערעשעווסקי און נאָך מער אין די וועגן פון דעם פּעטערבורגער העברעאישן דיכטער, מעדיצינער און למדן ד״ר יהודה קאַצענעלסאָן און האָט געבראַכט זיין גרויסן, דעם גרעסטןביישטייער פאַר דער אויסאַרבעטונג פון דער העברעאישער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע פאַר באָטאַניק, פיזיאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע. ער האָט אויסגעזוכט אַלע פאַרגעסענע אויסדרוקן, האָט שטודירט צו דעם צוועק דעם תלמוד און מדרשים, די כתבים פון דעם אומשטערבלעכן געלערנטן און מעדיצינער רבי משה בן מיימון (דער רמב״ם), דעם גרויסן יידישן מעדיצינער פון מיטלאַלטער אסף הרופא, דעם אַזוי גע־רופענעם „גרויסן קאַנאָן״. ער האָט פלייסיק געאַרבעט אין די ביבליאָטעקן און צונויפגעשטעלט טאַבעלן, פאַרגלייכנדיק די העברעאישע טערמינען מיט די אינטערנאַציאָנאַלע אָנגענומענע, לאַטיינישע. ער האָט געפירט זיין אַרבעט פריער אין מאָסקווע און לענינגראַד און דערנאָך אין בערלין און פּאַריז.

אין יאָר 1931 איז שאול טשערניכאָווסקי אַריבערגעפאָרן פון פּאַריז קיין ירושלים. זיין עצם אַריבערפאָרן איז געווען פאַרבונדן מיט דער פאַר־שונגס־אַרבעט איבער דער העברעאישער מעדיצינישער טערמינאָלאָגיע. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון דעם העברעאישן שפּראַך־קאָמיטעט און האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעט פון די פאַך־קאָמיסיעס פאַר מעדיצין, באָטאַניק און געאָלאָגיע.

צו יענער צייט איז געשטאָרבן דער עלטסטער ארץ־ישראלדיקער מעדי־צין־דאָקטאָר, למדן און שפּראַך־פאָרשער אהרון מאיר מזיא, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געאַרבעט איבער אַ גרויסן מעדיצינישן ווערטערבוך.

שאול טשערניכאָווסקי איז איינגעלאַדן געוואָרן צו פאַרענדיקן און צוגרייטן צום דרוק דעם ווערטערבוך און ער האָט נאָך אַ פלייסיקער אַר־בעט, אין משך פון צוויי יאָר, אויסגעפירט מיט דערפאָלג זיין אויפגאַבע.

עס איז דערשינען דער מאָנומענטאַלער ווערטערבוך פון נאַטור־וויסנשאַפט און מעדיצין, אין וועלכן עס באַהעפט זיך די אַרבעט פוןביידע געלערנטע.

שאול טשערניכאָווסקי, דער דיכטער און שפּראַך־געלערנטער, האָט פולשטענדיק האַרמאָניזירט איינער מיטן אַנדערן. אין זיינע לידער פילט זיך דער ריח פון נאַטור־פרישקייט און אין זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט שפּירט זיך דער עקסטאַז פון אַ טרוימער און שאַפער.

אין זיינעם אַ ספּעציעלן אַרטיקל וועגן די „געשפּרעכן פון חיות און עופות" ווייזט ער אַרויס אַ טיפע שפּירזאַמקייט און גלייכצייטיק אויך אַ פאַרטיפטן שפּראַך־געפיל צו די קולות, וואָס עס לאָזן אַרויס די איינצלנע באַשעפענישן. ער הערט זיך צו צו זייער שפּראַך און געפינט אויס ווי דער פאַרצייטיקער פאָלקס־מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין שויס פון דער טראָפּישער נאַטור, האָט שפּראַכלעך אויפגענומען די קולות פון די איינצלנע בעלי־חיים.

„ווער עס האָט געהערט דאָס וווּנדערלעכע שאַלן פון דעם הירש אין אַ וואַלד אין דער פּרימאָרגן־טונקלקייט — זאָגט טשערניכאָווסקי — אַ שאַלן, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרבייטן מיט קיין אַנדער שטים, וועט זיך פרייען וואָס ער קען אין העברעאישן לשון אויסדריקן די שפּראַך־ניואַנסן פון די איינצלנע בעלי־חיים". און ער ברענגט אַרויס מיט באַגייסטערונג אַ פאַרבנרייכע שורה פון באַצייכענונגען פאַר די שטימען פון די איינצלנע באַשעפענישן. פון דער טיפקייט פון דער נאַטור און פון דער ווייטעניש פון דורות דערטראָגט זיך צו אונדז דאָס שרייען פון דעם וואָלף, פון דעם לייב, פון דעם לעמפּערט, פון דעם הירש און ווילדטיר, פון דעם בער און דער סאַרנע, פון דעם קראָה און דעם אָדלער, פון דעם שעפּס און דער טויב.

אַלע קולות פון דער אַרומיקער נאַטור האָט ער מיט זיין שפּירזאַמען חוש און טיפזיניקן אינטעלעקט אויפגענומען און פאַרוואַנדלט אין יסודות־דיקע שאַפונגען.

אַזאַ איז געווען דער גרויסער ניי־העברעאישער דיכטער און געלערנ־טער שאול טשערניכאָווסקי.

שלום אַש

אין איינעם אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט פון יאָר 1956 האָב איך אים געזען שפּאַצירן איינזאַם מיט מעסיקע טריט און מיט אַ טיף פאַרקלערטן פּנים איבערן ים־ברעג פון תל־אביב. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיך. ער האָט זיך שטאַרק געעלטערט, און דער ראַזיקער זון־אונטערגאַנג איבערן מיטללענדישן ים האָט זיך אויפגעגאָסן מיט דער לאַנגזאַמער שקיעה פון זיין ערדישן לעבן.

איך האָב אים גלייך דערקענט, הגם איך האָב אים ניט געזען גענוי קיילעכדיקע 50 יאָר זינט אונדזער געמיינזאַמען נשמה־אויפברויז אין די טעג פון דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ אין אויגוסט 1908.

עס איז מיר שווער אויסגעפאַלן צו באַנעמען דעם תהום צווישן יענעם יונגן שטיפערישן שלום אַש, וועלכער האָט ביים אַריינגאַנג אין קאָנצערט־זאַל צוגעשפּילעט, מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף די ליפּן, אַ ווייסע רויז יעדן דעלעגאַט און גאַסט, און צווישן דעם אַלטן, געבראָכענעם און פאַר־טראַכטן שלום אַש מיטן שטעקן אין זיין ציטערדיקער האַנט.

איך בין צו אים ניט צוגעגאַנגען, האָב מיך ניט אַנטפּלעקט פאַר אים, און אַ שאָד! איך האָב אים זינט דעמלט ניט געזען מער, און עס איז מיר נאָר געבליבן, ווי עס בלייבט אַמאָל פון דער פאַרגייענדיקער פרילינג־זון אַ בלאָנדזשענדיקער שטראַל אין אַ ווינקל פון געמיט.

דערפאַר אָבער פלאַקערט פאַר מיר אויף בולטער און העלער דאָס יוגנט־ליכט פון שלום אַש, ווי עס האָט לויכטנדיק צעשפּילט זיך אין יענעם אויגוסט נאָכמיטאָג פון יאָר 1908 אין טשערנאָוויץ.

אין דער גרויסער, לאַנגיאָריקער צווישנצייט האָב איך געגנאָסן מיט התפּעלות פון דער רעוואָלוציאָנערשיקייט פון זיינע וואָגיקע ליטעראַרישע פאַרמעסטונגען, פון זיין טיפער פאָלקסטימלעכער אייגנאַרט, מיט וועלכע ער האָט צעשפּרייט זיינע אָדלער־פליגל איבער דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

אין יאָר 1900 איז ער צוערשט געזאַלבט געוואָרן אַלס כוהן אין טעמפּל פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן דורך דעם אומשטערבלעכן גרויסן מייסטער יצחק לייבוש פּרץ. מיט אַכט יאָר שפּעטער האָב איך אים געטראָפן אין זיין שטורמישן אויפשטייג בשעת דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, גע־טראָפן אין זיין מאַרשירן אַקסל ביי אַקסל מיט זיין פריערדיקן גרויסן רבין. ער איז שוין דעמלט ניט געווען מער דער געהאָרכזאַמער תלמיד, נאָר אַ שאַפער פון אַן אייגענעם ברייטן פאַרנעם און אָפט אויך אַ ווידערשפּעניקער אויפשטענדלער קעגן די אָנזיכטן און טראַדיציעס פון דעם עלטערן דור יידישע שרייבער.

אַ גרויסער דיכטער איז שטענדיק אויך אַ גרויסער טרוימער, אַ בעל־דמיון. שלום אַש האָט במשך פון זיין גאַנצן שעפערישן לעבן פאַראיינס געטרוימט און האָט כסדר אָנגעקליידט זיינע טרוימען אין רעאַליסטישע

דערציילונגען. ער האָט אין זיין וואָרט־מאָלעריי געהאַט פאַר זיך אַ לייוונט פון אַ ברייטן וועלט־פּאַרנעם.

נאָך די שטורמישע יאָרן פון וואַנדערן און רוישיקן לעבן אין די גרויסע וועלט־צענטרען, האָט ער אויף דער עלטער געלעכצט נאָך אַ ביסעלע שטילער, היימישער, פּראָווינציעלער געמיטלעכקייט, נאָך אַ מין קוטנע פון זיינע קינדער־יאָרן. ער האָט זי געוואָלט צולעצט געפינען אין בת־ים אויף די שטילע ברעגן פון ישׂראלדיקן ים.

דער צופאַל האָט אים אין יאָר 1954 צונויפגעפירט בשעת זיין באַזוך אין טבריה מיט דעם דעמלטיקן ראש־העיר פון בת־ים דוד בן־ארי, איינעם פון זיינע פאַרערער און פלייסיקע לייענער, און אַזוי איז געבוירן געוואָרן און האָט געפונען איר פאַרווירקלעכונג די אידייע פון אויסבויען די באַשיידענע און געמיטלעכע היים פאַר שלום אַשן און זיין פרוי אויף דער אַרלאָזאָראָוו־גאַס 48, אין בת־ים.

וויניק צייט האָט שלום אַש געגאָסן פון זיין וואָרעמען און שטילן ווינקל אויף דער ישׂראל־ערד. און עס איז אַ פראַגע, צי האָט ער דאָ בכלל געפונען כאָטש אַ טראָפּן פון דער געגאַרטער רו. ער האָט זיך דאָ באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט דער יידישער געשיכטע, מיט אירע העלדן, קעמפער און קרבנות. ער האָט דאָ נאָך אַמאָל איבערגעלעבט אין דער שטיל דעם גאַנצן אוצר פון זיין היסטאָרישער דראַמאַטורגיע. און עס זיינען ניט קיין גוזמא די ווערטער פון זיין נייעסטן און עמפּינדלעכן ישׂראלדיקן ביאָגראַף יצחק טורקאָוו־גרודבערג,* אַז „קיינער האָט נאָך ניט באַוויזן אַזויפיל שיינקייט אַרויסצוּבאַקומען פון די טעג און נעכט, זומערס און ווינטערס, יום־טובים און וואָכעדיקע טעג פונעם אַלטן ארץ־ישׂראל, ווי שלום אַש". ער איז דאָ דערגאַנגען ביז צום גרונד פון אַלע גרונדן — צו דעם געדאַנק פון נצח ישׂראל".

צו שפּעט אַ ביסל איז ער געקומען צו די ברעגן פון אונדזער לאַנד, ווו אידילישער אויפבוי און העלדישער קאַמף באַהעפטן זיך אַזוי האַרמאָניש צוזאַמען. נאָר איך בין זיכער, אַז אין די וואָכן פון זיין לעצטן און קורצן

---

* „שלום אַשס דרך אין דער יידישער אייביקייט". בת־ים, בית שלום אש, תשכ"ח, זייט 131.

באַזוך, ווען זיין האַרץ האָט נאָך געלעכצט נאָך אַריכות־ימים, האָט ער געקענט מיט דער זעלביקער יוגנטלעכער האַרציקייט, איבערחזרן די ווער־טער פון זיין „ערשטער רייזע קיין ארץ־ישראל״, וועלכע דרינגען אַריין אין די טיפענישן פון געמיט: „...זיי געגריסט, זון, איבער מיין היימאַט... ווי שטאָלץ איך בין אויף דיר, איך, דיין פאַרוואָגלט, אומרואיק קינד, איך בין געקומען צו דיר מיין יחוס זוכן... איך בין צו דיר געקומען מיין שטאַם געפינען...״.

איך בין זיכער, אַז זיין האַרץ האָט אים, ווי אין מינוטן פון אַ גרויסן ווידוי, געצויגן צו דער מאָנומענטאַלער היסטאָרישער וואַנט, צום כותל מערבי... אפשר וואָלט ער אָנגעשפאַרט זיינע שעפערישע אָרעמס, זיין אויסגעבענקטן קאָפּ צו יענעם גרויסן דענקמאָל, וואָס פאָלקס־שונאים האָבן געהאַט פאַר אים באַרבאַריש פאַרשלאָסן.

דאָס האַרץ פון דעם יידישן שעפער האָט זיך זיכער געצויגן אַהין אין די שקיעה־מאָמענטן פון זיין לעבן.

שלום אַשס קבר אין לאָנדאָן איז פאַרחתמעט און עלנט, אָבער שלום אַש לעבט און וועט לעבן אין דורות ביי די ברעגן פון אונדזער העל־בלאָען ים, אין היימלאַנד פון זיין האַרצן און פון זיינע תנ״ך־העלדן. דאָ לעבן זיך אויס ווייטער האַרמאָניש שלום אַש, דער יידישער שרייבער און העברעאי־שער דענקער. דאָ גלייכן זיך אויס תקופות, ניואַנסן, שפּראַכן; דאָ לעבט דאָס נצח־ישראלדיקע אין שלום אַשס שאַפן, און מיטן בלאָז פון אַ מדבר־ווינט קלאַפּט אָן אויף דער טיר פון שלום אַש־הויז אויך דער פאַרשטויסענער „מאַן פון נצרת״. ער ראַטעוועט זיך אַרויס פון דורות־לאַנגע העצעס און פייניקונגען און קומט אָפּשטאַטן אַ גרוס דעם היינטצייטיקן יידישן שרייבער, וואָס האָט אַנטפּלעקט און דערלייזט זיין יידישע געשטאַלט.

*

דאָס ביי זיין לעבן אויסגעבויטע הויז אין בת־ים האָט זיך פאַרוואַנדלט נאָך זיין טויט אין אַ גייסטיקער מצבה, אין אַן אומשטערבלעכן מאָנומענט פאַר דעם גרויסן יידישן שרייבער און דענקער.

עס איז פאַרזייט געוואָרן אַ פרוכטבאַרער קערן, פון וועלכן עס צע־וואַקסט זיך מיט יעדן טאָג אַ זאַמל־צענטער פון אַ וועלט־פאַרנעם פאַר שלום אַשס שאַפן. ווי דעם שלום עליכם־הויז אַזוי אויך דעם שלום אַש־הויז קומט אויס צו דערפילן אַ באַזונדער חשובע און נייע אויפגאַבע. זיי גילטן שוין ביים היינטיקן טאָג — און וועלן גילטן אין דער צוקונפט מיט אַ פיל מער מאָנומענטאַלער קראַפט — אַלס זיילן פון יידישער פאָלקס־קולטור אין ישראל. זיי זאָגן אָן דעם אָנקום פון אַ נייער תקופה, פון אַ נייער באַ־ציאונג צו יידיש אין ישראל, צו איר אָנערקענונג אַלס יידישע פאָלקס־שפראַך.

*

עס איז זיכער, אַז אין זיין באַציאונג צום שפראַך־פּראָבלעם, צום מעמד פון העברעאיש און יידיש אין פאָלקסלעבן, האָט זיך שלום אַש לאַנג געהאַט אָפּגעזאָגט פון זיין עקסטרעמען שטאַנדפּונקט, וועלכן ער האָט מיט יוגנט־לעכן ברען פאַרטראָטן און שאַרף אויסגעדריקט אין יאָר 1908 בשעת דער טשערנאָוויצער שפראַך־קאָנפערענץ. ער האָט דעמאָלט מיט אַ פולער קאַ־טעגאָרישקייט געפאָדערט, אַז יידיש זאָל געקרוינט ווערן אַלס די איינציקע און נאַציאָנאַלע שפראַך פון יידישן פאָלק.

שוין דעמאָלט האָט ער געמוזט איבערווינדן דערביי פיל נשמה־טאָר־מאָז, אָפּצאַמען זיך פון די טיפע היסטאָרישע קולטור־קוואַלן, פון וועלכע ער האָט בשפע געטרונקען זינט די קינדער־יאָרן אין זיין קוטנער היים און פון וועלכע ער האָט אַזוי רייכלעך געשעפּט אין זיינע דערציילונגען אויף ביבלישער טעמאַטיק. שוין דעמאָלט איז ער געווען אַ קענער פון דער אַלטער און צום טייל אויך נייער העברעאישער ליטעראַטור און איז כלל ניט געווען צו פאַרגלייכן מיט די עם־הארצישע עלעמענטן צווישן די עקסטרעמע יידישיסטן, וועלכע עס איז געווען לייכט אָפּצוזאָגן זיך פון דער העברע־אישער שפראַך, וואָס איז פאַר זיי געווען פאַרחתמעט מיט זיבן שטעמפּלען.

און אויב ער האָט דאָך מיט 60 יאָר צוריק געקענט אונטערדריקן אין זיין האַרצן די קינדערישע ליבע צו העברעאיש און לאָזן אָנערקענען יידיש אַלס איר יורשטע, קען מען נאָך געפינען אויף אים אַ זכות און אַ היתר.

אין יענע יאָרן האָט מען נאָך ניט גערעכנט רעכענען העברעאיש פאַר אַ לעבעדיקער, גערעדטער שפּראַך. אַפילו פאַלקסמענטשן, וואָס האָבן אין דער יוגנט געלערנט אין חדר און ישיבה, האָבן געשטאַמלט ווען זיי האָבן זיך געמיט אויסדריקן זייערע געדאַנקען אין העברעאיש. ווי האָט פאַרמאָגט די אַלטע, הייליקע ביכער־שפּראַך צו קאָנקורירן מיטן שפּרודלדיקן, לעבע־דיקן יידיש ?!

פאַר די 60 פאַרגאַנגענע יאָרן האָט זיך די לאַגע גרינטלעך געביטן, ניט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. די עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינטערעסן פון פילשפּראַכיקן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל האָבן געבראַכט אויף אַ נאַטירלעכן אופן צו דעם, אַז די שפּראַך זאָל אויפ־לעבן אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן לעבן און זאָל אין גאַנג פון אירע לעבעדיקע פּראָצעסן ווערן בויגעוודיק, לעבנספול און זיך איינגלידערן אין דער משפחה פון די לעבעדיקע, גערעדטע, שטודירטע און געפאָרשטע שפּראַכן.

דאָס לעבעדיקע העברעאיש איז געוואָרן די אָרגאַנישע און פולבלוטיקע המשך־שפּראַך פון פאַרצייטיקן העברעאיש, אויף וועלכן מען האָט גערעדט און געשאַפן אויף דער דאָזיקער ערד.

העברעאיש און יידיש, אונדזערעביידע היסטאָרישע שפּראַכן, האָבן זיך גלייכגעשטעלט און זיי דערגענצן איינע די אַנדערע.

שלום אַשס שאַפן אין יידיש און זיין ליבע צו יידיש האָבן פון אים מער לחלוטין ניט געפאָדערט ער זאָל זיך צוריקציען פון העברעאיש.

קומענדיק קיין ישראל און צוהערנדיק זיך דאָ צו דער פון יונג און אַלט גערעדטער שפּראַך, רעדנדיק דאָ אַליין פון צייט צו צייט אַ ביסל נאָך אַ געשטאַמלטן העברעאיש מיט דער אשכנזישער אויסשפּראַך, איז, דוכט מיר, אַראָפּגעפאַלן ביי אים אַ שווערער שטיין פון האַרצן. עס איז צעבראָכן געוואָרן די מחיצה צווישן דער קוועלן־שפּראַך פון זיינע ביבלישע וויזיעס און צווישן דער שפּראַך פון זיין טאָגטעגלעכן לעבן.

אַ שאָד, וואָס דאָס איז געקומען אַ ביסל שפּעטלעך אין זיין שעפערישן לעבן!

מאָריס ראָזענפעלד

די יידישע מאַסן־עמיגראַציע פון רוסלאַנד און פּוילן קיין אַמעריקע איז אויפן ענגסטן אופן געווען פאַרבונדן מיטן נאָמען פון מאָריס ראָזענפעלד. ער איז מיט איר מיטגעגאַנגען אויף זיין שווערןליידן־וועג. ער האָט אין זיינע לידער איינגעזאַפּט איר שווייס און אירע בלוטיקע טרערן.

עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, אַז מיט אַ שווער געמיט, אָפט מיט טרערן אין די אויגן האָט מען זיינע לידער דעקלאַמירט און געזונגען אויף ביידע זייטן פון אָקעאַן — אין וואַרשטאַטן און אויף אַרבעטער־„סכאָדקעס" אין ווילנע, מינסק און וואַרשע, ניט ווייניקער ווי אין די טונקעלע שעפּער פון ניו־יאָרק און אין די שמאָלע געסלעך פון דער איסט־סאַיד, ברוקלין און בראָנקס.

שוין אין מיינע קינדער־יאָרן האָב איך זיך אויסגעלעבט מיט זיינע לירישע לידער, און בשעת דעם אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן פּאַראַזיטישער רייכקייט און עקספּלואַטאַציע פון מענטשן, אין וועלכן איך האָב מיך פריי איינגעגלידערט ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט די אַרבעטער אין די שוועבעלעך־פאַבריקן פון אונדזער ווייסרוסישער געגנט, האָב איך שטענדיק באַטראַכט דעם דיכטער מאָריס ראָזענפעלד, ווי איינעם פון די פאָנענטרעגער צווישן די יידישע דיכטער און קינסטלער אין אַמעריקע.

מיין האַרץ האָט פרי אויפגערעגט און אויפגעשטורעמט די איבערלעבעניש פון דעם אַמעריקאַנער געפּייניקטן שאַפ־אַרבעטער, וועלכע מאָריס ראָזענפעלד ברענגט צום אויסדרוק אין זיין ליד „מיין יינגעלע״:

איך האָב אַ קליינעם יינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין,
ווען איך דערזע אים, דוכט זיך מיר
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מיין קליינעם ווען ער וואַכט,
איך טרעף אים אימער שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר ביינאַכט.

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב!
אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

און דאָס וואָס עס האָט פון דערווייטן נאָך אויסגעזען אַ ביסל אַבסטראַקט און נעפּלדיק האָבן דערגענצט דעם יידישן קינסטלערס אפרים ליליענס בילדער, זיינע אילוסטראַציעס צו ראָזענפעלדס לידער, ווו די געשטאַלטן פון די אויסגעהונגערטע, אויסגעזויגענע, פאַרפּייניקטע שאַפ־אַרבעטער

ווערן געמאָלן מיט זייער גאַנצער רעאַלקייט. באַזונדער האָט דאָס יוגנטלעכע האַרץ געשלאָגן מיט צער און מיטגעפיל צו דער שווערער עקספּלואַטאַציע אין די שעפּער פון דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַנער „סוועט־סיסטעם", ווען מיר פלעגן זיך צוקוקן צו אפרים ליליענס בילד פון דער שפּינוועבס, ווו די שפּין — דער אַרבעטגעבער זויגט אויס ביז צום סוף די פליג — דעם אַרבעטער.

מאָריס ראָזענפעלדס לידער האָבן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט געבראַכט פיל פון דער יידישער לערן־יוגנט און פאָלקס־אינטעליגענץ צום באַוווסטזיין פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און קלאַסן־קאַמף. זיי האָבן רעוואָלוציאָניזירט און גערופן אין די אַוואַנגאַרדישע רייען פון דער אויפקומענדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מאָריס ראָזענפעלד האָט זיך באַזונדער באַליבט געמאַכט צווישן די עמיגראַנטן־מאַסן און די שאַפּ־אַרבעטער אין אַמעריקע, ווו מען האָט פרי פאַרפאַסט מעלאָדיעס צו זיינע האַרציקע און אָפט אויך פּרימיטיווע אַרבעטער־לידער.

מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט פלעגט מען זינגען זיין „מיין יינגעלע" און „דער בלוטיקער אָפּערעיטאָר", וואָס הייבט זיך אָן מיט די אומעטיקע פערזן:

איך זע דאָרט אַ בלייכן אָפּערעיטאָר,
פאַרקאָכט אין דער אַרבעט, אַ שרעק!
און זינט איך געדענק אים, אַלץ נייט ער
און לייגט זיינע קרעפטן אַוועק.

עס ווערן חדשים פאַרפלויגן,
עס לויפן די יאָרן אַהין,
און נאָך זיצט דער בלייכער געבויגן
און קעמפט מיט רויער מאַשין...

מאָריס ראָזענפעלד איז ניט געווען סתם אַ זייטיקער צושויער פון יידישער אַרבעט און נויט אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. ווי מאַקסים

גאָרקי אין זיין צייט, האָט אויך מאָריס ראָזענפעלד זי איבערגעלעבט אויפן אייגענעם לייב און דערנאָך האָט ער זי אַזוי אמתדיק און פון גאַנצן האַרצן געשילדערט.

אַליין אַן עמיגראַנטן־קינד פון אָנהייב די 80ער יאָרן האָט ער פאַרלאָזן זיין אָרעמע קליינשטעטלדיקע היים אויף דער גרעניץ פון רוסלאַנד און פוילן, האָט, ווי אַמאָל דער גרויסער ברוך שפּינאָזאַ, געשפּייזט זיך אַ צייט פון גלאָז־ און דימענטן־שלייפעריי אין אַמסטערדאַם, איבערגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און דערנאָך קיין אַמעריקע, אויסגעלערנט ווי ניט ווי דעם שניידער־פאַך און יאָרנלאַנג געפּייניקט זיך אין די ענגע שעפּער. הונגער און נויט, אָרעמע שניידער־אַרבעט און דיכטערישע אינספּיראַציעס האָבן זיך געוועקסלט ווי ליכט און שאָטן אין זיין לעבן.

זיינע ערשטע לידער זיינען דערשינען אין דער „ניו־יאָרקער יידישער צייטונג" אין יאָר 1886. עטלעכע יאָר שפּעטער גיט ער שוין אַרויס זיינע ערשטע קליינע לידער־זאַמלונגען „די גלאָקע" און "די בלומען־קייט" און אין יאָר 1897 דערשיינט זיין גרויסער „לידער־בוך". וואָס פאַרשאַפט אים אַ באַזונדער פּאָפּולאַריטעט.

זיינע לידער האָבן צוגעצויגן אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט מצד דעם שפּראַך־פאָרשער לעאָ ווינער, וועלכער האָט זיי שוין אַ יאָר נאָך דעם דער־שיינען פונעם „לידער־בוך" אַרויסגעגעבן מיט אַ לאַטיינישער שריפט און מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג אונטער דעם נאָמען „סאָנגס אָוו דהי געטאָ". באַלד נאָך דעם זיינען זיינע לידער דערשינען אויך אין דער דייטשער אי־בערזעצונג פון בערטאָלד פייוועל מיט די אויבנדערמאָנטע אילוסטראַציעס פון אפרים ליליען, און אויך איבערזעצונגען אין רוסיש, פּויליש, טשעכיש, פראַנצויזיש, אונגאַריש און רומעניש.

די פּאָפּולאַריטעט האָט זייער ווייניק געמינערט זיין מאַטעריעלע נויט. פונקט ווי פריער האָט ער געמוזט אָפּגעבן זיך מיט שניידעריי און נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַ פאַרבענקטער נאָך אַ גייסטיקן קאָנטאַקט מיט די מאַסן, אַרויסרייסן פון ענגן וואַרשטאַט, לאָזן זיך אויף אַ רייזע איבער דער יידישער אַמעריקע, ווו אַרבעטער־מאַסן האָבן געזונגען מיט באַגייס־טערונג זיינע לידער, און אַרויסטרעטן אויף אָוונטן, דעקלאַמירן זיינע לידער.

אויסלעבנדיק זיך אַזוי אין דער שטיל צווישן אַרבעט און פאָלקס־דיכטונג, אויסדריקנדיק פּאָפּולער, און אָפּט אויך פּרימיטיוו, די איינוואָרצלונג־שמערצן און דעם עקזיסטענץ־קאַמף פון דעם יידישן אַרבעטער־עמיגראַנט, איז מאָריס ראָזענפעלד פרי געשטאָרבן אין יענע גרויסע יאָרן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווען איבער זיין אַלטער רוסישער היים האָט אויפגעשטראַלט צווערשט די זון פון אַ נייער גרויסער וועלט פון אַרבעט, ווען עס איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך טעכנאָלאָגיש און סאָציאַל אַנטוויקלט אין אַ וועלט־פאַרנעם דער יידישער פּראָלעטאַריאַט און ווען ער האָט זיך געשטעלט אויף די פעלדער און רושטאָוואַניעס צו בויען אַן אייגן היימלאַנד פאַר זיין פאָלק אין ישראל.

*

ניט באַזונדער טיף און קאָמפּליצירט איז די טעמאַטיק פון מאָריס ראָזענפעלדס לידער. ער איז שטאַרק פּערזענלעך, אויטאָביאָגראַפיש. ער באַזינגט זיינע טאָגטעגלעכע אייגענע איבערלעבענישן. דאָס איז אַ טאָגבוך אין פערזן, טיילווייז באַהויכטע דורך די איבערלעבענישן פון די איינגעוואַנדערטע יידישע פּראָלעטאַריער בכלל און די מיטגלידער פון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין רוסלאַנד און פּוילן בפרט.

ער דערוועקט אין זיינע לידער מיטגעפיל און רחמנות צום אַרבעט־מענטש, צום שאָפּ־אַרבעטער, דעם קרבן פון דעם „סוועט־סיסטעם". ער דערוועקט ביים לייענער דעם ווילן צו טאָן דאָס מעגלעכע, כדי צו פאַרלייכטערן זיין גורל, צו פאַרבעסערן די אומשטענדן פון זיין אַרבעט. זעלטן ווען ער רופט אָבער דעם אַרבעטער צו אַקטיווקייט, צום אָפּענעם און אָרגאַניזירטן קלאַסן־קאַמף. עס אַנטפּלעקט זיך ניט אין זיינע לידער קיין קלאָרער קלאַסן־באַוווסטזיין.

לעבנדיק און שאַפנדיק אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט זייער ריזיקער טעכנישער אַנטוויקלונג זעט ער ניט פאַר זיך דעם אינדוסטריעלן אַרבעטער, ער לעבט זיך אויס פּאָעטיש אין אַ מין „אַרבעט־געטאָ", אין די אָפּגעשטאַנענע אַרבעט־אונטערנעמונגען, פאַרגעסענע פון דער עפנטלעכקייט און פון דער אָרגאַניזירטער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

צום אונטערשיד פון די אַנדערע יידישע אַרבעטער־דיכטער אין אַמע־ריקע, ווי ווינטשעווסקי, באָוושאָווער, עדלשטאַט און אַנדערע, בלייבט ער סאָציאַל צוריקגעשטאַנען. ער האָט ניט געוווסט אָפּצוגרענעצן די שקלאַפן־אַרבעט פון דעם „סוועט־סיסטעם" און פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקס־פּלואַטאַציע בכלל, די נויט־אַרבעט אויס הונגער, פון איין זייט, פון דער פרייער, שעפערישער פּראָדוקטיווער אַרבעט פון דער צוקונפט, וואָס איז און וועט זיין שטענדיק דער יסוד פון קיום און וווילשטאַנד פון דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט.



אברהם רייזין

איך בין געווען באַקאַנט מיט אברהם רייזינס שאַפונג אין ליד און פּראָזע נאָך איידער איך האָב מיך מיט אים באַגעגנט אין יאָר 1908 בשעת דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. איך האָב זיך באַקענט מיט זיין דיכטערישן שאַפן, זיך איינגעלעבט מיט אים, דערפילט אין אים דעם פאָלקס־מענטש און דעם פאָלקס־דיכטער, געפונען אין זיין דיכטונג דעם אָפּקלאַנג פון די איבערלעבענישן פון דער פּראָווינציעלער יידישער יוגנט, וואָס האָט זיך פון דער אָרעמער יידישער גאַס פון תחום געריסן צו ליכט, צו בילדונג, צו פרייהייט. און אויב זי האָט נאָך ניט געקענט צעברעכן די קייטן פון דער צאַרישער קנעכטשאַפט, וועלכע האָבן געפּענטעט אויך דאָס יידישע שאַפן, האָט זי די קייטן אָן אויפהער געריסן, און אין פּראָצעס פון

רייסן האָבן די קייטן אַרויסגעלאָזן זייערע טרויעריקע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך באַהעפט אין אַ האַרמאָניע פון פאָלקס־געזאַנגען.

אברהם רייזינס לידער האָבן זיך איינגעגלידערט אין רעוואָלוציאָנערן פאָלקלאָר. די אַרבעטער־כאָרן האָבן פאַרמאָגט אַ געזונטן חוש, אַ טאַלאַנט פון אויסקלייב. מען פלעגט פון רייזינס לידער ניט זינגען די, אין וועלכע ער פאַלט אַריין אין יאוש און אָפּהענטיקייט, ווו ער פאַרשליסט זיך אין קרייז פון זיין ענגער אייגענער וועלט. אַזעלכע לידער זיינען געווען אויך ביי רייזינען. זיי זיינען געוואָרן פּראָדוקטן פון דער פינצטערער צייט פון אומ־באַהאָלפנקייט און וואַקלענישן.

דערפאַר אָבער, ווו אברהם רייזין שפּירט דעם קאָנטאַקט מיטן יידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש, דאָרטן קריגט זיין פּאָעזיע פאָרם און איינ־האַלט, זי ווערט רעוואָלוציאָנער, און ווערט געזונגען אין די שווערע צייטן אויף געהיימע אַרבעטער־אָוונטן און פאַרזאַמלונגען.

פּאָפּולערער פון אַלע לידער רייזינס זיינען געווען אין די יאָרן פון רע־וואָלוציאָנערן קאַמף זיין:

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן,
פריי באַהערשט די וועלט.
ברעכט די צווייגן, וואַרפט דיביימער
טוט וואָס אייך געפעלט.*

אויב אָבער אין דעם ליד שטייט נאָך דער רעוואָלוציאָנער פילאָזאָפיש אוממעכטיק פאַר דער נאָך ניט געבראָכענער קראַפט פון דער רעאַקציע, שטראַלט, אמת, פרימיטיוו, רייזעניש, דער רעוואָלוציאָנערער אָפּטימיזם אין זיין ניט ווייניקער פּאָפּולערן, און מיט פלאַמיקן גלויבן געזונגענעם ליד די „קירכן־גלאָקן", אין וועלכן דער פאָלקס־אויפשטאַנד פאַרבינדט זיך מיטן פּראָטעסט קעגן די פאַרשקלאַפּערישע טענדענצן פון דער רעליגיע:

* ווי עס שרייבט פּראָפ. בערל מאַרק און אויך ד"ר מ. דוואָרזשעצקי, האָט מען דאָס ליד פיל געהאַט געזונגען אין די געטאָס.

כ׳האָב אַ נייעם גלאָק באַשאַפֿן
צו דערוואַכן טויטע שקלאַפֿן.
ניט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט אין אַלע עקן.

מיט זיין טראַגישן אמת האָט זיך אויסגעצייכנט זיין ליד „אַ געזינט זאַלבעאַכט״.

אין אַלע תקופות פון זיין שאַפֿן פלעגט ער פון צייט צו צייט אַריינפאַלן אין אַ מצב פון איינזאַמקייט. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין פריוויליקער אַוועקגיין פון מענטשן, ווי דאָס קומט פאָר ביי אַ נזיר. שטענדיק זיינען די מאָמענטן פון איינזאַמקייט פאַרבונדן מיט אַ טיפן גאַרן צו מענטשן, צו ליכט, צו פרייהייט.

אַזוי זינגט ער שוין אין איינעם פון זיינע פריע לידער:

די לופט איז מיר ענג אין מיין צימער
און פינצטער פון לעמפל דאָס ליכט
און פינצטערע שאָטנס באַפאַלן
און הילן אין שוואַרץ מיין געזיכט...

עס מערן זיך שאָטנס און שפּרינגען
און שטיל איז, עס הערט זיך קיין קלאַנג...
אין האַרצן נאָר הער איך אַ זינגען,
אַ טרויעריק געצויגן געזאַנג.

דאָס זינגט דאָרט מיין יוגנט און קלאָגט זיך,
זי קאָן ניט פאַרטראָגן שוין מער,
עס ציט מיך צו ליכט און צו פרייהייט
און דאָ — אַזוי טונקל און שווער.

אויף זיין וועג פון דעם אָרעמען ווייסרוסישן קאַנט און פון זיין היימישן שטעטל קאָידענאָוו אין דער גרויסער וועלט אַריין, האָט ער געטראָגן

דעם טראַדיציאָנעלן, אַלטמאָדישן יידישן אומעט. ער האָט געגאַרט אָפּט אַרויסצושלאָגן זיך פון אים, לאַכן און צעלאַכן זיך, האָט עס אָבער ניט געקענט. „הינטער אַ ים פון טרערן — האָט אַמאָל מלך ראַוויטש וועגן אים געשריבן — האָט רייזין געפונען אַן אינזל־לאַנד, אַן אינזל פון געזאַנג אויפן ים פון טרערן" — טרערן פון אַ תקופה פון יידישער נויט, אונטער־דריקונג, אידייאישע אָפּגעשטאַנענקייט און צעמישטקייט. עס אַנטפלעקן זיך פאַר אים נאָר זעלטן, זעלטן ווען פריידיקע האָריזאָנטן.

עס איז אונדז באַקאַנט דער קלימאַט פון אברהם רייזינס היים, פון דער סביבה אין וועלכער ער איז געוואַקסן אין זיינע קינדער־יאָרן: דאָס אָרעמע אָפּגעשטאַנענע ווייסרוסלאַנד, די קליינשטעטלדיקע אָרעמקייט, דער אָרעמער דאָרף, דאָס אַרויסטרייבן פון די דערפער, דער אָנהייב פון קאַפּי־טאַליזם, דער קלאַס אויפגעקומענע גבירים (גביראָקראַטיע), דער פאַנאַטיזם, די השכלה, די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן". זיין משפּחה — אַן אָרעמע, אַ משכּיליש־פּיאָנערישע. די העברעאישע בילדונג, דער העברעאישער פּרץ. דער אויפקום פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ער זאַפּט אין זיך אַריין איר וואַרעמקייט און צאָרן מיט איר פּשטות, פאַרשטענדלעכקייט און פאָלקסטימלעכקייט. ער ווערט דער אויסדריקער פון אירע עמאָציעס. ער איז אָבער ניט קיין אויסגעשפּראָכענער אַרבעטער־דיכטער ווי עדלשטאַט, באָוושאָווער אָדער ראָזענפעלד. עס האָבן זיך ביי אים צייטנווייז נאָך ניט אויסגעלעבט די מיטלשטאַנד־השגות.

אין זיין פאָלקסטימלעכקייט שעפּט ער, ענלעך צו מאַקסים גאָרקין, פון די ערשטע אוממיטלבאַרע קוואַלן פון פאָלקס־דיכטונג.

נאָך דינענדיק אַלס סאָלדאַט אין רוסישן מיליטער און שטייענדיק אין דער ערשטער אַקטיווער קאָרעספּאָנדענץ מיט פּרצן, דערציילט רייזין:

„איך זעץ מיך אַוועק אין קאַזאַרמע און הויב אָן זיך דערמאָנען די לידלעך, וואָס די מאַמע האָט מיר געזונגען:

סערעלע, בערעלע, גאָלדענע פּאָן,
משיח בן דוד זיצט אויבנאָן.

זיין ערשטער רבי איז געווען פּרץ. ניט נאָר מיט זיינע „יום־טוב־בלעטלעך״, נאָר דירעקט מיט זיינע לאַנגע בריוו, ווו ער האָט אים געלערנט ריטם און סטיל און פאַלקסטימלעכקייט.

און ניט נאָר פּרץ. ער איז געווען פון דער יוגנט אָן גוט באַהאַוונט אין דער העברעאישער אַלטער און נייער ליטעראַטור און פון דאָרט האָט ער אַריבערגעטראָגן אין יידיש שעפּערישע מאָטיוון. ער האָט זיך דורכגעשריבן אַחוץ מיט פּרצן אויך מיט יעקב דינעזאָנען און מיט אַנדערע עלטערע יידישע שרייבער. און עס האָט גוט צוגעטראָפן ניגערס פאָרמולירונג, אַז „די יידישע ליטעראַטור איז געווען רייזינס שול״.

אין די וויטערדיקע יאָרן איז רייזין געוואַקסן, זיך באַפרוכפּערט פון די איבערלעבענישן, פאַרוואַנדלט פּראָצעסן פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד און אַמעריקע אין האַרציקע רעאַליסטישע שילדערונגען. ער איז געווען צוגלייך אַ פּראָזאַאיקער און דיכטער. ער איז דער מחבר פון דער ערשטער לירישער נאָוועלע.

זיין אַרט שרייבן און דיכטן איז ניט קאָמפּליצירט. ער איז ניט קאָנצענטרירט אין אַ באַשטימטן פּאַרטיפּטן שטייגער, און זיינע אָפּטע רייזעס פון לאַנד צו לאַנד האָבן אין גרונט ניט געביטן דעם זשאַנער, דעם פאַרנעם און די טעמאַטיק פון זיינע ווערק. ער איז לייכט און מאָביל. פאַרגלייכנדיק זיין שאַפן מיט מענדעלעס און שלום עליכמס, האָט ניגער אויף אַ גאָר געלונגענעם אופן געשריבן: „מענדעלע האָט געשטעקט מיט זיינע וואָרצלען טיף אין דער ערד פון קאַבצאַנסק און גלופּסק. שלום עליכם איז געווען איינגעוואַקסן מיט אויג און אויער אין כתרילעווקע, רייזין איז פון די שרייבער, וואָס טראָגן אַרום זייערע וואָרצלען אין דעם בלומענטאָפּ פון זייערע טאָג־טעגלעכע אימפּרעסיעס״.

אַמאָל קען דאָס גרעניצן אויך מיט אַ באַשטימטער אויבערפלעכלעכקייט, מיט ניט גענוג פאַרטיפטן צוגאַנג צו פּראָבלעמען.

איך געדענק אים אין דעם פּרט פון אונדזער איינציקער באַגעגעניש אין טשערנאָוויץ בשעת דער באַרימטער שפּראַך־קאָנפערענץ פון יאָר 1908. מיר האָבן זיך פערזענלעך באַקענט, געשמועסט. מיר האָבן זיך באַגעגנט אַ

וואָך צייט אין אונדזער שרייבער־קרייז, באַהאַנדלט שפּראַך־ און קולטור־פּראָבלעמען, שפּאַצירט איבער טשערנאָוויץ, געמאַכט אויספלוגן אין דער פּראָווינץ. שלום אַש איז געווען באַגייסטערט און קעמפעריש, פּרץ און זשיטלאָווסקי האָבן מיט אַ פּאַרטיפּטער צוריקגעהאַלטנקייט אַרויסגעזאָגט אָריגינעלע געדאַנקען איבער שפּראַך און קולטור, נתן בירנבוים איז געווען נביאיש אויפגעברויזט, נאָמבערג האָט קאַלט געחקרנט, רייזין איז יוצא געווען מיט קורצע, ווייניק וואָס זאָגנדיקע באַמערקונגען.

וואָס מער רייזין גייט אַרויס פון זיין אינדיווידועלן קרייז, אַלץ ברייטערט זיך די סאָציאַלע קאַנווע פון זיינע לידער און דערציילונגען.

שוין האָט אָפּגעמערקט אין יאָר 1926 פּרץ מאַרקיש אין זיין אַרטיקל „עטאַפּן" אין די „ליטעראַרישע בלעטער", אַז מיט רייזינס דערשיינען האָט זיך געעפנט דער סאָציאַלער עטאַפּ אין דער יידישער דיכטונג, אַ פּרימיטיווער פון אָנהייב, ווייל דער סאָציאַלער באַוווסטזיין פון דער יידישער ליטעראַטור צו דער צייט פון רייזינס צעבליאונג איז בכלל געווען באַגרעניצט בלויז מיט די ראַמען פון דער קליינשטעטלדיקער אָרעמקייט... און ערשט איצט, ווען דאָס גאַנצע יידישע לעבן ווערט איבערגעבויט אויף נייע סאָציאַלע יסודות, ווערט פאַרברייטערט און פאַרטיפט דאָס וואָס ער רופט אָן דער „רייזיניזם".

דער דראַנג צו סאָציאַלע מאָטיוון ברענגט אברהם רייזינען צו פּשטות, צום אָרגאַנישן אויפבונד מיטן מאַסן־לעבן, צום רעאַליזם אין אויסוואַל פון טעמעס. ער טראַכט ניט אויס קיין טעמעס, ער שעפּט זיי מיט אַ פולער ברידערלעכער האַנט פון לעבן.

ער זוכט אויס סאָציאַלע מאָטיוון אויך אין היסטאָרישן עבר פון פאָלק, מיט וועלכן ער איז געווען גוט באַהאַוונט לויט זיין דערציאונג. „אַ באַזונדער פרייד און נחת האָבן אים פאַרשאַפט — ווי עס שטרייכט אונטער בער גרין אין זיין אויספירלעכער באַהאַנדלונג פון „אברהם רייזינס יאָרן אין אַמעריקע" — די ביבלישע מאָטיוון. ער פאַרנעמט זיך מיט דער איבערדיכטונג פון די נביאים, ברענגט צום אויסדרוק דעם נביאישן צאָרן. ווען ער באַאַרבעט ירמיהו הנביאס צאָרניקן מאָטיוו:

ווי איז יענעם אויף דער וועלט,
וועד זיין הויז אָן משפט שטעלט,
און דעם חבר אויסגענוצט,
און די צימערן פאַרפּוצט,
און די ווענט געפאַרבט פאַרשידן
מיט דער אַרבעט פון דעם מידן.
ניט קיין פאַרב איז דאָס, נאָר בלוט!
ווי איז יענעם, ווער דאָס טוט...

(פון ירמיה: „הוי בונה ביתו״)

באַזונדער אין דער אַמעריקאַנער תקופה האָט ער געשריבן אויך ספּעציעלע קינדער־לידער, וועלכע דערמאָנען דעם נעקראַסאָווישן סטיל און זיינען ניט שטענדיק קינדיש. עס שטעקט אין זיי אַ קלאָרער סאָציאַלער מאָטיוו, אָפּט אַזאַ, וואָס דערמאָנט אין מאָריס ראָזענפעלד.

אין דער זאַמלונג לידער פאַרן שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט פון יאָר 1926 געפינען מיר דאָס ליד „דער נאַכט־וועכטער״:

שפּעט. די נאַכט איז קאַלט און פינצטער,
טרויעריק און נאַס, אין די הייזער רוען אַלע,
שטיל אין שטוב און גאַס.

עלנט שלעפּט זיך נאָר דער וועכטער
אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
ווייטיק און שטום.

דאָרט אין וואַרעם ווייכן בעטל
שלאָפט זיך אַזוי גוט.
אַך, ווי וואָלטן זיינע ביינער
דאָרט זיך אויסגערוט!

און ער קלאָגט זיך פאַרן הימל:
„זע מיין טרויער צו.
איך אַליין האָב גאָרניט — היט איך
פרעמדעס גליק און רו".

אויך אין ליד „דאָס געבעט", ווו ער בעט אין גרויסן רעגן שוץ פאַר די וואָס וואָגלען זיך אויף די וועגן, וואָס דער הונגער און נויט טרייבן זיי אין דרויסן.

אברהם רייזינס שאַפן, וואָס איז אָפט ניט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך פיינשמעקערישע בירגערלעכע קריטיקער, האָט געפונען די געטרייסטע אָפּשאַצונג און די האַרציקסטע פאַרשטענדעניש מצד פּראָגרעסיווע קולטור־טוער, שרייבער און דיכטער.

עס האָט וועגן אים געשריבן אַלגין:

„רייזין איז נענטער פון אַלע צום טאָן פון יידישן פאָלקס־שאַפן"; „עס איז אין זיי (אין רייזינס לידער־בוך „אָוונט־קלאַנגען") דאָ אַזויפיל האַרץ און אַזויפיל האַרציקייט, און אַזויפיל ריינע, אויסגעלייטערטע שיינקייט".

אינעם נומער „די פעדער" צו רייזינס 70יאָריקן יובילײ האָט דער דיכטער ה. לייוויק געשריבן מיט באַגייסטערונג:

„רייזין איז היינט פאַר אונדז דער ליכטיקער שפּיגל, אין וועלכן עס שפּיגלען זיך אָפּ פולע צוויי דורות יידישע פּאָעטן, דערציילער און עסייאיסטן. זיי זיינען אַלע אין אים און ער איז אין זיי".

דעריבער איז אַזוי וויכטיק פאַר אונדז צו באַלייכטן אברהם רייזינס שאַפן, טראָגן עס אין פאָלק און באַקענען דורך זיינע ווערק די אויפקומענדיקע דורות מיטן שטייגער און דער פּראָבלעמאַטיק פון יידישן מאַסן־לעבן.

זלמן שניאור

איך האָב געקאָנט זלמן שניאורן זינט זיינע ערשטע טריט אויפן דער־פאָלגרייכן דיכטערישן וועג. ער איז געווען דאַן, אין די אָנהייב־יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט, אַ יונגער, כמעט נאָך פאַרזיגלטער קוואַל פון שיינ־קייט און קראַפט, פון יינגלשן חן און פון פרימיטיווער פאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט געצויגן איר יניקה פון דער אָפגעשטאַנענער ווייסרוסישער פּראָווינץ.

ווי שמעטערלינגען, וואָס ציען זיך צום ליכט, אַזוי ציען זיך שטענדיק אויפגעקומענע שרייבער און קינסטלער־טאַלאַנטן צו די גרויסע קולטור־צענטערס פון לאַנד. פאַר די יונגע יידישע שרייבער זיינען עס דעמאָלט געווען וואַרשע, ווילנע און אָדעס. פאַר זלמן שניאורן איז ליבער פון אַלץ

געוועזן די יידישע וואַרשע, די וואַרשע פון מרדכי ספעקטאָרן, יעקב דינע־זאָנען און דעם אויפגעשטראַלטן ליטעראַרישן ריז — יצחק לייבוש פרץ אין דער שפּיץ. ער האָט זיך דאָרטן באַקענט מיט די ליטעראַרישע קרייזן, האָט זיך פאַרבונדן מיט דער העבראַישער און יידישער פרעסע.

אין דער ליטעראַרישער יידישער וואַרשע האָבן זיך אין יענע יאָרן אויסגעלעבט פרידלעך ביידע שפּראַכן, און, ווי דער גרויסער פרץ, האָט אויך שניאור געהערט גלייכצייטיק צו ביידן. אין זיין יונג האַרץ האָבן געשלאָגן מיט זאַפט און חיות די אורקוואַלן פון ביידע שפּראַכן. די טראַ־דיציע פון חדר, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין דער וועלט פון תנ״ך און תלמוד, האָט זיך פאַרבונדן און איינגעלעבט מיט די שעפערישע עמאָ־ציעס און איבערלעבענישן פון אָרימען געסל מיט אירעליידן און קאַמפן.

ער איז געווען אַלט קוים 19 יאָר, און ווער עס האָט אים געקענט אין יענער צייט וועט ניט פאַרגעסן די שיינע שפּראַציקע געשטאַלט, אַ באַ־קרוינטער מיט אַ פעך־שוואַרצער טשופּרינע און אַ קליינעם שפּיציקן בערדל און מיט טיפע פאַרחלומטע און דורכדרינגענדיקע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך צעגליט אַ שטיפערישע ליידנשאַפט, וואָס האָט געזוכט אַן אָנהאַלט און האָט זיך צעגאָסן צוערשט אין קלינגענדיקע שיר־השירים־אַקאָרדן. ער האָט אָנגעהויבן זיין דיכטערישן אַרויסטריט מיט זיין ערשטן העבראַישן לידער־בוך „עם שקיעת החמה״.

איך האָב אים געטראָפן אין וואַרשע אין יענע יאָרן אין דער געזעל־שאַפט פון ה. ד. נאָמבערגן און פון אונדזער קלוגן, לוסטיקן און באַגאַבטן פריינד יהושע גאָטליב, דעם אַזוי פרי און טראַגיש אומגעקומענעם זשור־נאַליסט.

זלמן שניאור האָט אין וואַרשע ניט לאַנג געלעבט און האָט זיך דאָרטן קוים איינגעלעבט. ליטעראַריש איז ער אַ קורצע צייט געווען פאַרבונדן מיטן ווילנער העבראַישן חודש־זשורנאַל „הזמן״. און ווען דער דאָזיקער זשורנאַל האָט זיך אין יאָר 1905 אָפּגעשטעלט, איז ער אַרויסגעפאָרן קיין מערב־אייראָפּע. פאַר אים איז וואַרשע געווען פאַקטיש נאָר אַ טיר און פענצטער קיין אייראָפּע. אַהין האָט ער אין דער שטיל געשטרעבט. עס האָט

אים געפעלט לופט אין דער לעבנס־תפיסה פון צאַריזם. מיט זיין פריי־גייסט און טעמפעראַמענט האָט ער זיך דאָרטן קוים געקענט איינלעבן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן ביי זלמן שניאורן די שווערע און אינטערע־סאַנטע וואַנדער־יאָרן, וועלכע זיינען איינצייטיק געווען יאָרן פון פרוכט־באַרער ליטעראַרישער אַרבעט, פריער אין העברעאיש און שפּעטער הויפּטזעכלעך אין יידיש. פריער אויפן געביט פון דיכטונג, שפּעטער אויפן געביט פון דערציילערישער פּראָזע.

די ווינטן און פּאָליטישע שטורעמס פון האַרבסט 1905 האָבן מיך און מיין חבר יהושע גאָטליב געבראַכט אין דער שווייץ, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אונדזער אוניווערסיטעט־בילדונג. מיט אַ יאָר שפּעטער איז אין דער שווייצאַרישער הויפּטשטאָט בערן אָנגעקומען אויך זלמן שניאור. ער האָט ניט געקענט צוימען זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, האָט ניט געקענט זעצן זיך אויף דער לערן־באַנק ווי איך און יהושע גאָטליב, וואָס זיינען געווען אין דעם זעלבן עלטער ווי ער. ער האָט געגאַרט צו שפּילן זיך מיט דער הויכשול־בילדונג, ווי ער האָט זיך געשפּילט מיט זיינע פּאָעמעס און דערציילונגען. ער האָט געוואָלט דורכמאַכן זיין שטודיום מיט אַ לייכטער שטיפערישער האַנט.

אין זיין היימישן שקלאָוו האָט ער געענדיקט אין די יינגלשע יאָרן אַן עלעמענטאַרע שטאָטישע שול. מיט אַזאַ צייגעניש האָט ער ניט געקענט אויפגענומען ווערן אין בערנער אוניווערסיטעט. ער האָט געמוזט אויסהאַלטן אַ ספּעציעלן איינטריט־עקזאַמען פון די לימודים פון דער מיטלשול. דאָס האָט אים פאַרשאַפט זאָרגן. ער האָט אָבער ניט פאַרלאָרן דעם מוט. אַ זכרון האָט ער געהאַט אַ גוטן. ער האָט נאָך פאַרגעדענקט די עלעמענ־טאַרע ידיעות פון מאַטעמאַטיק, געשיכטע און נאַטור־וויסנשאַפט, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין דער שקלאָווער שטאָט־שול, און אַדאַנק די ליבע־ראַלע באַציאונגען מצד די דעמאָלטיקע שווייצאַרישע פּראָפעסאָרן צו די סטודענטן פון רוסלאַנד האָט זיך זלמן שניאורן איינגעגעבן אויסצוהאַלטן די עקזאַמענס.

אַ באַזונדער שרעק האָט אָבער אויף אים אָנגעוואָרפן דער אָבליגאַטאָ־רישער עקזאַמען, וועלכן ער האָט באַדאַרפט האַלטן אויף דער דייטשער

שפראַך. עס האָבן אים לחלוטין געפעלט די עלעמענטאַרע ידיעות פון דער דייטשער גראַמאַטיק — און פון דייטשן סטיל, און דאָס האָט זיך ניט געלאָזט פאַרריכטן מיט דער געהעריקער שנעלקייט און גרינגלעכקייט.

זלמן שניאור האָט זיך אָבער אויך דאָס מאָל ניט פאַרלאָרן און האָט באַשלאָסן גיין צום עקזאַמען.

דער עקזאַמען איז געווען אַ שריפטלעכער. אין אַ גרויסן זאַל אין דער אוניווערסיטעט־געביידע זיינען געזעסן עטלעכע צענדליק עקזאַמינאַנטן און מיטן עקזאמען האָט אָנגעפירט דער פּראָפעסאָר פאַר מיטלהאָכדייטשער שפּראַך און ליטעראַטור — טאָבלער.

ער האָט פאָרגעלייגט די עקזאַמינאַנטן דריי טעמעס פאַר אַן אָפּ־האַנדלונג. זיי האָבן באַדאַרפט אויסקלייבן איינע פון זיי און אין משך פון צוויי שעה שרייבן אויף איר זייער אָפּהאַנדלונג. איינע פון די פאָרגעלייגטע טעמעס איז געווען — אַ דערינערונג פון מיין יוגנט.

זלמן שניאור האָט באַשלאָסן פּרווון שרייבן אויף דער דאָזיקער טעמע. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט מיט אַ צייט צוריק פאַרעפנטלעכט אין העברעאיש אַ דערציילונג מיטן טיטל „השריפה״, ווו ער האָט בילדלעך באַשריבן אַ פייער, וואָס איז אויסגעבראָכן אין זיין היימישן שטעטל אין די קינדערישע יאָרן. דאָרט האָט ער מיט אַ באַזונדער בילדלעכקייט באַשריבן ווי די פלאַמען האָבן זיך אַריבערגעטראָגן פון די שטאָטישע הייזלעך אין די אַרומיקע פעלדער און זיך געשפּרייט איבער אַ גרויסן שטח רייפע נאָך נישט געשניטענע זאַנגען.

די דאָזיקע דערציילונג זיינע האָט ער געשריבן כמעט דורכויס אויף יידיש מיט דייטשע אותיות, און האָט נאָר אויסגעמיטן צו באַנוצן זיך מיט העברעאישע אויסדרוקן, וואָס קומען אַריין אין יידיש. ער האָט אַנדערש שרייבן ניט געקענט. נאָך אַ שעה צייט שרייבן און איבערשרייבן, האָט ער די אַרבעט דערלאַנגט דעם פּראָפעסאָר טאָבלער. ער איז געווען כמעט זיכער, אַז ער איז דורכגעפאַלן און וועט ניט אָנגענומען ווערן אַלס סטודענט.

אַ פאַרזאָרגטער און אומגעדולדיקער איז ער אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג, האָט אַ פאַרטראַכטער שפּאַצירט לאַנגע שעהען איבער די פּאַדערצי־מערן פון אוניווערזיטעט. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן אָנצוקלאַפּן אין דער

טיר פון פראָפ. טאָבלערס אויפנעם־צימער און דערוויסן זיך וועגן דעם גורל פון זיין אַרבעט.

דער באַשיידענער פּראָפעסאָר טאָבלער האָט שניאורן אויפגענומען מיט אַ ליבלעכן שמייכל, האָט אים געבעטן זיצן, האָט זיך אינטערעסירט מיט זיין פּערזענלעכן לעבן אין דער שווייץ, און אויף שניאורס פראַגע וועגן דער עקזאַמען־אַרבעט, האָט ער געזאָגט:

— דייטש איז דאָס ניט, אָבער טאַלאַנטפול איז דאָס. זענט איר ניט קיין שרייבער פון באַרוף? איר ווערט אָנגענומען אַלס סטודענט!

נאָך אַ קורצער פויזע האָט פּראָפ. טאָבלער מיט אַן אויפגעקלערטן פּנים צוגעגעבן:

— ס'איז פיל מער ווי דער עקזאַמען. איך, אַלס פּראָפעסאָר פאַר מיטל־האָכדייטשער שפּראַך און ליטעראַטור, האָב פון אייער אָפּהאַנדלונג געלערנט וועגן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן יידיש און מיטלהאָכדייטש. אַזוי, אַ שטיי־גער, האָט איר דאָס וואָרט „זאַנגען" פּשוט איבערגענומען און אויפגעלעבט אין יידיש.

אַ דאַנק זיין שרייבערישן טאַלאַנט און איינפאַליקייט, איז זלמן שניאור אויפגענומען געוואָרן אַלס סטודענט אין בערנער אוניווערסיטעט.

עס איז זיך אָבער אים לאַנג ניט געזעסן אין דער סטודענטישער „קאָ־לאָניע" אין דעם שטילן בערן. עס האָט אים געצויגן אויף די וואַנדער־וועגן. ער האָט פאַרבראַכט אַ צייט אין איטאַליע און אין בערלין און ער האָט די איינדרוקן פון זיינע רייזעס פאַרלייגט אין דעם פונדאַמענט פון זיין פּאָעמע „בהרים" („אין די בערג").

אין יאָר 1927 האָט ער געלעבט אַ לענגערע צייט אין פּאַריז, שטודירט ליטעראַטור און פילאָזאָפיע אין דער סאָרבאָן, גענומען זיך צו זיינע גרע־סערע דערציילערישע שאַפונגען אויף יידיש, וועלכע וואַקסן זיך גאַנץ באַזונדער פאַנאַנדער זינט זיין באַזעצן זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1941.

מיטן אָנקומען קיין אַמעריקע האָט דער טאַלאַנטפולער העברעאישער לירישער דיכטער זיך שטאַרק אומגעשטעלט. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ פּרוכטבאַרן רעאַליסטישן דערציילער. ער האָט אויסגעביטן זיינע העברע־

אישע נאָוועלן אויף אויספּירלעכע פּיין געבויטע יידישע ראָמאַנען. אין זיין שאַפונג האָט ער זיך ווייניק וואָס איינגעגלידערט אין דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. פון זיין אַרבעט־טיש האָט ער מיט פאַלקישער געטרייקייט זיך אומגעקערט אין זיין היימישן שקלאָוו, און ווי פּערל פון די טיפענישן פון אַ פאַרוואָרלאָזטן ים האָט ער אַרויסגעבראַכט געשטאַלטן פון די עמך־מענטשן פון זיין יוגנט, מיט זייערע ליידן און פריידן, לעבנס־געראַנגל, מיט זייער באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ: „שקלאָווער יידן", „דער פּעטער זשאַמע", „עם הארצים,, „דיענפּר־געשיכטן", „דער קיסר און דער רבי" — און איבער אַלעמען דער ראָמאַן פון גרויסן פאַרנעם „נח פאַנדרע".

ער איז געשטאָרבן י"ב אָדר תשי"ט (פעברואַר 1959). ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין תל־אביב.

שלמה מיכאָעלס

העכער 20 יאָר זיינען אַריבער זינט מיר האָבן פאַרלאָרן שלמה מיכאָ־עלסן, דעם האַרציקן פאָלקסמענטש און טאַלאַנטירטן יידישן קינסטלער, דעם פלאַמיקן קעמפער קעגן פאַשיזם.

ער איז געווען אַ גייסטרייכער יידישער פאַטריאָט און אַ שעפערישע פערזענלעכקייט, איינער פון די מוסטער־מענטשן צווישן דער יידישער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ פון אונדזער דור.

שלמה מיכאָעלס איז געבוירן געוואָרן אין אַ משפחה פון יידישע פאָלקס־מענטשן אין „תחום", וואָס האָט עקזיסטירט אין דער צאַרישער תקופה. די ליידן און רדיפות פון זיין רעכטלאָזן פאָלק, האָבן פון זיין ערשטער יוגנט אָן שטאַרק געווירקט אויף זיין געפילפולן כאַראַקטער. ער האָט גרונ־

טיק געפּאָרשט דאָס פּאָלקסלעבן און האָט זיך פּאַרטיפט אין שטודירן די יידישע געשיכטע, וויסנשאַפט און קולטור.

אין אים האָט זיך האַרמאָניש סינטעזירט דער וויסנשאַפטלער, דער קולטור־טוער און דער קינסטלער, און דאָס רוב האָט מכריע געווען דער קינסטלער. די טעאַטער־בינע האָט איבערוויגן די לערער־ און רעדנער־טריבונע. ער האָט זיך אַרויסגעהויבן אַלס איינער פון די פּיאָנערן פון יידישן קונסט־טעאַטער אין ראַטן־פּאַרבאַנד. די תקופה, אין וועלכער אים איז אויסגעקומען צו שאַפן, האָט פאַר אים געעפנט ברייטע און נייע האָריזאָנטן, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו לערנען פון די גרויסע מייסטערס פון רוסישן קונסט־טעאַטער, צו באַלייכטן מיט אַ גרויס ניי ליכט געשטאַלטן פון דער אַלטער און נייצייטיקער יידישער געשיכטע, פּערזאָניפיצירן זיי און אַרויספירן אין זייער אמתדיקן היסטאָרישן פּאַרנעם פאַר דער ברייטער סאָוויעטישער עפנטלעכקייט. די העברעאישע „הבימה" און דער „יידישער קאַמער־טעאַטער" מיט שלמה מיכאָעלסן האָבן זיך ברידערלעך באַהעפט און האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט הויך־דערגרייכטע שטאַפּלען פון יידישער קונסט.

וואָס שלמה מיכאָעלס האָט ניט געשפּילט און אינסצעניזירט, האָט ער אין זיין טעאַטער־אַרבעט געזען אַ פאָלקס־דערציערישע אַרבעט. די סצענע און דאָס לעבן, דער היסטאָרישער נעכטן פון זיין פאָלק און זיין מאָרגן האָבן זיך ביי אים האַרמאָניש פאַרבונדן. די געלייטערטע פאָלקס־עטיק און דער באַפרייערישער אויפשטייג פון סאָציאַליזם זיינען ביי אים געווען איינס. אין זיינע מייסטערהאַפט אויסגעפירטע שעפערישע ראָלן האָט ער אַרויסגעהויבן די נשמה פון פשוטן יידישן מענטשן אין אַלע צייטן און דורות. ער האָט באַוויזן, לויט דאָבּרושינס געלונגענעם אויסדרוק, ווי „דער פשוטער מענטש האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלק און דאָס פאָלק — אין אַ גאַנצער וועלט". ר' אַלטער אין „מזל־טוב", ר' בנימין דער דריטער, טביה דער מילכיקער — אַלע זיינען זיי ביי שלמה מיכאָעלסן ניט אַנדערש ווי פאַרשידענע אַנטפּלעקונגען פון דעם יידישן פאָלקס־מענטש. ניט אומ־זיסט האָט שלמה מיכאָעלס געשמט ווי אַ פלאַמיקער זאַמלער און אויספאָר־רער פון יידישן פאָלקלאָר. ער האָט אַרויסגעבראַכט טעאַטראַליש די אמתע

פערל פון יידישן פאָלקלאָר, פון פאָלקס־חכמה און פון געזונטער און קלוגער קריטיק ווי זיי האָבן אַרויסגעשטראַלט פון גאָלדפאַדענס, מענדעלעס און שלום עליכמס שאַפונגען.

ער האָט אַנטפּלעקט פאַר די ברייטע מאַסן די ליידן און פריידן און די הערלעך פון יידישן פאָלק און האָט זיי אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער באַ־פרייאונג פון דער וועלט און מיטן סאָציאַלן אויפשטייג פון סאָוויעטישן מענטשן. ער איז געווען דער שטאַרק באַגאַבטער פּראָפּאַגאַנדיסט און אויפ־קלערער פון די פּראָגרעסיווע קולטור־ווערטן, וועלכע עס האָט אין משך פון דורות געהאַט אויפגעזאַמלט דער יידישער פאָלקסמענטש. פון די טונ־קעלע געסלעך פון געטאָ האָט ער אַרויסגעבראַכט פאַרגעסענע און באַשיי־דענע העראָישע געשטאַלטן און האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ נייער ליכטיקער וועלט פון סאָציאַלן אויפבוי. ער האָט דערהויבן דאָס יידישע טעאַטער און האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמפס־אַרענע פאַר הויכע אידעאַלן און פון שטורמישע איבערלעבענישן.

אין די שווערע טעג פון צווייטן וועלט־קריג און פון מאַסן־אומברענ־גערישע גרויזאַמע היטלער־שחיטות פון אונדזערע פאָלקסמאַסן, האָט מיכאָעלס ניט געקענט אָפּגעבן זיך בלויז זיין טעאַטער־לעבן. אין יאָר 1943 איז ער צוזאַמען מיט איציק פעפערן און אייניקע אַנדערע יידישע קולטור־טוער אַרויסגעפאָרן אויף אַ באַזוך צו זיינע יידישע פאָלקס־ברידער אין אַמעריקע. די אַלגעמיינע און יידישע רעאַקציע האָבן דאָרט באַוויזן דעם פאָלקס־טריבון און מוטיקן אַנטיפאַשיסטישן קעמפער זייער העסלעך גע־שטאַלט. זיי האָבן געשריבן: „ווי קומט אַ יידישער דיכטער און אַרטיסט צו דערשיינען אַלס אמתער פאַרטרעטער פון סאָוויעטישן יידנטום?” אָבער די מיליאָניקע מאַסן יידן האָבן אים אויפגענומען מיט אויסערגעוויינלעכער באַגייסטערונג.

איידער ער איז אַרויסגעטראָטן דעם 8טן יולי אין ניו־יאָרק פאַר אַ 50־טויזנט־קעפּיקן עולם אויף אַ מיטינג, איז ער אַרויסגעפאָרן אויפן ניו־יאָרקער בית־עלמין און אַוועקגעלייגט אַ קראַנץ בלומען אויף שלום עליכמס קבר און געבראַכט דערמיט צום אויסדרוק די געטריישאַפט פון יידישן פאָלק צו זיין גרויסן פאָלקס־שרייבער.

אין זיין פלאַמיקער רעדע אויפן ריזיקן מיטינג האָט מיכאָעלס געבראַכט צום שטאַרקן און בולטן אויסדרוק די קללה פון די יידישע מאַסן צו זייערע גרויזאַמע אומברענגער און זייער ברכה דער באַפרייערישער רויטער ארמיי.

— אין די טעג פון די גרויסע און בלוטרייכע דורכברוכן אויף די שלאַכטפעלדער — האָט שלמה מיכאָעלס דערציילט — האָט מיר איבער־געגעבן אַ סאָוויעטישער שרייבער, וועלכער איז געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַן אינטעליגענטישן אָפטייל פון קאַנאָנען־שיסער, אַז אין אַ באַזונדער שווערן קריטישן מאָמענט אויפן פראָנט, פלעגט ער זיך שטעלן אין שפּיץ פון זיין מיליטער־אָפּטייל און אים רופן צו דער העכסטער שלאַכט־אָנשטרענגונג מיט די ווערטער: באַמבאַרדירט די פאַרשאָלטענע אַריינדרינגער אין נאָמען פון גאָרקיס „מוטער”, אין נאָמען פון טאָלסטאָיס „אַנאַ קאַרענינאַ”.

און דאָ האָט מיכאָעלס צוגעגעבן אַ פּאַראַלעלן אָנווייז פון דער יידישער געשיכטע און געזאָגט:

— אַזוי האָט רבי עקיבא אויפגעפלאַמט און דערוועקט די פּאַרטיזאַנישע אַרמיי פון בר כוכבא אין די בלוטיקע שלאַכטן קעגן די רוימישע אָקופּאַנטן מיט די ווערטער:

— קעמפט און זיגט אין נאָמען פון תורת ישראל!

אָנהייב יאָר 1948 האָט ער געשיקט אַ האַרציקע ברכה זיינע פאָלקס־ברידער אין גאָר דער וועלט און אַ באַגייסטערטער איז ער געווען גרייט צו טראָגן וויטער דעם פאַקל פון יידישער פּראָגרעסיווער קולטור און קונסט. אָבער שוין אין אָנהייב יאָר איז ער געפאַלן פון רוצחישע הענט און האָט ניט זוכה געווען צו זען דאָס נייע ליכט, וואָס האָט אויפגעשטראַלט אין מזרח און האָט געעפנט טויערן פאַר פרייהייט און זעלבשטענדיקייט אין ארץ־ישראל.

מיט טיפן צער און טרויער האָט אים מספּיד געווען זיין חבר דער גענעראַל טשערניאַווסקי, וועלכער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט:

— שלמה מיכאָעלס האָט במשך זיין גאַנץ לעבן געזונגען דאָס ליד פון דער יידישער היסטאָרישער טראַדיציע. די דאָזיקע טראַדיציע האָט ער אַרויסגעטראָגן אויף די באַריקאַדן פון וועלט־קאַמף קעגן פאַשיזם.

— איך זע מיכאָעלסן ווי ער שטייט אויף דער טריבונע בשעת דער

ריזיקער פראָטעסט־פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער קעגן דעם פאַשיזם — האָט געזאָגט זיין פריינד דער גענעראַל קאַץ — איך הער זיינע צאָרניקע ווערטער, ווערטער פון אַ פלאַמיקן אַנטיפאַשיסטישן קעמפער, וואָס רייסן זיך אַרויס פון דער טיפעניש פון זיין האַרצן, צילן אין דער טיפעניש פון אַלעמענס הערצער און דערוועקן אַ טויט־שנאה צו די אויסוואורפן פון מענטשלעכן מין.

אַזוי איז פריצייטיק און פאַרברעכעריש פאַרשניטן געוואָרן דער גרויסער יידישער פאָלקס־מענטש, דער קינסטלער און פלאַמיקער פאַטריאָט פון אונדזער פאָלק.

איינעם פון די בעסטע און נאָבעלסטע, פון די געטרייסטע און שעפערישסטע זין פון אונדזער פאָלק האָט דער רוצח אויסדערוויילט פאַר זיינעם אַ בלוטיקן קרבן. ער האָט דאָס געטאָן פאַרשטעלט, פאַרמאַסקירט, ער האָט דאָס געטאָן דורך זיינע שליחים, ער האָט אים אומגעבראַכט אויף אומוועגן.

שלמה מיכאָעלס האָט דאָך געקאָנט שטייגן ווייטער און העכער צו די הויכענישן פון זיין שאַפן, צום גליק און וווילשטאַנד פון זיין אייגענעם פאָלק און פון דער סאָוויעטישער קולטור און קונסט.

זיין פאַרטיפטע שטודיר־אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן נאָך אין דער פעטערבורגער יידישער טעאַטער־סטודיע אין יאָר 1919 אונטער דער געטרייער און אַקטיווער אָנפירונג פון אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקין, וועלכער האָט באמת געשאַפן די סאָציאַלע און קינסטלערישע באַזע פאַרן יידישן קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע און איז געווען איינער פון די ערשטע פאַרבינדלער פון יידישן טעאַטער מיט די רוסישע טעאַטערס אין די פרילינג־יאָרן פון דער סאָוויעטישער תקופה.דעם פראָדוקטיוון זאָמען, וועלכן עס האָט פאַרזייט גראַנאָווסקי האָט דער באַפליגלטער און יידישער פאַטריאָט און פאָלקסקינסטלער שלמה מיכאָעלס אַנטוויקלט אין דער נייער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט אין דעם צענטער פון רוסישער קונסט אין מאָסקווע.

אין יאָר 1929 הייבט ער זיך אַרויף אין זיין שאַפן און ווערט דער קינסטלערישער אָנפירער פון יידישן קאַמער־טעאַטער, ער שטייט אין אַ פולן קינסטלערישן קאָנטאַקט מיטן רוסישן קונסט־טעאַטער און מיט די בעסטע קינסטלער פון זיין צייט.

מיטן אָנקומען פון דער פאַרפלוכטער היטלערישער מגיפה פאַרשליסט זיך ניט שלמה מיכאָעלס אין די פיר איילן פון דער קונסט. אמת, די היס־טאָרישע בילדער, וועלכע ער ברענגט אַרויס קינסטלעריש אויף דער סצענע פאַרן ריזיקן עולם, וואָס באַזוכט דעם קאַמער־טעאַטער, רעדן פון זיך אַליין וועגן גערעכטיקייט און פאָלקס־געטרייקייט. זיי שלאָגן דעם פאַשיזם מיטן גייסטיקן כלי־זיין פון וואָרט און שפיל. אָבער דאָס איז פאַר אים ווייניק. די אויסגעוואַקסענע און אויפגעשטורעמטע יידישע אַנטיפאַשיסטישע באַוועגונג פאַרכאַפּט אים מיט אַלע זיינע חושים. אין 1941סטן יאָר ווערט ער אויס־דערוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג. אין איר נאָמען קומט ער צו די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן אין אַמעריקע.

אַלס אַזעלכן האָט אויף אים געצילט און האָט אים אומגעבראַכט די רוצחישע האַנט.

רחל

רחל— די ערשטע לירישע דיכטערין פון אונדזער לאַנד, — איז געשטאָרבן יונג. זי איז פריצייטיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן דורך אַ שווערער קראַנקייט. זי האָט אָבער איבערגעלאָזט פאַר די 11 יאָר פון איר דיכטערישער אַנטפלעקונג אַן אייגנאַרטיקן אוצר פון פּאָעטישן שאַפן. זי איז געווען די ערשטע העברעאישע דיכטערין פון אונדזער צייט, וועלכע האָט זיך שעפעריש פאַרוואָרצלט אין דער שפּראַך און דורך איר — אין דער קאָלירפולער נאַטור פון גליל און פון לאַנד בכלל, אויסגעדריקט אירע עמאָציעס אין קלאַנגפולע צאַרטע טענער. במשך איר קורצן לעבן האָט זי זיך גייסטיק אויסגעלעבט, איינגעגלידערט און פאַרבירגערט אין פעלד און גאָרטן, ביי די ברעגן פון שפּרודלדיקן ירדן־טייך און דער כנרת־אָזיערע,

אין וועלכע זי איז געוועזן האַרציק פאַרליבט, אין וועלכע זי האָט געפונען איר היים און פאָטערלאַנד, פון וועלכע איר איז אויסגעקומען זיך פרי צו שיידן.

114 לידער זיינען איר גייסטיקער בייסטייער צו דער מאָדערנער העב־רעאישער פּאָעזיע. אָבער נאָר ווייניקע פון זיי,אין וועלכע עס געפינט אַ באַ־זונדער קלאָרן און בולטן אויסדרוק אירליידנשאַפטלעכע צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור פון לאַנד, צו יעדן בוים און בלום, צו יעדן פויגל אין די צווייגן און צו אַלץ וואָס לעבט אויף דער ערד, ווערן דורכן פאָלק געזונגען. די ישראלדיקע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן געפונען אַ פּאַסיקן מוזיקאַלישן אויס־דרוק צו אירע פּאָעטישע איבערלעבונגען.

כמעט אַלע רחלס לידער זיינען העכסט אויטאָביאָגראַפיש. זיי דריקן אויס קלאָר און קינסטלעריש בולט אירע פּערזענלעכע געפילן, איר פּער־זענלעכע לעבנס־טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון אַ יונגער, לעבנסלוסטיקער פרוי און פון אַן עמפּינדלעכער פּאַרטיפטער דענקערין, וועלכע איז אַ דאַנק איר שווערער און אומהיילבאַרער קראַנקייט פאַראורטיילט געוועזן צום אומ־פאַרמיידלעכן טויט.

רחל בלאָשטיין איז נאָך כמעט אַלס קינד געקומען פון רוסלאַנד, אָבער פון דער התחלה־צייט פון איר לעבן און פּאָעטישן שאַפן האָט זי געשעפּט פון די קוואַלן פון דער רוסישער קלאַסישער פּאָעזיע, געצויגן איר גייסטיקע יניקה פון די שאַפונגען פון נעקראַסאָוו, פּושקין, לערמאָנטאָוו און פון דער מאָדערנער פּאָעטישער דיכטונג פון אַלעקסאַנדער בלאָק. אָפט הערן זיך אין אירע סענטימענטאַלע לידער שטאַרקע אָפּקלאַנגען פון נאַדסאָנס צאַרטער ליריק, פון איר טרויער און האָפענונגלאָזיקייט. זי איז אָבער דערביי אַ געטרייע ליידנדיקע און מיטליידנדיקע שוועסטער צו די יונג־פאַרשטאָרבענע סענטימענטאַלע העברעאישע דיכטער מיכל לעבענזאָן און מרדכי צבי מאַנע, מיט דעם איינציקן און גרויסן חילוק, וואָס יענע זיינען יונג געשטאָרבן פאַרשמאַכטע פון בענקען נאָך דער ביבלישער נאַטור, בעת זי איז געשטאָרבן אין איר רעאַלער, קאָנקרעטער באַהעפטונג מיט די וויזיעס פון דער היימישער נאַטור.

אירע לידער זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ בילדער־רייכן, עלעגאַנטן

און גלייכצייטיק לייכט־פאַרשטענדלעכן העברעאיש, אין אַ שפּראַך, וואָס זי האָט גוט באַהערשט פון די קינדער־יאָרן, און זיי פאַרלירן, פאַרשטייט זיך, זייער זאַפטיקייט און מעלאָדישקייט, ווען איך פּרווו ברענגען דאָ אויסצוגן פון זיי אין אַ פרייער יידישער איבערזעצונג.

שוין אין איר ערשטן לידער־בוך „מנגד" („אַנטקעגן") קומט אַלס כאַראַקטעריסטישער מאָטאָ פאַר איר דיכטונג דער פסוק פון ביבלישן בוך „דברים" ל"ב, 52, „מנגד תראה את הארץ" („פון אַנטקעגן וועסטו זען דאָס לאַנד"), נאָר פון וויטן וועסטו עס זען. דער קאַלטער ווינט, וואָס בלאָזט אויף די שטראַליקע וואַרעמע בייטן פון איר גאָרטן, זאָגט איר אָן מיט טראַגישער זיכערקייט דעם פּסק־דין:

אין אַ בית־עלמין פאַרוואַנדלט זיך
דער פריידיקער גאָרטן.

דורכן שטילן טרויער פון נאָענטן אומקום שלאָגן זיך דורך מאָטיוון פון וואַקלעניש און בלייכע שטראַלן פון רעטונג, פון אַ נס, וואָס וועט אפשר געשען.

באַלד גיט זי זיך, דאַכט זיך, אונטער דער גורלדיקער שעה:

מיין שטעג פירט ווייט,
מיין שטעג איז איינזאַם, וויסט.
איך וועל זיך ניט שטעלן
דעם גורל אַנטקעגן,
כ'וועל גיין מיט פרייד
אַנטקעגן אַלץ.

(„הלך נפש" — „שטימונג")

און נאָכדעם אַ שטראַל האָפענונג ווי דער:

ביסטו דאָס די ענד?
נאָך דורכזיכטיק איז די ווייטעניש,

נאָך ריין איז מיין פרימאָרגן,
און בלומען לאַכן ביי זייטן פון מיין וועג.

(„האתה הוא הקץ?" — „ביסטו דאָס די ענד?")

און איר אַנטפּלעקט זיך צייטנווייז ווידער אַ פונק פון רעטונג:

אין אלול־פרימאָרגן איז די וועלט ראָזיק און בלאָ,
צווישן בייטן־שורות קומט אָן דאָס מיידל
און זי שפּריצט טראָפּנס לעבן —
אפשר אָנהייבן אויפסניי?

(„בגנה" — „אין גאָרטן")

אָבער די קרוין פון רחלס פּריצייטיק פאַרשטומטן לירישן שאַפן בילדן ניט די דאָזיקע ריין אינדיווידועלע לידער. זי שטייגט אַרויף מיט אַ פאַר־טיפטער נשמה־קראַפט אויף העכערע שטאַפּלען פון מענטשן־גייסט. זי גלידערט איין איר זינקנדיקן לעבן אין די מעכטיקע אָרעמס פון דער אומשטערבלעכער נאַטור און פון קאָסמאָס. זי גייט דעם טויט אַנטקעגן מיט אַ פילאָזאָפיש באַהויכטן טרויעריקן שמייכל אויף אירע פאַרבלאַסטע ליפּן.

זי געהערט גייסטיק, אידייאיש, צו דער יונגער מחנה פון די אַרבעט־טער־פּיאָנערן. איר יוגנט־טרוים איז געווען אַריינצוואָטעמען אין זיך די לופט פון די וויסטענישן און יונגע פאַרזייטע פעלדער און פאַרפלאַנצטע גערטנער, זייען און פלאַנצן און בויען מיט די אייגענע הענט. קראַנקערהייט טוט זיך ניט אָפּ פון איר די דאָזיקע אויסגעבענקטע וויזיע. זי באַוויינט דעם פאַרלאָרענעם גן־עדן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. זי אַנטשולדיקט זיך פאַר דער ערד פון איר דערוואָרבענעם פאָטערלאַנד, וואָס זי האָט ניט געהאַט די זכיה זי צו באַרירן געגנוג און צו באַאַרבעטן מיטן כשרן שוויס.

כ'באַזינג דיך ניט, מיין לאַנד,
און כ'שריי ניט אויס דיין לויב
מיט מעשים פון דער שלאַכט

און מיט מלחמה־רויב.
כ׳האָב בלויז אַ בוים פֿאַרפֿלאַנצט
אויף ירדנס שטילן ברעג,
כ׳האָב אויסגעטרעטן בלויז
אין פעלד אַ שמאָלן שטעג.

ס׳איז אָרעמלעך און קליין,
דיין טאָכטערס האַרץ־געשאַנק:
נאָר בלויז אַ פרייד־געשאַל
צום טאָג וואָס העל דערשיינט,
נאָר בלויז אַ שטיל געוויין
אויף אָרעמקייט אויף דיין.

יידישע איבערזעצונג פון ישעיה זאַנד־בערג אין זיין לידער־בוך „קלאַנגען״, תל־אביב, „אויפקום״, 1968.

(„אל ארצי״ — „צו מיין לאַנד״)

איר גלייבט זיך ניט מער, אַז זי האָט זיך מיט לייב און נשמה געפּרוּווט באַהעפטן מיטן אַרבעטס־לעבן אין לאַנד:

און אפשר איז דאָס קיינמאָל ניט געווען,
אפשר
קיינמאָל ניט געפעדערט זיך אין פרימאָרגן אין גאָרטן
ניט באַאַרבעט אים מיט מיין שוויס?
און אפשר גאָר אין די טעג זון־באַגאָסענע הייס,
אין די טעג לאַנגע, הייסע פון שניט —
פון דער הייך פון געלאָדענע וועגן אין פעלד
ניט געהערט האָט זיך קיינמאָל מיין ליד?
כ׳האָב קיינמאָל ניט געוויגט זיך
אין לויטערן בלענד פון דיין שויס,

ים כנרת דו מיין, אָ, כנרת דו מיין!
ביסט געווען? צי חלום איך בלויז?
(„ואולי לא היו הדברים" — „און אפשר איז דאָס ניט געווען")

יידישע איבערזעצונג פון ישעיה זאַנדבערג — דאָרטן.

אין איינעם פון אירע לעצטע לידער, געשריבענע אויפן טויטן־בעט, קלינגט איר לעצטער רוף צו אירע חברים:

אויב איך האָב מיין לעבן ניט אָפּגעגעבן מיין פאָלק,
זאָל מיין דויערנדיקער געמאַטערטער טויט
פאַרגעבן פאַרן בייזן גאָט,
ווי יפתחס טאָכטערס טויט.
און ווען ס'וועט קומען דער שניטער צו פאַרשניידן מיין צווייג,
זאָל זיך פאַרמישן דער רויש פון זיין האַק
מיט די געזאַנג־קלאַנגען פון מידע ברידער,
בשעת זייער בשלומדיקן אומקער פון קאַמף.

און פון פאָלק און מענטשן צום קאָסמאָס:
יאָ, גוט. זאָל מיין נשמה דעם קאָסמאָס געהערן.
קיין מענטש, קיין יחיד זאָל איבער איר ניט הערשן.
איך זאָל פעסטיקן און הייליקן ווי פאַרצייטן מיין בונד
מיט הימל און פעלד.

און אַזוי ציט זיך דורך אַ לאַנגער בילדערדרייכער שורה לידער אַ לאַנג־זאַמער און אכזריותדיקער געראַנגל צווישן לעבן און טויט, צווישן האָפע־נונג און פאַרצווייפלונג:
צען מאָל פאַרצווייפלען, צען מאָל גלויבן...
זינקען אין פאַרגעסנהייט און פלוצלינג זיך אויפכאַפּן,
שילטן דעם אורטייל, אָננעמען דעם אורטייל.
(„צפיה — „דערוואַרטונג")

איך האָב געוווּסט, ס׳האָט זיך צעבראָכן
דער אַלטער בריק
צווישן נעכטן און מאָרגן,
וועלכע די הענט פון צייט האָבן אויפגעהאַנגען.

(„בלילה בא המבשר״ — „ביינאַכט איז דער אַנזאָגער געקומען״)

די וועלט איז גרויס און וועגן אין איר פּיל.
באַגעגענען זיי זיך אַן אויגנבליק, צעשיידן זיך אויף אייביק.
האַלט מענטש אין זוכן, שטרויכלען זיך זיינע פיס.
ער קען ניט געפינען וואָס ער האָט פאַרלוירן.

(״זמר נוגה״ — „אַן אומעטיקער ניגון״)

זי שטייט אין איין שווערן און דויערנדיקן געראַנגל פאַרן לעבן:

איך געדענק — פון די זייטן
שטייען בערג ווי אַ וואַנט.
כ׳שטורעם דעם שפּיץ באַרג מיט ליד.
כ׳שריי אויס: זאָל לעבן די יוגנט,
ס׳ענטפערט דער אָפּקלאַנג.

(„ההד״ — „דער אָפּקלאַנג״)

און אין דעם „ליד פון דער עקרה״ זינגט זי ווידער:

ווי רחל, די מאַמע, איך וויין אין די נעכט,
אין האַרצן איך טראָג אויס מיין וויי.
ווי חנה אין שילה,
וועל איך טאָן תפילה
און טעגלעך אַלץ וואַרטן אויפסניי.

יידישע איבערזעצונג פון ישעיה זאַנד־
בערג — דאָרטן.

און זי שפּירט קלאָר, ווי זי פאַלט אַ באַזיגטע אין איר געראַנגל:
ער גוססט, גייט אויס
דער שטאָלצער, פרײדיקער רויטער אויפשטאַנד.
די אונטערטעניקייט — די בלאַסע אלמנה
נעענטערט זיך שטיל צו מיין היים.

(„הכנעה" — „אונטערטעניקייט")

די קאָלירפולע שורה פון לידער, אין וועלכע זי טרויערט אויף איר פרי־פאַרשניטענעם לעבן, ברייטערט זיך פון חודש צו חודש און באַהעפט זיך צו אַ גאַנצער לידער־זאַמלונג, פאַר וועלכער עס איז באַזונדער כאַראַקטעריסטיש אַלס לייט־מאָטיוו דאָס ליד „מיין לידער־בוך", ווו עס הייסט:

מיינע פאַרצווייפלטע ווייטיקע אויסגעשרייען
אין מינוטן פון פיין און פאַרלוירנקייט
האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ האַרציקן ווערטער־קראַנץ
אין מיין ווייסן לידער־בוך.
ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט קיינעם ניט פאַרטרויטע פאַרבאָרגענישן.
דאָס אין מיר פאַרחתמעטע מיט פייער האָט זיך אויפגעדעקט,
און דער אומעט פון זינקענדיקן האַרצן
וועט יעטווידערס האַנט אָנטאַפּן מיט רואיקייט.

(„ספר שירי")

אַזוי האָט אין די בעסטע יוגנט־יאָרן אויפגעשטורעמט און זיך גיך אויסגעלאָשן דאָס לעבן און שאַפן פון דער ערשטער לירישער דיכטערין פון ארץ־ישראל, פון וועלכער מיר האָבן דאָ געבראַכט אייניקע גליענדיקע פונקען פון איר פאַרצווייגטן שאַפן.



לייוויק האַלפּערין

מיר האָבן זיך געטראָפן אין פרילינג פון אונדזער לעבן ביי ניט געוויינלעכע, טראַגישע אומשטענדן.

דאָס איז געווען אין ווינטער פון יאָר 1908, אין דער צייט פון דער שווערער פּאָליטישער רעאַקציע און טעראָר אין צאַרישן רוסלאַנד, ווען אויך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז שווער געטראָפן געוואָרן פון די אומאויפהערלעכע רדיפות קעגן דער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג. די גרויסע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן איבערגעלעבט אַ צייט פון צעפאַלונג און אַפּהענטיקייט. די יידישע אַרבעטער־פּרעסע האָט זיך גע־פונען אין אַ מצב פון אַ שווערן קריזיס. די לעגאַלע צייטונגען זיינען

פאַרמאַכט געוואָרן. די אומלעגאַלע האָבן ניט געקענט דערשיינען צוליבן דורכפאַל פון די געהיימע דרוקערייען, צוליב דעם אַרעסט אָדער אַרויספאָר קיין אויסלאַנד פון די פאַרטיי־טוער, צוליב דער צעשפּליטערונג פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און דעם יאוש, וועלכער האָט אַרומגענומען די מאַסן און די אינטעליגענץ.

אין יענעם האַרבסט האָב איך מיך געהאַט אומגעקערט קיין רוסלאַנד פון דער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ, ווו איך האָב מיך באַגעגנט מיטן דעמלטיקן רעדאַקטאָר פון דעם „יידישן אַרבעטער" ל. שוסהיים. דאָס וואָכנבלאַט איז דערשינען אין יענער צייט אין לעמבערג און האָט געטראָגן אַן ענג פּאַרטייאישן (פּועלי־ציוניסטישן) און לאָקאַלן כאַראַקטער. לויט מיין פאָרשלאָג האָט ח׳ שוסהיים צוגעשטימט צו פאַרברייטערן דעם פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכן און ליטעראַריש־פּראָלעטאַרישן אָפּטייל פון וואָכנבלאַט, פאַרגרעסערן די צאָל פון זיינע מיטאַרבעטער און דערפירן די צייטונג צו אַ מצב וואָס זאָל באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין רוסלאַנד.

איך האָב אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו פאַרשפּרייטן די צייטונג אין אונדזער געגנט, אין ווייסרוסלאַנד. מיר האָט זיך אין אָנהייב איינגעגעבן דורכצופירן די אַקציע מיט דערפאָלג. די מאַסן אַרבעטער־לייענער פלעגן צעכאַפּן די צייטונג.

דאָס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. איך בין אַרעסטירט און אָפּגעפירט געוואָרן מיטן עטאַפּ אין דער מינסקער טורמע. דאָרט בין איך צוזאַמען מיט די איבעריקע פּאָליטישע אַרעסטירטע געזעסן אין איין קאַמער מיט קרימינעלע אַרעסטאַנטן. ערשט ווען מיר האָבן קעגן דעם שטאַרק און ענערגיש פּראָטעסטירט, האָט מען אונדז איבערגעפירט אין אַ באַזונדער קאַמער פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע.

מיר זענען געווען אַ מאַן 40, און הגם אין קאַמער איז געווען שטאַרק ענג, האָבן מיר זיך געהאָלפן דורך דעם, וואָס מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ „קאָנסטיטוציע" פאַר אונדזער „רעפּובליק", איינגעפירט אַן אינעווייניקסטע חברישע דיסציפּלין, אָרגאַניזירט צווישן זיך אַ קאָמונע, פאַרטיילט צווישן זיך די זאָרג פאַר ריינקייט און אָרדענונג, באַשטימט שעהן

פאַר לייענען, לערנען און רו און איינגעטיילט אין גלייכע חלקים די שפּייז, וואָס אַ טייל פון אונדז פלעגט באַקומען פון דרויסן.

אין איינעם פון די ערשטע פרימאָרגנס אין טורמע, האָבן מיר דער־הערט אויפן קאָרידאָר אַ שווערן קלאַנג פון קייטן, וואָס האָט זיך אַלץ גע־האַט דערנענטערט צו אונדזער קאַמער. באַלד האָט זיך אויפגעשלאָסן די אייזערנע טיר און מען האָט צו אונדז אין קאַמער אַריינגעפירט אַ יונגן בחור פון אַ יאָר 19—20 מיט בלאָנדע קורץ־געשאָרענע האָר און מיט אַן אָפענעם, און ניט לויט די יאָרן ערנסטן פּנים, וועלכער האָט געטראָגן קייטן אויף זיינע דאַרע הענט און פיס. אונדזער „רעפּובליק" האָט זיך באַרייכערט מיט אַ נייעם אויסטערלישן בירגער, וועלכער האָט זיך מיט אַ שטילן, שוואַכן קול באַגריסט מיט אונדז אַלעמען און אָנגערופן זיין נאָמען — לייוויק האַלפּערין.

מיר האָבן זיך גיך באַפריינדעט. אויף זיין אומעטיקן, כמעט קינדישן פּנים, האָט זיך פון צייט צו צייט באַוויזן אַן איינגעהאַלטענער שמייכל. דאָס רוב איז ער אָבער געווען אַריינגעטאָן אין זיך אינעווייניק. ער איז געווען פאַרטראַכט און געזוכט פאַר זיך איינזאַמקייט, וואָס עס איז געווען שווער צו געפינען אין אַ קאַמער פון פינף מעטער אויף פינף מעטער, אין וועלכער עס האָבן געמוזט לעבן 40 פאַרשפּאַרטע מענטשן. ער האָט געבעטן מען זאָל אים דערלויבן צו פאַרנעמען דעם ווינקלדיקן פּלאַץ אויף איינער פון די צוויי אונטערשטע נאַרעס, ווו צוויי ווענט שאַפן פאַר דעם זיצנדיקן מענטש אַ שטיקל מחיצה. דאָרטן פלעגט ער האַלב־ליגנדיק און האַלב־זיצנדיק, מיטן פּנים צו דער וואַנט, אַוועקלייגן אויפן מאַטראַץ איינעם פון די פּאַסיקלעך פּאַפּיר, וואָס עס האָט זיך אים איינגעגעבן אַריינצוקריגן אין טורמע, און מיט אַ בלייפען אין קליינטשיקע אותיותלעך שרייבן ענגע קורצע יידישע שורות. עס האָט זיך דעמלט צוערשט אַנט־פּלעקט אין אים דער דיכטער.

אָפט, קענטיק דאָן, ווען זיין האַרץ פלעגט ווערן איבערפולט מיט געפילן, פלעגט ער אַרויסקריכן פון זיין ווינקל, מאַרשירן שטיל איבער דער קאַמער, און די קייטן אויף זיינע הענט און פיס פלעגן שטיל און

טרויעריק קלינגען, ווי זיי וואָלטן אַקאָמפּאַנירט דעם לויף פון זיינע טראַכ־טענישן.

ער האָט קיינעם ניט געלייענט זיינע לידער, וועלכע מיר האָבן געזען אים האַלטן אויף די פּאַפּיר־פּאַסיקלעך אין זיינע הענט. עס האָט זיך געדאַכט, צוקוקנדיק, אַז ער איז עפּעס באַזונדערס שטאַרק שטאַרק אויפ־געברויזט. אָפט פלעגט ער שרייבן, צערייסן דאָס געשריבענע און שרייבן פון דאָס ניי. דאָס זיינען געווען געבורט־ווייען פון דער דיכטערישער יוגנט זיינער.

די שמאָלע פּאַסן פּאַפּיר מיט די לידער האָט לייוויק באַהאַלטן ווי אַן אוצר אין זיין מאַטראַץ און אים האָט געמאַטערט דער געדאַנק, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן זיי פון דער מינסקער תּפיסה אויף זיין שווערן וועג אין וויטן סיביר, ווזהין ער האָט באַדאַרפט אין אַ צייט אַרום ווייטער אַוועק־וואָגלען מיטן עטאַפּ.

אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך אַרויס אויף דער פריי. פאַרלאָזנ־דיק די קאַמער, ווו מיר האָבן זיך אַלע אין איינעם איינגעלעבט, האָב איך מיך ביז גאָר פריינטלעך געזעגנט מיט לייוויקן.

פון דעמלט אָן האָב איך מער שוין קיינמאָל אים ניט געזען. פון דע־מלט אָן האָט מיך פאַרפאָלגט אָן אויפהער דער קלאַנג פון לייוויקס קייטן, און עס איז געבליבן אויפן גאַנצן לעבן פאַר מיר אַ סוד, צי עס האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצוטראָגן פון מינסקער טורמע קיין סיביר און פון דאָרטן אויף דער פריי, דורך אַלע זיינע וואָגלענישן פון טורמע צו טורמע, יענע פרילינגס־פרוכט פון זיין פּאָעטישן שאַפן.

פרץ מאַרקיש

אונדזער נייע יידישע ליטעראַטור האָט שוין איר געשיכטע, וואָס איז אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער היינטצייטיקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און מיט דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אין אונדזער דור.

מען קען שווער פאַרשטיין דאָס שאַפן פון יידישן מאָדערנעם שרייבער, ווען מען זאָל ניט אויספאָרשן פילזייטיק די וואָרצלען פון וואַנען ער האָט געצויגן זיין יניקה, די סיבה און דעם געזעלשאַפטלעכן קלימאַט, ווו ער האָט געלעבט און געוואַקסן. און וואָס באַגאַבטער, טיפער, גאונישער עס איז דער שרייבער, אַלץ פילזייטיקער, טיפער זיינען די קוואַלן, פון וועלכע

ער האָט געהאַט געטרונקען, וועלכע עס האָבן געלייטערט און פאַרטיפט זיין שעפערישע פערזענלעכקייט.

אַזאַ איז געווען דער פרי־פאַרשניטענער, גרונטיקער און געניאַלער פרץ מאַרקיש.

דער שעפערישער גייסט האָט אים פרי אַרויסגעיאָגט פון זיין שטילער וואָלינער פראָווינץ און האָט אים גערופן און געשטויסן אין די אומבאַקאַנטע ווייטענישן. עס דאַכט זיך אים, אַז ער גייט זוכן און געפינען קולטורעלע, ליטעראַרישע ווערטן. עס שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז די דאָזיקע ווערטן האָט ער שוין פון פאַראויס געהאַט געטראָגן אין זיך אינעווייניק, און אַז ער האָט זיי נאָר באַדאַרפט אויסכאָווען, אויסטראָגן, אַריינאָטעמען אין זיי קראַפט און אויסדויער און פאַנאַנדערפאָכען דאָס פייער פון גליענדיקער פאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן פון זיין חסידישער סביבה און ניט אויפגעהערט ברענען ווי אַ נר־תמיד.

זיין פלאַמיקייט האָט זיך האַרמאָניש פאַרבונדן און אויסגעלעבט מיט דער ערדישער שיינקייט פון דעם פרוכטבאַרן אוקראַאינישן פלאַכלאַנד, מיט די טייכן, סטעפּעס און סעדער, צווישן וועלכע ער האָט געוואַנדערט זינט די יינגלשע יאָרן.

זיין וועג פירט אים אינסטינקטיוו קיין פוילן. ער גייט זוכן יצחק־לייבוש פרצס ירושה. ער פרוווט צינדן אויפסניי, ווי די געציילטע פרצס תלמידים, דעם אויסגעלאָשענעם פייער פון דעם גרויסן יידישן קלאַסיקער. ער איז שטאַרק געגנוג, און וואָלט אפשר אויך געקענט דערוועקן אין וואַרשע אַ רענעסאַנס פון יידישער ליטעראַטור. אָבער די בייטש פון דער פוילישער רעאַקציע האָט אומברחמנותדיק געשטיקט אַלץ וואָס איז געווען מונטער, לעבהאַפט און שעפעריש. ער האָט, אמת, אַלע אַרום „פאַראינטערעסירט און פאַראינטריגירט", ווי עס האָט זיך אין יענער צייט אויסגעדריקט נחמן מייזיל, וועלכער האָט דאַן געלעבט אין וואַרשע און איז שוין געשטאַנען אויף דער וואַך פון יידישן וואָרט. פרץ מאַרקיש האָט זיך אָבער ניט גע־קענט פאַראַנקערן אויפן אומגינסטיקן פוילישן באָדן פון יענער צייט. עס פעלט אים דאָרט לופט.

און פון מזרח האָט צו אים געשטראַלט און האָט אים גערופן מיט

הונדערטער פרילינג־שטימען, מיט איר העלקייט און יונגקייט, די סאָ־וויעטישע קולטור מיט איר רעוואָלוציאָנערן עקסטאַז און טרייבקראַפט. און אין יולי 1926, האָט זיך מאַרקיש אַרויסגעריסן פון וואַרשע און מיט אַ סטיכישער קראַפט איבערגעטראָגן קיין מאָסקווע, דרייסט אויסרופנדיק פאַרן אָפּפאָרן: „איך גיין אַהין, דאָרטן בין איך ניט קיין פרעמדער!״

און ער איז דאָרטן זינט דעם ערשטן טאָג ניט געווען קיין פרעמדער. ער איז אַהין אויך ניט געקומען ווי אַן אָנהייבער, מיט ליידיקע הענט. ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אין פוילן פולבלוטיקע לידער, אין וועלכע עס האָט זיך שוין אַנטפלעקט מאַרקישס שעפערישער גייסט, דער אוקראַי־נישער נוסח פון יידישן ליטעראַרישן פאָלקס־שאַפן. אָבער ערשט אין מאָסקווע, אין קרייזן פון די יונגע יידישע שרייבער, זיינע פען־חברים, פון גייסט און יידיש־מענטשלעכער סאָציאַלער אָריענטאַציע, שטייגט ער אַרויף אויף די הויכענישן פון שעפערישקייט.

אין אויפברויז פון דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט אין די צוואַנציקער יאָרן לייטערט זיך זיין באַוווסטזיין, געפינט זיין שאַפן דעם ריכטיקן סאָ־ציאַלן אָנשפאַר. ער אָטעמט אַריין מיט אַ פולער ברוסט דעם קלימאַט פון דער גרויסער צייט. ער צעשפרייט ברייט זיינע פליגל צום המשך־פלי אויף זיין לעבנס־וועג: פאָלאָנע, וואַרשע, מאָסקווע.

איך האָב געהאַט פאַרלאָזט מאָסקווע מיט איין יאָר צייט פריער, איידער פרץ מאַרקיש איז אַהינצו געקומען. איך האָב שוין ניט געגרייכט אים צו זען, מיט אים פערזענלעך צו פאַרבינדן זיך. עס איז מיר אָבער קלאָר און אינטים פאַרבליבן אין זכרון דער קולטור־קלימאַט, אין וועלכן איך האָב געלעבט און געאַרבעט אין מיין מאָסקווער תקופה, און אין וועלכן עס האָט זיך נאָך מיר איינגעלעבט און איינגעגלידערט פרץ מאַרקיש.

איך בין פון פאַך ניט קיין ליטעראַטור־קריטיקער, און לאָז איבער פאַר אַנדערע צו אַנאַליזירן מאַרקישס איינצלנע שאַפונגען, זייער סטיל, כאַראַק־טער און די מאָס פון זייער אויסדריקלעכקייט. איך וויל נאָר שילדערן די לופט, אין וועלכער ער האָט איצט געלעבט, די קוואַלן, פון וועלכע ער האָט איצט געטרונקען.

דאָס זיינען געווען די יאָרן פון פיאָנערישער סאָוויעטישער קולטור,

ווען נאָך די זיגרייכע קאַמפן פון בירגער־קריג, אין וועלכן אויך יונגע סאָוויעטישע שרייבער האָבן זיך געהאַט אַקטיוו באַטייליקט, האָט זיך די סאָוויעטישע אינטעליגענץ געשטעלט אויף די רושטאָוואַניעס צו בויען די גאַנץ נייע סאָציאַליסטישע קולטור פון דער פיל־נאַציאָנאַלער סאָוויעטישער מדינה. עס איז געווען אַ גוואַלדיקער מאַנגל אין קולטור־כוחות, און ווער עס האָט נאָר פאַרמאָגט אַפּצושאַקלען פון זיך דאָס פאַרעלטערטע, אָפּ־געלעבטע און פאַרשימלטע, האָט געבראַכט זייןביישטייער, לויט זיין מעג־לעכקייט און פאַרנעם. יעדער שרייבער און קינסטלער האָט זיך געלערנט און איז געוואָקסן אין גאַנג פון זיין שאַפן.

דאָס איז געווען אַ צייט, אין וועלכער די דורות־לאַנג אונטעדריקטע פעלקער פון געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד האָבן אויסגעגלייכט זייערע רוקנס און האָבן ברייט אַנטפּלעקט די סאָציאַלע און היסטאָרישע יסודות פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור.

אויך אויף דער יידישער גאַס האָט זיך בולט אָנגעמערקט און האָט אויף פּיאָנערישע וועגן געשלייפט און געפאָרמט זיך דאָס יידישע קולטור־שאַפן אין פאַרשיידענע געשטאַלטן און אויסדרוק־פאָרמען. עס האָבן נאָך געלעבט און אַקטיוו זיך אַרויסגעהויבן פּאַראַלעל העברעאישע און יידישע קולטור־קרעפטן. אין מאָסקווע האָבן נאָך געלעבט יידישע און העברעאישע שרייבער און קינסטלער; די „הבימה" פון איין זייט, און דער יידישער קאַמער־טעאַטער פון דער צווייטער. דאָס יידישע מאָסקווע האָט זיך נאָך געהאַט פאַרמאָסטן צו זיין, צו ווערן די הויפּט־קוואַרטיר פון דער באַנייטער יידישער קולטור — די ירושלים של רוסיה אויפן שטייגער ווי ווילנע האָט פריער געשמט אַלס ירושלים של ליטא.

פּרץ מאַרקיש האָט פאַר זיך געפונען אין מאָסקווע אַ ריי אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן אים בלי ספק באַדאַרפט אינטערעסירן און צוציען זיין אויפ־מערקזאַמקייט.

די העברעאיש־יידישע אָפּטיילונג פון דער לענין־ביבליאָטעק (פריער רומיאַנצאָווער ביבליאָטעק), וועלכע איז דורך מיר געגרינדעט געוואָרן צום סוף פון דער צאַרישער תקופה, איז אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסן זאַמל־ און שטודיר־צענטער איבער פראַגן פון יידישער וויסנשאַפט און ליטעראַטור.

נאָך מיין אָפּפאָרן פון מאָסקווע איז זי געפירט געוואָרן דורך דעם סאָוויעטיש־יידישן מלוכה־מאַן און געוועזענעם מיניסטער זרח גרינבערג. אין דער צייט פון די ערשטע אַכט רעוואָלוציאָנערע יאָרן (1917—1925) האָט זיך די העבעראיש־יידישע אָפּטיילונג פון דער לענין־ביבליאָטעק באַרייכערט מיט ריזיקע אוצרות פון העברעאישע האַנטשריפטן און זעלטענע ביכער פון די נאַציאָנאַליזירטע פּריוואַטע זאַמלונגען. עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אין אַ באַזונדער דירה אַן אָפּטיילונג פון העברעאישע און יידישע ביכער, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון דעם יידישן שרייבער י. לייזעראָוויטש (איזידאָר לאַזאַר). אַ ביבליאָטעק פון נאַצינאַליזירטע יידישע ביכער האָט אויך עקזיסטירט אין דער געביידע פון פּאָליטעכנישן מוזיי.

אויף דער סאָליאַנקאַ־גאַס האָט נאָך פונקציאָנירט אַ קאָאָפּעראַטיווע בוכהאַנדלונג פון העברעאישע, יידישע ביכער און פון יודאַיק מיטן נאָמען „ליטעראַטוראַ״. דער יידישער פאַרלאַג „אייניקייט״ און די טעגלעכע יידישע צייטונג „אייניקייט״ האָבן געגאָלטן אַלס אינסטיטוציעס פון יידישן קאָמוסאַריאַט ביים פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון די נאַציאָנאַליטעטן.

אין דער געביידע פון דעם „מעטראָפּאָל״־האָטעל, אין צענטער פון דער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט, איז באַשטאַנען אַ מלוכהשער ביכער־לאַגער פון יידישע אויסגאַבן, אָנגעפירט דורך דעם פאַרגעסענעם יידישן ביבליאָגראַף זלמן ראַטנער, ווו צו די פּאָליציעס ביכער פלעגן זיך ציען יונגע יידישע שרייבער.

און דאָס אַלץ אין דער גרויסער ראַם פון דער נייער, רייכער שעפערישער רוסישער ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספער, אין דער יונגער און דינאַמישער פלעיאַדע באַפליגלטע שרייבער האָט זיך דאַן איינגעגלידערט און איינגעלעבט פּרץ מאַרקיש, דאָ איז ער געוואַקסן שנעל מיט יעדן טאָג, דאָ האָט ער זיך פאַראיינס באַרייכערט מיט נייע עמאָציעס.

ניט אַלץ איז געווען לייכט און גלאַטיק. זיגזאַג־אַרטיק האָט זיך געצויגן דער באַרג־אַרויף. אָבער עס האָבן אָן אויפהער געפלאָסן שטראָמען פון לעבן און איניציאַטיוו אין יידישן מאָסקווע, וועלכע האָט געשלאָגן

פון דאָרטן קיין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, און עס האָט זיך שטאַרק געהאָפט אויף ברייטערע מעגלעכקייטן און פרוכטבאַרע אַנטוויקלונגען, וועלכע זיינען, ליידער, אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך אַ בלוטיקער דיקטאַטאָר־רישער האַנט...

צווישן די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער איז פאַרשניטן געוואָרן אין העכסטן אויפבלי פון זיין שאַפן אויך פרץ מאַרקיש.

ערע און טרייקייט צו זיין אָנדענק!

משה עובד

אַ זעלטן שיינע און אייגנאַרטיקע יידישע און מענטשלעכע געשטאַלט איז שטיל פאַרזונקען אויף אייביק אין די לאָנדאָנער נעפּלען. משה עובד, דער באַשיידענער און פלאַמיקער טרוימער פון לאָנדאָן איז ניטאָ מער. עס באַווייַנט אים ווי אַ געטרייען פאָטער די יידישע אָרעמקייט פון ווייט־שעפּל. עס איז ליידיק געוואָרן דער הינטערצימער אין דעם פּרעכטיקן יובעליר־געשעפט אין דער מוזעאום־גאַס אַנטקעגן דער געביידע פון בריטישן מוזיי, ווו ער האָט צווישן גאָלד און זילבער, פּערל און דימענטן געשלייפט פּערל פון יידישע פּאָעזיע, פאָלקלאָר און קונסט, ווו ער האָט אָפּגעהאַלטן יאָרנלאַנג זיינע וואַרעמע גייסטרייכע טרעפונגען מיט יידישע שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער און פאָלקס־אינטעליגענץ.

דער אָנקום פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט געטראָפן משה עובד אַלס אַן אָרעם לערניינגל ביי אַ זייגערמאַכער און יובעליר אין אַ קליינעם פויליש שטעטל. אין אים האָט שוין אָבער געגליט דער הייסער דראַנג צו קונסט, און ניט צו קונסט סתם. אין זיינע קינסטלערישע יוגנט־טרוימען האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן צו פאַרפלעכטן היסטאָרישע און פאָלקס־טימלעכע געשטאַלטן און וויזיעס. ער האָט געגאַרט צו טראָגן אין דער גרויסער וועלט אַריין די שפּראָציקע קערנער, וועלכע עס האָט פאַרפלאַנצט אין זיין קינדער־נשמה די שטילע היים, דער חדר, דער תנ״ך, דאָס פאָלקס־ליד, דער אָרעמער מאַמעס האַרציקע טרער.

באַלאָדן מיט גייסט האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון שטעטל און איז פרי געקומען מיטן עמיגראַנטן־שטראָם קיין לאָנדאָן. דאָרט איז ער אַריין אין קעסל פון לעבנס־קאַמף, האָט זיך מיט ליבע און ליידנשאַפט פאַרטיפט אין דעם יובעליר־פאַך, האָט געאַרבעט ביי די בעסטע לאָנדאָנער יובעלירן, האָט אַריינגעהויכט אין גאָלד און זילבער זיין דראַנג צו קונסט, דערהויפּט צו קלאַסישער קונסט, און קלאַסיש האָט ביי משה עובד געהייסן ניט נאָר די גריכישע און דערנאָך די איטאַליענישע קונסט. אין זיין אונטערבאַוווסטזיין האָט ער געשפּירט די פאַרצייטיקע מייסטער־קונסט פון זיין פאָלק מיט דעם גרויסן מייסטער פון דער מדבר־תקופה בצלאל אין דער שפּיץ.

משה עובד טרוימט און שאַפט, ער וואַקסט אַלס יובעליר און גאָלד־אַרבעטער. ער עפנט זיין אייגענעם יובעליר־געשעפט, שטאָט אים אויס מיט אַ גרויסן עסטעטישן געשמאַק. ביי אים קען דער לאָנדאָנער קונסט־ליב־האָבער געפינען די פיינסטע אַלטע קונסט־אַנטיקן און איידלשטיינער, וועלכע — ווי משה עובד דערציילט אַליין אין זיינע זכרונות — „ער האָט געזאַמלט אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט און זיי אויסגעבריהט מיט ליבשאַפט״.

זיין באַשיידן־אויסזעענדיק יובעליר־געשעפט אויף דער שטילער מוזעאום־גאַס, אין האַרץ פון לאָנדאָן, הייבט אָן אין משך פון די יאָרן צו שמען אין דער הויכגעשטעלטער געזעלשאַפט, דער נאָמען פון יידישן יובע־ליר און קינסטלער דערגייט צום קעניגלעכן הויף, און די בריטישע קעניגין

הייבט אָן פֿערזענלעך צו באַזוכן דאָס יובעליר־געשעפֿט פֿון משה עובד, איינצוקויפֿן ביי אים אירע שמוק־אַנטיקן.

אין יאָר 1928 באַקענט זיך משה עובד מיט אַן ענגלישער פֿרוי פֿון אַן אַלטער אַריסטאָקראַטישער פֿאַמיליע, פֿון די מאָנטגאָמעריס. ער שרייבט וועגן איר אין זיינע זכרונות מיט אַ רירעוודיקער ליבע: „ענגלאַנד האָט געבוירן אַ טאָכטער, און דער פֿרילינג פֿון 1928 האָט זי געבראַנגט צו מיר אין לעבן אַריין. זי האָט געהאַט געלערנט און האָט זיך מיט טיפֿער פֿאַר־שטענדעניש אָפּגעגעבן מיט צירונג־קונסט. זי האָט ניט גערוט, נאָר געשאַפֿן איין רירנדיק צירונג־שטיק נאָכן אַנדערן, און אויב בצלאל דער קינסטלער פֿון מדבר וואָלט געקענט זען איר אַרבעט, וואָלט ער געהאַט גרויס נחת פֿון זיין גייסטיקן אייניקל״.

אין דער דאָזיקער ענגלישער פֿרוי האָט ווירקלעך געלעבט אַ טיפֿע און שטאַרקע נייגונג צו ביבלישע געשטאַלטן און אַ גרויסע ליבע צו קונסט. זי האָט גייסטיק דערנענטערט זיך באַלד צו משה עובדן. זי ווערט זיין פֿרוי און געטרייע באַגלייטערין און מיטאַרבעטערין און מיטטרוימערין אין זיין יובעלירישער קונסט־אַרבעט. זי גייט איבער צום יידנטום, לערנט העבּ־רעאיש און יידיש, באַקענט זיך גרינטלעך מיטן יידישן פֿאָלקלאָר און יידישער געשיכטע. משה עובד שרייבט צוזאַמען מיט איר „דאָס בוך פֿון קרובהשאַפֿט״ און גיט זיין אַנטדעקטן און גליקלעך געפֿונענעם לעבנס־חבר אַ סימבאָלישן, כמעט מיסטישן נאָמען — א ה ב י א ל.

דאָס בשותּפֿותדיקע בוך האָט דאָס קינסטלער־פּאָרפֿאָלק געשריבן אויף ענגליש, דען צו יענער צייט האָט זיך ביי משה עובדן צעפֿלאַקערט שוין מיט דעם גאַנצן ברען זיין שטורמישע ליבע צו יידיש, און אין זיין געשפּרעך מיט אהביאל האָט ער איר געזאָגט פּשוט און נאַאיוו: „איך קען דאָס בוך ניט שאַפֿן אויף יידיש, מיין מאַמע־לשון, ווייל איך ליב מיין שפּראַך צו פֿיל, זי צעגייט אין האַרץ מיר ווי פּוטער, און פֿון פּוטער קען מען ניט שאַפֿן קיין אייביקע מאָנומענטן״.

אין יאָר 1934 זיינען משה און אהביאל געקומען קיין ירושלים. מיטן נאָמען פֿון דער אַלטער יידישער הויפּטשטאָט האָבן זיך פֿאַרבונדן ביידנס שענסטע קינסטלערישע טרוימען. נאָך די לאַנדאָנער נעפּלען און קעלטן,

האָט די וואַרעמע לופט, די קלאָרע בלאָע הימלען, די פּאַלמען און ציטרוס־וועלדער, די אָפּקלאַנגען פון די ביבלישע צייטן — דערוועקט ביי משה עובדן און זיין פרוי דערהויבענע קינסטלערישע עמאָציעס: זיי האָבן גע־גלייבט — דערהויפּט משה, אַז דאָ קאָן און מוז אויסגעבויט ווערן אַ היים פאַר קונסט פון אַלע פעלקער „אַ טעמפּל פאַר שיינקייט" — ווי משה עובד דריקט זיך אויס אין זיינע זכרונות.

דאָס רעאַלע, אַלטעגלעכע, אָרעמע ירושלים האָט אָבער טיף פאַר־ווונדעט און אכזריותדיק אָפּגעקילט און אויסגעלאָשן די גליענדיקע טרוימען און די גוטע כוונות פון דעם קינסטלערישן פּאָרפּאָלק. די ירושלימער ווירק־לעכקייט האָט ניט נאָר דערשלאָגן און צעשמעטערט זייערע דערהויבענע שטימונגען, זיי זיינען ניט נאָר ניט געווען אימשטאַנד אויסצובויען דעם געטרוימטן טעמפּל פון קונסט, ווי עס האָט זיך זיי געגלוסט, אויף די הויכענישן פון דעם היסטאָרישן הר הצופים, זיי האָט זיך ניט איינגעגעבן אויפצובויען זיך ערגעץ ווו אַפילו אַ באַשיידענע היים פאַר קונסט. ס'האָט זיי ניט געקלעקט דאָס געלט, הגם, ווי משה עובד שרייבט אין זיינע זכרונות, האָט ער געהאַט „צונויפגעזאַמלט אַ גאַנצן רעגימענט ענגלישע פונטן". ער איז געווען ניט פאַרשטאַנען, באַעוולט, אַנטוישט. ער האָט געליטן אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה. אין זיינע זכרונות פון יענער צייט שרייבט ער: „נאָך מער האָט פון מיינע מפּלות געליטן אהביאל. זי האָט געלייגט די האָפענונג פון מיין פאַלק אויף מיר, און יעדעס מאָל ווען איך בין געפאַלן, האָט זי געזען מיין פאַלק פאַלן. אַ סך מאָל, אויפעפענענדיק די טיר פון איר ירושלימער אַרבעטס־צימער, האָב איך געזען, אַז איר גאָלד און אירע הענט זיינען באַגאָסן מיט טרערן". — און זיי האָבן אַנגעווייטיקטע זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן, ווידער געזוכט טרייסט און גייסטיקע באַפרידיקונג אין זייער קונסט־אַרבעט.

משה עובד האָט ניט אויפגעהערט צו בענקן און זוכן נאַציאָנאַלע און פאָלקסטימלעכע מאָטיוון אין דער קונסט. בעת אין זיין קונסט־געשעפט פלעגן באַזוכן פרויען פון דער הויכגעשטעלטער לאָנדאָנער געזעלשאַפט און באַדינט ווערן פון געשולטע אָנגעשטעלטע, פלעגט ער בלייבן זיצן הינטן אין זיין אַרבעט־צימער, אויפנעמען שרייבער און קינסטלער, שרייבן אין

אַ זאַפּטיקן יידיש לידער, דערציילונגען און מייסטערן פון גאָלד, זילבער, קופּער־ און בראָנז געשטאַלטן, באַהויכטע מיט אָריענטאַלישן חן.

דעם גרעסטן טייל פון זיין אומבאַפרידיקט געבליבענער ליבע האָט ער איצט אָבער אָפּגעגעבן דער פון אים געגרינדעטער „געזעלשאַפט פאַרן יידישן לשון" און דעם חודש־בלאַט „לשון און לעבן". זיינע שבתים האָט ער איצט פאַרבראַכט אין ווייטשעפּל. ער איז געווען דער ניט־געזאַלבטער גייסטיקער קעניג פון דער ווייטשעפּלער יידישער אָרעמקייט. יעדן שבת נאָך מיטאָג פלעגן איינגעאָרדנט ווערן לויט זיין איניציאַטיוו מאַסנהאַפטע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, ווו שרייבער, קינסטלער, געלערנטע און דיכטער, צום טייל געסט פון אַנדערע לענדער, פלעגן האַלטן פאַר אַ גרויסן עולם פאָרלעזונגען אויף יידיש.

אַ שיינע טראַדיציע האָט איינגעפירט משה עובד. אין די שבת־פאַר־נאַכטן, נאָך די פאָרלעזונגען, פלעגט דער עולם איינגעלאַדן ווערן אויף זיין חשבון אין אַ פאַרויסבאַשטעלטן יידישן קאַפע. ביי געדעקטע טישן פלעגט מען פאַרברענגען אין חברישע שמועסן, אין פאָלקס־ליד און פאָלקס־געזאַנג. אין די דאָזיקע אָוונטן פלעגט משה עובד זיך פילן גליקלעך, זיך גייסטיק אויסלעבן.

איך האָב פאַרבראַכט און איינגעלעבט זיך מיט משה עובד בשעת מיין באַזוך אין לאָנדאָן אין יאָר 1947. איך בין מיט אים דערנאָך געשטאַנען אין קאָנטאַקט, געוווסט פון זיינע שאַפונגען און טראַכטונגען. ער האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו זוכן גייסטיקע באַפרידיקונג און האָט זי ניט שטענדיק געפונען. קראַנקייטן האָבן באַטריבט זיין עלטער. זיין לעבן האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעלאָשן. דאָס וואַרעמע, פאָלקס־געטרייע האַרץ פון אַ יידישן וועלט־מענטש, קינסטלער און פּאַטריאָט האָט אויפגעהערט שלאָגן אין מיטן פון זיינע פּיאָנערישע וויזיעס.

ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן איז ער געבליבן דער גרויסער גלויביקער און טרוימער וועגן דעם צוקונפטיקן אויפקום און אויפבלי פון דער נייער יידישער קונסט, וואָס זאָל אַרויסברענגען די פאַרבאַהאַלטענע שיינקייטן פון יידישן עבר אין זייער אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דער

אָריענטאַלישער קונסט בכלל און וואָס זאָל גלייכצייטיק אויסבויען בריקן צו דער מאָדערנער קונסט פֿון דער וועלט.

אַ גרויסער שאָד, וואָס משה עובד און אהביאל האָבן ניט זוכה געווען צו קומען ביי היינטיקן טאָג קיין ישראל. זיי וואָלטן אַנדערש אויפגענומען געוואָרן און וואָלטן מיט פרייד געזען די גרויסע דערגרייכונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דעם וועג, וואָס איז געווען זייער געגאַרטער לעבנס־וועג.

זוכצעטל

א

אבנר מאיר 249

„אַבשטשינאַ" 96

אגדה 183 184

„אגודת הסוציאליסטים העבריים" 81

„אַ געזינט זאַלבעאַכט" 355

אַדעס 103 111 112

הרב אַדלער 81

וויקטאָר אַדלער 259

אהביאל 393 394

אוגאַנדאַ־קריזיס 240

אוהל פרץ 269

„אָוונט־קלאַנגען" 360

אוטאָפּיסטן 248

טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע 261

נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע 261

אויסטראַליע 217

אונגערפעלד מ. 266

„אונדזער וואָכנבלאַט" 151

„אונדזער פלאַטפאָרם" 241

אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים 310

אוניווערסיטעט, באָנער 40 41

אוניווערסיטעט, בערנער 146, 363

אוניווערסיטעט, ירושלימער 230

אוניווערסיטעט, מאָסקווער 33

אוסישקין מנחם 165 235 240

אחד העם 273 303

„אחרי מות" 182

אַטאָם כליי־זין 97

אידייע, ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע 195

איזראַעליטישע פאָלקשולע 146

„איחוד" 316

אייזלאַנד מ. 200

אייזנשטאַדט יוסף 199

אייזנשטאַדט ראָזאַ 315

אילת השחר 300

אימפּעריע, עסטרייך־אונגאַרישע 259

אינדזל ציפּערן 25

אינטעליגענץ, יידישע 235

אינטעליגענץ, סאָציאַליסטישע 257

אינטערנאַציאָנאַל, סאָציאַליסטישער 80

אינטערנאַציאָנאַל, צווייטער 259

אינטערנאַציאָנאַליזם 260

אינסטיטוט יידישער היסטאָרישער 289

אינקוויזיציע 23

„אכן חציר העם" 180

„אל שלומי בחורי ישראל" 80

אַלגין 360

אַלטערמאַן, גערטנער 167

„אַליאַנס" 45 46 48

אַליווערי 26

אלף בית 110

אַמטשיסלאַוו 221

אַמעריקע 311

אסף הרופא 339

„אספות" 200
אספת־הנבחרים 211
„אספת־חכמים" 85
„אָפּעראַ דידאַקטיקאַ אמניא" 30
אָקטאָבער־רעוואָלוציע 203
אָקסעלראָד פּנחס (פּאַוועל) 88 248
אַראָנסאָן משה 80 88 248
אַרבעט 255
אַרבעט, פיזישע 301 302
אַרבעטער, אַראַבישע 256
אַרבעטער־באַוועגונג, יידישע 242 381
אַרבעטער־ווירטשאַפט 256
אַרבעטער־פאַרבאַנד, אינטערנאַציאָנאַלער 259
אַרבעטער־פּרעסע, יידישע 381
אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון 198
אַרבעטער־קאָלעקטיוו 314
אַרבעטער־קאָמונע 299
אַרבעטער־קלאַס 256
אָרדענונג, פעאָדאַלע 101
„אַ רייזע פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע" 35 37
„אָרט" 59
ארץ־ישראל 226 299
ארץ־ישראל־ערד 191

ב

באַוער אָטאָ 259
באַוועגונג, אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע 231
באַוועגונג, חסידישע 51
באַוועגונג, יידישע פּאַרטיזאַנישע 290
באַוועגונג, יידישע רעוואָלוציאָנערע 231
באַוועגונג, פּועלי־ציוניסטישע 241
באַוועגונג, ציוניסטישע 198
באַוועגונג, קאָמוניסטישע דייטשישע 40
באַוושאַווער 356
באַנטש־ברויעוויטש 116
באַציאונגען, יידיש־אַראַבישע 314
באַציאונג, צו העברעאיש 150
באַריסלאַוו 196
„בגנה" 376
„בוך פון קרובהשאַפט" 393
ביאַליק־אַרכיוו 256
ביאַליק־הויז 112 169
בייליס מענדל 301
בילדונג, אַבליגאַטאָרישע 30
בילדונג, תלמודישע 235
בירנבוים נתן 146 358
בלאָק אַלעקסאַנדער 374
בן־ארי דוד 393
„בני־ציון" 235
„בעיות" 317
בעלגיע 217
ב"ח (בית חדש) 248
בעלקינד ישראל 248
בעסאַראַביע 105
בערגער לייב 191
בערגמאַן הוגאָ 273 315
בערלין 251
בערלין נפתלי צבי יהודה 210
בערן 129 251 363
בערנשטיין־כהן יעקב 197 198
בצלאל 392
בר כוכבא 172
בריטישער מוזיי 243 391
„ברית שלום" 315 316
בת־ים 343

ג

„גאַווריליאַדע" 106
גאַטיי יורי 117
גאָטליב יהושע 362 363
גאָרקי מאַקסים 120 349 350 358
„גבּיראָקראַטיע" 356
גוטמאַן יהושע 163
גורעוויטש גרשון 35 88
גימנאַזיע, מינסקער 248
גינזבורג שאול 234 236
גלות־היסטאָריקער 224
גמינע, וואַרשעווער יידישע 145
געטאָ, וואַרשעווער 278 ?79
געמיינדע, פּאָליטישע 220
געמיינדע, רעליגיעזע 220
געשיכטע, יידישע 223 230 234
„געשיכטע פון דאָרף גאַריוכינא" 106
„געשיכטע פון יידן אין פּוילן און ליטע" 237
„געשפּרעכן פון חיות און עופות" 340
גרוזענבערג אָסקאַר 202
גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש 204 206
„גרופּע ארץ־ישראל־יוגנט" 240
„גרופּע פון יידישע סאָציאַליסטן" 90
גרין בער 358
גרינבערג זרח 389
גרעץ צבי הירש 222

ד

דאָבראָליובאָוו 223
דאָברושין 368
„דאָס געבעט" 340
„דאָס געצעלט פון פעטער טאָם" 93 94
„דאָס דאָרפישע הויז ביים ריין" 73
„דאָס נייע לעבן" 73
דאָרף דיר יאַסין 317
„דבר" 302
דובנאָוו שמעון 222
דובנער מגיד 65
דוטץ ביים ריין 53
דועל 108
„די אַרבעטער־פראַגע אין דער משנה־צייט„ 151
„די גאָלדענע קייט" 256
„די גלאָקע" 358
„די וועלט" 195 196
„די מאַשינען־תקופה 98
„די פאָן" 335
„די קאפּייניצע" 76
„דיבור" 367
דיכטערין, העברעאישע 373
דינעזאָן יעקב 269 357
דינער יוסף הירש 49
דע ראָטשילד אַלפאָנס 45
דעמאָקראַטיע, אַמעריקאַנישע 289
דעקאַבריסטן 102 104
„דער אוצר פון אַ נשמה" 98
„דער בלוטיקער אָפּערייטער" 349
„דער דיבוק" 267
„דער המון" 252

ה

„האור" 158
„האמת" 83 84 85 291
האַנטווערק 55 56 57
האַנטווערקער־קלאַס 26

האַנטווערקער־שולן 58
האקרען דאַנטעס 107
„האתה הוא הקץ" 374
„הבימה" 166 256 257 368 388
„ההד" 379
„הזמן" 362
„היברו פובלישינג קאָמפּאַני" 329
הייכלער פּראָפ' 190
„הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט" 43
היטלעריזם 225
היינע 248
היסטאָריאָגראַפיע, יידישע 225
היסטאָריקער 219 220 223 224 229 235 236
„הכנעה" 380
„הלך נפש" 375
הלכה 175 183 184
„המתנדבים לעם לבית ישראל" 81
הסתדרות 301
העברעאיש 236 326
העס ר' טבלי 39
העס ר' נתן 39
הערצל טעאָדאָר 49
הערצען 223 248
הערשענזאָן ר' חיים 159
„העתיד" 327
„הפועל המזרחי" 291
„הפטיש" 82
„הצבי" 158
„הצופה" 291
הרוזן י. 21
הרכבי אברהם אליהו 222
„השומר הצעיר" 291
„השלוח" 231
„השקפה" 158
השכלה־באַוועגונג 235
„השריפה" 364
„התורן" 283
„התקופה" 266

ו

„וואַראָזשדעניע" 241
וואָל־אינדוסטרי 26
וואָלאָזשין 210
וואַרשע 129 278 289 362 387
וויטעבסק 263
וויטענבערג שמעון 227
וויטקין יוסף 306
ווייטער א. 240
ווייטשעפּל 395
ווייסרוסלאַנד 257
ווייצמאַן חיים
ווינטשעווסקי מאָריס 83 85 333
ווינער לעאָ 350
וויסלאַוסקי צבי 163
ועד הלשון העברית 159 231
וועלט־באַוועגונג פאַר שלום 99
וועלט־געשיכטע 223
וועלט־השקפה 221
וועלט־קאָנגרעס פון דער שלום־באַוועגונג 289
וועלט־קריג 173
וועלט־שלום 97 212 272
ווערטערבוך, מעדיצינישער 339

ז

זאַמלבוך „כנסת" 166

זאַמענהאָף פאַביאַן 217
זאַנדבערג ישעיה 377 378 380
זכרונות 226 233 394
זלאַטאָפּאָלסקי הלל 265
„זמר נוגה" 379
זעלבסטהערשאַפט, צאַרישע 203
„זריטעל" זשורנאַל 76
זשאַבאָטינסקי 166
„זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" 326 356
זשיטלאָווסקי־פּרייז 262
זשענעוואַ 111
זשורנאַל, יידישער היסטאָרישער 237

ח

„חברים בעלי־מלאכה" 82
„חובבי־ציון"־קרייז 248
„חוזה, לך ברח לך" 181
„חוק יעקב 84
„חורבן־גאַליציע" 267
חיבת־ציון־באַוועגונג 224
„חירות" 158
„חירות"־קאָנפערענץ 251
חלמיש מרדכי 152
חסידות 263

ט

טאבלער פּראָפ׳ 364
טאָלסטאָי לעוו 73 104 188 248 254
טביה דער מילכיקער 128 134 138
טבריה 25 26
טווין מאַרק 96
טויביש לייבל 150
טור־סיני נפתלי הערץ 282
טורגעניעוו 70 72
טורמע, אילימסקער 36
טורמע, מינסקער 382
טורקאָוו־גראָדבערג יצחק 343
טייטש משה 146
טעאַטער, ענגלישער 267
טערמינאָלאָגיע, מעדיצינישע 339
טערקיי 23
„טראַכטונגען וועגן יידנטום" 297
טרומפּעלדאָר יוסף 299
„טריאומף", פּאָעמע 74
טשאַרטער 250
טשלענאָוו יחיאל 235
טשעכאָוו 188
„טשעכישע ברידער" 27
טשעריקאָווער אליהו 225, 232
טשערנאָוויץ 358
טשערניאַווסקי גענעראַל 370
טשערנישעווסקי 223

י

יאָכעלסאָן וולאַדימיר 91
יאַפּאַן 217
יהודה רבי 57
יהודה הלוי 250
יהושע רבי 57
יהל"ל 83
יובעליר־געשעפט 391
„יודענשטאַט 250
„יום־טוב־בלעטלעך" 357
יום כיפור 212
יוריספּרודענץ, תלמודישע 163
יידיש 260 332 345 393
„יידישער אַרבעטער" 382

ייִדן, תימנישע 319
ילין דוד 231
יעבץ זאב 149
יעהופּיץ 129 132 134 136
„יעווגעני אָניעגין" 104 106
יעקאַטערינע די צווייטע 34
יעקב מאיר, ר' 159
יפו 210
ירושלים 339 394
ישראל בעל שם טוב 15

כ

כהן אַלבערט 45
כהן גדול 211
„כוכב נדח" 181
כינרת 25
כערסאָן 321

ל

לאָדזש 112
לאַווראָוו פּעטער 264
לאַזאַר איזידאָר 389
לאַזאַר בערנאַרד 199, 249
לאַמאַנאָסאָוו מיכאַיל 33
לאָנדאָן 391 392 395
לאַנדשפּראַך 215
לאַסאַל 248
לוחות 267
לוין־אַרבעט 256
לונאַטשאַרסקי 102 104 192
לוריא יוסף 273 315
ליבערמאַן אליעזר ד"ב 80
„ליד פון אַרבעט" 334
„לידער־בוך" 350
ליטעראַטור, העברעאישע 283 284 285
ליטעראַטור ניי־העברעאישע 230 231
„ליטעראַרישע בלעטער" 358
לייזעראָוויץ י. 389
ליליען אפרים 348 350
לעבענזאָן מיכל 374
לעוואָנטין יחיאל יוסף 235
לעווינסאָן אברהם 105
לעוועז נאַרציס 44
לעווענטאַל נחמן 88
לעטלאַנד 210
לענינגראַד 339
לערמאָנטאָוו מיכאַיל 374
לערער־אָרגאַניזאַציע, ארץ־ישראלדיקע 297
לערערשאַפט, ירושלימער 296 297
„לשאלת הלשון היהודית" 327
„לשון און לעבן" 395

מ

מאָהילעוו 87 89
„מאזנים" 266
מאָטיוון, יידישע ביי פּושקינען 104
מאַלעוווסקי פראַנטישקאַ 106
מאַנוסקריפּטן 13
מאָנטגאָמערי 393
מאַנע מרדכי צבי 374
מאָסקווע 33 59 102 188 264 339 387
מאָצקין לעאָ 251
מאַראַזאָוו ניקאָליי 91
„מאַרטאַס קינדער" 98
מאַרקס קאַרל 40 41 72 81 94 248
„מגילת האש" 184

מהר״ם מרוטנבורג 70
מוטער רחל 40
מיטערשפראך 30
מונק 45
מוראַד 24
מזיא אהרון מאיר 231 339
„מזל־טוב״ 368
מיטאָלאָגיע 165
מיטלשטאַנד 177
מייזיל נחמן 152—158 244 386
„מיין יינגעלע״ 348 349
מינאָר, אַרכיטעקט 167
מיצקעוויטש 106
מלוכה־אַרכיוון, סאָוויעטישע 238
מלוכה־ביבליאָטעק אין מאָסקווע 116
„מלחמה און שלום״
מלכת שבא 320
„ממזרח וממערב״ 282
„מנגד״ 375
מנחם מענדל 128 134 136 139—141
מענדעלע־אַרכיוו 112
מענדעלסאָן משה 70
מענדעס דיעגאָ 23
מענדעס ריינע 23 24
„מפיצי השכלה״ 236
מקוה ישראל 47
מרגלית מנשה 110
משה בן מימון, רבי 339
„משה רבינוס קבר״ 333
מתנגדות 263

נ

נאָבעל אַלפרעד 99
נאָבעל־פרייז 99
נאַדסאָן 374
נאַטונעק יוסף 36
נאָמבערג ה. ד. 146 149 358
נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט 146
„נאַראָדניקעס״ 64 255 264
נביאים 248
„נגד הטירור 317
נחמיה, רבי 37
„נטורי קרתא״ 211
ניגער שמואל 340 357
„נידער מיט די וואָפן!״ 98
„ניו־יאָרקער יידישע צייטונג״ 350
נעאָהיטלעריזם 275
נעטער קאַרל 46 47
נעקראַסאָוו 374
נערווי 129

ס

סאָוויעטן־פאַרבאַנד 116
„סאָנגס אָוו דהי געטאָ״ 350
„סאָציאַל־דעמאָקראַט״, קראָקעווער 151
סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דייטשישע 248
„סוועט־סיסטעם״ 349
סולטאַן סעלים דער צווייטער 24 25
סטודענטן־קאָלאָניעס 128
סיביר 384
סיימיסטן 241
סימאָן א. 315
סירקיש, ר׳ יואל 248
„סניגור״ 63
סענאַטאָר ל. 315
ספר פשמישל 327
„ספרי־שיר״ 380
„ספרית־פועלים״ 152

ע

עדעלשטאַט דוד 333 358
„על השחיטה" 180
„על פרשת דרכינו" 317
„עם שקיעת החמה" 362
עמיגראַציע, פּאָליטישע 257
„עמנו וספרותו" 283
ענגעלס פרידריך 42
עספעראַנטאָ 216 217
עספעראַנטאָ־באַוועגונג 217
עספעראַנטאָ־שפּראַך 217
עקאָנאָמיק 234
עקיבא רבי 57 143 370
„ערשטע רייזע קיין ארץ־ישראל" 344

פּ

פּאַגראָם־דיכטער 330
פּאַוויאַק־טורמע 144 145
פּאַטריאָט 192
פּאַטריאָטיזם 172 174
פּאָלאָניע 388
פּאָלטאַווע 240
פּאַפּערין ל. 249
„פּאַרנאַס" 76
פּוגאַטשאָוו־אויפשטאַנד 34
פּויערים־אומרועז 34
„פּועלי־צדק" 58
„פּועלי־ציון" 291
„פּועלי־ציון־באַוועגונג 240
„פּועלי־ציון", מינסקער 241
פּושקין־דענקמאָל 107
פּינעס יחיאל מיכל 159
פּנקסים פון יידישע קהילות 233 234

„פּעדאַגאָגיקום" 295
פּעטערבורג 76
פּען שמואל אבא 112
פּעסטעל 104
פּערלמאַן אליעזר 157
פּערנסטאָרפער ענגעלבערג 259
פּראַגמאַטיזם, היסטאָרישער 223
פּראָווינץ, ווייסרוסישע 361
פּראָנייטיס 202
פּרילוצקי נח 146
פּרעסע, העברעאישע 284
פּרץ־בוך 152
פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 244
פּרץ־פאָרשונגען 152

פ

פאָלקלאָר 393
פאָלקס־אוניווערסיטעט, יידישער 237
פאָלקס־אוניווערסיטעט שאַניאַווסקיס 237
פאָן, רויטע 145
פאַנאַטיזם, רעליגיעזער 311
„פאַראיין, דרומדיקער" 104
„פאַראיין יידישער", בערן 146
פאַראייניגען פּראָפעסיאָנעלע 198
„פאַראייניגונג, ציוניסטישע פאַר דייטש־לאַנד" 171
„פאַרבאָטע" 259
פאַרבינדונגס־שפּראַך 218
פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוק־ציע־מיטלען 297
פאַרלאַג, ווילנער, קלעצקין 244
פאַרלאַג „מוריה" 165
„פון אייביקן קוואַל" 264
פייוועל בערטאָלד 350

פינקעלשטיין יעקב אבא (אַרקאַדי) 79 80
פעאָדאַליזם 102
פעלקער, אַראַבישע 314
פעסטונג, פעטראָפּאַוולאָווסקער 36 91
פעפער איציק 369
פראַגע, יידישע 197
פראַנצאָז קאַרל עמיל 73
פראַנקפורטער בערנאַרד 70 74
פראַקציע, ציוניסטיש־דעמאָקראַטישע 251
פּרייען־באַוועגונג, דעמאָקראַטישע 305
פרידהאָף, דעבלינער 191
„פרידנס־בונד" 315
„פרייהייט" 103—104

צ

„צווישן־יידישע פּראָלעטאַריער" 196
„צוקונפט" 151
צוקונפטס־פּראָגראַם 252
צוקערמאַן שמריהו 88
„ציוני־ציון" 240
ציוניזם, פּאָליטישער 224
ציוניסטישער קאָנגרעס, צווייטער 195 249 251
ציוניסטישער קאָנגרעס, פינפטער 251
ציוניסטישער קאָנגרעס, נײַנטער 170 190
ציטראָן ש. ל. 267
צייטשריפט, ערשטע העברעאישע סאָציאַליסטישע 85
„צפיה" 379

ק

קאַגאַנאָווסקי אפרים 144
קאַווקאַז 105
קאַוטסקי קאַרל 260
קאַיידענאָוו 355
קאַלאָמייע 196
קאָלאָניאַליזם, בריטישער 311
קאָלאָניאַל־באַנק 249
קאָלאָניזאַציע, סאָציאַליסטישע 250
קאָלאָניזאַציע, קיבוצישע 199
קאָלאָניזאַציע פֿון ארץ־ישראל 250
קאָלאָניע באָבראָווי קוט 331
קאָלאָנען־זאַל 121
קאַלוואַריסקי חיים מרגלית 315
קאַלכאָז 116
קאַמיונסקי 82
קאַמינער יצחק 83
קאַמיסיע, יידישע עטנאָגראַפישע 265
קאַמעניוס־יאַר 31
קאַמענסקי יאַן עמוס 27
קאַמער־טעאַטער, יידישער 380 368 388
קאַמפּערט לעאָפּאָלד 73
קאַנאָן, דער גרויסער 339
קאַנט, ווייסרוסישער 355
קאַני אַנאַטאָלי 107
קאָסמאָפּאָליטיזם 289
קאַסרילעווקע 112 129 137 138
קאַץ, גענעראַל 371
קאַצענעלסאָן יהודה 339
קאַרמאַזין 223
קאַראַן 108
קאַרל דער פינפטער 22
קאַרעייעוו 223
קאָרפּאָראַציע „יידישע קולטור" 148
קבוצה 249
קהילה, יידישע מאָסקווע 204
קוטנע 343
קויפמאַן יחזקאל 163

קונין אברהם 199
קייזערוואַלד 226
קייטן 383 384
קייסער אַלעקסאַנדער דער צווייטער 80
קייסער פּאַוועל 37
קיעוו 245
קינדער־שפּיטאָל 117
קינסטלער, יידישע 291
קינסקי פראַנץ 98
„קירכן־גלאָקן" 354
„קלאַנגען" 377
קלאַסן־קאַמף 197
קליוטשעווסקי 223
„קליינע מענטשעלעך" 124
קלעריקאַליזם 277 311 315
קנעכטשאַפט 94
קעגנוואַרט־אַרבעט 252
קעמפער, אַנטינאַציישע 292
קעניג שלמה 320
קעניגן, בריטישע 392
קעניגסבערג 80
קערנער, טעאָדאָר 98
קצין סאָפיע 237
קראַנץ פיליפ 151
קריג, דרייסיקיאָריקער 28
קריג, רוסיש־פראַנצויזישער 102
קרייז, ווילנער יידישער סאָציאַליסטישער 79
קרייז, צווייטער יידישער סאָציאַליסטישער 80
קריי‌זלעך, רעוואָלוציאָנערע 248
קרייצציגלער 70
קרעמיע אַדאָלף 45 46
קרעמל 116 117
קרעמעניץ 56 67
קרעסעל ג. 46

ר

ראַבינאָוויטש שאול פּנחס 223
ראָדריגעז 46
ראַוויטש מלך 356
ראָזענטאַל יוסף 167
ראַטן־פאַרבאַנד 284
ראַטנער זלמן 389
ראַסן־אַנטאַגאָניזם 45
רובאַשאָוו זלמן 241
„רוים און ירושלים" 43 44 46 48 49 50 54 247
„רויטער דעקאַן" 278
רוקע ל. 267
ריגע 226
„רייזיניזם 358
„ריינישע צייטונג" 91 42
רייכקייט 18
ריכטער 16 17
רינגעלבלום עמנואל 227
רעוואַנזשיזם 275
רעליגיע 298 299 354
רעפּובליק, ווענעציאַנער 22

ש

שאָפּ־אַרבעטער 349
שאר דוד 192
שבועה, בונדישע 268
שה"י (שיבת החרש והמסגר) 222
„שוואַרצוואַלדער דאָרפסגעשיכטען" 70
שווייץ 111 196
שוועבעלער־פאַבריקן 348

שוועדן 217
שוסטער־שול 62
שור כאַסיע 80 88
„שטורם־לידער 179
שטיבעל אברהם יוסף 166
שטרייט, שלום 294
„שיר הייחוד" 84
„שירי הזעם" 179
שירער עמיל 230
שלאָנסקי אברהם 105
שלום אַש־הויז 345
שלום־באַוועגונג 278 297 298
„שלום על ישראל" 63
שלום עליכם־הויז 345
שלום עליכם־יאָר 123
שלום עליכם שבעל־פּה 131
שלום־קאָנגרעס, העלסינקער 305
„שם הגדולים" 12
שניידער־שול 62
שערעשעווסקי בנימין 339
שערעשעווסקי צבי הכהן 84
שפּאנגען אברהם 227
שפּילהאַגען פרידריך 72
שפּינאָזאַ ברוך 71 350
שפּראַך, העברעאישע 258 338
שפּראַך, יידישע 242 243 296
שפּראַך, נאַציאָנאַלע 15[illegible]
שפּראַך־קאָמיטעט, העברעאישער 159 169 170 231
שפּראַך־קאָנפערענץ, יידישע 146 147 150 257 258 325 341 353 357
„שפה ברורה" 159
„שפה עברית — שפה חיה" 231
„שפתנו" 231
שקלאָוו 363
שקלאַפּעריי 94 96

ת

„תוכחת־חיים" 64
תורת ישראל 370
תחום, תחום המושב 53 236 367
תימן 312 323
תלמוד 317
תלמוד־תורה 112 236
תנ"ך 40 52 105 317
„תפילה" 333

פאַרלאַג „ליכוד״־„אויפקום״

עס געפינט זיך אין פאַרקויף אַ באַגרענעצטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון די העברעאישע אויסגאַבן:

— פּרופ׳ שמואל אייזנשטדט — „החלוץ במערכה״ — געשיכטע פון פּיאָנערישער פאָלקס־אַרבעט אין רוסלאַנד (ביאָגראַפיש).
7 ל״י, 3 דאָלאַר

— פּראָפ. שמואל אייזנשטאַדט — „ציון במשפט״ — פאָרשונגען איבער ביבלישער און תלמודישער יוריספּרודענץ.
8 ל״י, 3 דאָלאַר

נאָר וואָס דערשינען:

— פּרופ׳ שמואל אייזנשטדט — „פּרקים בתולדות תנועת הפועלים היהודית״ — קאַפּיטלעך געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג ביזן יאָר 1905, צווייטע אויסגאַבע.
15 ל״י, 6 דאָלאַר

עס איז אויך צו באַקומען:

— ישעיה זאַנדבערג — „פונקען אין דער נאַכט״, לעבן און שאַפן פון אומגעקומענע יידישע שרייבער (מיט בילדער).
5 ל״י, 3 דאָלאַר

— ישעיה זאַנדבערג — „קלאַנגען״ — אָריגינעלע און איבערגעזעצטע לידער און פּאָעמען (טיילוויז מיט נאָטן).
10 ל״י, 5 דאָלאַר

באַשטעלונגען לויטן אַדרעס:

פּרופ׳ שמואל אייזנשטדט, תל־אביב, רחוב מלצ׳ט 2
Prof. Samuel Eisenstadt, Tel Aviv, 2, Melchett Str., ISRAEL

פאַרלאַג „ליכוד״-„אויפקום״

עס געפינט זיך אין פאַרקויף אַ באַגרענעצטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון די העברעאישע אויסגאַבן:

— פּרופ׳ שמואל אייזנשטדט — „החלוץ במערכה״ — געשיכטע פון פּיאָנערישער פאָלקס־אַרבעט אין רוסלאַנד (ביאָגראַפיש).
7 ל״י, 3 דאָלאַר

— פּרופ׳ שמואל אייזנשטדט — „ציון במשפט״ — פאָרשונגען איבער ביבלישער און תלמודישער יוריספּרודענץ.
8 ל״י, 3 דאָלאַר

נאָר וואָס דערשינען:

— פּרופ׳ שמואל אייזנשטדט — „פּרקים בתולדות תנועת הפועלים היהודית״ — קאַפּיטלעך געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג ביזן יאָר 1905. צווייטע אויסגאַבע.
15 ל״י, 6 דאָלאַר

עס איז אויך צו באַקומען:

— ישעיה זנדברג השונא בתוך החומות. העברעאישע איבערזעצונג פון פּראָפ׳ שמואל אייזנשטאַדט פון יידישן בוך „דער שונא אין די מויערן״. פּרעמירט פון דיאַנאַ בלומענפעלד־פּרייז.
7 ל״י, 3 דאָלאַר

— ישעיה זאַנדבערג — „פונקען אין דער נאַכט״. לעבן און שאַפן פון אומגעקומענע יידישע שרייבער (מיט בילדער).
5 ל״י, 3 דאָלאַר

— ישעיה זאַנדבערג — „קלאַנגען״ — אָריגינעלע און איבערגע־זעצטע לידער און פּאָעמען (טיילווייז מיט נאָטן).
10 ל״י, 5 דאָלאַר

באַשטעלונגען לויטן אַדרעס:

פּרופ׳ שמואל אייזנשטדט, תל־אביב, רחוב מלצ׳ט 2

Prof. Samuel Eisenstadt, Tel Aviv, 2, Melchett Str., ISRAEL